STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00642

DUKOR

Daniel Charney

•

Permanent preservation of this book was made possible by
Martin Cohan
in memory of
Lillian & Leo Cohan

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

Marc Chagall

דעם הייליקן אָנדענק פון מיין שוועסטער מירל
מיט אירע קינדער און אייניקלעך, וואָס זיינען
אומגעקומען אין מינסקער קרייז.

דניאל טשאַרני

דוקאַר

/מעמואַרן/

ערשטער טייל

פאַרלאַג
טינט און פעדער
טאָראָנטאָ, קאַנאַדע

דניאל טשאַרני
ד ו ק אָ ר
/ מעמואַרן /
ערשטער טייל

דריי הונדערט און צוואַנציק זייטן

שער־בלאַט געצייכנט פֿון מאַרק שאַגאַל

געדרוקט אין דער
פּאַמער פּאַבלישינג און פּרינטינג קאָ.
גרשון פּאָמעראַנץ, אייגנטימער
206 ספּעדיינע עוועניו ★ טאָראָנטאָ, קאַנאַדע

36

מיין שוועסטער מירל ביי דער מצבה

פֿון איר מאַן און פעטער שמואל טשאַרני

א י נ ה אַ ל ט :

אַריינפיר — — — — — — — — — — — — 11
ס'איז מיר גוט, איך בין אַ יתום — — — — — — 18
מיין ערשטע נסיעה מיט אַ פאַראַכאַד — — — — 24
צווישן וועלף און שלאַנגען — — — — — — — 30
אַ טייך אָן בריקן — — — — — — — — — — — 36
פאַרוואָס איז דאָס ים־וואַסער געזאַלצן? — — — — 41
אייזן־וואַטע — — — — — — — — — — — — 47
איך ווער דער קיסר פון שטעטל — — — — — — 53
די גרויסע גנבה — — — — — — — — — — — 60
איך טרינק זיך — — — — — — — — — — — 67
מיין פעטער פייטל דער מלאך — — — — — — — 72
מאַשע די משוגענע — — — — — — — — — — 72
מיין מאַמעס מאכלים — — — — — — — — — — 86
יעמוד ר' זאב וואָלף בר' יואל — — — — — — — 92
מיינע ברידער און מיינע שוועסטער — — — — — 99
מיינע פעטערס און מומעס — — — — — — — — 106
דעם רב'ס הויז — — — — — — — — — — — 113
דזקאַרער „טיימס סקווער" — — — — — — — — 120
איך ווער אַ פויגל — — — — — — — — — — — 132
אַ מעשה מיט פיסטאַשקעס — — — — — — — 139
מיין שוועסטערס חתונה — — — — — — — — — 146
מיך ציט קיין בערעזין — — — — — — — — — 152
שידוכים — — — — — — — — — — — — — 158
פליגן — — — — — — — — — — — — — — 165
דער ערשטער קוש — — — — — — — — — — — 173

אינהאַלט:

אַ קאַפּיטל רוסישע גראַמאַטיק — 180
זושע דער שמש — 186
מיך ציט קיין מינסק — 192
אַ קאַפּיקע אַ הויפן ערד — 198
תשעה באב איז געווען דער פריילעכסטער
קינדער יום־טוב — 205
אויפן שוועל פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט — 211
מיין צווייטע אָפּעראַציע — 218
אַ מעשה מיט אַ שייטל האַלץ — 224
צוויי שוועסטער שמועסן — 230
דוקאָר איז עולה־רגל קיין לובאַוויטש — 235
דוקאָרער יידן — 240
אַ פּסחדיקער סוכות — 246
מיט די ברידער אין מינסק — 253
אידעאַליזם און פילאַנטראָפּיע — 259
יעדער קרייז האָט זיין קוואַדראַט — 265
דער שטאָט־משוגענער — 272
איך לערן מיט מיין פּוילישן דאָקטאָר
אַ בלאַט גמרא — 278
אַ בריוועלע דער מאַמען — 284
כ'וויל בעסער פאַרבלייבן אַ יינגל — 289
אַ פּלוגתא וועגן ווילנע — 294
צווישן מינסק און ווילנע — 300
אַ פּולער קעלער מיט זומער שפּרענקעלעך — 306
ווילנער זשוליקעס — 313



דניאל טשאַרני בײַ זײַן שרײַבטיש אין ליבערטי סאַנאַטאַריום, 1950

אַ ר י י נ פ י ר

דער ווינטער פֿון 1919 — 1920 איז געווען אין מאָסקווע זייער אַ קאַל־טער און זייער אַ הונגעריקער.

די רויטע הויפּטשטאָט פֿון דער צעכוואַליעטער אָקטאָבער־רעוואָלו־ציע איז פֿאַרפּלייצט געוואָרן מיט מחנות פֿאַרוואָרלאָזטע קינדער, מיט די אַזוי־גערופֿענע „בעזפּריזאָרניקעס" פֿון אַלע עקן לאַנד.

אויך דער גרויסער רוסישער דיכטער קאָנסטאַנטין באַלמאָנט פֿלעגט אין זיין שוואַרצער פּושקין־פּעלערינע זיך אַרומדרייען ווי אַ „בעזפּריזאָר־ניק" אויף די הויך־פֿאַרשנייטע אַלייען פֿון „טווערסקאָי בולוואַר", און ער פֿלעגט צופֿוסנס דעם מאַיעסטעטישן פּושקין־דענקמאָל אויפֿקלייבן, אין איי־נער אַ פּאַלע פֿון זיין פּעלערינע, די איבערגעפֿרוירענע צוויגעלעך, וואָס דער שניידיקער ווינטער־ווינט האָט אין משך פֿון דער נאַכט געהאַט אַרונטערגעבראָכן פֿון די פֿראָסט־פֿאַרגליווערטע בולוואַר־ביימער.

און סערגעי יעסענין — דער ניי־אויפֿגעקומענער רוסישער דאָרף־דיכ־טער, וועלכער איז שטענדיק געווען שיכור פֿון צופּיל שנאַפּס און פֿון צו־פּיל דערפֿאָלג, פֿלעגט, גייענדיק יעדן אָוונט אין זיין אימאַזשיניסטישן נאַכט־לאָקאַל. דינגען אויף „טווערסקאָי"־בולוואַר אַ גוט־באַלייבטע גאַסן־מויד — זי זאָל אים אויסוואַרעמען זיין בעט ביז ער וועט דריי פֿאַרטאָג זיך אומקערן אַ היים.

און יחזקאל בלייכער — דערווירקלעך בלייכער און דאַרער יידישער דיכטער, וועלכער האָט זיך קונה־שם געווען אין דער יידישער ליטעראַטור מיט זיין איבערזעצונג פֿון בייראָנס „טשיילד האַראָלד", פֿלעגט יעדן אָוונט קומען צו מיר מיט צוויי נאָך ניט איבערגעפֿרוירענע קאַרטאָפֿל, וועלכע ער פֿלעגט באַקומען יעדן טאָג אין דעם קריגס־קאָמיסאַריאַט, וואו ער האָט דעמאָלט געאַרבעט. פֿלעגן מיר די דאָזיקע צוויי קאַרטאָפֿל באַקן שעהן־לאַנג אויף מיין בלעכן אויוועלע, וואָס איז געווען די גרויס פֿון אַ פֿייער־טאָפּ, און איז געשטאַנען צופֿוסנס מיין שרייבטיש, וואו איך פֿלעג שטענ־דיק געפֿינען נייעם ברען־מאַטעריאַל (איך בין נאָך דעמאָלט געווען דער ניט־אָפֿיציעלער רעדאַקטאָר פֿון דעם חודש־זשורנאַל „די קאָמוניסטישע וועלט", און מאַנוסקריפּטן האָבן ניט געפֿעלט...).

באַקנדיק אַט־אַזוי די צווי קריגס־קאַרטאָפל פלעגן מיר דערווײַלע שמועסן וועגן דעם „פּאַזשאַר“ פון דער וועלט־רעוואָלוציע, וועלכער גייט זיך ערשט פאַנאַנדערצעפלאַקערן איבער גאַנץ אייראָפּע. פלעגן מיר שמועסן וועגן דער ניי־אויפגעקומענער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, וועלכע בלייכער האָט, ווי אַן אַמעריקאַנער, געקענט, קען מען זאָגן, פּערזענלעך, און מיר פלעגן אויך שמועסן וועגן דעם ווייטערדיקן גורל פון אונדזער אייגענער „אומשטערבלעכקייט“ אין דער יידיש־סאָוועטישער ליטעראַטור.

אָבער שפּעטער, ווען מיין קאַרטאָפל־ליפעראַנט, י. בלייכער, פלעגט שוין זיין אַוועקגעגאַנגען, ווען מיין בלעכן אייוועלע פלעגט שוין זיין אָפּ־געקילט פון די אויפגעפּרעסענע מאַנוסקריפּטן, און ווען איך אַליין פלעג אַ האַלב־אויסגעטאָענער זיך פאַרשטעקן אונטער די אייז־קאַלטע קאָלדרעס און מאַנטלען — ערשט דעמאָלט פלעג איך זיך אַרומזען, אַז איך בין נאָך ווייט ניט זיכער מיט מיין „אומשטערבלעכקייט“ אין דער יידישער לי־טעראַטור.

ס'איז נאָך דעמאָלט ניט געווען דערשינען קיין איין לידער־ביכל מיינס, און ס'איז נאָך אויך ניט געווען דעמאָלט זלמן רייזענס לעקסיקאָן, וואו די צוקונפטיקע ליטעראַטור־היסטאָריקער וואָלטן געקאָנט געפינען מיין שטיקל ביאָגראַפיע.

איז מיר דעמאָלט, אין דעם הונגעריקן און קאַלטן מאָסקווער ווינטער פון 1919 — 1920, איינגעפאַלן דער גוטער געדאַנק אָנצושרייבן מיין איי־גענע ביאָגראַפיע, אויף מאַלע־וואָס עס מאַכט זיך...

ערשטנס וועט פאַרבלייבן פון מיר אין דער יידישער ליטעראַטור כאָטש אַ וועלכער ניט איז שפּור, און צווייטנס, וועל איך שרייבנדיק די אייגענע ביאָגראַפיע ניט לאָזן איינפרירן דעם טינט אין מיין גלעזערנעם טינטער.

ווען מען שרייבט וועגן דער אַלטער היים, וועגן דער מאַמען, וועגן די ברידער און וועגן די ראָמאַנטישע קינדער־יאָרן מוז דער טינט זיין שטענדיק וואַרעם. מיט קאַלטן איבערגעפרוירענעם טינט קאָן מען נאָר שרייבן געשיכטע, אָבער ניט קיין געשיכטעס פון דער אייגענער פאַרגאַנ־גענהייט.

אגב, בין איך דעמאָלט אַלט געווען ניט מער ווי 32 יאָר און איך גלייב, אַז אין יענע יאָרן בין איך געווען דער יינגסטער מעמואַרן־שרייבער.

אמת, איך האָב שטאַרק געצווייפלט צי מיינע מעמואַרן וועלן ווען־עס־איז דערגיין צו מיינע עלטערע ברידער אין אַמעריקע.

סאָוועט־רוסלאַנד איז געווען דעמאָלט בלאָקירט פֿון אַלע זייטן. מיט אויסלאַנד איז נישט געווען קיין שום פֿאַרבינדונג.

אין אַלע עקן סאָוועט־רוסלאַנד האָט נאָך געהאַט געבושעוועט דער בירגער־קריג. אין מאָסקווע גופֿא האָט געבושעוועט דער אינערלעכער שונא — דער פֿלעק־טיפֿוס. עס זיינען ניט געווען גענוג שפּיטעלער, גענוג מעדיקאַמענטן און גענוג דאָקטוירים, וועלכע זאָלן קאָנען אָפּשטעלן די אַנטי־באָלשעוויסטישע מגפֿה.

ס'איז געווען דעמאָלט אַזוי לייכט צו שטאַרבן אין מאָסקווע!

איך האָב זיך אָבער געהאַט דעמאָלט געשראָקן, אַז נאָך מיין טויט וועט אַ ווילד־פֿרעמדער פֿאַרשוין אָפּירשענען מיין צימער, מיין שרייבטיש, מיין בלעכן אייוועלע, און ווען ער וועט אין אַ פּראַקטיקער ווינטער נאַכט זוכן פֿרישן ברען־מאַטעריאַל — וועט אויך ער אין מיין אויפֿגעפֿלאַמטער „משפּחה־כראָניק" אָפּבאַקן אַ פּאָר קאַרטאָפֿל, אָט ווי איך האָב עס געהאַט געטאָן מיט די מאַנוסקריפּטן פֿון אַנדערע...

האָב איך באַשלאָסן די אַלע פֿאַרשריבענע זייטלעך פֿון מיין „משפּחה־כראָניק" צו באַהאַלטן אין דעם גרויסן דעמבענעם שרייבטיש פֿון דעם יידישן קאָמיסאַריאַט, וואו איך האָב דעמאָלט געהאַט געאַרבעט.

אין יענעם מלוכהשן שרייבטיש האָב איך געהאַלטן פֿאַרשטעקט די פֿרישע פּאָגראָם־מאַטעריאַלן פֿון אוקראַינע און ווייס־רוסלאַנד, וועלכע דער יידישער קאָמיסאַריאַט האָט אָנגעהויבן צו זאַמלען און צווישן אָט־די דאָזיקע פּאָגראָם־מאַטעריאַלן פֿלעג איך יעדן טאָג פֿאַרשטעקן נאָך עטלעכע נייע זייטלעך פֿון מיין אייגענעם פּאָגראָמירטן לעבן אין אונדזער משוגע־געוואָרע־נעם יאָר־הונדערט.

פֿאַרשטייט זיך, אַז איך האָב דעם יידישן קאָמיסאַר, וואָס איז געווען מיין דירעקטער באַלעבאָס, פֿאַרטרויט דעם דאָזיקן סוד.

איך האָב אים דערציילט דעם אמת, אַז איך האָב מורא צו האַלטן ביי זיך אין הויז דעם דאָזיקן מאַנוסקריפּט, אין וועלכן איך שטעק אַריין מיין גאַנצן לייב־און־לעבן, ווייל מאַלע וואָס עס מאַכט זיך מיט מיר.

שמעון דימאַנשטיין, אַזוי האָט געהייסן דער ערשטער און דער איינ־ציקער יידישער קאָמיסאַר, וועלכער איז פֿון לענינען אַליין באַשטימט גע־וואָרן פֿאַר דעם „גענעראַל־גובערנאַטאָר" פֿון דעם יידישן פֿאָלק אין גאַנץ רוסלאַנד, ווי אויך — פֿאַר דעם שטעלפֿאַרטרעטער פֿון סטאַלינען, וועל־כער איז געווען דעמאָלט דער פֿאָלקס־קאָמיסאַר פֿון אַלע נאַציאָנאַלע מינ־דערהייטן אין סאָוועט־רוסלאַנד. אָט־דער שטילער, גוטמוטיקער דימאַנש־

שטײן, װעלכער איז נאָך אין 1905־טן יאָר אַװעק צו די באָלשעװיקעס, מיט אַלע זײנע סמיכות אויף רבנות, װעלכע ער האָט געהאַט באַקומען אין די ישיבות פֿון טעלז, סלאָבאָדקע און ליובאַװיטש, האָט אָט־דער דרײַ מאָל באַסמיכהטער יידישער קאָמיסאַר גאַנץ גוט פֿאַרשטאַנען פֿאַרװאָס איך האָב מורא צו האַלטן בײַ זיך אין הויז די אײגענע ביאָגראַפֿיע מײַנע.

דער יידישער קאָמיסאַר האָט געהאַט צו מיר גרױסן צוטרוי. ניט געקוקט אויף דעם, װאָס איך האָב בשום־אופֿן נישט געװאָלט װערן קײן מיטגליד פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטײ.

ער האָט מיך נאָר אַ פֿרעג געטאָן פֿאַרװאָס איך הײב אָן אַזוי פֿרי צו שרײַבן מײַנע מעמואַרן.

האָב איך דעם באַלעבאָס מײַנעם דערקלערט, אַז איך הײב אָן אַזוי פֿרי צו שרײַבן מײַנע מעמואַרן, װײַל איך האָב מורא, אַז שפּעטער אַביסל קאָן שוין װערן צו־שפּעט... דערבײַ האָב איך אים געװיזן די לינקע האַנט מײַנע, די געזונטע, און אים אַ פֿרעג געטאָן, צי ער זעט דאָס רינגעלע, װאָס איך טראָג אויף דעם מיזיניק־פֿינגער?

חבר דימאַנטשטײן האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם מיזיניק־פֿינגער פֿון מײַן לינקער האַנט און ער האָט פֿעסטגעשטעלט, אַז ס׳רינגעלע, װאָס איך טראָג זעט אויס צו זײַן צו־ענג, װײַל מען זעט אים קוים אַרויס פֿון צװישן דעם אויפֿגעשװאָלענעם פֿינגער־פֿלײש.

האָב איך אים דעמאָלט דערקלערט, אַז דאָס זעלבע רינגעלע האָב איך פֿריער געהאַט געטראָגן אויף דעם מיטלסטן פֿינגער, אָבער װען איך האָב װינטער־צײַט באַמערקט, אַז ער װערט צו־ענג, האָב איך אים איבערגעטראָגן אויף דעם קלײנעם מיזיניק־פֿינגער. איצטער אָבער זײַנען שוין אַלע מײַנע פֿינגער אַזוי װײַט געשװאָלן געװאָרן פֿון קעלט און פֿון ניט דערעסן, אַז דאָס רינגעלע האָט זיך אײַנגעגעסן אין דעם אויפֿגעגאַנגענעם פֿינגער־פֿלײש און איך קאָן אים בשום־אופֿן ניט אַרונטערציִען.

— איצטער פֿאַרשטײט איר שוין, חבר דימאַנטשטײן, אַז אַזאַ „העלד״ װי איך קאָן זײער לײַכט באַקומען אַ פֿלעק־טיפֿוס, צי אַ לונגען־אַנצינדונג און דעמאָלט בין איך שוין, פֿאַרשטײט זיך, אַ פֿאַרלוירענער!

— צוליב דעם טאַקע האָב איך אַזוי פֿרי אָנגעהויבן צו שרײַבן מײַנע מעמואַרן! ס׳גלוסט זיך איבערצולאָזן אין דער יידישער ליטעראַטור אַ װעלכן ניט איז שפּור נאָך זיך! — האָב איך אָנגעהויבן װי צו פֿאַרענטפֿערן זיך פֿאַר דעם חבר דימאַנטשטײן.

— אָבער פֿאַרוואָס האָט איר מורא צו האַלטן זיי בײַ זיך אין דער היים? — איז דער ייִדישער קאָמיסאַר געוואָרן נײַגעריק צו וויסן. כאָטש ער האָט שוין פֿריער מיר געהאַט דערלויבט צו האַלטן מײַנע מאַנוסקריפּטן אין דעם ייִדישן קאָמיסאַריאַט.

— איר ווייסט דאָך, חבר דימאַנטשטיין, אַז איך געהער ניט צו דער פּאַרטיי, און ווײַל איך פֿאַרנעם בײַ אײַך אַזאַ הויכן פּאָסטן קאָן זיך נאָך אַמאָל די „טשעקאַ״ פֿאַראינטערעסירן מיט די שופֿלאָדן פֿון מײַן שטובּיקן שרײַבטיש, און ווען די „טשעקאַ״ זאָל מיטנעמען מײַן „משפּחה־כראָניק״ צו באַקענען זיך מיט איר אינהאַלט, קאָן נאָך אַמאָל פּאַסירן, אַז איך זאָל זי ניט זען מער צוריק — ווײַל איך זיין אַ סך רואיקער ווען מײַנע מעמוּאַרן וועלן זיך געפֿינען אין אײַער רשות.

דעם חבר דימאַנטשטיין איז, זעט אויס, געפֿעלן געוואָרן מײַן אויפֿ־ריכטיקער ענטפֿער, און ער האָט מיך אַ בעט געטאָן אים פֿאָרצולייענען כאָטש די ערשטע פּאָר זײַטלעך פֿון מײַן „משפּחה־כראָניק״.

פֿאַרשטייט זיך, אַז איך האָב זיך ניט געלאָזט לאַנג בעטן און איך האָב אים פֿאָרגעלייענט ניט מער ווי דעם גאַנץ קורצן אַרײַנפֿיר צו מײַן „כראָניק״, כּדי דער קאָמיסאַר מײַנער זאָל באַקומען אַ וועלכן ניט איז באַגריף וועגן דעם כאַראַקטער פֿון מײַנע מעמוּאַרן.

האָב איך מיט אַ הייזעריקלעכער שטימע (איך בין געווען דעמאָלט פֿאַרקילט) אים פֿאָרגעלייענט די פֿאָלגנדיקע צוויי זאַצן:

„דער טויט האָט איבער מיר אַ פֿאָך געטאָן מיט זײַן שוואַרצן פֿליגל, ווען איך בין נאָך געלעגן אין וויג. דעם טאַטנס גסיסה־זיפֿצן האָבן זיך אײַנ־געגעסן אין די חבלי־לידה זיפֿצענישן פֿון מײַן מאַמען און מײַן שטים איז עד־היום אַן אָפּקלאַנג פֿון אָט־די בײדע ווײ־געשרייען.

„מײַן מאַמע האָט זיך מיט אַלע כּוחות באַמיט צו פֿאַרטרײַבן מיט איר פֿאַרביטערטער אלמנה־מילך די שווינדזוכט־באַצילן, וואָס דער טאַטע האָט מיר געהאַט איבערגעלאָזט בירושה. ס׳איז געווען כּמעט די אײנציקע ירושה, וואָס איך האָב געהאַט באַקומען פֿון מײַן טאַטן, ע״ה.״

פֿון דעם חבר דימאַנטשטיינס צושאָקלען מיטן קאָפּ האָב איך זיך אָנ־געשטויסן, אַז מײַן אַרײַנפֿיר צו דער „משפּחה־כראָניק״ געפֿעלט אים, אָבער אַזוי ווי איך בין געווען דעמאָלט שטאַרק הייזעריק, האָב איך אים צוגע־זאָגט פֿאָרצולייענען די עצם־כראָניק אַ צווייטן מאָל, ווען ס׳וועלן אָפּלאָזן די פֿרעסט.

— דער אָנהייב איז זייער פֿײַן, חבר טשאַרני, שרייבט ווייטער און מיר וועלן עס שפּעטער קאָנען אַרויסגעבן אין אַ בוך — האָט מיר חבר דימאַנטשטיין אַ זאָג געטאָן מיט צופֿרידנקייט. דאָס איז געווען, אגב, די ערשטע „סמיכה״, וואָס איך האָב געהאַט באַקומען דעמאָלט אויף מיין „משפּחה־כראָניק״ פֿון דער העכסטער יידישער אינסטאַנץ אין סאָוועט־רוס־לאַנד — פֿון דעם יידישן קאָמיסאַר אַליין...

אָבער דער גורל האָט אַזוי געוואָלט, אַז ווען איך בין פֿאַרטיק געוואָרן מיט דעם ערשטן טייל פֿון מיין „משפּחה־כראָניק״ איז שוין דער חבר דימאַנטשטיין ניט געווען מער קיין יידישער קאָמיסאַר און איך — זיין מיטאַרבעטער — בין שוין אַוועקגעפֿאָרן קיין בערלין.

ערשט אין בערלין האָבן מיינע מעמואַרן באַקומען זייער ריכטיקן תיקון און תקומה.

צוערשט האָב איך זיי געהאַט פֿאַרעפֿנטלעכט אין דעם זשורנאַל „אין שפּאַן״, וועלכן דוד בערגעלסאָן, אַלעקסאַנדער כאַשין און איך האָבן רעדאַקטירט, אין בערלין, 1926.

שפּעטער אַביסל (אין 1927) זיינען זיי דערשינען אין ווילנער פֿאַרלאַג פֿון ב. א. קלעצקין, אָבער איצטער, אין אַ פֿערטל יאָרהונדערט אַרום זינט איך בין געוואָרן אַ מעמואַריסט, זע איך ערשט, אַז מיינע דעמאָלטדיקע מעמואַרן זיינען געשריבן געוואָרן צו בחיפּזונדיק און צו קאָנספּעקטאַרטיק. איך דאַרף זיי ערשט אָנפֿילן מיט זייעם אינהאַלט, און מיט נייע דערינערונגען און איבערלעבונגען, וואָס ערשט איצטער אויפֿן 64־טן יאָר פֿון מיין לעבן האָב איך זיך דערמאָנט אויף זיי.

גיי איך איצטער איבערשרייבן מיין קינדהייט און מיין יוגנט אויף אַ גאַנץ אַנדער אופֿן, און אַזוי־אַרום וועלן מיינע געטריע לייענער, וועלכע זיינען שוין פֿון לאַנג געוואָרן שותּפֿים צו מיין גאַנץ לייב־און־לעבן, באַקומען איצטער די גוטע מעגלעכקייט צו באַקענען זיך אינטימער ניט נאָר מיט מיר אַליין, נאָר אויך נאָך — מיט אַ גאַנצער גאַלעריע האַרציקע יידישע פֿאָלקס־מענטשן פֿון דער אַלטער היים, וואָס אין זייער זכות לעבן מיר ווייטער — ביז הונדערט מיט צוואַנציק יאָר.

ז

יאָ, אויף מיר קוקנדיק האָט אויך דער ערשטער און לעצטער יידישער קאָמיסאַר, ש. דימאַנשטיין, אָנגעהויבן צו שרייבן זיינע מעמואַרן, אָבער

מער ווי אין קאַפּיטל האָט ער ניט באַוויזן אָנצושרייבן — האָט ער מיר דעם דאָזיקן קאַפּיטל אָפּגעשענקט אויף מאַלע־וואָס עס מאַכט זיך...

וועט אויך ש. דימאַנטשטיינס אויטאָביאָגראַפיע אַריינקומען אין מיינע ווייטערדיקע מעמואַרן־ביכער.

„ס'איז מיר גוט, איך בין אַ יתום" —

בײַ דער מאַמען בין איך געװען דער אַכטער, נאָר אַזױ װי צװײ ײנגלעך האָבן זיך באַצײַטנס אָפּגעטראָגן צוריק אין די הימלען אַרײַן — זײַנען פֿאַרבליבן בײַ דער מאַמען זעקס קינדער: אַ טאָכטער — די סאַמע עלטסטע און פֿינף זין, װי פֿינף פֿינגער אויף אַ האַנט, אײנער קלענער פֿון דעם צװײטן.

איך זאָג: „בײַ דער מאַמען" און ניט בײַ די עלטערן, װײַל דער טאַטע איז געשטאָרבן אויף דעם 38־טן יאָר פֿון זײַן לעבן, װען איך בין נאָך ניט אַלט געװען קײן יאָר.

פֿון װאָס מײַן טאַטע, ע"ה, איז געשטאָרבן אַזױ יונג — װײס איך נאָך ניט ביז הײַנט.

אין יענע צײַטן דאָס הײסט מיט זעכציק יאָר צוריק, איז בײַ אונדז אין שטעטל (דוקאָר, מינסקער גובערניע, איהומענער אויעזד) ניט געװען אַפֿילו קײן פֿעלדשער פֿאַר אַ רפֿואה — האָט מען אין שטעטל קײנמאָל ניט געקאָנט װיסן געגוי פֿון װאָס אַ מענטש שטאַרבט.

איך האָב אָבער געהערט פֿון דער מאַמען, אַז דער טאַטע מײַנער איז געװען אַ גרױסער הוסטער — פֿאַרשטײ איך שױן איצטער, אַז דער טאַטע איז מסתמא געשטאָרבן פֿון שװינדזוכט (בײַ אונדז אין שטעטל פֿלעגט מען שװינדזוכט רופֿן די „דער").

אַזױ אַרום האָט מיך דער טאַטע פֿאַרזאָרגט אויף אײביקע יאָרן מיט דרײַ יחוסן מיטאַמאָל: ערשטנס — אַ יתום, װאָס װען ער זאָגט קדיש, ענטפֿערט דער גאַנצער קהל „אמן", כאָטש דער קדיש־זאָגער איז נאָך פֿאַר בר־מצווה, און אַ יתום דאַרף נישט אַרױסגײן פֿון שול בײַם „יזכור", װי אַלע אַנדערע ײנגלעך מוזן דאָס געבעך טאָן.

צװײטנס — דער מזיניק איבער װעלכן אַן אלמנה־מאַמע טרײסלט זיך געװײנלעך אַ סך מער װי איבער די עלטערע קינדער אירע.

דריטנס — „דער פֿליאַגע". יע, אויף דעם צװײטן יאָר פֿון מײַן לעבן בין איך שױן געװאָרן אַ „פֿליאַגע" (עס נעמט זיך מסתמא פֿון דעם װאָרט פּלאָג).

װי עס זעט אויס איז דער מאַמעס אלמנה־מילך ניט געװען בכוח צו פֿאַרטרײַבן פֿון מיר גאָר אינגאַנצן די „דער"־ירושה פֿון מײַן טאַטן, און

ווען מען האָט מיר נאָך געהוידעט אין וויג (אַ מולטער אויף שטריק), בין איך שוין באַדעקט געוואָרן מיט וואונדן און בלאָטערן, וואָס נאָר ציגיינער און טאָטערן האָבן געוואוסט אַ שפרוך צו זיי. אָבער ניט קיין היילונג.

אמת, אין דעם שטעטל סמילעוויטש, צען וויאָרסט פון דוקאָר, איז געווען, זאָגט מען, אַ גוטער דאָקטאָר, כּאָטש אַ קריסט. אָבער כּדי צו מאַכן מיט מיר אַזאַ לאַנגע און שווערע רייזע אַזש קיין סמילעוויטש, האָט די מאַמע געדאַרפט איבערלאָזן אַ פולע שטוב מיט קינדער אויף הפקר און דער־צו נאָך — איר קראָם.

יע, כ׳האָב פאַרגעסן צו דערציילן, אַז די מאַמע מיינע האָט באַקומען בירושה פון דעם טאַטן אַ קראָם פון לעדערוואַרג. ס׳רעדט זיך אַזוי אַ „קראָם”. ס׳איז נאָר געווען אַ פּאָר יוכטן פון וועלכע מען פלעגט קאָנען אויסשניידן שטיקער לעדער אויף צו מאַכן אַ פּאָר שטיוול, אָדער „פּריש־וועס” אויף צוצונייען זיי צו אַ פּאָר אַלטע כּאַליאַוועס. ס׳איז אויך געווען איי־נע אַ האַרטע פּעל אַזאַ פון וועלכער מע פלעגט קאָנען אויסשניידן אַ פּאָר שטייפע „פּאָדנאָסקעס” (זוילן) און אָפּצאַסן.

די יוכטן מיט די פּעל פלעגט די מאַמע האַלטן אין אַ פינצטערן שפּייכ־לער, וויל ס׳פלעגט פון זיי טראָגן אַ שווערער גערוך, אָבער די פיינע האַמ־בורגער „זאַגאָטאָווקעס” אויף קאַמאַשן, די שאַרפע זאַוויאַלעווער מעסערס, וואָס אונדזערע שוסטערס האָבן שטענדיק נייטיק געהאַט, די עטלעכע פּעקלעך הילצערנע טשוועקעלעך, די עטלעכע בינטלעך שטייפן פאָדעם אויף צו מאַכן פון איס דראַטווע — דאָס אַלץ האָט די מאַמע געהאַלטן אין איינעם אַ שופלאָד פון אונדזער איינציקן קאָמאָד.

כ׳מיין, אַז דער גאַנצער רימען־געשעפט האָט באַטראָפן הלוואַי פופ־ציק רובל, אָבער דאָך פלעגט זיך יעדן טאָג אַריינשטעלן צו אונדז אין הויז כאָטש איינער פון די פינף שוסטערס אונדזערע, וועלכער האָט זייער נייטיק געהאַט אַ שטיקל רימען אויף צו פאַרלאַטן עמיצענס אַ פּאָר שטיוול, אָדער ס׳פלעגט זיך מעלדן פון אַ שכנותדיקן דאָרף עפּעס אַן אומבאַקאַנטער פּוי־ער, וועלכער פלעגט זיך שעהן־לאַנג דינגען פאַר אַ פּאָר פּאָדנאָסקעס, כּדי צו קאָנען גנבענען אַ צווייטע פּאָר.

צוליב דעם אַלעמען האָט די מאַמע קיינמאָל קיין צייט ניט געהאַט צו פירן איר „פליאַגע” צום סמילעוויטשער דאָקטאָר. און ווען אַפילו זי וואָלט שוין יאָ צייט געהאַט — וואָלט איר אויסגעפעלט דער מזומנער רובל פאַר דעם באַלעגאָלע און דעם דאָקטאָר.

פלעגט מיך די מאַמע היילן נאָר מיט אירע אַלמנה־טרערן און מיט אַ סך ברכות (גראָד האָט די מאַמע מיינע געהייסן ברכה).

יאָ, מיין מאַמע האָט געקענט אַ סך ברכות און פסוקים. זי איז געווען זייער אַ וואוילגעלערנטע. זי איז אַפילו געווען די שטענדיקע פאָרזאָגערקע אין דער ווייבערשער שול. אין די „שבתדיקע טעג פלעגט זי ליב האָבן פאָרצולייענען פאַר די קינדער זייער אַ סך טשיקאַווע מעשות און משלים פון „צאינה וראינה", פון „מנורת המאור" און פון „מעשה אלפס".

פאַרשטייט זיך, אַז איך, דער מוזיניקל, פלעג זיך שטענדיק האַלטן לעבן דער מאַמען, ווייל אַ חוץ אַ פסוק, צי אַ משל פלעגט זי מיר פון צייט צו צייט אויך אונטערדוקן אַ נאַשערייקע, אָבער די עלטערע קינדער פלעגן מיך קיינמאָל נישט מקנא זיין, כאָטש אויך זיי זענען דאָך געווען יתומים.

די איינציקע שוועסטער מיינע, מירל, וואָס איז געווען עלטער פון מיר אויף אַ יאָר צוועלף־דרייצן, האָט שוין אַרויסגעהאָלפן דער מאַמען אין פירן די באַלעבאַטישקייט. יעדן פרייטיק פלעגט זי וואַשן די קעפּלעך פון אירע ברידערלעך, אַ חוץ מיינס, ווייל מיין קעפּל איז גאָר געווען אַן אַנדער מין קעפּל און די מאַמע אַליין פלעגט עס מוזן באַאַרבעטן.

מיר פלעגט נאָר פאַרדריסן, וואָס די ווייבער אין שטעטל רופן מיך אויך נאָך „געטשקע", דאָס הייסט, אַז די מאַמע צאַצקעט זיך מיט מיר שוין צופיל.

צו דעם צונעמעניש „פליאַגע" האָב איך זיך שוין געהאַט צוגעוואוינט. אָבער אויף דעם „געטשקע" פלעגט מיך שטאַרק פאַרדריסן. נאָר גויים, ווייס איך, האָבן געטשקעס, אָבער ניט יידן.

איך האָב אַפילו איינמאָל אויפגעכאַפּט אַ שמועס צווישן אונדזער שכנה מלכהן מיט איר מאַן ליפע דעם שניידער. זאָגט מלכה צו ליפען אַזוי צו זאָגן:

— כ'מיין, אַז ווען ער שטאַרבט ביי איר אַוועק, דער געטשקע, וואָלט עס געווען גוט סיי פאַר אים און סיי פאַר ברכהן (פאַר מיין מאַמען הייסט עס).

אונדזער שכנה האָט, פאַרשטייט זיך, ניט באַמערקט, אַז איך הער אַלץ, וואָס זי רעדט וועגן מיר צו איר מאַן, אָבער איך האָב דאָס מיין מאַמען ניט דערציילט, ווייל ס'וואָלט איר ווי געטאָן, וואָס מען רעדט וועגן מיר אַזעלכע שלעכטע רייד.

דערפאַר אָבער האָט שפּעטער אַביסל גאָט אַליין באַשטראָפט אונדזער שכנה פאַר די מיאוסע רייד וועגן מיר. זי האָט געבוירן אַ קינד, אָבער אין עטלעכע טעג אַרום, ווען זי האָט גענומען דאָס קינד צו זיך אין בעט

אַריין עס אָנצוזייגן, האָט זי עס שלאָפֿענדיקערהייט צוגעשטיקט נאָך פֿאַרן ברית. ליפּע דער שנײַדער האָט אויף איר דעמאָלט זייער שטאַרק געשריען און מלכּה, די ווײַב זײַנע, האָט נעבעך זייער שטאַרק געוויינט.

האָב מלכּהן אויף צו להכעיס בשום־אופֿן ניט געוואָלט שטאַרבן.

איצטער טאַקע זע איך, אַז ווען מען האָט נאָר עמיצן צו טאָן עפּעס אַ צו להכעיסל, איז די גרעסטע סגולה צו אריכת ימים; ס׳אַנטוויקלט דעם חשק צו לעבן.

אָבער דעמאָלט האָב איך אַ חוץ דער שכנה אונדזוערער ניט געהאַט וועמען צו להכעיס צו טאָן. כ׳האָב זייער ליב געהאַט מײַן מאַמען, מײַנע עלטערע ברידער און מײַן שוועסטער און כ׳האָב אַפֿילו ליב געהאַט מאַטרונע, די וואַסערטרעגערקע, וואָס פֿלעגט ריידן צו מיר אַ גוטן יידיש, כאָטש זי איז גאָר געווען אַ גויע.

אמת, ווען איך קאָן שוין גיין אין חדר וואָלט איך שוין דאָרטן געהאַט גענוג יינגלעך, וועמען איך וואָלט געקאָנט טאָן עפּעס אויף צו להכעיס, אָבער צו פֿינף יאָר בין איך נאָך געווען אַזאַ פּליאַגע, אַז מען האָט מיך אין חדר אַריין ניט געקאָנט שיקן.

האָט די מאַמע אָנגעדונגען אײַנעם אַ זקן, משה הירש, וואָס פֿלעגט האַלטן אין איין שמעקן טאַבאַק פֿון וועלכן איך פֿלעג זייער אַ סך ניסן, אָבער דאָך האָט ער מיך אויסגעלערנט דעם אלף־בית און זאָגן ברכות און לייענען קריאת־שמע. און ווער ווייסט, וואָס נאָך ער וואָלט מיך געהאַט אויסגע־לערנט, אַט־דער אַלטער משה הירש מיט די צעפּוילטע וואָנסעס פֿון צופֿיל טאַבאַק־שמעקן, ווען ער גיט ניט פּלוצלינג אַ שטאַרב אַוועק און ער באַ־קומט נאָכן טויט גאָר אַ נײַעם כּוח אין זיך. ער איז נעמלעך געוואָרן מײַן רופֿא.

לאָזט זיך אויס, אַז אַט־דער טויטער משה הירש, ע״ה, קאָן מיך אויס־היילן פֿון אַלע מײַנע מחלות, אויב נאָר ער וועט מיך אַרומנעמען שוין נאָך דעם ווי מען וועט אים מטהר זײַן.

האָט מיך די מאַמע אַוועקגעפֿירט אויף דער בלאָצע גאַס, וואָס אין עק שטעטל, וואו אין אײַנער אַ חרובער הײַזקע אַן פֿאַדלאָגעס איז אויף דער נאַקעטער ערד געלעגן מײַן רבי משה הירש מיט אַ שייט האָלץ צוקאָפּנס, אָבער אין נײַע תּכריכים. האָט אײַנער אַ ייד פֿון דער חברה־קדישא מיך צוגעפֿירט צו מײַן טויטן רבין, אויפֿגעהויבן די ביידע קאַלטע הענט זײַנע, און מיט זײַנע טויטע שטעקלדיקע פֿינגער האָט ער אָנגעהויבן צו גלעטן מײַן קאָפּ, מײַן האַלדז און מײַן גאַנצן לײַב־און־לעבן.

פון דעמאָלט אָן פיל איך ווי דער מלאך המות פאָרט רייטנדיק אויף מיינע אַקסלען, און עד־היום איז מיר דער קאָפּ עטוואָס געבויגן צו דער ערד, ווי כ׳וואָלט געטראָגן אויף זיך אַ שווערע משא.

אָבער די מאַמעלע מיינע האָט זיך נאָך ניט געהאַט באַנוגנט מיט דער דאָזיקער תרופה אַליין. זי האָט מיך נאָך. ליתר ביטחון, געהאַט פאַרקויפט (אויף צו כלומרשט, פאַרשטייט זיך) צו איינעם אַ מזלדיקן יידן — צו עליע קאַראַבעווטשער. זיין מזל איז באַשטיגען אין דעם, וואָס זיינע קינדער האָבן ניט געדינט אין סאָלדאַטן און וואָס זיין קליין הייזקעלע ביים אָנהייב דאָרף־גאַס האָט ניט אָפּגעברענט בעת דער גרויסער שרפה.

האָט מיך די מאַמע געהאַט איינמאָל אָוועקגעפירט צו אָט־דעם עליע קאַראַבעווטשער און זי האָט זיך ביי אים אָנגעהויבן צו בעטן ער זאָל מיך ביי איר אָפּקויפן, כאָטש ביז דער בר־מצווה. ווען כ׳וועל דערלעבן, מיט מזל, מיין בר־מצווה וועל איך שוין קאָנען דעמאָלט לעבן מיט מיין אייגענעם זכות. אַזוי האָט מיין מאַמע געמיינט.

האָט מיך עליע קאַראַבעווטשער באַטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס, און האָט גאַנץ ערנסט אַ פרעג געטאָן מיין מאַמען, וויפל, אָן ערד, וויל זי דאָס פאַר איר פליאַגע?

האָט די מאַמע אַ זאָג געטאָן גאַנץ געשעפטלעך, אַז זי וויל פאַר מיר ניט מער ווי פינף גראָשן, ד. ה. אַ גראָשן אַ יאָר (כ׳בין דעמאָלט אַלט גע־ווען ביי 5 יאָר).

האָט עליע קאַראַבעווטשער געענטפערט מיין מאַמען, אַז אפשר טאַקע בין איך ווערט דאָס געלט, וואָס זי בעט פאַר מיר, אָבער מער ווי דריי גראָשן קאָן ער פאַר מיר ניט געבן.

האָט שוין די מאַמע ניט געהאַט קיין אַנדער ברירה און פאַרקויפט מיך פאַר אַ סך־הכל פון דריי גראָשן, וועלכע זי האָט אַריינגעוואָרפן אין דער פושקע פון ר׳ מאיר בעל הנס.

אַזוי אַרום איז עליע קאַראַבעווטשער געוואָרן מיין צווייטער טאַטע. מיך האָט אָבער נישט פאַרדראָסן, וואָס די מאַמע האָט מיך פאַרקויפט צו אַ פרעמדן יידן, ווייל זי האָט דאָך מיר אָוועקגענומען צוריק אַהיים. מיך האָט נאָר פאַרדראָסן, וואָס דער נייער טאַטע מיינער איז אַ גרויסער אָרימאַן און ער פאַרנעמט זיך מיט אָפּשינדן די פעלן פון די געפגרטע פעדד און בהמות. דערפאַר אָבער האָט עליע קאַראַבעווטשער געהאַט זייער אַ פיינעם איידעם. דאָס איז געווען אשר דער מלמד, דער בעסטער חבר פון מיין טאַטן. אין זיין חדר האָבן זיך שוין געהאַט געלערנט אַלע מיינע עלטערע

ברידער, און ר׳ אשר פֿלעגט שטענדיק טענהן צו מיין מאַמען, אַז זי וועט נאָך ווען עס איז האָבן אַ סך נחת פֿון אירע ייִנגלעך.

אַזוי אַרום האָט מיך שוין די מאַמע געהאַט באַוואָרנט מיט אַריכת ימים פֿון אַלע זייטן: פֿון איין זייט האָט מיך געשיצט דער טויטער רבי מיינער, משה הירש, און פֿון דער צווייטער זייט — דער מזלדיקער עליע קאַראַבעוועטשער.

פֿאַרשטייט זיך, אַז אויך דער אמתער טאַטע מיינער אויף יענער וועלט איז געווען פֿאַר מיר אַ גוטער בעטער.

אָבער דאָך האָט זיך די מאַמע איינמאָל אָנגעטראַכט מיך מיטצונעמען קיין סמילעוויטש וואוהין זי פֿלעגט מוזן פֿאָרן פֿון צייט צו צייט איינצו־האַנדלען אַביסל לעדערוואַרג.

— סוף־כּל־סוף וועט דאָך אים אַ דאָקטאָר ניט פֿאַרשאַטן, חלילה! — האָט זיך די מאַמע אָנגעהויבן צו פֿאַרענטפֿערן פֿאַר די שכנות אונדזערע.

אָבער דער סמילעוויטשער דאָקטאָר איז געווען, קענטיק, אַ גרויסער שונא ישראל. האָט ער אָנגעשראָקן מיין מאַמען, אַז כ׳וועל סיי־ווי־סיי ביי איר אַ סך ניט לעבן — איז צו־וואָס זאָל זי פּטרן אומזיסט געלט אויף דאָקטוירים מיט רפֿואות? האָט אויף צוריקוועגס אַ היים די מאַמע ניט אויפֿגעהערט צו וויינען, שטיקנדיק אין זיך די טרערן. זי איז געווען מער ווי זיכער, אַז כ׳האָב ניט פֿאַרשטאַנען וואָס דער בייזער דאָקטאָר האָט גע־רעדט צו איר אין רוסיש.

כ׳האָב זיך אָבער אָנגעשטויסן, אַז דער דאָקטאָר האָט מיר אָפּגעזאָגט דאָס לעבן. איז מיר איינגעפֿאַלן צו טרייסטן דער מאַמען אויף אַזאַ מין אופֿן:

— זיי רואיק, מאַמעלע, כּל־זמן איך וועל ניט זיין אין בערעזין און ניט חתונה האָבן — וועל איך ניט שטאַרבן. גיכער וועט דער דאָקטאָר שטאַרבן! וועסט זען!

האָט זיך שוין די מאַמע געהאַט דעמאָלט פֿאַנאַנדערגעוויינט אויף אַ קול, און קושע דער באַלעגאָלע האָט זי קוים באַרואיקט.

מיין ערשטע נסיעה מיט אַ פּאַראַכאָד —

אין דעם פֿריערדיקן קאַפּיטל האָב איך געהאַט צוגעזאָגט מיין מאַמען, אַז איך וועל ניט שטאַרבן איידער איך וועל ניט זיין אין בערעזין און איידער איך וועל ניט חתונה האָבן.

איך בין דענסטמאָל אַלט געווען נים מער, ווי אַ יאָר זיבן־אַכט, אָבער מיין מאַמע האָט שוין גאַנץ גוט פֿאַרשטאַנען, פֿאַרוואָס מיך ציט אַזוי קיין בערעזין און פֿאַרוואָס איך רייד שוין וועגן חתונה האָבן.

אין דעם שטעטל בערעזין, וואָס איז גאַנצע צוועלף מייל (84 וויאָרסט) ווייט פֿון מיין שטעטעלע דוקאָר, איז דאָך געבוירן געוואָרן מיין טאַטע, ע״ה.

אמת, מיין טאַטע איז טאַקע זייער יונג געשטאָרבן, אָבער אין בערעזין האָבן געלעבט דענסטמאָל צוויי ברידער זיינע, דאָס הייסט, מיינע צוויי פֿעטערס, וואָס איינער פֿון זיי, מיטן נאָמען מוניע, איז נאָך געווען אַ בחור.

האָב איך געוואוסט, אַז אָט־דער פֿעטער מוניע וויל זייער שטאַרק חתונה האָבן מיט דער איינציקער שוועסטער מיינער, די יתומה, כּדי זיי ביידע זאָלן, חלילה, ניט פֿאַרפֿרעמדט ווערן.

איך האָב אָבער אויך געוואוסט, אַז די מאַמע מיינע, די אלמנה, קאָן ניט געבן דעם פֿעטער מיינעם, וואָס איז, אַגב, געווען אירער אַ שוואָגער קיין שום נדן, זי האָט קוים־קוים געהאַט אויף חיונה פֿאַר זיך מיט אירע זעקס יתומים.

אמת טאַקע, מיין פֿעטער מוניע האָט ניט געוואָלט האָבן פֿון מיין מאַמען קיין שום נדן, ווייל מיין שוועסטער מירל, ע״ה, איז געווען אַזאַ „קראַסאַוויצע״ און אַזאַ בר־דעת, אַז יעדער איינער וואָלט זי גענומען אָן אַ גראָשן געלט.

עס איז דאָך אָבער ניט שייך חתונה צו מאַכן אַ טאָכטער און ניט געבן איר קיין שום נדן!

איז מיר איינגעפֿאַלן דער גוטער געדאַנק, אַז איך אַליין קאָן דאָך געבן דעם פֿעטער מוניען אַ גאַנץ פֿיינעם נדן!

מיין חשבון איז געווען זייער אַ פּשוטער: די ביידע פֿעטערס מיינע אין בערעזין האָבן געלעבט אין אַ הויז, וואָס זיי האָבן באַקומען בירושה פֿון זייער טאַטן, וואָס איז געווען מיין זיידע. אַ דריטל פֿון אָט־דעם דאָזיקן ירושה־הויז האָט דאָך געהערט אויך צו מיין טאַטן! וויבאַלד אָבער דער טאַטע

מיינער איז געשטאָרבן, איז דאָך זיין דריטל ירושה־הויז אַריבער בירושה צו זיינע פינף זין, פון וועלכע איך בין געווען דער סאַמע יינגסטער. אַזוי־אַרום קומט דאָך מיר אַרויס פון יענעם ירושה־הויז אַ פינפטל פון אַ דריטל!

אָט־דעם דאָזיקן ירושה־חלק, וואָס האָט געהערט צו מיר פערזענלעך, האָב איך געוואָלט אָפשענקען דעם פעטער מיינעם אין נדן און זאָל ער ניט מיינען, אַז ער נעמט די שוועסטער מיינע גאָר אינגאַנצן אומזיסט!

צוליב דעם טאַקע האָט מיך שטאַרק געצויגן קיין בערעזין, וואו כ׳וואָלט געקאָנט איבערציילן גאַנץ גענוי וויפיל בערווינעס עס פאַרמאָגט דאָס ירושה־הויז, וויפיל שויבן עס זיינען פאַראַן אין אַלע פענצטער, וויפיל שינדלען עס פאַרמאָגט דער דאָך — און דענטסמאָל ערשט וואָלט איך שוין געקאָנט וויסן וויפיל בערווינעס, שויבן און שינדלען איך קאָן געבן דעם פעטער מיינעם אין נדן, נאָך איידער ער האָט חתונה מיט מיין שוועסטער.

איצט איז שוין קלאָר, פאַרוואָס בערעזין און חתונה האָבן זיך ביי מיר געקייטלט איינס מיטן צווייטן.

מיך האָט אָבער געצויגן קיין בערעזין אויך נאָך צוליב די צוויי עלטערע ברידער מיינע, צוליב מענדלען און זאַלקען, וואָס די מאַמע האָט זיי געהאַט אַוועקגעשיקט אַזש קיין בערעזין צו ר׳ איטשע דעם ראש־הישיבה לערנען תורה און עסן טעג.

ווי אַזוי מען לערנט תורה האָב איך געקענט זעען ביי אונדז אין דוקאָר. אָבער ווי אַזוי מען עסט טעג האָב איך נאָך קיינמאָל ניט געהאַט געזען.

האָב איך איינמאָל געבעטן מיין מאַמען, זי זאָל מיר דערציילן ווי אַזוי די עלטערע ברידער מיינע עסן טעג אין בערעזין.

מיר האָט זיך אַלץ געדוכט, אַז זיי האַלטן דאָרט אַ גאַנצן טאָג אין איין עסן, דעם אמת געזאָגט, האָב איך זיי שטילערהייט מקנא געווען, ווייל אויך איך וואָלט גאַנץ גערן געגעסן אַ גאַנצן טאָג, ווען די מאַמע גיט מיר נאָר וואָס...

מיין קלוגע מאַמע האָט זיך אָבער באַלד אָנגעשטויסן אויף מיין טריפה־נעם געדאַנק, און זי האָט מיך אָנגעהויבן צו באַרואיקן, אַז ס׳איז ניטאָ וואָס מקנא צו זיין די עלטערע ברידער מיינע...

„מ׳עסט, ברוך השם, ביי פרעמדע טישן, און ס׳שטעלט זיך אין האַלדז דער ביסן.״

(מיין מאַמעלע פלעגט אָפטמאָל ליב האָבן צו ענטפערן מיט אַ גראַם — עס זאָל אויסזען ווי אַ פסוק).

דאָך אָבער איז מיר באַלד באַשערט געווען צו עסן בײַ פֿרעמדע טישן, און כ'האָב דערזען, אַז ס'איז גאָרניט אַזוי שלעכט!

דאָס האָט די מאַמע געהאַט דענסטמאָל פֿאַרטראַכט אַ גאַנץ ווײַטע און לאַנגע נסיעה אַזש קיין קיעוו, וואו עס האָט געלעבט אונדזערער אַ ווײַטער, אָבער רײַכער קרוב מיטן נאָמען שיק.

אַ סברא, אַז אַט־דער רײַכער קרוב אונדזערער וועט אַרויסהעלפֿן דער מאַמען מיט אַביסל נדן און אויסשטײַער פֿאַר איר בת־יחידה, די יתומה, וועלכע קלײַבט זיך חתונה צו האָבן מיט דעם פֿעטער מוניען פֿון בערעזין.

(מײַן מאַמע האָט נאָך דענסטמאָל ניט געהאַט געוואוסט פֿון מײַן געהיימען פּלאַן אָוועקצושענקען מײַן פֿעטער אין נדן אַרײַן מײַן חלק ירושה פֿון אונדזער אַלעמענס ירושה־הויז).

פֿאַרשטייט זיך, אַז די מאַמע האָט באַשלאָסן מיטצונעמען דעם שלים־מזל אירן אַזש קיין קיעוו, וואו עס זײַנען פֿאַראַן, האָט זי געהערט, אַזעלכע גרויסע פּראָפֿעסאָרן, וועלכע ווײַזן ממש וואונדער!

אַזוי אַרום וועט זי מיט איין רײַזע עפּעס־וואָס אויפֿטאָן סײַ פֿאַר איר בת־יחידה, דער כלה־מויד, און סײַ פֿאַר איר מוזינעק, דעם „פֿליאַגע”.

מײַן שוועסטער האָט זיך שטאַרק געפֿרייט, וואָס די מאַמע פֿאָרט אַוועק אויף אַ לאַנגער צײַט, זי וועט דאָך פֿאַרבלײַבן די אײנציקע באַלעבאָסטע אין הויז און אין געשעפֿט. דאָס וועט זײַן פֿאַר איר אַ גוטע לערע, ווי צו ווערן אַ באַלעבאָסטע פֿאַר זיך, ווען זי וועט אי״ה חתונה האָבן מיט איר פֿעטער אין בערעזין.

אויך די עלטערע צוויי ברידער מײַנע — מוליע און באָניע (די שפּעטער־געוואָרענע ש. ניגער און ב. וולאַדעק) — האָבן זיך שטאַרק געפֿרייט, וואָס איך מיט דער מאַמען פֿאָרן אַוועק אַזוי ווײַט, אַזוי ווײַט!

זיי וועלן דאָך דענסטמאָל קאָנען פֿראַנק און פֿרײַ צייכענען מיט אַ שטיקל קרייט אויף די יוכטן, די פֿרישוועס און כאַליאַוועס פֿאַר די דאָרפֿער שוסטער און אַפֿילו אַליין זיי אויסשניידן, אויב נאָר די שוועסטער וועט זיי דערלויבן.

אויסער דעם האָבן נאָך די עלטערע ברידער געהאַט אַן אויסקוק אויף די פֿאַר אייער, וואָס די ראַבע הון פֿלעגט אונדז לייגן יעדע וואָך. עס פֿלעגט זיי אויסגיין דאָס חיות נאָך אַ פֿיינקוכן, אָבער די מאַמע פֿלעגט די פֿאַר פֿרישע אייער שטענדיק באַהאַלטן פֿאַר מיר, ווײַל איך בין דאָך געווען בילכער!

דאָך האָבן מײַנע עלטערע ברידער און אויך אַפֿילו די כּלה־שוועסטער זיך פֿונאַנדערגעוויינט ביים געזעגענען זיך מיט מיר און מיט דער מאַמען.

אויף זיי קוקנדיק האָב איך אויך אָנגעהויבן צו וויינען, כאָטש די מאַ־מע האָט מיטגענומען אויפֿן וועג אַ סך גוטע זאַכן.

זי האָט אָנגעבאַקן אַ גאַנצן זעקל לאַנגע און שמאָלע סוכאַרעס, באַ־שאָטענע פֿון ביידע זייטן מיט מעל־צוקער און צימרינג, וואָס איך האָב זייער ליב געהאַט. זי האָט אויך מיטגענומען ביי אַ טוץ האַרט־אָפּגעקאָכטע אייער און ביי אַ האַלבן טוץ גוט־אויסגעטריקנטע גאָמעלקעס.

די אַלע זאַכן, האָט די מאַמע געזאָגט, וועלן אונדז שטאַרק צוניצקומען אויף דעם פּאַראַכאָד, וואָס וועט אונדז פֿירן פֿון באָברויסק גלייך אין קיעוו.

די מאַמע האָט אויך מיטגענומען אַ פּאָר קישנס מיט קאָלדרעס, וואָס מען האָט אַריינגעקוועטשט אין אַ זאַק אַריין, און צווישן די ביידע קישנס האָט זי אַריינגעשטעקט איר „קרבן־מנחה" מיטן „צאינה־וראינה".

ווען קושע דער באַלעגאָלע, וועלכער האָט אונדז געפֿירט צו דער באַן אין רודענסק, האָט געהאַט דערזען אַזוי פֿיל פּעק מיט פּעקלעך, האָט ער אויסגעשריען איבערן גאַנצן מאַרק:

— זעט נאָר, יידן, ברכה פֿאָרט דאָך מיט איר שלים־מזל אַזש קיין אַמעריקע! געדאַרפֿט שוין מיטנעמען דעם סאַמאָוואַר אויך!

די מאַמע האָט זיך אָבער ניט גענומען צום האַרצן קושעס רייד. אַלע אין שטעטל האָבן געוואוסט, אַז קושע־באַלעגאָלע איז אַ פֿריילעכער לונג־און־לעבער און ער האָט ליב צו פּראַווען קאַטאָוועסלעך.

דאָך אָבער האָט אים די מאַמע אַן ענטפֿער געטאָן:

— דו מיינסט, קושע, אַז קיעוו איז אַ סך נעענטער פֿון אַמעריקע? אַ וואַ־סער איז אַ וואַסער!

— זאָל דאָס מיר אָנקומען, ברכה, וואָס איך ווינטש דיר מיט דעם „געטשקע" דיינעם! — האָט זיך קושע באַלד פֿאַרענטפֿערט, מיינענדיק, אַז ער האָט חלילה באַליידיקט די מאַמע מיינע.

אין עטלעכע טעג אַרום האָב איך דערזען, אַז די מאַמע איז טאַקע געווען גערעכט, וואָס זי האָט מיטגענומען אַזוי פֿיל זאַכן.

אונדזער רייזע פֿון דוקאָר ביז קיעוו האָט טאַקע גענומען גוטע צוויי וואָכן, ווי מיר וואָלטן ווירקלעך געפֿאָרן אַזש קיין אַמעריקע.

אַזוי לאַנג ווי מען פֿאָרט מיט דער יבשה, ווייסט מען נאָך וואו מען האַלט אין דער וועלט.

פֿאַרט מען מיט אַ באַלעגאַלע, ווייסט מען אַלע קרעטשמעס, וואו מ'שטעלט זיך אָפּ. פֿאַרט מען מיט דער באַן, ווייסט מען אַלע סטאַנציעס, וואו די באַן שטעלט זיך אָפּ, אָבער ווי נאָר מען גייט אַרויף אויף אַ פּאַראַכאָד און מען לאָזט זיך שווימען מיטן וואַסער, ווערט שוין טאַקע סכנת־נפֿשות און מען ווייסט ניט אויף וועלכער וועלט מען געפֿינט זיך.

ניט אומזיסט טאַקע האָט אונדזער פּאַראַכאָד געהייסן „סודבאַ", דאָס הייסט אין יידיש „גורל".

פֿאָרן מיט דער דאָזיקער „סודבאַ" איז געווען אַ גורל־זאַך: אָז'ער מען דערשווימט, אָדער מען דערשווימט ניט.

אמת, אונדזער פּאַראַכאָד איז ניט געווען קיין גאָר גרויסער. ער האָט געקאָנט אַריינגעמען אין זיך ניט מער ווי פֿופֿציק־זעכציק מענטשן.

ווען דער פּאַראַכאָד איז אָנגעקומען קיין באָברויסק, וואו מיר האָבן אויף אים געוואַרט אַ פּאָר מעת־לעת, איז ער שוין געווען איבערגעפֿילט מיט מענטשן פֿון באַריסאָוו און פֿון בערעזין. יעדער מענטש האָט מיטגעפֿירט פֿולע זעק מיט טרוקענע שוועמלעך און מיט געטריקנטע עפּל, ווייל אין אוקראַינע, זאָגט מען, זיינען ניטאָ קיין וועלדער און קיין סעדער און דעריבער זיינען דאָרט די געטריקנטע שוועמלעך מיט די געטריקנטע עפּל מיט גאָלד צוגלייך.

אויך קיין געהילץ איז ניטאָ אין אוקראַינע. דעריבער איז דער גאַנצער טייך בערעזינע געווען פֿול און פֿול מיט פּליטן, וואָס מען האָט געטריבן אויפֿן „ניז", דאָס הייסט מיטן וואַסער אַראָפּ צום דניעפּר, וואָס דערגייט ביז קיעוו און נאָך ווייטער.

צוליב דעם טאַקע, וואָס די בערעזינאַ איז געווען צו יענער צייט איבער־געפֿילט מיט פּליטן, האָט אונדזער פּאַראַכאָד קוים־קוים געקאָנט דורכ־שלאָגן זיך אַ וועג.

דער קאַפּיטאַן פֿון אונדזער שיף האָט זייער פֿלינק געמוזט קערעווען די „סודבאַ" אויף רעכטס און לינקס, כּדי אויסצומיידן אַ צוזאַמענשטויס מיט אַ פּליט, וואָס פֿלעגט שווימען פֿון זיך אַליין אין מיטן טייך.

פֿון דעם האַסטיקן קערעווען דעם פּאַראַכאָד אויף רעכטס און אויף לינקס פֿלעגן זיך פֿאַנאַנדערפֿאַלן די זעק מיט די שוואָמען און עפּל און צע־מזיקן די פּאַסאַזשירן, וועלכע פֿלעגן שלאָפֿן לעבן די זעק.

אָבער דער באַלעבאָס פֿון פּאַראַכאָד, שקלאָווסקי, האָט אונדז באַרואיקט, אַז נאָך סוויסלאָוויטש (וואו ס'איז, אגב, געבוירן געוואָרן דער שפּעטער באַ־רימטער געוואָרענער דר. שמריהו לעווין) וועט שוין זיין „סודבאַ" אָנהייבן צי־

גיין גיכער, ווייל די „בעריאָזע" (אַ פֿאַרקירצטער נאָמען פֿאַר דעם טייך בערעזינאַ) ווערט דאָרט ברייטער און טיפֿער.

ווען איך האָב אַ פֿרעג געטאָן דער מאַמען, פֿאַרוואָס עפּעס ווערט נאָך סוויסלאָוויטש די בערעזינאַ ברייטער און טיפֿער, האָט זי מיר דערקלערט, אַז דאָרט, אין סוויסלאָוויטש, פֿאַלט אַדיין אונדזער טייך סוויסלאָטש אין דער בערעזינאַ און צוליב דעם טאַקע ווערט דער טייך ברייטער און טיפֿער.

בין איך, פֿאַרשטייט זיך, געוואָרן זייער שטאָלץ, וואָס צוליב אונדזער דוקאָרער טייך וועט אין סוויסלאָוויטש אָנהייבן גיין אונדזער פּאַראַכאָד אַ סך גיכער און מיר וועלן שוין ניט דאַרפֿן מער וואַלגערן זיך אַזוי לאַנג צווישן די זעק מיט שוואָמען און עפּל.

ס'האָט מיר נאָר פֿאַרדראָסן, וואָס קיין עפּל־זאַק בינדט זיך ניט פֿאַנאַנדער, קייקלענדיק זיך איבערן פּאַראַכאָד. ס'וואָלט געווען ניט שלעכט צו קייען אַ שטיקל געטריקנטן עפּל. האָב איך זיך שוין געמוזט באַנוגענען נאָר מיטן געשמאַקן ריח אַליין.

פֿון די אייער מיט די גאָמעלקעס, וואָס די מאַמע האָט מיטגענומען, איז שוין גאָרנישט געבליבן. אַ נס, וואָס אויפֿן פּאַראַכאָד איז געווען אַזאַ מין בופֿעט, וואו מען פֿלעגט קאָנען קויפֿן פֿאַר צוויי קאָפּיקעס אַ גרויסן פֿאַרצעלייענעם טשייניק מיט געקאָכטע וואַסער, און איבער אים — אַ קליינינקער טשייניקל מיט טיי. אויך ברויט און הערינג פֿלעגט מען קאָנען קויפֿן אין בופֿעט. די גאָר רייכע יידן, וואָס זיינען געפֿאָרן מיטן ערשטן אָדער מיטן צווייטן קלאַס, פֿלעגן קאָנען קריגן אין בופֿעט פֿון אַלדאָס־גוטס, אָבער די מאַמע האָט געזאָגט, אַז די געקאָכטע זאַכן פֿונעם בופֿעט זענען איר אויס צו זיין ניט גאַנץ כשר...

מילא, וועלן מיר שוין עסן ווי עס באַדאַרף צו זיין אין קיעוו ביי אונדזער רייכן קרוב אויפֿן „קרעשטשאַטיק", אָבער דער וועג צו קיעוו איז נאָך געווען זייער אַ שווערער און געפֿערלעכער, ווי מיר וועלן דאָס זען ווייטער.

צווישן וועלף און שלאַנגען —

מיין מאַמע איז טאַקע געווען גערעכט, ווען זי האָט אַ זאָג געטאָן צו קושע דעם באַלעגאַלע, אַז אַ וואַסער איז בטבע אַ גרויסער מזיק.

דאָך אָבער האָט די מאַמע ריזיקירט צו פֿאָרן מיט מיר אַזש קיין קיעוו מיטן וואַסער און ניט מיט דער יבשה, ווייל די פֿאַראַכאַדן האָבן גענומען ביליקער ווי די באַנען.

עס האָט זיך אָבער שפּעטער אַרויסגעשטעלט, אַז אונדזער וואַסער־רייזע האָט געקאָסט דער מאַמען נאָך טייערער ווי ווען מיר וואָלטן געפֿאָרן מיט דער באַן.

אַנשטאָט צו שווימען מיט אונדזער פֿאַראַכאָד „סודבאַ" (מיט אַ וויכן דלד) ניט מער ווי צוויי מעת־לעת, ווי מען האָט אונדז געהאָט צוגעזאָגט אין באָברויסק, זיינען מיר גאָר געשוואומען פֿון באָברויסק קיין קיעוו גאַנצע צוויי וואָכן.

שולדיק אין דעם זיינען געווען די פּליטן, וואָס פֿלעגן זומער־צייט פֿאַר־כאַפּן כמעט דעם גאַנצן טייך בערעזינאַ.

אונדזער פֿאַראַכאָד פֿלעגט האַלטן אין איין פּייפֿן צו די מוזשיקעס, וואָס טרייבן די פּליטן, אַז זיי זאָלן מיט זייערע לאַנגע דראַנגעס אָפּשטופּן די־ פּליטן, וואָס נענטער צו די ברעגעס, כּדי אונדזער פֿאַראַכאָד זאָל זיך קענען דורכשלאָגן אַ וועג אין מיטן טייך.

די „סודבאַ" האָט געמוזט האָבן אַ טיפֿן וואַסער, ווייל זי איז געווען איבערגעלאָדן מיט מענטשן און מיט זעק.

אין פֿאַרגלייך מיט אונדזער דוקאַרער טייך סוויסלאָטש, איז טאַקע די בערעזינאַ געווען גענוג טיף; אָבער דאָך ניט שטענדיק גענוג ברייט, אַז זי זאָל קאָנען דורכלאָזן בשלום אַלע פּליטן מיט אַלע פֿאַראַכאָדן.

האָט טאַקע אין איינעם אַ פֿאַרטאָג פּאַסירט מיט אונדזער „סודבאַ" אַ גאָר גרויסע קאַטאַסטראָפֿע.

איינער אַ פּליט האָט געגעבן פּלוצלינג אַ שנעל אין נאָז דעם פֿאַ־ראַכאָד אונדזערן און ס'איז געוואָרן אַ לאָך, דורך וועלכער ס'האָט אָנגעהויבן אַריינשטראָמען וואַסער גראָד אונטן, וואו עס געפֿינען זיך די ערשטע און די צווייטע קלאַסן פֿאַר די פּריצים און גבֿירים.

דער קאַפּיטאַן האָט באַפֿוילן אויפֿצואוועקן תּיכּף־ומיד אַלע פּאַסאַ־זשירן און מען האָט אונדז אַלעמען געהייסן אויסשטעלן זיך ביים צווייטן עק פֿון דער „סודבאַ“, וואו ס׳געפֿינט זיך דער רודער. די פּאָר מאַטראָזן פֿון אונדזער שיף האָבן גיך־גיך אַריבערגעוואָרפֿן אַלע זעק מיט די גע־טריקנטע שוועמלעך און עפּל אויך צום צווייטן עק, צום רודער. דער חשבון פֿון דעם קאַפּיטאַן איז געווען אַ פּשוטער: ווען אַלע פּאַסאַזשירן מיט אַלע זייערע זעק וועלן זיך געפֿינען ביים צווייטן עק פֿאַראַכאַד, וועט זיך דער פֿאָדערשטער עק, דאָס הייסט די דורכגעלעכערטע נאָז, זיך געבן אַ הייב־אויף אין דער הויך, ווי אַ פֿערד „דיבאָם“, און ס׳וועט שוין אין אים מער קיין וואַסער ניט אַריינרינען.

דענסטמאָל ערשט האָט דער קאַפּיטאַן מיט זיינע צוויי מאַטראָסן פֿאַר־שטאָפּט ווי עס איז די לאָך פֿון נאָז און מיר האָבן זיך מיט גרויס מאַטער־ניש דערקליבן צום ברעג, וואו דער פֿאַראַכאַד איז געבליבן שטיין אויף אַן אומבאַשטימטער צייט ביז מען וועט צורעכט מאַכן די דורכגעלעכערטע נאָז פֿון אונדזער „סודבאַ“.

אַ נס, וואָס דער אומגליק מיט אונדזער שיף האָט פּאַסירט אַ פּאָר וויאָרסט פֿאַר דעם שטעטל סוויסלאָוויטש.

האָט מען פֿאַרשטייט זיך, באַלד געלאָזט וויסן אין סוויסלאָוויטש וועגן אונדזער גרויסן אומגליק. איז כּמעט גאַנץ שטעטל געקומען צו אונדז מיט הילף און מיט טרייסט. ס׳איז גראָד געווען ערב שבת — האָט מען אונדז אָנגעטראָגן פֿולע קערב מיט חלות, פֿולע טעפּ מיט געפֿילטע פֿיש, פֿלאָדנס מיט קעז, גאָמעלקעס, האַרטע אייער און אַפֿילו צוקערקעס פֿאַר די קינדער.

האָב איך שוין דענסטמאָל געהאַט דערזען, וואָס פֿאַר אַ טייער, האַרציק פֿאָלק עס איז דאָס פֿאָלק ישׂראל, אַ געזונט צו אים!

ווילד־פֿרעמדע מענטשן האָבן אונדז געטרייסט און געמונטערט. מען האָט אונדז אַפֿילו פֿאַרגעלייגט צו קומען אויף שבת קיין סוויסלאָוויטש, ווייל אונדזער „סודבאַ“ וועט שוין מוזן פֿאַרבלייבן אויף דער יבשה עטלעכע טעג ביז די שיף־בויערס פֿון שטעטל וועלן באַווייזן צו פֿאַרלאַטען די נאָז אירע.

די רייכערע יידן זיינען טאַקע אַוועק אויף שבת קיין סוויסלאָוויטש, אָבער די פֿרויען מיט די קינדער און די אָרימעלייט זיינען פֿאַרבליבן אויפֿן פֿאַראַכאַד.

וויבאַלד מען האָט אונדז אָנגעבראַכט אַזויפֿיל גוטע זאַכן, איז צו־וואָס זאָלן מיר זיך שלעפּן אַזש קיין סוויסלאָוויטש?

די מאַמע האָט נאָר געבעטן בײַ די יידן בני־רחמנים, אַז מען זאָל זי באַזאָרגן מיט ליכט, ווייל זי מוז אַפילו אויף דעם פאַראַכאָד בענטשן ליכט.

אויף דער מאַמען קוקנדיק, האָבן שוין אויך די אַנדערע ווייבער געבעטן ליכט און אין אַ פּאָר שעה אַרום האָט שוין איינער אַ ספּריטנער חברה־מאַן געבראַכט פון שטעטל, אַ פּאָר פונט סטעאַרינעווע ליכט, וואָס גייען צוואַנציק אין אַ פונט.

אָבער דער קאַפּיטאַן פון אונדזער שיף איז געווען, קענטיק, אַ גרויסער רשע און נאָך אַ גרעסערער שיכור. האָט ער בשום־אופן ניט געוואָלט דערלאָזן, אַז מען זאָל בענטשן ליכט אויפן פאַראַכאָד גופא. עס קען נאָך אויסברעכן, חלילה, אַ שריפה און דענסטמאָל פאַרבלייבט ער גאָר אינגאַנצן „אויפן וואַסער", דאָס הייסט, אָן אַ שטעלע.

האָט שוין יעדע יידענע געמוזט אויסזוכן אין וואַלד אַ ברייטן שטאָם פון אַן אָפּגעזעגטן בוים (אָדער אַ „פּען" מיט אַ ווייכן, לאַנגן נון, ווי מען זאָגט אין אונדזערע מקומות) און אָנשמעלצן אויף אים די שבת־ליכט. אויך די מאַמע האָט אויסגעזוכט אַ גאַנץ ברייטן שטאָם (זי שטאַמט דאָך, די מאַמע, פון דעם של"ה הקדוש!) און זי האָט אויף אים אָנגעשמאָלצן אַלע אירע זיבן שבת־ליכט (איינע פאַר זיך פערזענלעך און די איבעריקע זעקס — פאַר די זעקס קינדער אירע, זאָלן געזונט זיין).

ס'איז גראָד געווען אַ שטילער פרייטיקדיקער אָוונט. ס'האָט ניט געבלאָזן קיין שום ווינטל. די שקיעה־זון האָט זיך נאָך געהאַט געדראַפּעט איבער די שפּיצן פון די גאַנץ הויכע סאָסנע־ביימער און ס'האָט אויסגעזען, אַז אויך די זון בענטשט ליכט איבער די אָנגעצונדענע ביימער־שפּיצן. מעגלעך, אַז דאָס דאָזיקע שקיעה־בילד האָב איך צוגעטראַכט ערשט איצטער. אין עטלעכע און פופציק יאָר אַרום, אָבער איך טראַכט, אַז אַפילו אַ מעמואַרן־שרייבער מוז האָבן אַ שטיקל וויזיע אויף צוריק אין דער טיפער פאַרגאַנגענהייט אַריין. דעריבער בין איך איצטער מער ווי זיכער, אַז אויך אַפילו די זון האָט געבענטשט דענסטמאָל ליכט אינאיינעם מיט מיין מאַמען ע"ה.

יעדנפאַלס, געדענק איך גאַנץ גוט, ווי אויך אַפילו די פייגל אין זייערע נעסטן האָבן, פונקט ווי איך, נאָכגעזאָגט אויף זייער אייגענער טשיק טשיריק־שפּראַך דער מאַמעס ברכה פון ליכט־בענטשן:

„לכבוד גאָט, לכבוד אונדזער געבאָט, לכבוד דעם ליבן שבת־קודש, וואָס אונדזער גאָט האָט אונדז געגעבן און האָט אונדז געבאָטן די ליבע מצווה, איך זאָל זי רעכט מקיים זיין און זי זאָל אַזוי געוואויגן זיין, ווי אַלע תרי"ג מצוות, אמן כן יהי רצון."

די אַנדערע שבתדיקע תּפילות האָב איך שוין ניט געקענט מער נאָכ־זאָגן, ווייל די מאַמע האָט זיי שטילערהייט אַרויסגעמורמלט פֿון איר קרבן־מנחה, אָבער ווען ס'איז געקומען צו „לכו נרננה", האָט די מאַמע געהעכערט איר שטים און כ'האָב דערהערט, ווי זי זאָגט צו די זיבן ליכט אירע אויף דעם אָפּגעזעגטן של"ה־שטאָם:

„לכו נרננה — מיר וועלן זינגען צו גאָט, מיר וועלן שאַלן צו אונדזער שטאַרקן העלפֿער, מיר וועלן זיך פֿעדערן צו קומען צו אים און מיט אַ לויב־געזאַנג וועלן מיר שאַלן צו אים, ווייל גאָט איז דער שטאַרקער און אַל־מעכטיקער קעניג איבער אַלע מלכים, אין זיין האַנט איז אַלעס, די הייכן פֿון די בערג זיינען צו אים, צו אים איז דער ים, וואָס ער האָט געמאַכט, און די טריקעניש האָבן זיינע הענט באַשאַפֿן..."

ווען די מאַמע מיינע איז שוין געווען דערגאַנגען צו דער „טריקעניש" פֿון „לכו נרננה", האָב איך זיך זייער דערפֿרייט מיט אָט־דער יבשה, וואָס גאָט האָט באַשאַפֿן, ווייל ווען ניט די יבשה, חלילה, וואָלט דאָך אונדזער פּאַ־ראַכאָד גאָר אינגאַנצן דערטרונקען געוואָרן און דענסטמאָל וואָלטן דאָך אַלע מיינע פֿיר ברידער און מיין איינציקע שוועסטער אין דוקאָר פֿאַרבליבן קיילעכדיקע יתומים און, ווער ווייסט, צי מיין פֿעטער מוניע פֿון בערעזין וואָלט געוואָלט דענסטמאָל חתונה האָבן מיט אַזאַ מין קיילעכדיקער יתומה, רחמנא לצלן?

און ווען ס'וואָלט ניט געווען קיין יבשה ווי עס שטייט אין „לכו נרננה", וואָלטן דאָך די סוויסלאָוויטשער יידן ניט געקענט אָנטראָגן צו אונדז אַזוי פֿיל געשמאַקע שבתדיקע מאכלים, נאָך וועלכע ס'איז מיר שוין אויסגעגאַנגען דאָס האַרץ.

האָב איך זיך קוים דערוואַרט ביז די פּאָר מנינים יידן האָבן אָפּגעדאַוונט מעריב אין וואַלד.

נאָכדעם זיינען מיר אַלע אַרויף אויף אונדזער פּאַראַכאָד, וואו די פּאָר מאַטראַזן האָבן שוין צעשטעלט טישלעך אַרום דעם אויסגעלאָשענעם קוי־מען. איינער אַ ייד מיט אַ גרויסער באָרד, וועלכער האָט אויסגעזען ווי אברהם אבינו, האָט געמאַכט קידוש איבער די סוויסלאָוויטשער חלות, און די ווייב זיינע, וואָס האָט אויסגעזען ווי די מוטער שרה מיט אַ גרויסן בויך אויף די עלטערע יאָרן, האָט אָנגעהויבן אויסצוטיילן יעדן איינעם פֿון אונדז שטיקער געפֿילטע פֿיש און מערן־צימעס מיט קישקע און פֿלוימען־קאָמפּאָט, אין וועלכן ס'איז אַזוי גוט צו טונקען ווייכע חלה, און געקאָכטן אַרבעס מיט

באָב, וואָס מען האָט שוין געגעסן נאָך וועטשערע גלאָט אַזוי, פון פריילעכ־קייט וועגן.

כ'בין זיך מודה, אַז זינט איך לעב (כ'בין געווען דעסטמאָל אַ יאָר אַכט) האָב איך נאָך ניט געהאַט געגעסן אַזאַ רייכע און פריילעכע שבת־וועטשערע, ווי דענסטמאָל, ווען ס'האָט פּאַסירט מיט אונדז דער „שיפבּרוך".

באַלד נאָך וועטשערע האָט זיך געמאָלדן עפּעס איינער אַ לץ, וואָס האָט געזאָגט, אַז ער איז אַ חזן און מיר אַלע זאָלן ווערן די באַהעלפערס זיינע. דענסטמאָל, זאָגט ער, וועט ער אונדז אויסלערנען ווי צו זינגען „לכה דודי" אויף אַ נייעם שטייגער.

האָט זיך דער לץ געגעבן אַ שטעל אַוועק אויף אַ בענקל, ווי ער וואָלט געווען אַ דיריגענט פון אַ כאָר, און ער האָט אָנגעהויבן צו קאָמאַנדעווען:

— אַז איך וועל זאָגן „לכה דודי", זאָלט איר זאָגן „טשיריבּיריבּאָם"; אַז איך וועל זאָגן „לקראת כלה", זאָלט איר זאָגן „טשירי־בּירי־בּאָם". על־כן, חברה ! —

„לכה דודי" —

„טשיריבּיריבּאָם!"

„לקראת כלה" —

„טשירי־בּירי־בּאָם!"

„לכה דודי לקראת כלה" —

„טשירי־בּירי־בּאָם!"

האָב איך מיטגעזונגען און מיין מאַמע האָט אָנגעקוואָלן פאַר נחת, וואָס איך ווער שוין, דאַנקען גאָט, אַ שטיקל מענטש.

נאָכן אָפּזינגען „לכה דודי" זיינען מיר ווידער אַרונטער אויף דער יבשה און זיך צוגעקוקט ווי עס דערברענען די שבת־ליכט אויף די אָפּגע־האַקטעביימער.

די פייערלעך פון די ליכט האָבן צוגעצויגן צו זיך אַ סך שמעטער־לינגען און פאַרשיידענע מינים מאָטיליעס פון אַלע עקן וואַלד, האָבן זיי זיך געדרייט אַרום די ליכט אין אַ קאַראַהאָד און געהאַט דעם ריכטיקן עונג־שבת.

די בחורים מיט די מיידלעך זיינען אַוועק טיפער אין וואַלד אַריין צו באַגעגענען דאָרטן די כלה־שבת, ווי עס שטייט אין „לכה דודי"; אָבער מיך האָט די מאַמע ניט געלאָזן גיין טיפער אין וואַלד אַריין, ס'איז שוין גע־ווען צוגעפאַלן די נאַכט און אין די דאָזיקע וועלדער האָט מיך די מאַמע אָנגעשראָקן, זיינען פאַראַן אַ סך וועלף און שלאַנגען.

האָט די מאַמע געמאַכט דעם געלעגער ניט ווייט פֿון דעם אויסגעלאָ־שענעם קוימען און זי האָט מיר אָנגעזאָגט, כ׳זאָל ניט פֿאַרגעסן, חלילה, צו לייענען קריאת־שמע, ווייל מיר געפֿינען זיך אין אַ מקום סכנה.

כ׳בין אָבער געווען זייער צעטראָגן פֿון די אַלע איבערלעבונגען, וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט אין משך פֿון איין טאָג, און ווען ס׳איז געקומען ביים קריאת־שמע לייענען צום „ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד", האָט זיך מיר אַריינגעפּלאָנטערט דער „טשיריבּיריבּאָם" פֿון דעם „לכה דודי" און כ׳האָב בשום־אופֿן ניט געקענט איינשלאָפֿן.

שולדיק אין דעם זיינען געווען די מיידלעך מיט די בחורים, וואָס האָבן נאָך געהאַליאַקעט (געזונגען, הייסט עס) אין פֿינצטערן וואַלד, ווי זיי וואָלטן וועלן אָפּטרייבן מיט זייער געזאַנג די וועלף מיט די שלאַנגען מיט וועלכע די מאַמע האָט מיך געהאַט אָנגעשראָקן.

אָבער מער פֿון אַלץ האָט מיך געשראָקן די אייזערנע קייט, וועלכע ציט זיך ביי די ווענט פֿון פֿאַראַכאַד פֿון קאַפּיטאַנס רעדל ביז צום רודער פֿון אונדזער שיף.

ווען דער פֿאַראַכאַד שווימט, הייבט אָן דענסטמאַל די אייזערנע קייט צו פֿויזען און צו צישען, ווי אַן אמתע שלאַנג, וועלכע האָט ניט קיין קאָפּ און האָט ניט קיין עק.

האָב איך מורא געהאַט, אַז ווען איך וועל גאָר אינגאַנצן איינשלאָפֿן, וועט די אייזערנע שלאַנג אָנהייבן פֿויזען פֿון זיך אַליין און דענסטמאָל זיינען מיר אַלע פֿאַרלאָרענע!

דער פֿאַראַכאַד וועט זיך אַרונטערגליטשן פֿון ברעג אין וואַסער אַריין און ס׳וועט ווערן אויס מיט אונדזער גאַנצן טשירי־בּירי־באָאָם...

אַ טייך אָן בריקן —

אין די אוראַלטע ציטן פֿון פֿאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה פֿלעגט מען זאָגן אויף דער ענגלישער אימפּעריע, אַז זי באַהערשט אַלע ימען.

וואו נאָר ערגעץ אַ ים — שווימען דאָרטן אַרום ענגלישע שיפֿן!

אָבער אויף די טייכן האָט די ענגלישע אימפּעריע ניט געהאַט קיין שום שליטה.

יעדנפֿאַלס, ניט אויף די טייכן פֿון אונדזערע מקומות, דאָס הייסט פֿון ווייס־רוסלאַנד און אוקראַינע.

איבער די צוויי הויפּט־טייכן פֿון אונדזערע מקומות, איבער דער בערעזינאַ און דעם דניעפּער האָט אין די אוראַלטע ציטן געהערשט, קאָן מען זאָגן, די יידישע אימפּעריע, כאָטש דענסטמאָל האָט נאָך ס׳יידישע פֿאָלק ניט געהאַט פֿאַרמאָגט קיין אייגענע מלוכה.

די אַלע פליטן, בערלינעס און פֿאַראַכאָדן, וואָס פֿלעגן שווימען זומער־צייט איבער די דאָזיקע צוויי טייכן, האָבן געהערט דורכויס צו יידן.

זומער־צייט פֿלעגן די יידן פֿון ווייס־רוסלאַנד און אוקראַינע לעבן פֿיל מער פֿון וואַסער, ווי פֿון דער יבשה.

אַפֿילו די פֿאַראָמען האָבן אויך געהערט צו יידן.

אַ פֿאַראָם איז אַזאַ מין שווימענדיקע בריק, וועלכע מען ציט אַריבער פֿון איין ברעג טייך צום צווייטן ברעג מיט אַ קאַנאַט.

אויף דער בערעזינא האָט מען ניט געקאָנט מאַכן קיין בריקן, ווייל זיי וואָלטן פֿאַרשטעלט דעם וועג די פֿאַראַכאָדן מיט זייערע הויכע קוימענס. און אויך אַפֿילו די פליטן האָבן געמוזט האָבן דעם טייך אינגאַנצן פֿריי.

ווען דער פֿאַראָמשטשיק פֿלעגט דערזען, אַז עס גייט אַ פֿאַראַכאָד — פֿלעגט ער דעמאָלט אַרונטערלאָזן דעם קאַנאַט פֿון זיין פֿאַראָם טיף־טיף אין וואַסער אַריין און דער פֿאַראַכאָד פֿלעגט דורכגיין בשלום, ניט אָנרירנדיק דעם קאַנאַט.

אַמאָליקע יאָרן האָט מען נאָך ניט געוואוסט, אַז מען קאָן מאַכן אַזעלכע הויכע הענג־בריקן אָן „פּאַליעס״, ווי, למשל, די ברוקלין־בריק אָדער די פּרעכטיקע וואַשינגטאָן־בריק איבער דעם האָדסאָן אין ניו־יאָרק.

דערפֿאַר טאַקע זאָגט מען, האָט נאַפּעלעאָן געכאַפּט ביי דער בערעזינאַ אַ ווּיסטע מפּלה, ווייל זיינע סאָלדאַטן האָבן ניט געהאַט קיין בריקן צו קאָנען אָפּטראָגן זיך באַצייטנס פֿון רוסלאַנד צוריק קיין פֿראַנקרייך.

איצטער אָבער, דוכט זיך מיר, אַז שקלאָווסקי, דער באַלעבאָס פֿון אונדזער פֿאַראַכאַד „סודבאַ" (מיט אַ ווייכן דלד), האָט נאָך געהאַט אַ גרע־סערע מפּלה אויף דעם טייך בערעזינאַ, ווי נאַפּאָלעאָן.

סוף־כל־סוף איז דאָך נאַפּאָלעאָן, ניט געקוקט אויף אַלע זיינע מפּלות, פֿאָרט אַריין אין דער וועלט־געשיכטע, ווי איינער פֿון די גרעסטע קריגס־פֿירערס, בעת שקלאָווסקי מיט זיין אומגליקלעכער „סודבאַ" וואָלט גאָר אינגאַנצן פֿאַרגעסן געוואָרן, ווען איך פֿאַראייביק אים ניט דאָ אין מיינע כראָניקעס.

איך געדענק נאָך גאַנץ גוט, ווי דער דאָזיקער ייד האָט זיך, נעבעך, געבראָכן די הענט, ווען אָ פּליט האָט דורכגעלעכערט די נאָז פֿון זיין „סוד־באַ" און ער האָט געמוזט לאַנדען אויף אַ וואַלדיקן ברעג טייך אַ פּאָר ווערסט הינטער סוויסלאָוויטש.

דער צווייטער פֿאַראַכאַד איז געווען די „טיאָטיאַ פּאַניאַ" (ד. ה. די מומע פּאַניע"), וועלכע פֿלעגט שטענדיק קאָנקורירן מיט דער „סודבאַ".

יעדן פֿרילינג, ווען ס'פֿלעגט זיך אָנהייבן אויף דער בערעזינאַ די נאַוויגאַציע, פֿלעגט די „טיאָטאַ פּאַניאַ" מעלדן, אַז זי נעמט אָן פּאַסאַזשירן מיט אַ פֿערטל רובל ווינציקער ווי די „סודבאַ". דעמאָלט פֿלעגט די „סודבאַ" מוזן מעלדן, אַז זי נעמט אָן פּאַסאַזשירן מיט אַ פֿערטל רובל ווינציקער ווי די „טאָטיאַ פּאַניאַ". איז די קאָנקורענץ צווישן די צוויי פֿאַראַכאָדן דער־גאַנגען איינמאָל אַזוי ווייט, אַז די „טאָטיאַ פּאַניאַ" האָט זיך אַרויסגערופֿן צו פֿירן פּאַסאַזשירן פֿון באַריסאָוו קיין באָברויסק אָן אַ גראָשן געלט, אוי־סער דעם האָט זי נאָך צוגעזאָגט צו געבן יעדן פּאַסאַזשיר אַ ווייסע בולקע צום טיי.

האָט שוין אויך די „סודבאַ" געמוזט פֿירן אירע פּאַסאַזשירן גאָר אינ־גאַנצן אומזיסט און געבן צו יעדן איינעם פֿון זיי אַ ווייסע בולקע מיט טיי.

אָט־אַזוי פֿלעגט עס אָנהאַלטן די ערשטע פּאָר וואָכן ביז די „טיאָטאַ פּאַניאַ" מיט דער „סודבאַ" פֿלעגן גיין צו מענטשן און מען פֿלעגט סוף־כל־סוף איינשטעלן אָן איינהייטלעכן טאַריף פֿאַר ביידע פֿאַראַכאָדן.

ווען די „טיאָטאַ פּאַניאַ" האָט אָבער דערזען ווי אונדזער „סודבאַ" שלעפּט זיך, נעבעך, מיט אַ פֿאַרקלעפּטן נאָז פֿון סוויסלאָוויטש קיין לאָיעוו, וואו די בערעזינאַ פֿאַלט אַריין אין דעם דניעפּער, איז זי געוואָרן מלא גדולה

פֿאַר פֿרייד און אַלע פּאַסאַזשירן מיטן קאַפּיטאַן בראש האָבן אויפֿגעהויבן אונדזער צעמזיקטע שיף אויף אַ הוראַ.

שוין אַזאַ טבע ביי מענטשן, אַז ווען עמיצער גליטשט זיך אויס און פֿאַלט לאַכט מען אַנשטאָט צו העלפֿן אים אויפֿהייבן זיך.

אַזוי האָב איך דענסטמאָל געטראַכט און אַזוי טראַכט איך איצט אַפֿילו, ווען די גאַנצע וועלט ליגט שוין אַן אויסגעגליטשטע מיט אַ צעבלוטיקטן נאָז.

דער באַלעבאָס פֿון אונדזער שיף האָט שרעקלעך געשאָלטן די „טיאַ־טיאַ פּאַניאַ" און איר אַריינגעזאָגט אַזעלכע מיאוסע רייד, וואָס מען קען זיי גאָר אויפֿן פּאַפּיר ניט ברענגען.

איינע אַ קללה פֿון אונדזער „סודבאַ"־באַלעבאָס איז טאַקע באַלד מקוים געוואָרן.

די „טיאַטיאַ פּאַניאַ", וועלכע האָט אַנגענומען אין סוויסלאָוויטש אַ סך מער פּאַסאַזשירן און פּראַכט וויפֿיל זי האָט געקאָנט, איז אינמיטן דער נאַכט פּלוצלינג שטיין געבליבן אויף אַ זאַמד־אינדזל, וועלכער איז געווען קוים באַדעקט מיט וואַסער.

אומזיסט האָט די „טיאַטיאַ פּאַניאַ" געקלאַפּט מיט אירע לאָפּעטקעס אַהער און אַהין — ס׳האָט גאָרנישט געהאָלפֿן. זי האָט זיך איינגעגראָבן אין דעם פֿלאַכן דעק פֿון דער בערעזינאַ, וואו אַפֿילו די פּליטן שווימען ניט.

האָט „טיאַטיאַ פּאַניאַס" קאַפּיטאַן באַפֿוילן, אַז ווי נאָר ס׳וועט ווערן טאָג זאָל מען אַלע פּאַסאַזשירן פֿון שיף צעטיילן אויף צוויי גלייכע פּאַר־טיעס. איין פּאַרטיע וועט מען מיט אַ לאָדקע אַרונטערזעצן אויף דעם רעכטן ברעג טייך און די צווייטע פּאַרטיע — אויף דעם לינקן ברעג. דעמאָלט ערשט וועט מען דורך דער „טיאַטיאַ פּאַניאַס" נאָז דורכציען אַ לאַנגן קאַנאַט אין וועלכן עס וועלן זיך איינשפּאַנען די פּאַסאַזשירן פֿון ביידע ברעגעס און מען וועט אָנהייבן אַרונטערשלעפּן די שיף פֿון דעם זאַמד־דעק אָדער „מעל" (מיט אַ ווייכן לאַמעד), ווי מ׳פֿלעגט זאָגן אין אונדזערע מקומות.

אונדזער „סודבאַ" איז אָנגעקומען צו יענעם פּלאַץ גראָד אין דעם מאָ־מענט, ווען דער „מומע פּאַניעס" קאַפּיטאַן האָט פֿון זיין דעכל מיטן רעדל געהאַלטן אין איין קאָמאַנדעווען צו די איינגעשפּאַנטע פּאַסאַזשירן ווי צו בורלאַקעס אָדער פּאַראָבקעס: „ליעוואָ! פּראַוואָ!", דאָס הייסט: לינקס, רעכטס!

דער קאַפּיטאַן פֿון אונדזער שיף האָט זיך זייער דערפֿרייט מיט דער מפּלה פֿון דער „טיאַטיאַ פּאַניאַ" און ער האָט אָנגעהויבן צו פֿייפֿן אויף זיין סירענע, אַז דער מומע פּאַניעס קאַפּיטאַן זאָל אַרונטערלאָזן דעם קאַ־

נאַט אין וואַסער אַריין און דורכלאָזן אונדזער שיף. האָט אָבער דער אויפ־גערעגטער קאַפּיטאַן פון דעם צווייטן פּאַראַכאָד אים אויסגעפּייפט אויף זיין סירענע, אַז ער פייפט אויף אים!

ווי עס זעט אויס פאַרמאָגן די שיף־סירענעס אַ שפּראַך אַזאַ אויף וועלכער מען קאָן אויספייפן אַ באַגריסונג, ווען מען איז פריינטלעך און מיט וועלכער מען קאָן אויך גוט אָנפּייפן, ווען מען איז אַנגעשטויסן איינע אויף די אַנדערע.

האָבן זיך די ביידע קאַפּיטאַנען אַזוי לאַנג געזידלט פּייפנדיק, ביז זיי האָבן זיך איבערגעבעטן און אונדזער פּאַראַכאָד „סודבאַ" האָט זיך איינגעשפּאַנט אין דער „טיאָטיאַ פּאַניאַ" און זי אַרונטערגעשלעפּט פון דעם זאַמד־אינדזעלע.

דעמאָלט ערשט האָט דער באַלעבאָס פון דער „טיאָטיאַ פּאַניאַ" גע־שטעלט משקה פאַר די קאַפּיטאַנען און מאַטראָזן פון די ביידע שיפן און די פּאַסאַזשירן האָבן פאַר זייער שווערער האַרעוואַניע באַקומען אומזיסט טיי מיט פרישע סוויסלאָוויטשער בולקעס.

אָט אַזוי האָבן מיר זיך דערשלעפּט מיט גרויס מאַטערניש אַזש קיין לאָיעוו, וואו די בערעזינאַ פאַלט אַריין אין דעם דניעפּער, וואָס זיינע וואַ־סערן זיינען שוין צוויי מאָל אַזוי ברייט און טיף, ווי די וואַסערן פון דער בע־רעזינאַ.

בין איך געוואָרן זייער נייגעריק צו זען, ווי אַזוי איין טייך פאַלט אַריין אין דעם צווייטן.

צוקוקנדיק זיך צו די בילדער, ווי איין טייך פאַלט אַריין אין אַ צווייטן — האָב איך זיך דערמאָנט אין דער מעשה, וואָס מען פלעגט דער־ציילן וועגן דעם יידישן שיכור פון מינסק, וועגן מאָרגענשטערענען.

ווען אָט־דער מאָרגנשטערן פלעגט ווערן גוט שיכור — פלעגט ער טענהן צו די יידן פון מינסק, אַז איצטער פאַרשטייט ער שוין דעם פסוק, וואָס מען זאָגט ביים דאַוונען: „ובא לציון ברינה".

— ווען מען איז טויט־שיכור — פאַלט מען דאָך אַריין אין דער רינע, די מינסקער רינע פאַלט אַריין אין דער סוויסלאָטש, די סוויסלאָטש פאַלט אַריין אין דער בערעזינע, די בערעזינאַ פאַלט אַריין אין דעם דניעפּער, דער דניעפּער פאַלט אַדיין אין דעם שוואַרצן ים און דער שוואַרצער ים ברייינגט אים שוין, מאָרגענשטערענען, גלייך קיין ציון אַריין! דעריבער, הייסט עס, זאָגט מען ביים דאַוונען „ובא לציון ברינה!"

די מאַמע מיינע האָט אָבער נישט ליב געהאַט אַזעלכע מעשיות, וואָס לאַכן אָפּ פון סידור.

דעריבער טאַקע האָט זי מיך די גאַנצע צייט געהאַלטן וואָס ווייטער פון די דערוואַקסענע און צוליב דעם האָב איך ניט געקענט אַלץ הערן און זען בעת מיין ערשטער גרויסער רייזע פון דוקאָר ביז קיעוו.

די דאָזיקע רייזע האָט צוליב די פאַרשיידענע מינים קאַטאַסטראָפעס געדויערט פולע צוויי וואָכן, אָנשטאָט דריי־פיר טעג און די מאַמע מיינע האָט אויסגעחשבונט, אַז ווען מיר פאָרן מיט דער באַן — וואָלט אונדז די רייזע געקאָסט ביליקער ווי מיטן פאַראַכאָד.

מיך האָט אָבער לחלוטין נישט פאַרדראָסן, וואָס מיר זיינען געפאָרן מיטן פאַראַכאָד, ווייל ווען מיר פאָרן מיט דער באַן — וואָלט דאָך מיך די מאַמע זיכער באַהאַלטן אונטער דער באַנק, כדי איינצושפּאָרן פאַר מיר דעם פערטל בילעט און איך וואָלט נישט געקאָנט איצטער באַשרייבן אַזוי גענוי די אַלע איבערלעבונגען מיינע, וואָס איך האָב געהאַט אויף די וואַסערן פון דער סוויסלאָטש, פון דער בערעזינאַ און פון דעם דניעפּער.

פאַרוואָס איז דאָס ים־וואַסער געזאַלצן ? —

ווען איך בין געווען אַ חדר־ייִנגל — האָב איך די געאָגראַפיע פֿון ארץ־ישראל מיט די שכנותדיקע לענדער פֿון דעם אָריענט געקענט אַ סך בעסער ווי די געאָגראַפיע פֿון מיין אייגענעם לאַנד, וואו איך בין געבוירן געוואָרן.

אַזוי, למשל, זיינען מיר דער ים־סוף, דער ירדן און אַפילו די טייכן פרת און חדקל געווען אַ סך היימישער און נענטער ווי די „סוויסלע״ (סוויסלאָטש), די „בעריאָזע״ (בערעזינאַ) און דער דניעפּער.

כ׳האָב נאָך דערנסטמאָל, מיט עטלעכע און פופציק יאָר צוריק, קיין אַנונג ניט געהאַט, אַז אונדזער היימיש טייכל, די סוויסלע, פֿאַלט אַריין אין דער בעריאָזע, אַז די בעריאָזע פֿאַלט אַריין אין דעם דניעפּער, און אַז דער דניעפּער פֿאַלט אַריין אין דעם שוואַרצן ים, וואָס ברייננט שוין אַזש קיין ארץ־ישראל.

אָבער בעת מיין ערשטער וואַסער־רייזע פֿון באָברויסק קיין קיעוו האָב איך באַשיינפּערלעך געהאַט דערזען ווי אַזוי איין טייך פֿאַלט אַריין אין אַ צווייטן און ווי די ביידע פֿאַלן שפּעטער אַריין אין אַ דריטן טייך, און אַזוי ווייטער און ווייטער ביז פֿון אַלע טייכן ווערט איין גרויסער ים.

דאָס האָט מיך שטאַרק דערמאָנט אין דער מאַמעס ספרים, וואו איין מעשה פֿאַלט אַריין אין אַ צווייטער מעשה און ס׳באַקומט זיך אַ גאַנצער „קרבן־מנחה״ מיט וואונדער־מעשיות, פֿון וועלכע קינדער האָבן שטאַרק הנאה.

מער ניט איין זאַך האָב איך בשום־אופֿן ניט געקענט פֿאַרשטיין, נעמ־לעך: פֿאַרוואָס איז דאָס ים־וואַסער געזאַלצן, ווי באַלד עס נעמט אין זיך אַריין אַלע טייכן פֿון גאָר דער וועלט? טייך־וואַסער איז דאָך ניט געזאַלצן!

אויף דער דאָזיקער קשיא האָט מיר אַפילו די מאַמע ניט געקענט געבן קיין ריכטיקן ענטפער, אָבער דער לץ פֿון אונדזער פאַראַכאַד, וועלכער האָט אונדז געלערנט ווי צו זינגען „לכה דודי״ מיט אַ טשירי־בירי־באָם, האָט מיר פֿאַרענטפערט די קשיא מיט דעם, וואָס אין ים שווימען אַרום זייער אַ סך הערינג און דערפֿאַר איז דאָס ים־וואַסער געזאַלצן.

האָב איך זיך שטאַרק פֿאַרבענקט נאָך אַ שטיקל הערינג, אָבער אין בופעט פֿון פאַראַכאַד פֿלעגט מען נעמען פֿינף קאָפּיקעס פֿאַר אַ הערינג און די מאַמע האָט זיך עס ניט געקענט דערלויבן.

די מאַמע האָט זיך שוין שטאַרק געקלעמט, וואָס אונדזער וואַסער־נסיעה קיין קיעוו קומט אָן „כקריעת ים סוף". אָט איז שוין באַלד אַ וואָך ווי מיר זיינען אַוועק פון דער היים אין מיר האַלטן ערשט ביים שטעטל לאָיעוו.

מיר איז לאָיעוו דווקא געפעלן געוואָרן. לעבן דעם דאָזיקן שטעטל פאַלט שוין אַריין די בעריאָזע אין דעם דניעפּער און אויפן ברעג פון טייך איז אַ שטענדיקער יאַריד. אַלע פּאַראַכאָדן, וואָס שלעפּן הינטער זיך אויף קאַנאַטן די שווער־באַלאַדענע בערלינעס. ווי אויך אַפילו די פּליטן שטעלן זיך אָפּ אין לאָיעוו, כדי אַנצונעמען דאָרט נייע זאַפּאַסן פּראָוויאַנט פאַר די מענטשן און אויך נייע זאַפּאַסן פון האָלץ פאַר די פּאַראַכאָד־אויוונס, וועלכע מוזן ברענען טאָג און נאַכט, ווי אין אַ גיהנום.

מער ניט אונדזער פּאַראַכאָד „סודבאַ" (מיט אַ ווייכן דלד) האָט נישט אָנגענומען אין לאָיעוו קיין נייע זאַפּאַסן אויף צו שווימען ווייטער, ווייל די פּאַכלייט, וועלכע האָבן געהאַט גוט באַטראַכט די פּאַרלאַטעטע נאָז פון אונדזער שיף, האָבן באַשלאָסן, אַז מיט אַזאַ מין פּאַרלאַטעטער נאָז איז אַ סכנה צו לאָזן זיך שווימען איבער דעם צעכוואַליעטן דניעפּער.

האָט מען אונדז אַרונטערגעזעצט אין לאָיעוו וואַרטן אויף אַן אַנדער פּאַראַכאָד.

מיר האָבן זיך אומזיסט געבעטן ביים באַלעבאָס פון דער „טיאָטיאַ פּאַניאַ", ער זאָל אונדז אַריבערנעמען אויף זיין שיף, וועלכע מיר האָבן ערשט נעכטן מיט גרויס מאַטערניש אַרונטערגעשלעפּט פון אַ זאַמד־אינדזל לעבן סוויסלאָוויטש, אָבער די „טיאָטיאַ פּאַניע" האָט אונדז ניט געקענט מיטנעמען קיין קיעוו, ווייל איר אינגעווייד איז שוין געווען איבערגעפּולט מיט מענטשן און מיט זעק פון באָריסאָוו, פון בערעזין און פון באָברויסק.

האָב איך זיך אָנגעהויבן בעטן ביי דער מאַמען, אַז מיר זאָלן אַריבער־גיין אויף אַ פּליט, וואו עס זעט אויס צו זיין זייער פריילעך. אויף יעדן פּליט איז פאַראַן אַזאַ מין בודקעלע, וואו מען קען זיך באַהאַלטן פון אַ רעגן, און אויף יעדן פּליט איז אָנגעשאָטן אַ בערגעלע זאַמד, אויף וועלכן מען קען פאַנאַנדערלייגן אַ פייער און באַקן אויף אים קאַרטאָפל אָדער פּרעגלען אַ טאַראַן אין בוימל.

האָט מיר אָבער די מאַמע דערקלערט, אַז יידישע מענטשן שווימען ניט אויף פּליטן, ווייל די גוים, וועלכע טרייבן די פּליטן, עסן סאַלע (חזיר־פעטס) און רעדן גראָבע רייד — איז שוין בעסער וואַרטן אין לאָיעוו אויף אַן אַנדער פּאַראַכאָד.

האָב איך איינגעשטימט מיט דער מאַמען צו וואַרטן אויף אַן אַנדער פֿאַראַכאָד, אָבער דערפֿאַר זאָל זי מיר קויפֿן פֿאַר אַ קאָפּיקע אַ פֿולע גלאָז סעמעטשקעס.

אויפֿן ברעג טייך אין לאָיעוו האָבן אַלע געקנאַקט סעמעטשקעס. דער גאַנצער ברעג איז געווען פֿאַרשאָטן מיט שאָלעכץ פֿון די סעמעטשקעס, וואָס פֿון דרויסן איז עס שוואַרץ און פֿון אינעווייניק איז עס ווייס.

אין אונדזערע מקומות, אין ווייס־רוסלאַנד, וואַקסן ניט אַזוי פֿיל „קאָוויאַטן", אָדער „רויזן", ווי אין אוקראַינע. אין אונדזערע מקומות פֿלעגט מען קנאַקן „האַרבוזשיקעס", דאָס הייסט די געטריקנטע יאָדרעס פֿון די קירבעסן, וואָס זיינען אַ סך גרעסער און געשמאַקער ווי די סעמעטשקעס. אָבער ווען ס'זיינען ניטאָ קיין האַרבוזשיקעס, זיינען סעמעטשקעס אויך גוט!

האָט מיר די מאַמע געקויפֿט פֿאַר אַ קאָפּיקע אַ פֿולע גלאָז סעמעטשקעס און איך בין געוואָרן שטאַרק באַשעפֿטיקט.

קנאַקן סעמעטשקעס דאַרף מען קענען. ס'איז אַ גרויסע קונסט! וואָס פֿלינקער מ'קנאַקט זיי, אַלץ גרעסער איז די הנאה. די ערשטע גלאָז סעמעטשקעס האָט ביי מיר גענומען זייער לאַנג, ווייל כ'האָב נאָך ניט געוואוסט ווי אַזוי מען שפּייט אַרויס ריכטיק די שאָלעכץ פֿון מויל. צו דער צווייטער גלאָז האָב איך שוין געהאַט אַביסל באַהערשט די דאָזיקע קיי־און־שפּיי־קונסט, אָבער צו דער דריטער גלאָז איז שוין נישט דערגאַנגען, ווייל איך וואָלט גאָר איינגאַנצן בדלות געשטעלט מיין מאַמען. פֿאַר יעדער גלאָז האָט מען געמוזט צאָלן אַ קאָפּיקע, און ווי עס זעט אויס האָט די מאַמע ניט געהאַט מיטגענומען אויפֿן וועג קיין סך קאָפּיקעס.

זי האָט דאָך עפּעס־וואָס געמוזט איבערלאָזן פֿאַר די קינדער אין דער היים — זיי זאָלן האָבן פֿון וואָס צו לעבן.

האָט די מאַמע אָנגעהויבן מיך אָפּצורײדן פֿון די סעמעטשקעס אויף אַזאַ אופֿן:

— גיב נאָר אַ קוק, מיין קינד, ווי זיי זעען אויס, די מענטשן, וועלכע האַלטן אין איין קנאַקן סעמעטשקעס. זיי זעען דאָך אויס ווי זיי וואָלטן זיך, חלילה, געצלמט! עס איז אַן אַרבעט פֿאַר שקצים!

און ווירקלעך, ווען איך האָב אָנגעהויבן צוצוקוקן זיך פֿון דער ווייטנס אויף די פֿלינקע סעמעטשקע קנאַקערס פֿון לאָיעוו, האָבן זיי טאַקע אויסגעזען ווי מענטשן, וועלכע האַלטן אין איין צלמען זיך, רחמא לצלן.

איז שוין ביי מיר אָפּגעפֿאַלן דער גאַנצער חשק צו די סעמעטשקעס. כּמעט איצט, שוין זייענדיק אין אַמעריקע, האָב איך דערזען, אַז קנאַקן

סעמעטשקעס איז דאָך אַ פּראָדוקטיווערע טעטיקייט אידער קייען גומי. ביים קייען גומי אַרבעט נאָר די מאָרדע אַליין און מען באַקומט דעם אויס־זען פון אַ בהמה, וואָס איז מעלה־גירה, בעת ביים קנאַקן סעמעטשקעס אַר־בעט שוין אויך די האַנט און דער קערפּער באַקומט פון זיי אַביסל נאַרונג, ווייל פון סעמעטשקעס מאַכט מען דאָך דעם פּיינעם בוימל.

אָבער לאָמיר בעסער זיך אומקערן צו אונדזער וויטערדיקער רייזע קיין קיעוו, וועלכע איז געווען פול מיט נייע פּאַסירונגען און שטערונגען.

אויך אַפילו דער נייער פּאַראַכאָד, וועלכער איז געווען גרעסער פון דער פריערדיקער שיף „סודבאַ״, ווייל ער פלעגט שווימען נאָר אויפן דניעפּער אַליין, האָט זיך געמוזט אומקערן פון מיטן וועג, ווייל די פליטן האָבן אין איינעם אַ פלאַץ, וואו דער דניעפּער פאַרקערעוועט זיך אויף רעכטס צוליב איינעם אַ באַרג, וואָס פאַרשטעלט אים דעם גלייכן וועג, האָבן גראָד אויף יענעם פלאַץ זיך צונויפגעטשעפּעט די פליטן איינע מיט די אַנדערע און ס'איז געשאַפן געוואָרן אַ בריק פון איין ברעג ביז צום צווייטן — אַ בריק פון בערווינעס, וועלכע האָבן ניט דורכגעלאָזט אַפילו קיין לאָדקע.

ווער ווייסט דען וויפיל טעג מיט נעכט מיר וואָלטן געווען אָפּגעשטאַנען ביי אָט־דער וואַסער־באַריקאַדע, ווען עס קומט ניט אָן אויף אונדזער גליק אַן אַנדער פּאַראַכאָד, וואָס איז געגאַנגען פון קיעוו קיין לאָיעוו.

האָבן די קאַפּיטאַנען פון די בידע פּאַראַכאָדן באַשלאָסן זיך אויסצו־בייטן מיט די פּאַסאַזשירן און מיט די זאַק, כדי דער קיעווער פּאַראַכאָד זאָל קענען זיך אומקערן צוריק קיין קיעוו און אונדזער לאָיעווער פּאַראַכאָד — צוריק קיין לאָיעוו.

די איבערוואַנדערונג פון איין פּאַראַכאָד צו דעם צווייטן האָט שוין גע־שמעקט מיט סכנות־נפשות, ווייל זי האָט געמוזט פאַרקומען איבער די פליטן, וועלכע האָבן געהאַלטן אין איין וויגן זיך איבער די צעבושעוועטע וואַסערן פון דעם דניעפּער.

צו די ברעגעס פון טייך האָבן די פּאַראַכאָדן ניט געקאָנט צוקומען, ווייל די ברעגעס האָבן אויסגעזען, ווי צווי הויכע שטיינערנע ווענט פון אַ טונעל, אָבער אָן אַ דאַך!

איך קאָן נאָך ביז היינט ניט פאַרשטיין, ווי אַזוי דער דניעפּער האָט זיך געקאָנט דורכשלאָגן אַ וועג צווישן אַזעלכע הויכע פעלדזן־ווענט!

נאָך גוט, וואָס די פויערים פון די פליטן, וועלכע האָבן געהאַלטן אין איבערשלעפּן די פּעק מיט די זעק האָבן אונדז געלערנט ווי צו גיין איבער די בערווינעס, מיר זאָלן, חלילה, ניט אַריינפאַלן אין וואַסער אַריין.

ווען מיר זענען שוין געווען אַרויף בשלום אויפֿן נייעם פֿאַראַכאַד, וועל־כער האָט זיך אויסגעדרייט מיט דער נאָז צוריק קיין קיעוו — האָט די מאַמע אַרויסגענומען דעם „קרבן־מנחה" אירן און געבענטשט מיט מיר גומל.

נאָך אַזאַ מין געפּערלעכער „יציאת־מצרים" אויפֿן דניעפּער, וואָלט מיר די מאַמע זיכער געקויפֿט נאָך אַ גלאָז סעמעטשקעס פֿאַר אַ קאָפּיקע, אָבער אויף דעם קיעווער פֿאַראַכאַד האָט מען ניט פֿאַרקויפֿט קיין סעמעטשקעס.

האָב איך זיך צוגעטוליעט צו דער מאַמען מיט איר דיקן „קרבן מנחה" און כ'האָב באַלד דערשפּירט ווי די מאַמע מיינע וויינט.

— וואָס וויינסטו, מאַמעלע, אַ געזונט צו דיר? — האָב איך זי אַ פֿרעג געטאָן, און די מאַמע האָט מיר שטיל־שטיל געענטפֿערט:

— כ'ווייס ניט, קינד מיינס, ס'איז נעבעך אַ רחמנות אויף די קינדער...

ווי עס זעט אויס, האָט זיך די מאַמע פּלוצלונג פֿאַרבענקט נאָך די קינ־דער, וואָס זי האָט איבערגעלאָזט אויף הפֿקר, און ס'האָט איר שוין פֿאַרדראָסן אויף דער גאַנצער רייזע, וועלכע דויערט שוין די צווייטע וואָך.

ווער ווייסט דען, צי דער רייכער קרוב אין קיעוו וועט איר אַרויס־העלפֿן מיטן ביסל נדן פֿאַר איר בת־יחידה, און ווער ווייסט דען, צי די קיעווער פּראָפֿעסאָרן וועלן טאַקע געפֿינען אַ שטיקל תּרופֿה פֿאַר איר מו־זיניק, דעם „פּליאַגע"?

האָט מיך דער מאַמעס צער דורכגענומען אויף דורך און דורך.

ס'איז מיר געוואָרן זייער הייס אין אַלע אברים און ס'האָט זיך באַוויזן בלוט פֿון נאָז.

אין יענע יאָרן פֿלעגט ביי מיר זייער אָפֿט רינען בלוט פֿון נאָז, און ס'איז ניט געווען דערצו קיין שום תּרופֿה.

עטלעכע טראָפּנס בלוט זענען אַריינגערונען אין דער מאַמעס „קרבן מנחה", וואָס איז נאָך געלעגן אין איר שויס.

אַבי דאָס שבתדיקע קלייד, וואָס זי האָט שוין געהאַט אָנגעטאָן צוליב קיעוו, איז ניט פֿאַרבלוטיקט געוואָרן.

אָבער אויפֿן ברעג טייך אין קיעוו האָט זיך די מאַמע דערוואוסט, אַז אַ יידישער מענטש מוז האָבן אין קיעוו „פּראָוואָזשיטעלסטווע" (וואוינרעכט). נאָר גרויסע יידישע סוחרים און בעלי־מלאכות האָבן געקאָנט האָבן וואוינ־רעכט אין קיעוו.

די מאַמע האָט ניט געהאַט ביי זיך קיינע שום דאָקומענטן, אַ חוץ דעם פֿאַרבלוטיקטן „קרבן־מנחה" און דעם „צאינה וראינה", וואָס אויף זייערע

טאָוולען זיינען געווען פֿאַרשריבן די יאָרצייטן פֿון אירע עלטערן און פֿון מיין טאַטן, ע״ה.

האָבן גוטע מענטשן אונדז געעצהט, אַז מיר זאָלן פֿאַרבלייבן ביים ברעג טייך אַזוי לאַנג, ביז דער קרוב אונדזערער וועט אונדז קומען אַפּנעמען.

איינער פֿון די דאָזיקע גוטע מענטשן — אַ גרויסער יידישער וואַלד־סוחר — האָט אונדז צוגעזאָגט איבערצוגעבן דעם קרוב אונדזערן, אַז מיר וואַרטן אויף אים ביים ברעג טייך.

האָבן מיר זיך אַוועקגעזעצט אויף אונדזערע קישנס און קאָלדרעס וואַרטן ביז דער קרוב אונדזערער וועט אונדז אַוועקנעמען פֿון דעם דניעפּער.

די מאַמע האָט ווידער אַמאָל אַרויסגענומען איר „קרבן־מנחה", און איך האָב דערהערט, ווי זי שעפּטשעט מיט פֿייכטגעוואָרענע אויגן:

„על נהרות בבל שם ישבנו גם בכינו"...

ווי ווייט איז דען קיעוו פֿון בבל?

אייזן־וואַטע —

וויפיל נדן די מאַמע האָט געהאַט אויסגעפּועלט ביי אונדזער רייכן קרוב אין קיעוו פאַר דער איינציקער טאָכטער אירער — דער כלה־מויד — וויס איך ניט ביז היינט, אָבער פאַר מיר, דעם „פליאַגע״ אירן, האָט די מאַמע באַקומען אין קיעוו אַזאַ מין וואונדערלעכן הייל־מיטל, וואָס צוליב אים אַליין איז שוין כדאַי געווען דורכצומאַכן אַזאַ לאַנגע און שווערע רייזע, פון וועלכער מיר זיינען קוים־לעבעדיקע געקומען צוריק אַהיים.

דער רייכער קרוב אונדזערער, וועלכער האָט געהאַט אַ גרויס צוקערקע געשעפט אויף דער גרעסטער גאַס פון קיעוו, אויף „קרעשטשאַטיק״, איז טאַקע געקומען אָפּנעמען אונדז פון פאַראַכאַד, אָבער אַנשטאָט צו נעמען אונדז צו זיך אַהיים — האָט ער אונדז גאָר אָוועקגעפירט אויף דער צווייטער זייט דניעפּער אין אַ שטעטל אַזאַ, וואָס הייסט „סלאָבאָדקע״, ווייל אין קיעו גופא, האָט אונדז דער קרוב געזאָגט, האָבן מיר ניט קיין „פּראַוואָזשיטעל־סטווע״ (וואוינרעכט).

איך האָב נאָך דענסטמאָל בשום־אופן ניט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס אַרט עס דעם רוסישן צאַר, ווען אַן אָרימע יידישע אלמנה מיט איר אַכט־יאָריקן מוזיניקל וועלן דורכשלאָפן אַ פאָר נעכט אין קיעוו ביז זיי וועלן פאַרטיק ווערן מיט אַלע זייערע געשעפטן?

איך האָב נאָך דענסטמאָל אויך ניט געקאָנט פאַרשטיין פאַרוואָס אייניקע יידן מעגן יע וואוינען אין קיעוו און אַנדערע יידן טאָרן ניט וואוינען אין קיעוו?

מיר שטאַמען דאָך אַלע פון איין יחוס: פון אברהם, יצחק און יעקב, איז פאַרוואָס, פרעגט זיך, מעג אונדזער קרוב יע וואוינען אין קיעוו און די מאַמע מיינע, וועלכע שטאַמט פון דעם של״ה הקדוש טאָר ניט וואוינען אין קיעוו?

ווען כ׳האָב געבעטן דער מאַמען — זי זאָל מיר דערקלערן דעם שכל פאַרוואָס דער רוסישער צאַר וויל ניט, אַז מיר זאָלן זיין אין קיעוו? — האָט זי מיר געענטפערט, אַז יידן זענען אין גלות און דערפאַר מאַכט מען אין קיעוו אַבלאַווע אויף יידן.

האָב איך זיך שטאַרק געחידושט פֿאַרוואָס ייִדן רייסן זיך דווקא קיין קיִעוו, וואו מען מאַכט אויף זיי אַבלאַוועס, בעת זיי קאָנען דאָך בעסער וואוי־נען אין אונדזערע מקומות, אין דוקאָר, אין סמילעוויטש, אין פּוכאָוויטש, צי אַפֿילו אין מינסק, וואו ס'איז ניטאָ קיין שום גלות.

אויף וויפֿיל איך געדענק זיינען אין אונדזערע מקומות געווען אין גלות די גויים, אָבער ניט די ייִדן, חלילה.

די ייִדן פֿלעגן טראָגן שטיוול און קאַמאַשן, בעת די גויים פֿלעגן טראָגן אָנעטשעס מיט לאַפּטשעס. די ייִדן פֿלעגן טרינקען טיי מיט צוקער, בעת די גויים פֿלעגן טרינקען טיי מיט סאַכאַרין. די ייִדן פֿלעגן עסן יעדן שבת חלה מיט פֿיש און קוגל, בעת די גויים פֿלעגן פֿרעסן שוואַרצן ברויט מיט סאַלע אָדער קרויט מיט חזיר־פֿעטס. ייִדישע קינדער פֿלעגן גיין אין חדר און לערנען תּורה, בעת די שקצים און שיקסעס פֿון אונדזער שטעטל פֿלעגן פּאַשן חזרים אָדער פּיטערן גענדז אויפֿן „סאַנאַזוענץ" (לאָנקע).

איז ווער ביי ועמען, פֿרעגט זיך, געווען אין גלות?

אַפֿילו מאַטרונע די וואַסערטרעגערקע, וועלכע פֿלעגט ריידן אַ געשמאַקן ייִדיש מיט אַ סך לשון־קודשדיקע ווערטלעך פֿלעגט פֿאַר איין שטיקל חלה הייצן ביי אונדז שבת די הרובע, אויסמעלקן די בהמה און צונעמען די לייכ־טער פֿון טיש.

פֿאַרשטיי איך נאָך ניט ביז היינט פֿאַרוואָס ייִדן האָבן זיך געריסן פֿון די שטעטלעך אַזש קיין קיִעוו, צי קיין מאַסקווע, וואו מען פֿלעגט אויף זיי מאַכן אַבלאַוועס און שיקן זיי נאָך דעם מיטן עטאַפּ צוריק אַהיים?

ווען איך האָב אַ פֿרעג געטאָן דעם רייכן קרוב אונדזערן פֿאַרוואָס אויף איין ברעג דניעפּער, אין קיִעוו, טאָרן ייִדן ניט וואוינען און אויף דעם צווייטן ברעג דניעפּער, אין סלאָבאָדקע, מעגן שוין ייִדן יאָ וואוינען?

האָט ער מיר געענטפֿערט, אַז סלאָבאָדקע געהערט שוין צו אַן אַנדער גובערניע, צו טשערניגאָווער, און דעריבער מעגן שוין אין סלאָבאָדקע ייִדן יע וואוינען.

דער דאָזיקער ענטפֿער האָט מיך ניט צופֿרידנגעשטעלט, ווייל כ'האָב ניט געזען קיין שום אונטערשייד צווישן איין גובערניע און דער צווייטער. סיי דער קיִעווער ברעג דניעפּער און סיי דער טשערניגאָווער ברעג דניעפּער האָבן געהאַט די זעלביקע ביימער, ווי אויך אַפֿילו — די זעלביקע מענטשן.

אמת, איך האָב דערזען אין סלאָבאָדקע אַזעלכע מאָדנע מענטשן, וואָס בייטאָג פֿלעגן זיי לעבן אין קיִעווער גובערניע און ביינאַכט — אין טשער־ניגאָווער.

ווי עס זעט אויס, האָבן די דאָזיקע מענטשן אויך ניט געהאַט קיין וואוינרעכט אין קיעוו — פֿלעגן זיי קומען נעכטיקן אין אונדזער סלאָבאָדקער אכסניה.

פֿלעגט יעדן אָוונט ווערן אין דער אכסניה זייער פֿריילעך, אָבער זייער ענג. מען פֿלעגט שלאָפֿן צו צוויי אין אַ בעט און צו צען אין אַ צימער. האָט מיך שטאַרק פֿאַרדראָסן, וואָס די באַלעבאָסטע פֿון דער אכסניה האָט מיך נאָך ניט געהאַלטן פֿאַר קיין מאַנספּאַרשוין און זי האָט מיך אוונגעלייגט אין דעם ווייבערשן צימער מיט דער מאַמען אין איין בעט.

ווי עס זעט אויס זיינען אויך די אַנדערע ווייבער געווען אלמנות ווי די מאַמע מיינע, און אויך זיי זיינען געקומען, מסתמא, צו זייערע רייכע קרובים אין קיעוו בעטן נדן פֿאַר זייערע טעכטער, צי אפֿשר גאָר פֿאַר זיך אַליין.

אייניקע פֿון די ווייבער זיינען נאָך געווען גאַנץ יונג און זיי האָבן גע־האַלטן אין איין פּלוידערן וועגן „אָבלאַוועס” און חתנים.

פֿאַרוואָס מען מאַכט אויך „אָבלאַוועס” אויף חתנים — האָב איך נאָך דעמאָלט ניט געקאָנט פֿאַרשטיין.

האָט מיר די מאַמע אָנגעזאָגט, אַז איך זאָל זיך בעסער ניט צוהערן צו די ווייבערשע רייד, וואָס זיי ריידן, ווייל ס׳איז ניטאָ וואָס אָנצונעמען.

אָבער שלאָפֿן אין דער אכסניה האָט מען סיי־ווי ניט געקענט. ס׳זיי־נען אונדז באַפֿאַלן אַלע וואַנצן פֿון טשערניגאָווער גובערניע און מ׳האָט גע־האַלטן אַ גאַנצע נאַכט אין איין מאַכן „אָבלאַוועס” אויף זיי.

האָב איך אָנגעהויבן בעטן ביי דער מאַמען, אַז מיר זאָלן שוין בעסער פֿאָרן צוריק אַהיים.

אמת, אויך אין דער היים ביי אונדז זיינען געווען וואַנצן, אָבער היי־מישע, אייגענע און זיי האָבן ניט אַזוי שטאַרק געביסן ווי די טשערניגאָווער.

האָבן מיר זיך קוים דערוואַרט אויף דעם נייעם טאָג, ווען ס׳איז געקומען אונדזער קרוב נעמען אונדז קיין קיעוו צו איינעם אַ באַרימטן פּראָפֿעסאָר, וועלכער וועט אפֿשר געפֿינען אַ שטיקל תּרופֿה צו אַלע מיינע מחלות.

דער קרוב האָט געבראַכט פֿאַר מיר עטלעכע קעסטלעך מיט פֿאַרשיי־דענע מינים צוקערקעס און איריסן, וואָס אַזעלכע פֿיינע זאַכן זעט מען גאָר ניט אין אונדזערע מקומות.

צום באַרימטן פּראָפֿעסאָר זיינען מיר געפֿאָרן מיט אַזאַ מין וואָגאָן, וואָס איז ניט קיין „קאָנקע” און ניט קיין „פֿאַיעזד”.

ווען ס'וואָלט געווען אַ „קאָנקע", וואָלטן זי דאָך געשלעפּט צוויי פערד, ווען ס'וואָלט געווען אַ „פאַיעזד", וואָלט אים דאָך געפירט אַ לאָקאָמאָטיוו.

האָט מיר דער קרוב אונדזוערער דערקלערט, אַז ס'איז אַזאַ מין טראַמ־וויי, וואָס גייט מיט עלעקטריע.

אָבער וואָס איז אַזוינס עלעקטריע האָט אַפּילו די מאַמע מיינע ניט געוואוסט.

נאָך גוט, וואָס דער טראַמוויי האָט געהאַט גרויסע, ליכטיקע שויבן און פאַרנדיק צום פּראָפעסאָר האָב איך געקאָנט זען גאַנץ קיעוו.

ס'איז אַ שטאָט פון הוילע קלויסטערס און קראָמען.

אסור אויב איך ווייס צו־וואָס דאַרף אַזאַ שטאָט ווי קיעוו, וואו יידן טאָרן ניט וואוינען, אַזוי פיל קלויסטערס מיט קראָמען.

קלויסטערס זיינען גוט פאַר יידן, ווייל וואו נאָר אַ קלויסטער קומט פאַר יעדן זונטיק אַ יאַריד און יידן ציען חיונה פון די פויערים. אָבער, אַז קיין יידן זיינען ניטאָ — איז ווער האַנדלט אויף די יאַרידן און ווער שטייט אין די קראָמען?

האָט זיך מיר שטאַרק געגלוסט פרעגן דעם קרוב אונדזערן ווי אַזוי אַזאַ גרויסע שטאָט ווי קיעוו קומט אויס אָן יידן. אָבער דער קרוב איז גע־ווען שטאַרק פאַרטיפט אין אַ שמועס מיט מיין מאַמען און כ'האָב זיי ניט געוואָלט איבעררייסן.

כ'האָב פאַרשטאַנען, אַז די מאַמע קלאָגט אויס פאַר אים איר פאַרבי־טערט אלמנה־האַרץ און אַז סע רעדט זיך וועגן דער עלטערער שוועסטער מיינער, וואָס קלייבט זיך חתונה האָבן מיט אַ פעטער פון בערעזין.

אָבער דער מאַמעס הויפּט־קלאָג איז גאָר געווען דער מיזיניק אירער, וואָס אַלע דאָקטוירים זאָגן אים אָפּ דאָס לעבן, און איר איינציקע האָפענונג איז דער קיעווער פּראָפעסאָר, וועלכער ווייזט, זאָגט מען, וואונדער.

זיינען מיר טאַקע ענדלעך אָנגעקומען צום באַרימטן פּראָפעסאָר, וואָס איז געווען, לאָזט זיך אויס, אַ ייד מיט אַ לאַנגער גרויער באָרד ווי ביי אברהם אבינו, אָבער גערעדט האָט ער גאָר רוסיש.

האָט דער רוסישער אברהם אבינו באַפוילן מיין מאַמען מיך אויס־צוטאָן מוטער־נאַקעט, ווי כ'וואָלט געווען יצחק, וועלכן מען פירט צו דער עקדה. איז מיך באַפאַלן אַ גרויסער פחד. ס'האָט זיך מיר פאַרגלוסט וויינען, אָבער איך האָב זיך געשעמט פאַרן פּראָפעסאָר צו וויינען. האָט מיר ס'גאַנצע בלוט מיינס אַ שפּאָר געטאָן אין קאָפּ אַריין און ס'האָט זיך באַוויזן בלוט פון נאָז.

האָט זיך מיין מאַמע דערמאָנט, אַז אַ חוץ אַלע מיינע הויט־מחלות רינט ביי מיר גאַנץ אָפט בלוט פון נאָז און זי האָט אַ פרעג געטאָן דעם פּראָפעסאָר צי ס'איז פאַראַן קעגן דעם אַ וועלכע ניט איז תּרופה.

איז דער פּראָפעסאָר צוגעגאַנגען צו איינער אַ שאַפקעלע, וואו עס זיינען געשטאַנען אַ סך פלעשלעך און סלאָיטשיקלעך מיט רפואות, מיט וואַטע און מאַרליע. האָט ער פון איינעם אַ סלאָיטשיק אַרויסגעצויגן אַ שטיק געלע וואַטע, וואָס האָט אויסגעזעען צו זיין ווי פאַרזשאַווערט און ער האָט מיר איינעם אַ שטיקל וואַטע אַריינגעשטעקט אין נאָז אַריין.

וואונדער איבער וואונדער! דאָס בלוט פון נאָז האָט זיך באַלד אָפּגעשטעלט.

האָט די מאַמע אַ פרעג געטאָן דעם פּראָפעסאָר וואו מען קאָן קריגן אַזאַ מין וואונדער־וואַטע. האָט איר דער פּראָפעסאָר געענטפערט, אַז אין יעדער אַפטייק קאָן מען באַקומען די דאָזיקע וואַטע. זי הייסט „אייזן־וואַטע" (האָט איר געהערט אַמאָל, אַז מען זאָל פון אייזן מאַכן וואַטע?).

— און וואָס איז מיט די אַנדערע מחלות זיינע? — האָט די מאַמע ווייטער געפרעגט.

— צו די אַנדערע מחלות זיינע איז פאַראַן נאָר איין מיטל — אַריינלייגן אים אויף אַ יאָר צייט אין אַ הויט־קליניק וואו מען וועט אים היילן מיט עלעקטריע.

האָט זיך פלוצלינג די מאַמע פאַנאַנדערגעוויינט.

וואָס וויינסטו, יידענע? — האָט דער פּראָפעסאָר אַ פרעג געטאָן פאַרחידושט.

— ווי זאָל איך ניט וויינען, הער פּראָפעסאָר, אַז ער איז מיר ווי אַן אויג אין קאָפּ, דער פּליאַגע מיינער. איך קאָן זיך מיט אים ניט שיידן אַפילו אויף אַ מינוט. ווען איך זאָל אים, חלילה, מוזן אָפּגעבן אויף אַ יאָר צייט אין אַ קליניק — וועל איך דאָך שטאַרבן פאַר בענקשאַפט נאָך אים. און וואו קאָן איך, אַ וויסטע אלמנה, נעמען אַזויפיל געלט אויף צו האַלטן אים אין אַ שפּיטאָל? אין אונדזער שטעטל איז אַפילו ניטאָ קיין פעלדשער אויף אַ רפואה — האָט זיך די מאַמע פלוצלונג פאַנאַנדערגעהעשעט. ווען כ'שרעק זיך ניט פאַר דעם פּראָפעסאָר וואָלט איך מיטגעוויינט מיט דער מאַמען.

דער גוטער פּראָפעסאָר האָט באַלד באַנומען דער מאַמעס געווין, כאָטש זי האָט געוויינט אויף יידיש, און ער האָט איר געגעבן שמעקן פון אַ פלעשעלע אַזעלכע חלשות־טראָפּנס, וואָס מ'שמעקט יום־כיפור פאַר נעילה.

ווען די מאַמע האָט זיך געהאַט אַ ביסל באַרואיקט, האָט ער איר גע־הייסן אָנטאָן אויף מיר די קליידער מיט די שיך, וואָס זיינען גאָר ניט געווען מיינע קליידער און מיינע שיך. דאָס זיינען געווען די קליידער און די שיך פֿון מיין עלטערן ברודער, פֿון באַניען (ב. וולאַדעק ע"ה), וועלכער האָט געהאַט אַ טבע אַרויסצואוואַקסן אַלע ווײַלע פֿון זיינע קליידער און שיך.

אָבער די מאַמע האָט מיר געהאַט צוגעזאָגט, אַז אויב נאָר זי וועט באַ־קומען ביים רייכן קרוב אין קיעוו אַ גוטן צושטייער צום נדן פֿאַר מיין שוועסטער, די כלה־מויד, וועט זי מיר דעמאָלט אויפֿנייען צו דער שוועס־טערס חתונה אַן אייגענעם בגד און אויך מאַכן פֿאַר מיר פערזענלעך אַ פּאָר אייגענע שיך מיט „סקריפּקעס".

ווי עס זעט אויס איז דעם קרובס צושטייער אויף מיין שוועסטערס חתונה ניט געווען אַזוי גרויס, אַז די מאַמע זאָל מיר קאָנען מאַכן אַן איי־גענעם בגד מיט שיך, אָבער דערפֿאַר האָט דער קרוב איינגעקויפֿט פֿאַר מיר אין קיעוו אַ גאַנצן פֿונט „אייזן־וואַטע", און ווען איך האָב זיך אומגעקערט נאָך דער שווערער און לאַנגער רייזע מיט דער מאַמען צוריק אַ היים, בין איך געוואָרן אין דוקאַר אַ גאַנצער פּראָפֿעסאָר.

ווי נאָר עמיצער אין שטעטל פֿלעגט זיך, חלילה, איינשניידן אַ האַנט צי אַ פֿוס, פֿלעגט מען גלייך קומען צו מיר נאָך אַ שטיקל אייזן־וואַטע.

מען פֿלעגט שוין ניט דאַרפֿן מער אַנקומען צו די פֿאַרשטויבטע שטיקער שפּינוועבס מיט וועלכע מען פֿלעגט געוויינלעך צודעקן אַ בלוט־וואונד.

כ'האָב אַפֿילו געהאַט פּרובירט איינמאָל אַריינצושטעקן אַ שטיקל אייזן־וואַטע אין דעם נעזל פֿון אונדזער סאַמאָוואַר־קראַן, וועלכער האָט געהאַלטן אין איין רינען, אָבער עס האָט ניט געהאָלפֿן.

איך ווער דער קיסר פון שטעטל —

נאָך מיין ערשטער „וועלט־רייזע“ פון דוקאַר ביז קיעוו זיינען מיינע אַקציעס אין חדר שטאַרק געשטיגן.

איך האָב שטענדיק געהאַט אַ פולן מויל מיט מעשיות וועגן די אַלע איבערלעבונגען מיינע אויף די טייכן בערעזינאַ און דניעפער און וועגן קיע־ווער טראַמוואַי, וועלכער גייט אינמיטן גאַס נאָר מיטן כוח פון עלעקטריע, אָן קיין שום פערד.

אַפילו שמואל דער מלמד אַליין, אונדזער רבי, וועלכער האָט מיט אונדז אַריינגעקנעלט די גמרא „ביצה“ מיט אַ טייטל, פלעגט אַפטמאָל אוועק־לייגן דעם טייטל אָן אַ זייט און אַ זאָג טאָן צו מיר זייער פאַמעלעך:

— נו, דאַניע, דערצייל אונדז היינט ווי די מאמע דיינע האָט גע־בענטשט ליכט אינמיטן וואַלד.

די יינגלעך אָבער פלעגן זיך אָנהייבן בעטן ביים רבין, איך זאָל בעסער דערציילן ווי מען האָט אַרונטערגעשלעפט פון זאַמד די „טיאָטיאַ פאַניע“ פאַר דער נאָז.

אַנדערע יינגלעך פלעגן צושטיין צו מיר — כ׳זאָל זיי בעסער פאַר־זינגען „לכה דודי“ מיטן „טשיריבירים״, וואָס איך האָב זיך אויסגעלערנט אויף די פאַראַכאָדן.

פלעגט ווערן אין חדר אַ גרויסע טומלעניש און דינגעניש — ביז דער רבי פלעגט מאַכן אַ פשרה, אַז איך זאָל שוין בעסער דערציילן ווי סע גייט אין קיעוו אַ „קאָנקע“ אָן פערד.

— אַ „קאָנקע“ אָן פערד הייסט אין קיעוו ניט קיין „קאָנקע“, נאָר אַ טראַמוואַי, — פלעג איך אויסבעסערן מיין רבין, — און אַ טראַמוואַי גייט אויף שינעס, אַדער רעלסן, פונקט ווי אַ פאַיעזד, נאָר אָן אַ לאָקאָמאָטיוו.

— און ווי גייט אַ פאַיעזד? ביזט דאָך שוין געפאָרן אויף אַ פאַיעזד אויך! — פלעגן מיך די קינדער ציען פאַר דער צונג.

— אַ פאַיעזד גייט אויף פאַרע, ווי אַ פאַראַכאָד, דערפאַר טאַקע הייסט דער לאָקאָמאָטיוו „פאַראַוואָז“! — פלעג איך ענטפערן, ווי אַ גרויסשטאָטי־שער מענטש, וועלכער ווייסט שוין פון די אַלע זאַכן.

— נו, און ווי גייט אַ פאַראַכאָד? ביזט דאָך שוין געפאָרן אויף אַזויפיל פאַראַכאָדן, דאַניע! — פלעגט שוין דער רבי אַליין מיר צוגעבן חשק צו דער־

ציילן ווייטער וועגן די אַלע גרויסע וואונדערס, וואָס איך האָב זיך געהאַט אָנגעזען אויף מיין לאַנגער רייזע.

— אַ פּאַראַכאַד, רבי, גייט שוין גאַנץ פּשוט, ווי סע גייט ישיבה דעם מילנערס וואַסער־מיל. ווען מ׳עפּנט די „זאַסטאַווקעס", הייבט אָן דאָס וואַסער צו קלאַפּן אויף די לאָפּעטקעס פון זיער גרויטער מיל־ראָד און די ראָד הייבט זיך אָן צו דרייען פון זיך אַליין. אַ פּאַראַכאַד, רבי, האָט צוויי מיל רעדער, אָנשטאָט איינער, און ווען די לאָפּעטקעס פון דיביידע רעדער הייבן אָן צו פּאַטשן דאָס וואַסער, שווימט ער דענסטמאָל אַוועק, דער פּאַראַכאַד, ווי אַן ענטל אין מיטן טייך אַריין!

— קוק נאָר אָן דעם „פליאַגע", ווי ער ווייסט שוין אַלץ — פלעגט שמואל מלמד אַ זאָג טאָן מיט גרויס התפעלות צו דער וויב זיינער, און מיך אַ גלעט טאָן איבערן קעפּל מיט גרויס ליבשאַפט.

די קינדער פלעגן בלייבן זיצן פאַרגאַפטע און וואַרטן אויף מיינע ווייטערדיקע מעשיות.

אָבער דער רבי פלעגט זיך פּלוצלינג דערמאָנען, אַז מיר מוזן נאָך היינט פאַרענדיקן דעם בלאַט גמרא און נעמענדיק דעם טייטל אין האַנט אַריין פלעגט ער צו אונדז אַ קאָמאַנדעווע טאָן:

— נו, קינדער, לאָמיר אָנהייבן פון אָנהויב:

„ביצה שנולדה ביום־טוב" — אַן איי, וואָס איז געבוירן געוואָרן אום יום־טוב — „בית שמאי אומרים: תאכל" זאָגט בית שמאי, אַז מען מעג זי עסן און „בית הלל אומרים: לא תאכל", און בית הלל זאָגט, אַז מען טאָר זי ניט עסן.

— און ווי איז, רבי, אַז אַן איי ווערט געבוירן אום שבת — מעג מען זי עסן? — האָב איך איבערגעשלאָגן דעם רבין מיט אַ שאלה.

— שבת איז נאָך מער ווי יום־טוב, קינד מיינס, — האָט מיר דער רבי געענטפערט, — אויף שבת האַלט זיך די וועלט!

— אָבער אַנטקעגן וואָס פרעגסטו דאָס? — האָט מיך דער רבי פּלוצלינג אַ פרעג געטאָן, וויסנדיק אין פאַרויס, אַז וויבאַלד איך פרעג עפּעס, מסתמא קוועטש מיך עפּעס.

— איך פרעג דאָס אַנטקעגן דעם, רבי, וואָס גראַד היינטיקן שבת האָט אונדזער הון געלייגט אַן איי, האָב איך זי געוואָלט אויסטרינקען כל־זמן זי איז נאָך וואַרעם, ווייל דער קיעווער פּראָפעסאָר האָט אָנגעזאָגט דער מאַמען, אַז איך מוז עסן אייער פון אונטער דער הון, אָבער דער עלטערער ברודער מיינער, מוליע, האָט געזאָגט דער מאַמען, אַז די איי קען מיר נאָך,

חלילה, פֿאַרשאַטן, ווייל בית הלל איז קעגן דעם מ׳זאָל עסן אייער וועלכע ווערן געבוירן אום שבת צי אום יום־טוב...

— נו, מיין קינד, וויבאַלד די איי איז פֿאַר דיר אַ רפֿואה, מעגסטו זי עסן אַפֿילו אום שבת אויך, ווייל „פּיקוח נפֿש דוחה שבת", האָט געפּסקנט מיין רבי ר׳ שמואל.

האָב איך זיך דערפֿילט ווי אויפֿן זיבעטן הימל, וואָס דער רבי איז אויף מיין צד און ניט אויפֿן צד פֿון מיין עלטערן ברודער, פֿון מוליען, וועלכער האָט שוין געהאַט געלערנט אַ סך זמנים ביי ר׳ אשר מלמד און שוין גע־קענט מסתמא אויף אויסווייניק גאַנץ „קדושין" און „גיטין", כאָטש ער איז נאָך געווען פֿאַר בר־מצוה...

אויך די חדר־ייִנגלעך זיינען געוואָרן שטאַרק צופֿרידן, וואָס דער רבי איז אויף מיין צד און זיי האָבן באַשלאָסן מיך אויסצוקלייבן פֿאַר זייער קיסר.

יעדער חדר ביי אונדז אין שטעטל האָט געמוזט האָבן זיין אייגענעם קיסר, כדי מיר זאָלן קענען פֿירן מלחמות צווישן זיך.

דער קיסר אַליין גייט דאָך ניט אין שלאַכט אַריין. ער דאַרף נאָר קענען קאָמאַנדעווען מיט זיינע חיילות און די קינדער איז זייער געפֿעלן געוואָרן ווי איך שריי: „פּראַוואָ", „ליעוואָ" רעכטס, לינקס, אָט פּונקט ווי דער קאַפּיטאַן פֿון דעם פּאַראַכאַד „טיאָטיע פּאַניע", ווען מיר האָבן זי געמוזט אַרונטערשלעפּן פֿון זאַמד אין וואַסער אַריין.

מען האָט מיך אויסגעקליבן פֿאַר אַ קיסר אויך נאָך צוליב דעם, ווייל איך האָב פֿאַרמאָגט אַזאַ מין וואונדער־וואַטע (די אַזויגערופֿענע „אייזן־וואַטע" פֿון קיעוו), וואָס שטעלט אָפּ אַלע בלוטן. איז ווי נאָר אַ סאָלדאַט פֿון מיין אַרמיי פֿלעגט, חלילה, ווערן פֿאַרוואונדעט אין די שלאַכטן מיט די חיילות פֿון די אַנדערע חדרים, פֿלעג איך אים קענען גלייך אויסהיילן מיט דער געלער וואַטקע, וועלכע כ׳פֿלעג שטענדיק האַלטן ביי זיך אין קעשענע.

אויסער די דאָזיקע מעלות, צוליב וועלכע שמואל מלמדס חדר האָט מיך געהאַט געקרוינט פֿאַר זיין קיסר. האָב איך נאָך געוואוסט אַ סוד אַזאַ, ווי אַזוי צו מאַכן אייגענע האַרמאַטן, וואָס די קיסרים פֿון די אַנדערע חדרים האָבן בשום־אופֿן ניט געקענט מאַכן.

דער דאָזיקער האַרמאַט מיינער האָט געהאַט דענסטמאָל איבערגעשראָקן די אַלע קיסרים פֿון די אַנדערע חדרים נאָך מער ווי די איצטיקע אַטאָם־באָמבע האָט איבערגעשראָקן די אַלע מלוכות, וועלכע האָבן זי נאָך ניט.

דעם קונץ ווי צו מאַכן אייגענע האַרמאַטן האָט מיך אויסגעלערנט איינער אַ חברה־מאַן וואָס איז געפאָרן מיט אונדזער פאַראַכאַד פון סוויס־לאָוויטש קיין לאַיעוו עסן טעג ביי רייכע קרובים.

ער האָט געפירט מיט זיך אַ שליסל פון אַן אַלמער, אַ פעקל שווע־בעלעך מיט אַ שטיק וואַטע. פלעגט ער אין דעם לאָך פון שליסל אַריינ־קוועטשן ביי פיר־פינף קעפּלעך פון די שוועבעלעך און נאָך דעם פלעגט ער דעם שליסל־לאָך גאַנץ שטייף פאַרשטאָפּן מיט וואַטע.

— איצטער, — זאָגט מיר דער חברה־מאַן, — איז שוין דער האַר־מאַט פאַרטיק. מען דאַרף נאָר אונטערלייגן פייער.

האָט ער אָנגעצונדן אַ שוועבעלע און אָנגעהויבן וואַרעמען דעם שליסל מיטן „פולווער". עס האָט ניט לאַנג געדויערט און דער שליסל האָט געגעבן אַ שאָס אַרויס פון זיך דעם שטיק וואַטע, ווי ס'וואָלט געווען אַן אמתע קויל.

פון דעם אומגעריכטן קנאַל אויפן פאַראַכאַד האָבן זיך אַלע ווייבער שטאַרק איבערגעשראָקן און מיין מאַמע האָט שוין אָנגעהויבן צו שרייען: „דאָניע, דאָניע, וואו ביזטו?"

האָב איך באַרואיקט דער מאַמען מיינער, אַז ס'איז גאָרניט, ס'איז אַ שפּיל אַזאַ, וואָס דער סוויסלאָוויטשער ישיבה־בחורל שפּילט זיך מיט מיר.

שפּעטער אַביסל האָב איך דעם בחורל אַ פרעג געטאָן צו וואָס ער דאַרף האָבן אַזאַ געפערלעכע שפּיל, האָט ער מיר דערקלערט, אַז וויבאַלד ער פאָרט אין אַ נייער ישיבה עסן טעג, מוז מען פאַר די ישיבה־בחורים ברענגען עפּעס אַ נייעם קונץ, אַניט נעמען זיי ניט אַריין אין חברה און גיבן פעטש.

אַזוי אַרום האָב איך זיך אויסגעלערנט דעם גרויסן קונץ צו מאַכן אייגענע האַרמאַטן, און דאָס איז מיר שטאַרק צוניץ געקומען, ווען כ'בין געוואָרן קיסר פון שמואל מלמדס חדר.

איך האָב אַלע מיינע סאָלדאַטן באַוואָפנט מיט די שליסל־האַרמאַטן און ווי נאָר די שונאים אונדזערע פון אַריה לייבס חדר האָבן געהאַט דער־הערט די קנאַלעריי פון אונדזער הייסן געווער, זיינען זיי זיך צעלאָפן אין זייערע באַהעלטענישן און דער קיסר פון אריה לייבס חדר האָט זיך תיכף אונטערגעגעבן.

ער האָט מיר געהאַט אָנגעבאָטן פינף קנעפּלעך און פינף פענעס פאַר דעם סוד פון מיינע האַרמאַטן, אָבער כ'האָב גענומען אַ שבועה ביי מיין גאַנצער אַרמיי, אַז מען זאָל בשום־אופן ניט אַרויסגעבן דעם סוד פון אונדזער נייעם געווער.

לאָזט זיך אָבער אויס, אַז אויך אין די אַמאָליקע צייטן זיינען שוין גע־ווען שפּיאָנען און פּראָוואָקאַטאָרס, וועלכע פלעגן זיך פֿאַרקויפֿן צו פֿרעמדע מלוכות און אין עטלעכע טעג אַרום האָט שוין אויך אריה לייבס חדר אָנגע־הויבן צו שיסן מיט די שליסל־האַרמאַטן.

אין איין וואָך זיינען פֿון אַלע דוקאָרער אַלמערס און שופֿלאַדן פֿאַר־שוואונדן געוואָרן אַלע שליסלען, און אין די פּאָר קראָמען פֿון שטעטל איז געוואָרן אַן אויסכאַפּעניש אויף שוועבעלען.

אין די פֿיר חדרים פֿון דוקאָר זיינען געווען ביי פֿערציק־פֿופֿציק תּלמידים און יעדער איינער האָט געוואָלט האָבן זיין אייגענעם האַרמאַט.

מען האָט אויך אָנגעהויבן האַנדלען מיט האַרמאַטן, ווייל ניט אַלע ייִנגלעך האָבן געקענט גנבענען ביי די מאַמעס זייערע שליסלען.

איז געוואָרן אין שטעטל אַ גרויסע מהומה. די ווייבער האָבן געטענהט, אַז זיי קענען ניט עפֿענען די שופֿלאַדן זייערע, די מלמדים האָבן געטענהט, אַז די קינדער קענען נאָך אָנמאַכן, חלילה, אַ שריפֿה אין שטעטל, האָט מען אונדז, קינדער, אַזוי לאַנג געיאָדעט און געמוסרט, ביז אַלע פֿיר קיסרים פֿון די פֿיר חדרים האָבן זיך באַגעגנט אויף אַן אסיפֿה (איצטער רופֿט מען דאָס קאָנפֿערענץ) און מיר האָבן באַשלאָסן צו אַנטוואָפֿענען אונדזערע אַר־מייען (הלוואַי אויף דער „יו־ען" געזאָגט געוואָרן), און כמעט אַלע שליס־לען האָבן זיך אומגעקערט צו זייערע אַלמערס און שופֿלאַדן. מער ניט, די קיסרים אַליין זיינען פֿאַרבליבן ביי זייערע האַרמאַטן, ווייל אַ קיסר אָן כּלי־זיין איז דאָך גאָר קיין קיסר ניט!

איך האָב אָבער געוואָרנט די אַנדערע דריי קיסרים, אַז אויב עמיצער פֿון זיי וועט ניט האַלטן אונדזער אָפּמאַך, וועל איך דענסטמאָל אָנשטאָפּן מיין שליסל־האַרמאַט ניט מיט פּשוטער וואַטע, נאָר מיט מיין באַרימטער „אייזן־וואַטע" פֿון קיעוו און דענסטמאָל וועט שוין מיין האַרמאַט שיסן מיט אמתן אייזן!

אַזוי אַרום בין איך נאָך אַלץ פֿאַרבליבן דער שטאַרקסטער קיסר אין גאַנץ דוקאָר און אַלע האָבן פֿאַר מיר מורא געהאַט!

פּאַסירט אָבער מיט מיר איינמאָל אַן אומגליק און די מאַמע נעמט דעם „קיסר" אירן אין מרחץ אַריין. ,

ווי עס זעט אויס, האָט איר דער קיעווער פּראָפֿעסאָר געהאַט אָנגעזאָגט, אַז זי מוז מיך פֿון צייט צו צייט גוט אַרומוואַשן, כּדי דער סקראָפֿל אויף מיין לייב זאָל ניט גיין ווייטער.

איז וואו קען אַן אָרימע אלמנה אַרומוואַשן דעם יתומל אירן, אויב ניט אין דער וויבערשער באָד?

האָט מיך די מאַמע אין איינעם אַ פרייטיק בייטאָג, ווען אַלע דוקאָרער ווייבער און מיידלעך גייען אין מרחץ אַריין, מיך מיטגענומען „אַהינצו", און פון דענסטמאָל אַן בין איך געוואָרן אויס קיסר!

שוין פרייטיק צו מנחה האָבן אַלע יינגלעך אין שול געוואוסט, אַז איך בין געווען אין דער וויבערשער באָד און כ'האָב באַלד דערהערט נייע צו־נעמעניש: „דאָניע די יידענע", „דאָניע מיט די ווייבער!"...

יענעם שוואַרצן פרייטיק ווער איך קיינמאָל אין מיין לעבן ניט פאַר־געסן!

איך בין געוואָרן ביי די יינגלעך אויס קיסר און אויס מאַנספאַרשוין.

ס'האָט אַפילו ניט געהאָלפן מיין שבועה, אַז כ'האָב אין דער ווייבער־שער באָד לחלוטין גאָרניט ניט געזען. ערשטנס, איז דאָרטן געשטאַנען אַזאַ געדיכטע פאַרע, וואָס האָט אַלץ פאַרשטעלט. און צווייטנס האָט מיר די מאַ־מע אָנגעזאָגט, כ'זאָל האַלטן צוגעמאַכט די אויגן, ווייל דער גרינער זייף קען מיך נאָך, חלילה, בלינד מאַכן...

איצטער אָבער בין איך זיך מודה, אַז כ'האָב דענסטמאָל פאַלש גע־שוואוירן (וואָס טוט ניט אַ קיסר כדי צו ראַטעווען זיין טראָן?). כ'האָב דווקא יע געזען אַלץ וואָס עס טוט זיך אין דער וויבערשער באָד, כאָטש דער גרי־נער זייף האָט ווירקלעך שוין צו־שטאַרק געביסן מיינע נייגעריקע אויגן.

כ'האָב, נעמלעך, דערזען, אַז אויך אַפילו די מיידלעך פון דוקאָר האָבן שוין, ווי אַלע ווייבער צוויי בריסט, וואָס זעען אויס, ווי גוט־אויפגעגאַנגענע חלות מיט ראָזשינקעס אין דער מיט.

האָב איך שוין פון דענסטמאָל אָן אָנגעהויבן יעדן פרייטיק צושטיין צו דער מאַמען, אַז זי זאָל פאַר מיר אויסבאַקן צוויי קליינע חלהלעך מיט ראָ־זשינקעס אין דער מיט און כ'וועל איבער זיי מאַכן קידוש, ווי אַ גרויסער.

וואָס אַ צעלאָזענעם יינגל קאָן אַלץ איינפאַלן!



דאָס הויז וואו די טשאַרניס זענען געבוירן געוואָרן

די גרויסע גנבה —

די גנבים פֿון אונדזערע מקומות האָבן געהאַט דערשמעקט, אַז די מאַמע מיינע איז געפֿאָרן אַזש קיין קיעוו צו אַ רייכן קרוב — האָט זי דאָך אַוודאַי געבראַכט אַ פֿולן שפּייכלער מיט סחורה און ס'איז שוין כדאַי אונדז צו באַגנבֿענען.

דער ערשטער, וואָס האָט באַמערקט די גנבה, איז געווען דער פּאַסטוך פֿון אונדזער שטעטל. דער פּאַסטוך פֿלעגט אַ בליאַסק אויף טאָג זיך אַוועקשטעלן אין מיטן מאַרק און אָנהייבן טרובען אין זיין בלעכענער טרובע אַריין, אַז די ווייבער זאָלן וואָס גיכער אויסמעלקן די בהמות, ווייל ער דאַרף זיי טרייבן אין פֿעלד אַריין.

ווי נאָר די מאַמע מיינע פֿלעגט דערהערן דעם פּאַסטוכס טרובע, פֿלעגט זי אויף גיך אָפּגיסן נעגל־וואַסער און אַוועקגיין מיט דער דאָנעטשקע אין שטאַל אַריין אויסמעלקן די בהמה.

וויפֿל מאָל כ'האָב זיך געהאַט געבעטן ביי דער מאַמען זי זאָל מיך אויפֿוועקן ווען דער פּאַסטוך טרובעט, ווייל כ'וויל איינמאָל זען ווי עס גייט אויף די זון פֿון יענער זייט וואַלד. אָבער די מאַמע האָט מיך קיינמאָל ניט אויפֿגעוועקט.

האָט אָבער אין איינעם אַ זומערדיקן פֿאַרטאָג די מאַמע אויפֿגעהויבן פּלוצלונג אַזאַ מין געשריי אין הויז, אַז אַלע קינדער זיינען אַרויסגעשפּרונגען פֿון די בעטן זען וואָס די מאַמע שרייט.

האָבן מיר דערזען, אַז די מאַמע שטייט אין מיטן שטוב מיט דער דאָנעטשקע אין האַנט און גוואַלדעוועט, אַז מען האָט אונדז באַגנבֿעט פֿון קאָפּ ביז די פֿיס.

לאָזט זיך אויס, אַז די ביידע טירן פֿון הויז זיינען געווען פֿאַרקלאַפּט פֿון דרויסן מיט פֿלעקער — מען זאָל זיי פֿון אינעווייניק ניט קענען עפֿענען.

דער פּאַסטוך, וואָס האָט דער ערשטער געהאַט באַמערקט די פֿלעקער אין אונדזערע טירן, האָט אָנגעהויבן צו טרובען ביי די פֿענצטער פֿון אונדזער הויז און אָנגעזאָגט דער מאַמען — זי זאָל אַ קוק טאָן וואָס ביי אונדז אין שפּייכלער טוט זיך?

ווען די מאַמע האָט אַ קוק געטאָן וואָס אין שפּייכלער טוט זיך, איז איר פּינצטער געוואָרן אין די אויגן און זי האָט אָנגעהויבן צו גוואַלדעווען, ווי צו אַ שׂריפה.

דער פּאַסטוך האָט מיט גרויס מאַטערניש אַרויסגעשלעפּט די פּלעקער פון די דרויסנדיקע קליאַמקעס און ערשט דענסטמאָל האָבן מיר זיך אַרויס־געכאַפּט דרויסן אַ קוק טאָן ווי אַזוי די גנבים האָבן זיך אַריינגעבאַקומען אין אונדזער שפּייכלער.

האָבן מיר דערזען, אַז פון דעם פּאַדמור אונטער דער בלינדער וואַנט, וועלכע גייט אַרויס צום גאָרטן, האָבן די גנבים אַרויסגעקאַלופּעט אַ גרויסן שטיין, וועלכער וועגט אוודאי ביי א הונדערט פּוד און דורך דעם לאָך אין פּאַדמור זיינען זיי אַריין אין פּירהויז, וואו ס׳געפינט זיך אונדזער שפּייכלער מיטן לעדערוואַרג.

אויף דער מאַמעס געשרייען זיינען זיך באַלד אָנגעלאָפן פון די אַרו־מיקע שטאָלן די וייבער מיט די דאַנעטשעס מילך און אויך זיי — די האַלב־נאַקעטע ווייבער —האָבן אָנגעהויבן צו שרייען, ווי זיי וואָלטן וועלן דערמיט אַרויסהעלפן דעם אומגליקלעכער מאַמען מיינער.

אויף די ווייבערשע געשרייען זיינען זיך באַלד אָנגעלאָפן אַ סך מאַנס־בילן פון שטעטל, אויך האַלב־אָנגעטאָנענע און האַלב־נאַקעטע, און ס׳איז געוואָרן זייער פּריילעך אַרום אונדזער הויז.

דערווייל האָב איך געהאַט די גוטע געלעגנהייט צו דערזען, צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן, ווי די זון גייט אויף פון יענער זייט וואַלד, און ווי דער פּאַרטאַגיקער מאַרק איז שוין פול מיט בהמות, שעפּסן און חזירים.

איך האָב גאָר ניט געוואוסט, אַז די דאָרף־גאַס אונדזערע פאַרמאָגט אַזוי פיל שעפּסן מיט חזירים, וועלכע פּאַשן זיך צוזאַמען מיט אונדזערע בהמות.

מיך האָט שטאַרק געצויגן צום מאַרק, וואו די בהמות האָבן געמוקעט, די שעפּסן האָבן געמעקעט און די חזירים האָבן געמרוקעט, וואַרטנדיק אויף זייער פּאַסטוך, אָבער איך האָב זיך ניט געקענט שיידן פון דער מאַמען, וועלכע איז נאָך אַלץ געשטאַנען מיט דער ליידיקער דאַנעטשע אין דער האַנט ביי דעם אויסגעקאַלופּעטן שטיין פון אונדזער „כּותל מערבֿי״ און באַוויינט דעם ביטערן גורל אונדזערן.

די יידן מיט די יידענעס, וועלכע האָבן אונדז געהאַט אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן, האָבן געהאַלטן אין איין טרייסטן דער מאַמען, אַז מען וועט

נאָך די גנבה געפֿינען און מען וועט די גנבים פֿאַרשיקן אויף אייביקע יאָרן אַזש קיין סיביר.

— מען מוז גלייך אויפֿוועקן דעם אוריאַדניק און זאָל ער זוכן די גנבים, כל־זמן עס איז נאָך ניט שפּעט! — האָט געטענהט איינער אַ ייד אין אַן ארבע־כּנפֿות.

אַ צווייטער ייד, וואָס איז געווען אַרויסגעלאָפֿן פֿון הויז אין די הוילע גאַטקעס, האָט אָנגעהויבן טענהן צו דער מאַמען, אַז ניט אַנדערש ווי די גנבים האָבן אָנגעוואָרפֿן אויף אונדז אַ שלאָף אַזאַ — מיר זאָלן קיין זאַך ניט הערן!

— זיי האָבן שוין אַזאַ מין פּראַשעק, — האָט דער גאַטקעס־ייד געטענהט — איז ווען זיי שיטן אים אַרײַן אויף די פֿענצטער, שלאָפֿט מען איין פֿון אים נאָך שטאַרקער ווי פֿון אַ שלאָף־טרונק, און מיר דאַרפֿן גאָר קודם־כּל בענטשן גומל, וואָס מיר האָבן זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון אַט־דעם וויסטן שלאָף!

אָבער יואל דער שוסטער, וואָס איז געווען אַ גרויסער גוטער פֿריינט אונדזערער, און נאָך אַ גרעסערער הוסטער, האָט דער ערשטער אָנגעהויבן צו זוכן די שפּורן פֿון די גנבים.

ער האָט באַמערקט אויפֿן זאַמד ביים פּאָדמור די שפּורן פֿון די גנבישע טריט און ער האָט גלייך באַשלאָסן, אַז יאַקוב דער שמיד, וואָס איז אַ גרויסער שיכּור האָט אַ יד אין דער גנבה.

— נאָר יאַקובקע דער שמיד האָט אַזעלכע גרויסע שטיוואַליעס, ווי די דאַזיקע! — האָט יואל דער שוסטער אָנגעוויזן אויף די פֿוסטריט אין זאַמד — דאַרף מען קודם־כּל זוכן ביי יאַקובן! — האָט זיך יואל דער שוסטער שטאַרק פֿאַנאַנדערגעהוסט.

דערווייל אָבער איז אָנגעקומען דער אוריאַדניק, ווי עס זעט אויס, האָט אים דער פּאַסטוך אַליין אויפֿגעוועקט און אים אָנגעזאָגט וועגן דער גרויסער גנבה אין שטעטל.

דער אוריאַדניק איז שוין געווען אָנגעקומען אין זיין פֿולער אוניפֿאָרם.

די יידן מיט די יידענעס האָבן זיך אָפּגערוקט אָן אַ זייט און געלאָזט דעם אוריאַדניק גוט באַטראַכטן דעם אַרויסגעקאָלופּעטן שטיין און דעם גרויסן לאָך אין דעם פּאָדמור. נאָכדעם איז דער אוריאַדניק אַוועק אָנקוקן דעם אויסגעליידיקטן שפּייכלער און ער האָט גוט באַטראַכט דעם אויפֿגעריסענעם שלאָס. די יידן מיט די יידענעס האָבן אים פּרובירט נאָכגיין, אָבער דער אוריאַדניק האָט אויף זיי אָנגעשריען, אַז זיי זאָלן אים ניט שטערן!

זיינען אַלע אַוועק אין זייערע היימען. דענסטמאָל ערשט איז דער אוריאַדניק אַריין צו אונדז אין שטוב און זיך אַוועקגעזעצט שרייבן דעם פּראָטאָקאָל.

האָב איך זיך אַוועקגעזעצט פּונקט אַנטקעגן דעם אוריאַדניק — איך זאָל קענען גוט זען, ווי אַזוי ער שרייבט זיין פּראָטאָקאָל. איך האָב געטראַכט, אַז טאָמער ווער איך ווידעראַמאָל דער קיסר פֿון שמואל מלמדס חדר, וועל איך שוין דענסטמאָל וויסן גאַנץ גענוי ווי אַזוי מען שרייבט פּראָטאָקאָלן.

איך בין געווען מער ווי זיכער, אַז ווי נאָר דער אוריאַדניק וועט פֿאַרטיק ווערן מיטן פּראָטאָקאָל, וועט די מאַמעלע מיינע געהאָלפֿן ווערן. מען וועט געפֿינען די גנבה און די גנבים וועט מען פֿאַרשיקן אַזש אין סיביר אַריין.

אָבער דער אוריאַדניק האָט זיך לחלוטין ניט געאיילט אָנצושרייבן וואָס גיכער זיין פּראָטאָקאָל.

ער פֿלעגט אָנשרייבן אַ שורה אָדער צוויי, פֿאַררויכערן אַ פּאַפּיראָס און ווידער אַמאָל אָנהייבן צושטיין צו דער מאַמען — זי זאָל אים אויסרעכענען גאַנץ גענוי, וויפֿיל פּאָדעשוועס, וויפֿיל פּרישוועס, וויפֿיל שאַגרינעווע פֿעלכלעך און וויפֿיל צוגעשניטענע פּאָדנאָסקעס.

האָט די מאַמע מיט פֿאַרוויינטע אויגן געענטפֿערט אויף אַלע פֿראַגעס, וואָס דער אוריאַדניק האָט זי געפֿרעגט אָבער ווען זי האָט אים געדאַרפֿט ענטפֿערן, וויפֿיל געלט ס'באַטרעפֿט די גאַנצע גנבה — האָט די צעטומלטע מאַמע מיינע בשום־אופֿן ניט געקאָנט אויסרעכענען אויף אויסענווייניק דעם פֿולן באַטרעף פֿון אַלע סחורות צוזאַמענגענומען. זי איז געוואוינט געוואָרן צו מאַכן אַלע אירע חשבונות מיט אַ שטיקל קרייד אויף דער שוואַרץ־געוואָרענער אַלמער־וואַנט.

האָט די מאַמע אָנגעהויבן צו זוכן אין די שופֿלאָדן דאָס שטיקל קרייד, אָבער ווען איך האָב ניט מורא פֿאַר דעם אוריאַדניק — וואָלט איך איר געזאָגט, אַז איך האָב נעכטן אין אָוונט, ווען זי איז אַוועק מעלקן די בהמה, דאָס שטיקל קרייד אויפֿגעגעסן. (יע, כ'האָב איך פֿאַרגעסן צו דערציילן, אַז איך פֿלעג שטילערהייט עסן שטיקלעך ליים, וואָס כ'פֿלעג אַרויסקאַלופּען פֿון די ווענט, אָבער קרייד איז אַ סך געשמאַקער).

האָט שוין דער אוריאַדניק אַליין פּרובירט אָפּשאַצן די גנבה אין א פּופֿציקער, אָבער די מאַמע האָט זיך אָנגעהויבן מיט אים צו דינגען, אַז זי וועט עס פֿאַר פּופֿציק רובל ניט קאָנען אָפּקויפֿן.

— נו, גוט, זאָל זיין אַ הונדערטער! — האָט שוין דער אוריאַדניק נאָכגעגעבן און ער האָט ווידער אַמאָל פֿאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס פֿון מאַכאָרקע.

ערשט דענסטמאָל האָב איך געהאַט דערזען, אַז דעם אוריאַדניקס צוויי שפּיציקע לאַנגע וואָנסעס זעען אויס אויף זיין קיילעכדיקן פּנים, ווי צוויי ווייזערס אויף אַ ציפערבלאַט, ווען ס׳איז אַ פערטל צו דריי, כאָטש אויף אונדזער וואַנט־זייגער איז נאָך ניט געווען אַפילו קיין אַכט אינדערפרי.

ווען די מאַמע האָט געהאַט דערהערט, אַז דער אוריאַדניק אַליין שאַצט אָפּ אונדזער גנבה אין אַ גאַנצן הונדערטער — האָט זי זיך דעסטמאָל ווידער אַמאָל שטאַרק פונאַנדערגעווייַנט אויף איר גרויסן בראָך און, קוקנדיק אויף די איבערגעשראָקענע קינדער אירע — האָט זי אָנגעהויבן צו טענהן צום רבונו של עולם, אָדער אפשר גאָר, טויזנט מאָל להבדיל, צום אוריאַדניק, אַז אויב, חלילה, עס וועט זיך ניט אָפּגעפינען די גנבה — מוז זי דענסט־מאָל פון בריק אין וואַסער אַריין!

— וואָס וועל איך איצטער טאָן מיט אייך, יתומימלעך מיינע?! ווער וועט אייך האָדעווען?! — האָט די מאַמע געהאַלטן אין איין ברעכן זיך די הענט, אָבער ניט די קינדער און ניט אַפילו דער אוריאַדניק האָבן עפּעס וואָס געענטפערט דער מאַמען מיינער.

מער ניט די בהמה אין שטאַל האָט זיך פלוצלינג פונאַנדערגעמוקעט, ווי אויך זי וואָלט שוין פאַרשטאַנען דעם גרויסן אומגליק אונדזערן.

זי איז פאַרבליבן, די בהמה, אַ גאַנצן טאָג ניט קיין געמאָלקענע און ס׳איז מיר אויסגעגאַנגען דאָס חיות נאָך דעם האַלבן גלאָז וואַרימען „סיראָ־דאָי“ וואָס די מאַמע פלעגט מיר שטענדיק געבן נאָכן אויסמעלקן זי.

ערשט אַרום האַלבן טאָג איז דער אוריאַדניק פאַרטיק געוואָרן מיט זיין גרויסן פּראָטאָקאָל, וועלכן ער וועט אַװעקשיקן צום פּריסטאַוו קיין סמי־לעוויטש און דענסטמאָל ערשט וועט מען אָנהייבן זוכן די גנבה אין אַלע אַרומיקע דערפער.

ווי נאָר דער אוריאַדניק איז אַרויס פון הויז — איז די שטוב אונדזערע פול געוואָרן מיט מענטשן. יעדער איינער האָט עפּעס מיטגעבראַכט צום עסן. ווער — אַ הערינג, ווער — אַ לאַבן ברויט און ווער — אַ פּאָר גאָ־מעלקעס. אַט ווי נאָך אַ לוויה, ווען אַלע אין הויז זיצן שבעה.

איז טאַקע געוואָרן אין הויז זייער פריילעך. די קינדער האָבן זיך אַ כאַפּ געטאָן צו די עסנזאַכן און איך האָב געהאַלטן אין איין באַרימען זיך, אַז כ׳האָב געהאָלפן דעם אוריאַדניק שרייבן דעם פּראָטאָקאָל.

— ווען ניט די נייע פּענע מיינע, וועלכע כ׳האָב אויסגעביטן אין חדר אויף דריי קנעפּלעך — וואָלט דער אוריאַדניק קיינמאָל ניט פאַרטיק גע־וואָרן מיט זיין פּראָטאָקאָל. זיין אייגענע פּען האָט געהאַלטן אין איין שפּריצן

און ער האָט קאַליע געמאַכט דריי בויגנס פּאַפּיר, — האָב איך געהאַלטן אין איין פּלוידערן צו די מענטשן אין הויז.

די מאַמע איז געווען אַוועק אין צווייטן קאַמער סודען זיך מיט אירע צוויי עלטערע שוועסטער, וועלכע זיינען געקומען טרייסטן זי.

די צוויי מומעס מיינע — די מומע איטקע און די מומע טויבע — האָבן, זעט אויס, איינגערעדט דער מאַמען מיינער, אַז זי זאָל שוין מאָרגן פאָרן קיין סמילעוויטש איינקויפן אַ ביסל סחורה. זיי האָבן געבראַכט דער מאַמען אַ גמילת־חסד, וועלכן זי וועט אומקערן, ווען מען וועט, אם ירצה השם, געפינען די גנבה.

אויך אַנדערע מענטשן פון דוקאָר האָבן געבראַכט דער מאַמען גמילת־חסדים אָן קיין שום פּראָצענט — אַבי נאָר זי זאָל קאָנען ווייטער האַנדלען און האָדעווען די יתומים אירע.

האָב איך זיך דערפילט זייער שטאָלץ וואָס אַלע אין שטעטל זיינען צו אונדז אַזוי גוט און אַפילו דער רב אַליין — הרב משה טשאַרני ז״ל, מיינער אַן עלטער־פעטער, איז געקומען טרייסטן אונדז און מונטערן.

— פאַל ניט אַראָפּ ביי זיך, ברכה. וועסט נאָך האָבן נחת פון דיינע קינדער. גאָט איז אַ פאָטער! — אַזוי האָט דער רב געזאָגט צו דער מאַמען מיינער, און די מאַמע האָט געוויינט פאַר פרייד, וואָס אַלע זיינען אַזוי גוט צו איר.

אויך איך האָב אַ טבע צו וויינען פאַר פרייד, ווען מען איז גוט צו מיר. דאָס האָב איך איבערגענומען פון דער מאַמען, ע״ה.

ןן

אויף מאָרגן נאָך דער גרויסער גנבה האָט שוין קושע באַלעגאָלע גע־פירט די מאַמע מיינע קיין סמילעוויטש איינקויפן נייע סחורה פאַר דעם געבאָרגטן געלט.

בין איך נאָכגעלאָפן דעם וואָגן ביז דער סמילעוויטשער גאַס און אָנ־געזאָגט דער מאַמען, זי זאָל, למען השם, ניט פאַרגעסן צו קויפן אין סמי־לעוויטש נייעם קרייד, ווייל דאָס לעצטע שטיקל קרייד האָב איך דאָך אויפ־געגעסן.

די מאַמעלע האָט מיר גאָרניט געענטפערט. ווי עס זעט אויס, האָט זי שוין ווידער געוויינט, זיצנדיק אויפן וואָגן.

האָט איר שוין אַמאָל געזען אַ וויינענדיקע פלייצע פון אַ מאַמען?

נאָך דער גרויסער גנבה אין אונדזער הויז האָט שוין די מאַמע געמוזט אויך די אַנדערע צוויי יינגלעך אירע (מוליען מיט באָניען) אַוועקשיקן קיין בערעזין עסן טעג.

אמת, אשר דער מלמד, וואָס איז געווען מיין טאַטנס אַ חבר און הויז־פריינט, האָט געטענהט צו דער מאַמען, אַז זי זאָל די אַנדערע צוויי יינגלעך אירע אַוועקשיקן בעסער קיין מינסק, וואו עס זיינען פאַראַן גרעסערע ישיבות ווי אין בערעזין, ווייל פון מוליען מיט באָניען, האָט אשר דער מלמד גע־טענהט, וועט נאָך די מאַמע האָבן, אם ירצה השם, אַ סך נחת.

ווי אַזוי אשר דער מלמד האָט נאָך מיט פופציק יאָר צוריק געקענט פאָרויסזען, אַז מיינע עלטערע צוויי ברידער וועלן ווערן שפּעטער באַ־רימטע יידישע מענטשן — איז נאָך פאַר מיר ביז היינט אַ רעטעניש, אָבער די מאַמע האָט דענסטמאָל געענטפערט ר׳ אשרן, אַז אין בערעזין וועלן אירע קינדער האָבן אַ סך בעסערע „טעג״ ווי אין מינסק.

אין בערעזין וואוינט דאָך מיין טאַטנס אַ ברודער, דער פעטער מוניע, וועלכער קלייבט זיך חתונה צו האָבן מיט מיין איינציקע שוועסטער, און אָט־דער פעטער אונדזערער וועט שוין זען, אַז זיינע פּלימעניקעס און צו־קונפטיקע שוואָגערלעך זאָלן האָבן אין בערעזין די בעסטע „טעג״.

אגב, זיינען שוין דענסטמאָל געווען אין בערעזין די גאָר עלטערע צוויי ברידער מיינע, מענדל און זאַלקע, און ווען זיי פלעגן אויף פסח און סוכות קומען אַהיים, פלעגן זיי זיך ניט קענען אָפּלויבן פון די גוטע טעג וואָס זיי עסן אין בערעזין.

אויך איך בין געווען דערפאַר, אַז די אַנדערע צוויי ברידער מיינע, מוליע מיט באָניען, זאָלן בעסער פאָרן קיין בערעזין.

מיין חשבון איז געווען אַ פּשוטער:

וויבאַלד די מאַמע מיינע וועט שויז האָבן אין בערעזין די בת־יחידה אירע, מירלען, מיט איר מאַן, דעם פעטער מוניען, און דערצו נאָך אַלע אירע פיר געזונטע יינגלעך, וועט זי דאָך שוין דענסטמאָל אויך אַריבער־פאָרן קיין בערעזין מיט דעם „פליאַגע״ אירן, דאָס הייסט — מיט מיר.

איך האָב פון בערעזין געהאַלטן אַ סך מער ווי פון מינסק, ווייל מינסק, די גובערניע, שטייט דאָך אויף דעם זעלבן שמאָלן און פלאַכן טייך

סוויסלאָטש, ווי אונדזער דוקאָר, בעת בערעזין שטייט ביי דעם גרויסן טייך בערעזינאַ, וועלכע פֿאַלט אַריין גלייך אין דניעפּער.

זינט איך האָב דורכגעמאַכט מיין גרויסע וואַסער־רייזע פֿון באָברויסק ביז קיעוו, האָט אונדזער היימיש טייכל, די „סוויסלע", פֿאַרלוירן אין מיינע אויגן איר גאַנצן חן.

אויך מיר אַ טייך, וויבאַלד עס שווימען ניט אויף איר קיין פּאַראַכאָדן און קיין פּליטן אַפילו!

זומער־צייט פֿלעגט מען אונדזער טייך קענען אַריבערגיין צופֿוס פֿון איין ברעג צום צווייטן.

מער ניט אין אַ פּאָר פּלעצער האָט אונדזער טייך געהאַט די אַזוי־גערו־פֿענע „בייטן", דאָס הייסט, טיפֿע גריבער, וואו די גרויסע בחורים, וואָס זיינען געווען גוטע שווימערס, פֿלעגן זיך באָדן.

איך אַליין האָב צוליב דער קראַנקער האַנט מיינער ניט געקענט שווי־מען, פֿלעג איך זיך מוזן האַלטן וואָס נענטער צום ברעג און צוקוקן זיך ווי די אַנדערע שווימען.

אויך מיינע עלטערע צוויי ברידער, מוליע און באָניע, זיינען געווען גוטע שווימערס. מוליע, געדענק איך, פֿלעגט ליב האָבן אין די טיפֿע ערטער זיך אָפּצוטונקען ביז איבערן קאָפּ אין וואַסער אַריין און אַרויסכאַפּן פֿון דעם טייך־גרונט אַ פֿולן הויפֿן מיט זאַמד, בעת באָניע פֿלעגט ליב האָבן צו „לייגן קלאַפּטער" אַנטקעגן דעם שטראָם און אָוועקשווימען וויט־וויט...

אויף די ברידער קוקנדיק, פֿלעגט זיך מיר אויך פֿאַרגלוסטן אַ שווים צו טאָן כאָטש אַ קליין ביסעלע, פֿלעג איך אַריינגיין אין טייך ביזן פּופּיק און מאַכן אַרום זיך מיט די עלנבויגנס אַזאַ מין וואַסער־מהומה מיט כוואַ־ליעס און שוים, און ס'פֿלעגט זיך מיר דעגסטמאָל דוכטן, אַז איך שווים...

אָבער איינמאָל האָב איך דאָך אַ שווים געטאָן, כאָטש פֿאַר דעם דאָזיקן שווים האָב איך שיר ניט באַצאָלט מיטן לעבן.

שולדיק אין דעם איז געווען די מומע חיה, דאָס ווייב פֿון מיין פֿעטער פֿייטל, דעם „מלאך". ווען די מומע חיה האָט ניט חתונה מיטן פֿעטער פֿייטל, וואָס איז געווען מיין מאַמעס אַ לייבלעכער ברודער, וואָלט זי מיר גאָר ניט געווען קיין מומע.

דעריבער טאַקע האָב איך מיין מומע חיהן ניט אַזוי שטאַרק ליב גע־האַט, ווי די אַנדערע מומעס מיינע, וועלכע זיינען געווען מיין מאַמעס לייב־לעכע שוועסטער.

אָבער ביז מיין פֿעטער פֿײטל האָט באַשלאָסן פלוצלינג צו ווערן אַ פּרוש ביי זיך אין דער היים, דאָס הייסט, אָפּזאָגן זיך פֿון אַלע עולם־הזהס און זיך אָפּשיידן פֿון דער וועלט אין אַ באַזונדער חדרל אויף דלד אמות, וואו ער איז געוואָרן אַ „מלאך", ווי מען פֿלעגט אים רופֿן אין שטעטל, האָט נאָך די מומע חיה געהאַט באַוויזן אים צו האָבן דריי קינדער: איינעם אַ זון, וואָס איז געווען אַ בכור, און צווי טעכטער, וואָס איינע פֿון זיי האָט געהייסן פֿראַדע, און די צווייטע, די מיזינקע, מאַשע.

האָט גאָט אַזוי געוואָלט, אַז פֿראַדע זאָל אויסוואַקסן אַ קראַסאַוויצע און אַ חכמה און מאַשע זאָל ווערן אַ אידיאָטקע, אָדער פּראָסט־פּשוט — אַ משוגענע.

צוליב דעם וואָס מאַשע איז געווען אַ משוגענע, האָט די מומע חיה ניט געקענט אַזוי גיך חתונה מאַכן די עלטערע טאָכטער אירער, פֿראַדען. ניט אַלע חתנים האָבן געוואָלט פֿאַרבינדן זיך מיט אַ משוגענער שוועגערין.

אָבער ווען די מומע חיה האָט געהאַט דערהערט, אַז די איינציקע שוועס־טער מיינע, מירל, וועלכע איז געווען אַביסל יינגער פֿון פֿראַדען, איז שוין געוואָרן מיט מזל אַ כלה, האָט זי ניט געקענט רוען אַזוי לאַנג, ביז אויך איר גערעטענע טאָכטער איז געוואָרן מיט מזל אַ כלה.

דאָס איז געווען בענטשע פֿון סמילעוויטש. אַ הויכער געזונטער בחור, וואָס איז אין איינעם אַ פּרייטיק געקומען קיין דוקאָר זען זיך מיט זיין כלה.

ער איז אָנגעפֿאָרן קיין דוקאָר אין אַ פּריצישער קאַרעטקע אויף הויכע רעדער מיט רעסאָרן און מיט אַזאַ מין פּריצישן פֿערדל, וואָס אַזעלכע פֿיינע פֿערדלעך האָט געהאַט ביי אונדז נאָר יונה דער כהן, וועלכער האָט גע־האַלטן די דוקאָרער „סטאַיקע", ד. ה. די פּאַטשטאָווע פֿערד, מיט וועלכע מען פֿירט גאָר גרויסע מלוכה־לייט, ווי אַקציזניקעס, רעוויזאָרן, מיטראַ־פּאַליטן און זעמסקע דאָקטוירים.

האָט שוין דער חתן־פֿערד אַליין געמאַכט אויף מיר אַזאַ שטאַרקן איינ־דרוק, אַז כ׳האָב תיכף מסכים געווען אויפֿן שידוך.

וויבאַלד בענטשע גייט חתונה האָבן מיט מיין שוועסטערקינד פֿראַדען, ווערט דאָך מיר אויך בענטשעס פֿערד אַ שטיקל קרוב, און כ׳האָב שוין אַ חזקה אויף דעם פֿערדס עק.

איך האָב געדאַרפֿט האָבן דעם פֿערדס עק ניט חלילה אויף צו רייסן פֿון אים סטרונעס פֿאַר אַ סמיק, ווי אַנדערע יינגלעך פֿלעגן דאָס טאָן, נאָר כדי צו לערנען זיך שווימען.

יע, ס'איז געווען ביי אונדז, חדר־יינגלעך, א מנהג אזא, אז יעדן ערב־שבת, ווען די דוקארער באלעגאלעס פלעגן באדן זייערע פערד, קענען יינגלעך זיך אנכאפן אן אן עק פון א פערד און מיטשווימען מיט אים.

האב איך געטאן דאס נעמלעכע מיט בענטשעס פערד, וואס איז מיר שוין געווארן כמעט א שוועסטערקינד.

ווי נאר בענטשע האט אריינגעטריבן זיין פערד טיפער אין טייך אריין, נענטער צו די „בייטן", האב איך געגעבן א כאפ אריין זיין עק אין מיין געזינטער לינקער האנט און זיך אװעקגעלאזן שווימען.

דער חתן־בחור אליין האט ניט געהאט באמערקט, אז איך שווים אים נאך, ווייל ער האט זיך געגעבן א כאפ ארויף אויף דעם פערדס רוקן, ווי עס פאסט זיך פאר א חתן־בחור, וועלכער וויל זיך אויספיינען אין שטעטל מיט זיינע גרויסע קונצן. אבער אזוי ווי דער פערד איז דאך ניט געווען קיין דוקארער, נאר א סמילעוויטשער, האט ער דאך ניט געוואוסט, דער פערד, אז אונדזער טייך פארמאגט אזעלכע טיפע „בייטן", וואו אפילו א פערד מוז אויך אנהייבן צו שווימען, האט ער מיר, אפנים, מיטן הינטן געגעבן פלוצלינג א זעץ אין בויך אריין, האב איך געמוזט אפלאזן זיין עק און תיכף אנגעהויבן צו טרינקען זיך...

טרינקנדיק זיך, האב איך ניט אויפגעהערט צו טראכטן וועגן דער אומגליקלעכער מאמען מיינער.

וויי־ווי, ווען די מאמעלע מיינע וועט זיך דערוויסן, אז איר „פליאגע" האט זיך דערטרונקען! זי וועט עס ניט אויסהאלטן! זי וועט, חלילה, שפרינגען פון בריק אין וואסער אריין, אט ווי זי האט עס געהאט געזאגט דעם אוריאדניק נאך דער גרויסער גנבה.

„אוי, מאמעלע, ראטעווע מיך, איך וועל ניט אויסהאלטן אן דיר אויף יענער וועלט! אוי, מאמעלע!!!" אט אזוי האב איך געגוואלדעוועט אין וואסער אריין, אונטערטונקנדיק זיך און ארויפשווימענדיק, אונטערטונקנדיק זיך און ארויפשווימנדיק...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

א נס, וואס לייבע דער מומע טויבעס, וועלכער האט גאנץ גוט געוואוסט, אז איך קען ניט שווימען, האט מיך באצייטנס באמערקט אין די צעכוואליעטע „בייטן" און ער האט מיך באלד ארויסגעשלעפט אויפן ברעג.

מען האָט מיך געקייקלט אין ליילעכער; מ'האָט מיך געשטעלט מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פּיס אַרויף; מען האָט מיר געבלאָזן אָטעם אין די נאָזלעכער; מען האָט מיך געטראָגן „סוט־באַראַן" אויף נאַקעטע פּלייצעס און געהאַטשקעט מיך, ווי איך וואָלט געפאָרן רייטנדיק אָן אַ זאָטל, און מען האָט צו מיר אַזוי לאַנג געשריען און געגוואַלדעוועט, ביז מען האָט ווידעראַמאָל דערהערט פון מיר די זעלביקע טענה:

„מאַמעלע, אַ געזונט צו דיר, ראַטעווע מיך, מאַ..."

האָבן אַלע נאַקעטע מענטשן אַרום מיר אָנגעהויבן צו שפּרינגען פאַר פרייד, וואָס איך רייד שוין צו זיי. אַפילו בענטשע, דער חתן־בחור, האָט אָנגעהויבן אונטערצושפּרינגען אויף איין פוס, ווי ער וואָלט וועלן פּטור ווערן פון דעם וואַסער אין די אויערן. דאָס האָט ער זיך דערפרייט וואָס זיין פערד האָט מיך ניט דערהרגעט גאָר אינגאַנצן. ווען ער גיט מיר, דער פערד, אַ זעץ אין בויך ניט מיטן הינטן, נאָר מיט דער קאָפּיטע, וואָלט איך שוין פאַרשפּאָרט דענסטמאָל צו טרינקען זיך! אַזוי האָט געפּסקנט קושע באַלעגאָלע, וואָס איז געווען אַ גרויסער פריינט פון אונדזער משפחה.

איך וואונדער זיך נאָך איצטער, ווי גיך די מאַמע מיינע האָט זיך געהאַט דערוואוסט פון דעם גרויסן אומגליק אירן. זי איז געווען געשטאַנען אין קיך ביים פּרייטיקדיקן אויוון און זיך געעוסקט מיטן צוגרייטן דעם טשאָ־לענט אויף מאָרגן. די צווי עלטערע ברידער מיינע זיינען גאָר געווען אין מרחץ, ווייל זיי האָבן זיך שוין געהאַט געגרייט צו פאָרן קיין בערעזין. די איינציקע שוועסטער מיינע איז געווע; אָוועק אין דאָרף־גאָס נאָך אַ ביסל געלן זאַמד, כדי צו באַשיטן די אויסגעוואַשענע פּאָדלאָגעס. אָבער דאָך האָט די מאַמע מיינע דערשפּירט ביים אויוון, ווי דורכן רוח־הקודש, אַז מיט איר „פּליאָגע" טוט זיך וואָס אין שטעטל! זי איז אַרויסגעלאָפן פון הויף זוכן מיך — ערשט איך בין ניטאָ! איז די אַרויסגעלאָפן אויפן מאַרק זוכן מיך — ערשט זי זעט, אַז גאַנץ שטעטל לויפט צום ברעג טייך. פרעגט זי יעדערן, וואָס עפּעס לויפט גאַנץ שטעטל צום ברעג טייך? — ענטפערט איר ניט קיי־נער! לויפט זי שוין אויך צום ברעג טייך און זי שרייט:

„דאָניע, וואו ביזטו?!"

אָבער פון שטעטל צום טייך איז אַ גאַנץ גרויסער מהלך! צוערשט דאַרף מען דורכגיין די גאַנצע טייך־גאַס, נאָך דעם ערשט דאַרף מען דורכ־גיין אַ שטיק „זאַרעצקע" (אַ פעלד מיט ווילדגראַז) און נאָך דעם ערשט קומט מען צו דער גרויסער בריק, וואו די מענער באָדן זיך.

האָבן די מענער באַלד דערהערט, ווי די מאַמע מיינע שרייט איבערן גאַנצן פעלד:

„דאַניע, וואו ביזטו?!״ זיינען איר אַנטקעגנגעלאָפן עטלעכע ייִנגלעך פון מיין חדר און איר אָנגעזאָגט די גוטע בשורה, אַז איך בין דאָ, אַז איך לעב נאָך!

איז די מאַמע געפאַלן אין חלשות.

האָט מען אונדז ביידן שוין קוים לעבעדיקע געבראַכט אַהיים.

ס׳איז געווען אַ פאַרשטערטער שבת. די מאַמע האָט געהאַלטן אין איין וויינען און זאָגן תחינות איבער מיר:

„גאָט פון אברהם, גאָט פון יצחק און גאָט פון יעקב, זע, דערבאַרעם זיך איבער דעם אומגליקלעכן יתומל מיינעם און שטעל אים ווידער אַוועק אויף די פיס. זע, באַשיץ אים און באַשירעם אים פון אַלע שטרויכלונגען און אומגליקן, ער זאָל אויסוואַקסן ביי מיר לתורה, לחופה ולמעשים טובים, און אַזוי ווייטער און ווייטער... אמן!״

ווי עס זעט אויס, איז עס געווען דער מאַמעס אַן אייגענע תחינה, ווייל זי האָט זי געהאָט געזאָגט אויף אויסווייניק.

שאַבייסצונאַכט איז ביי דער מומע חיהן אין שטוב פאָרגעקומען די תנאים צווישן בענטשען מיט פראַדען.

ניט איך און ניט די מאַמע האָבן געקענט זיין ביי די תנאים, אָבער מיך וואָלט שוין לחלוטין ניט געווען געאַרט, ווען דער שידוך גייט זיך פאַנאַנדער.

שפעטער האָב איך זיך דערוואוסט, אַז אויך מאַשע די משוגענע איז קעגן דעם שידוך פון איר עלטערער שוועסטער. אָבער וועגן מאַשען האָב איך וואָס צו דערציילן אין דעם ווייטערדיקן קאַפּיטל.

מיין פעטער פייטל דער מלאך —

אין פריערדיקן קאפיטל האב איך שוין געהאט דערציילט, אז די מומע חיה איז מיר געווארן א מומע נאר צוליב דעם, ווייל זי האט חתונה גע־האט מיט מיין פעטער פייטל, דעם „מלאך".

דער פעטער פייטל איז געווען אן עלטערער ברודער פון מיין מאמען, דער איינציקער ברודער אירער אין דוקאר, אבער זי פלעגט אים קיינמאל ניט זען.

מער ניט איך איינער פלעג האבן די זכיה צו זען יעדן טאג דעם פעטער פייטל, ווייל ער האט מיך געהאט נייטיק צוליב א סך געהיימע שליחותן, וואס איך פלעג פאר אים אויספירן.

פריער, ווען די עלטערע ברידער מיינע זיינען נאך געווען אין דוקאר, פלעגן אים באדינען די עלטערע ברידער, אבער ווען די מאמע האט זיי נאך דער גרויסער גנבה געהאט אוועקגעשיקט קיין בערעזין און קיין מינסק עסן טעג, בין איך שוין פארבליבן דער איינציקער באדינער פון מיין פעטער פייטל, דעם „מלאך".

לויט דער צונעמעניש, וואס שטעטל האט אים געגעבן, פארשטייט איר דאך שוין אליין, אז מיין פעטער פייטל איז געווען א הייליקער.

ער האט געהאט גענוג גרונט צו ווערן א „מלאך", ווייל ער איז דאך געווען דער צוועלפטער דור פון דעם של״ה הקדוש, וועלכער האט געהייסן ר׳ ישיעה הורוויץ.

אויך דעם פעטער פייטלס פאמיליע, פונקט ווי מיין מאמעס, איז גע־ווען הורוויץ.

אזוי ארום זיינען שוין דער מאמעס קינדער געווארן דער דרייצנטער דור, דאס הייסט, דער בר־מצווה־דור פון דעם של״ה הקדוש און איצטער איז מיר שוין קלאר פארוואס צוויי עלטערע ברידער מיינע (ש. ניגער און ב. ולאדעק) זיינען געווארן יידישע שרייבער און כלל־טוער און איך — אויך!

אבער דענסטמאל, מיט א יאר פופציק צוריק, האב איך נאך ניט געהאט געוואוסט פון דעם גרויסן יחוס אונדזערן. דעריבער טאקע האב איך זיך שטארק געוואונדערט פארוואס שטעטל האט א נאמען געגעבן מיין פעטער פייטל „פייטל דער מלאך".

מלאכים, ווייס איך, עסן ניט, טרינקען ניט און געפינען זיך בטבע אין די הימלען, בעת מיין פעטער פייטל, דער מלאך, האט געגעסן, געטרונקען און איז שטענדיק געווען אויף דער ערד.

מיין וואונדער איז געווארן נאך גרעסער, ווען כ׳האב געהאט דערזען ווי מיין פעטער פייטל האט זיך געלאזט אויסבויען אויפן הויף א בית הכסא. וואס האט אויסגעזען, להבדיל, ווי א קליינע סוכה, אבער אן פענצטער.

א חוץ זיין סטאלערשן ווארשטאט האט נאך דער פעטער פייטל פארמאגט א שניידערשן ווארשטאט און א שוסטערשן. ער פלעגט אליין פארלאטען אדער גאר אינגאנצן איבערנייען זיינע טשיקאווע הויזן און נאך מער טשיקאווערע שיך זיינע.

זיינע הויזן פלעגן אויסזען ווי א ברייטער זאק מיט איין גרויסער לאך פון אויבן און מיט צווי קלענערע לעכער פון אונטן.

זיינע שיך זיינען געווען די גרויס ווי׳ וואליקעס, אבער פון לעדער.

ווען דער פעטער פייטל פלעגט דארפן אראפנעמען א מאס פון זיינע פיס, כדי דער שוסטער זאל וויסן וועלכע קאפולן צו נעמען, פלעגט דער פעטער פייטל אנשמירן זיינע פיס מיט עפעס א פעטס, נאך דעם פלעגט ער זיך געבן א שטעל אוועק אויף א הארטן קארטאן און אזוי ארום אפשטעמפלען די גרויס פון זיינע געשוואלענע פיס. שפעטער פלעגט ער זייער פארזיכטיק אויסשניידן פון קארטאן זיינע פיס, וועלכע כ׳פלעג אוועקטראגן צום שוסטער, ער זאל צופאסן פאר מיין פעטער די ריכטיקע קאפולן.

די אלע שווערע מלאכות פלעגט דער פעטער פייטל דורכפירן נאך צוועלף בייטאג, צווישן שחרית און מנחה.

ביז צוועלף פלעגט דער פעטער פייטל ארומגיין אין טלית און תפילין און פארנעמען זיך נאר מיט הייליקע מלאכות. ער פלעגט ארייננקוקן אין ספרים און ער אליין האט אויך געשריבן א ספר.

זיין ספר האט געהייסן „ספר הפאלזע״ (מיט א ווייכן למד), ד. ה. א ספר, וועלכער דארף ברענגען דער וועלט גרויסע נוצן.

אט האט דאך זיין עלטער-עלטער-זיידע ביזן צוועלפטן דור אנגעשריבן א ספר „שני לוחות הברית״, וואס צוליב אים איז ער געווארן א של״ה הקדוש (לויט די ערשטע אותיות פון דעם ספרס נאמען) — איז פארוואס טאקע זאל אויך זיין אור-אייניקל ד. ה. מיין פעטער פייטל, ניט אנשרייבן א ספר אזא, וואס די גאנצע וועלט זאל פון אים האבן א „פאלזע״?

איך אליין האב קיינמאל ניט זוכה געווען ארייננצוקוקן אין מיין פעטער פייטלס „ספר הפאלזע״, און ווען אפילו כ׳וואלט יע ארייננגעקוקט — וואלט

איך דאָך סיי־ווי־סיי גאָרניט ניט פאַרשטאַנען, אָבער ווי איך האָב שפּעטער געהערט, האָט מיין פעטער פייטל געהאַט אַ געניאַלן געדאַנק, ווי אַזוי אויס־צולערנען זיך שפּראַכן פון רש״ס בלע״ז...

אַזוי ווי יידישע מענטשן פאָרן אַרום איבער דער וועלט און נייטיקן זיך אין קענטשאַפט פון פאַרשיידענע שפּראַכן, אויף וועלכע עס ריידן די אומות העולם — קען מען דאָך פון רש״ס בלע״ז אַליין צונויפשטעלן אַזאַ מין ווערטער־בוך, וואָס זאָל דינען ווי אַ שליסל צו אַלע שפּראַכן פון גאָר דער וועלט.

ער אַליין, דער פעטער פייטל, האָט געקענט ניט מער ווי די צוויי שפּראַכן: לשון קודש און זשאַרגאָן (דענסטמאָל האָט נאָך יידיש געהייסן „זשאַרגאָן״), אָבער ער האָט אויך די דאָזיקע צוויי שפּראַכן ניט נייטיק געהאַט, ווייל ער איז דאָך געווען אַ שוויגער, אַ גאָר גרויסער שוויגער!

אַפילו צו מיר, דעם באַדינער זיינעם, פלעגט ער ריידן געציילטע ווער־טער. דאָס איבעריקע פלעג איך שוין פאַרשטיין אויפן וואונק.

בכלל, האָט געהערשט אַרום אים אַן אויסערגעוויינטלעכע שטילקייט, אַזאַ מין שטילקייט, וואָס וואַרפט אַן אויף דיר אַ פחד.

זיינע אַלטע בגדים, זיינע ספרים, זיינע פּאַפּירן און זיין גוט־באַלייב־טער גוף, וועלכן ער האָט קיינמאָל ניט געוואַשן, האָבן איינגעזאַפּט אין זיך אַלע פאַרלעגערטע ריחות פון זיין הויז, וואָס איז שוין אַלט געווען אַ פּאָר הונדערט יאָר.

אין דעם דאָזיקן הויז האָט די מומע חיה געהאַט איר קראָם. און ווי נאָר מען פלעגט געבן אַן עפן־אויף די טיר — פלעגן דיך באַפאַלן פאַר־שיידענע מינים פריקרע ריחות פון וועלכע ס׳פלעגט זיך פאַרוועלן ניסן אָדער הוסטן. אין איין ווינקל איז געשטאַנען אַ גרויסע בלעך מיט גאַזע (קעראָסין), אין אַ צווייטן ווינקל — אַן אָפענע פאַס מיט הערינג, אין אַ דריטן ווינקל — קעסטלעך מיט מאַכאָרקע און שמעק־טאַבאַק, אויף די פּאָליצעס זיינען געשטאַנען אָפענע בלעכלעך מיט פאַרשיידענע מינים גע־ווירצן, ווי פעפער, נעגעלעך, צימערינג, לאָרבער־בלעטער און זאַפראַן. אויף אַנדערע פּאָליצעס זיינען געלעגן גרויסע קנוילן מיט ציץ, קרעס, קאָרט און אַנדערע מינים מאַנופעקטור־זאַכן, וואָס קיצלען די נאָזלעכער מיט זייערע פאַרשיידענע מינים געקראָכמעלטע ריחות.

האָבן זיך אָט־די אַלע ריחות אַריינגעכאַפּט אין דעם פעטער פייטלס אָפּגעשלאָסענעם צימערל, וואו ס׳פענצטער פלעגט קיינמאָל ניט געעפנט

ווערן, און ווי נאָר כ׳פֿלעג צוגיין נאָענט צו מיין פֿעטער פֿייטל — פֿלעג איך אָנהייבן צו ניסן אָדער צו הוסטן.

האָט שוין דער פֿעטער פֿייטל געוואוסט, אַז ער דאַרף מיר דענסט־מאָל געבן זיינעם אַ פּאַפּיראָס.

יע, כ׳האָב איך פֿאַרגעסן צו דערציילן, אַז דער פֿעטער פֿייטל איז גע־ווען אַ שטאַרקער רויכערער.

ער פֿלעגט פֿון זאַרעצקעס טאַבאַק אויסדרייען אַזאַ מין פּאַפּיראָס, וואָס פֿלעגט אויסזען, ווי אַ לייקע: פֿון אויבן ברייט און פֿון אונטן שמאָל, כּדי דער שמאָלער עק זאָל קענען אַריינקומען אין דער שוואַרצער לאָך פֿון זיין אויסגעבערנטער הילצערנער ציגאַרניצע.

פֿלעגט מיר דער פֿעטער פֿייטל צאָלן פֿאַר מיין האָרעוואַניע מיט אָט־אַזעלכע לייקע־פּאַפּיראָסן, וואָס איך פֿלעג שפּעטער, אין חדר, מאַכן פֿון איינעם אַ גאַנצן צענדליק און טיילן זיך מיט מיינע חברים. אַזוי אַרום האָב איך שוין צו צען יאָר אָנגעהויבן געשמאַק צו רויכערן.

אָבער די שווערסטע אַרבעט מיינע אַרום דעם פֿעטער פֿייטלען פֿלעג איך האָבן ערב יום־כּיפּור, ווען איך פֿלעג אים דאַרפֿן פֿירן אין מקווה אַריין.

אַלע אין שטעטל האָבן שוין געוואוסט, אַז איין מאָל אין יאָר באַ־ווייזט זיך דער פֿעטער פֿייטל אין גאַס און ס׳איז קלאָר, אַז קינר און קייט האָבן געוואָלט אָנקוקן „פֿייטל דעם מלאך״.

דער דאָזיקער פֿייערלעכער גאַנג צו דער מקווה איז געווען פֿאַר דעם פֿעטער פֿייטל פֿול מיט שטרויכלונגען און געפֿאַרן. די הויפּט־געפֿאַר איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס אַ נקבה קען אים נאָך, חלילה, איבערשניידן דעם וועג און דענסטמאָל ווערט דער פֿעטער פֿייטל גאָר אינגאַנצן טמא (אומריין).

דער גאַנג צום מרחץ איז אויך געווען אַ גאַנץ ווייטער: צוערשט האָט מען געמוזט דורכגיין דעם גאַנצן מאַרק, נאָך דעם — די גאַנצע טייך־גאַס און נאָך דעם ערשט פֿלעגט מען זיך דאַרפֿן פֿאַרקערעווען אויף רעכטס צום מרחץ, וואו ס׳איז געווען די איינציקע מקווה פֿאַר גאַנץ דוקאָר.

אָבער ערב יום־כּיפּור איז שטענדיק געווען אין שטעטל אַ גרויסע באַוועגונג, איבערהויפּט טאַקע אויף דער טייך־גאַס, וואו ס׳האָט געוואוינט דער רב, מיין עלטער־פֿעטער ר׳ משה טשאַרני ז״ל.

צום רבס הויז פֿלעגן ערב יום־כּיפּור לויפֿן אַ סך ווייבלעך און מייד־לעך. אייניקע פֿלעגן לויפֿן מיט שאלות אויף די כּפּרות, אַנדערע פֿלעגן לויפֿן איינקויפֿן יום־כּיפּור־ליכט און נאָך אַנדערע פֿלעגן ערב יום־כּיפּור קומען

באצאָלן די חובות פאַר ליכט און היזוק, וואָס פון דעם האָט דער רב געצויגן זיין חיונה.

איז מיך אויפגעגאַבע געווען צו לויפן אין פאַרויס פון דעם פעטער פייטל און וואָרנען אַלע ווייבער און מיידלעך, אַז זיי זאָלן מאַכן פריי דעם וועג פאַר מיין פעטער פייטל, וועלכן איך פיר אין מקווה אַריין.

איך בין, פאַרשטייט זיך, געווען זייער שטאָלץ אויף דער דאָזיקער שלי־חות מיינער! כ'האָב שטאַרק הנאה געהאַט, וואָס אַלע ווייבער און מיידלעך פון דוקאַר פאָלגן מיר און זיי באַהאַלטן זיך טאַקע אין די הויפן, כדי פייטל דער מלאך זאָל, חלילה, ניט ווערן טמא.

איך אָבער פלעג באַמערקן, ווי פון אַלע פענצטער און הויפן קוקן אַרויס נייגעריקע ווייבער און מיידלעך. זיי ווינקען זיך איבער און זיי לאַכן, וואָס דער פעטער פייטל גייט אַזוי לאַנגזאַם און פאַרזיכטיק מיט זיינע דיקע, קלעצלדיקע פיס, ווי ביי אַ העלפאַנט.

פלעג איך צוריקוואונקען צו די ווייבלעך און מיידלעך, אַז ס'איז ניט שיין ערב יום־כיפור אָפּצולאַכן פון אַ „מלאך", וועלכער גייט אין מקווה נאָר איין מאָל אין יאָר. נאָר בעת מעשה פלעגט מיך עגבערן דער טריפּהנער געדאַנק, וואָס אַן ערך וואָלט געוואָרן פון מיין פעטער פייטל, ווען ער דער־זעט פלוצלונג אַ פולן מרחץ מיט נאַקעטע ווייבער און מיידלעך, אָט ווי איך האָב זיי געהאַט דערזען ווען די מאַמע האָט מיך אַנומעלטן מיטגענומען אין באָד אַריין?

דער פעטער פייטל וואָלט זיכער משוגע געוואָרן גלייך אויפן אָרט, אָט ווי די טאָכטער זיינע, מאַשע, איז משוגע געוואָרן פון צופיל פרומקייט.

לצים פון שטעטל פלעגן דערציילן, אַז מיט יאָרן צוריק, איידער מיין פעטער פייטל איז געוואָרן אַ „מלאך", האָט אים אַ הונט אַ ביס געטאָן — איז דער הונט משוגע געוואָרן. פון דענסטמאָל אָן איז מיין פעטער פייטל גע־וואָרן אַ פרוש. האָט זיך אָפּגעשיידט פון ווייב און קינדער און אָנגעהויבן צו שרייבן זיין „ספר הפּאָלזע".

דער מומע חיהן האָט, זעט אויס, ניט געאַרט, וואָס דער מאַן אירער האָט זיך פלוצלונג אָפּגעשיידט פון איר און איז געוואָרן אַ „מלאך".

אדרבא, די מומע חיה איז געווען שטאָלץ אויף איר מאַן, דעם הייליקן, און זי איז אויך געווען שטאָלץ אויף איר מוזינקע, מאַשע, וועלכע איז גאָר אינגאַנצן געוואָרן אַ משוגענע.

אויך איך האָב שטאָלצירט מיטן פּעטער פּיטל און מיט מאַשען, ווייל „גאָטס רייד פלעגן דאָך טריפן פון זייערע לעפצן" — אַזוי פלעגט טענהן די מומע חיה.

ווי עס זעט אויס, האָב איך זיך געהאַט דענסטמאָל אָנגענומען אַביסל מיט די פאַרשידענע משוגעתן אין דער מומע חיהס הויז — אַ ניט וואָלט איך דאָך ניט געוואָרן קיין שרייבער ביי יידן...

ווי מיינט איר?

מאַשע די משוגענע —

מ׳דערציילט, אַז איינער אַ שטאָט־משוגענער האָט געהאָט איינמאָל אַ זאָג געטאָן, אַז אייגנטלעך איז די גאַנצע וועלט משוגע, נאָר אַזוי ווי מען קאָן דאָך ניט נאָכלויפֿן נאָך דער גאַנצער וועלט — לויפֿט מען נאָך נאָך אים...

כ׳מיין, אַז אין דעם דאָזיקן משוגענעם איינפֿאַל איז פֿאַראַן אַ שטיק אמת.

מיר האָבן דאָך, ברוך השם, ערשט ניט לאַנג געזען, ווי די וועלט־חכמים פֿון אַלע לענדער זיינען אַזוי לאַנג נאָכגעלאָפֿן נאָך איינעם אַ מאַניאַק פֿון עסטרייך — ביז ער האָט טאַקע די גאַנצע וועלט משוגע געמאַכט.

שוין אין דעם עצם־ענין פֿון נאָכלויפֿן נאָך אַ משוגענעם שטעקט געוויס אַ שטיקל משוגעת.

דער נאָכלויפֿער האָט אַ גאַנץ גרויסע הנאה פֿון נאָכצוקרימען אַלע ווילדע תנועות און האַוואַיעס פֿון דעם משוגענעם און פֿון איבערצוקייען אַלע זיינע משוגענע פּלוידערייקעס.

די מאָדערנע פּסיכאָלאָגן זאָגן, אַז אין אונדזערע צייטן איז יעדער איינער פֿון אונדז עגעץ־וואו אָדער ערגעץ־ווען אַ ביסעלע משוגע.

אָבער די פּסיכאָלאָגן גופֿא זיינען דאָך אויך ניט מער ווי מענטשן און דעריבער זיינען זיי אויך ערגעץ־וואו און ערגעץ־ווען געכאַפּט אויף דער מעשה.

איך האָב געקענט אין פּאַריז איינעם אַ פּסיכאָאַנאַליטיקער, וועלכער איז ביי זיך אין דער היים געווען אַן אמתער וואַריאַט. ער פֿלעגט שלאָגן דאָס ווייב, ער פֿלעגט שעלטן די הייליקע מוטער, כאָטש ער פֿלעגט יעדן זונטיק גיין אין קלויסטער. זיין נאָמען איז גרויס געוואָרן צוליב דעם, ווייל ער פֿלעגט ביי זיינע פּאַציענטן נעמען גישט ווינציקער ווי דריי הונדערט פֿראַנק פֿאַר אַ וויזיט, ווי ער וואָלט שוין געווען זיגמונד פֿרויד אַליין.

ווי עס זעט אויס קאָן איין און דער זעלביקער מענטש זיין אויף אַ געוויסן פּלאַץ אַ גאָר גרויסער דענקער און פֿאָרשער און אויף אַ צווייטן געוויסן פּלאַץ — ווערט ער גאָר משוגע צי חסר דעה.

די אמתע סיבה פֿון משוגעת איז נאָך ביז היינט ניט אויפֿגעקלערט געוואָרן.

מען דערציילט אַן אַנעקדאָט, אַז אין איינעם אַ משוגעים־הויז זיינען געזעסן איינגעשפּאַרט אין באַזונדערע צימערן צוויי יונגע מענער, איי־נער פֿון זיי איז משוגע געוואָרן צוליב אַ פֿרוי, וועלכע האָט ניט געוואָלט מיט אים חתונה האָבן, און דער צווייטער איז משוגע געוואָרן טאַקע פֿון דער זעלביקער פֿרוי מיט וועמען ער האָט יאָ חתונה געהאַט.

אויך אין דעם דאָזיקן אַנעקדאָט ליגט אַ שטיק אמת...

איינער ווערט משוגע פֿון צופֿיל עלנט און דחקות, דער צווייטער ווערט משוגע פֿון צופֿיל לוקסוס און גליק.

אַט־די דאָזיקע אַלע געדאַנקען און איינפֿאַלן זיינען מיר איצטער געקו־מען אויפֿן שפּיץ פּען, ווייל איך גיי דאָ באַשרייבן מיין שוועסטערקינד מאַשען — די טאָכטער פֿון מיין פֿעטער פֿייטל, דעם „מלאך", וועלכן איך האָב אייך שוין פֿאָרגעשטעלט אין דעם פֿריערדיקן קאַפּיטל.

דענסטמאָל, מיט אַ יאָר פֿופֿציק צוריק, האָט מען נאָך ביי אונדז אין דוקאָר לחלוטין ניט געהאַט געוואוסט וועגן די אַזויגערופֿענע „אונטערבאַ־וואוסטזיינס" און „איבערבאַוואוסטזיינס", און מען האָט אויך ניט גע־וואוסט פֿון די מאָדערנע „סעקס־אַפּילס" און אַנדערע מינים „אַפּילס", וואָס מאַכן איצט משוגע אַ גאַנצענע וועלט.

מיר האָבן נאָר געוואוסט, אַז דוקאָר מוז האָבן אַן אייגענעם משוגענעם — ס׳זאָל ווערן פֿריילעכער אין שטעטל.

האָט אונדז גאָט אַליין צוגעשיקט מאַשען, וואָס איז מסתמא משוגע געוואָרן צוליב איר „אונטערבאַוואוסטזיין", ווייל קיין „איבערבאַוואוסטזיין" האָט זי דאָך לכתחילה ניט געהאַט.

דאָס האָט פּאַסירט אין איינעם אַ פֿינצטערן „שאַבעסנאַכט" (שבת־צונאַכט), ווען מיין פֿעטער פֿייטלען, דעם „מלאך" איז פּלוצלונג ניט גוט געוואָרן. האָט מען געמוזט ברענגען אויף גיך פֿון דער קדר־גאַס דעם גוי־אישן פֿעלדשער. דרויסן האָט געשמיסן אַ נאָך־סוכותדיקער רעגן און בייזע ווינטן האָבן געיאָמערט. ביים אַנהויב קדר־גאַס איז געשטאַנען דער ווייס־געקאַלכטער קלויסטער מיט זיינע דריי קיילעכדיקע קופּאָלן. אויף איינעם פֿון די קופּאָלן איז איינע אַ בלעך געווען אָפּגעריסן, האָט דער בייזער ווינט געפּאַטשט מיט דער בלעך אין דער פֿינצטערער נאַכט אַריין. איז מאַשען איינגעפֿאַלן, אַז אויפֿן שפּיץ קלויסטער טאַנצן די „בישט־גוטע" און מאַניען זי אין קלויסטער

אַריין, האָט מאַשע אָנגעהויבן צו אַנטלויפֿן פֿון קלויסטער און צו גוואַל־דעווען „שמע ישראל אדושם אלקונו אדושם אחד".

לויפֿנדיק אַזוי פֿון די „ניט־גוטע" האָט זיך מאַשע אויסגעגליטשט און זי איז געבליבן ליגן אין בלאָטע אַ פֿאַרחלשטע. פֿאַרבייגייער האָבן זי געבראַכט צוריק אַהיים מיט שוים אויף די ליפּן און מיט פֿאַרגלעזערטע אויגן.

ווען מאַשע איז געקומען צו זיך — האָט זי אויסגעטראַכט אַ בלבול אויף דעם גוישן פֿעלדשער, אַז ער האָט זי כּלומרשט פֿאַרגוואַלטיקט. אָט טאַקע לעבן קלויסטער, אין בלאָטע, האָט זי דער פֿעלדשער פֿאַרגוואַלטיקט און די „נישט־גוטע" האָבן נאָך דערביי געטאַנצט אויפֿן קלויסטער־שפּיץ זייער חתונה־טאַנץ.

פֿון דעמאָלט אָן האָט שוין גאַנץ שטעטל זי אָנגעהויבן צו רופֿן „מאַשע די משוגענע".

פֿאַרשטייט זיך, אַז ניט דער פֿעטער פֿייטל און ניט די מומע חיה האָבן געקענט מסכּים זיין מיט אַזאַ מין צונעמעניש.

די פֿאַנאַטישע און זייער אָבערגלויבערישע מומע חיה פֿלעגט גאָר טענהן, אַז „גאָטס רייד טריפֿן פֿון מאַשעס לעפֿצן", און אַז די טאָכטער אירע איז, נעבעך, אַ קרבן פֿון די חטאים אין שטעטל.

ווען ניט עלקע אריה יצחקס — די אַריסטאָקראַטקע, וועלכע שפּאַצירט אַרום אין „אַלגעשטשינע" (אַ וועלדל הינטער דוקאָר) מיט פֿרעמדע מענער, וואָלט איר מאַשע געווען קלאָר ווי אַלע אַנדערע יידישע טעכטער פֿון דוקאָר! — אַזוי פֿלעגט טענהן די מומע חיה. און אויף איר מאַמען קוקנדיק פֿלעגט מאַשע די משוגענע באַווייזן פֿאַר אַלעמען אין די אויגן ווי אַזוי עלקע אריה יצחקס זינדיקט מיט די פֿרעמדע מענער אין „אַל־געשטשינע".

אין דער אמתן אָבער איז עלקע אריה יצחקס געווען אַן ערלעכע יידישע טאָכטער, ווי אַלע אַנדערע פֿרויען פֿון דוקאָר, וואָס זייערע מענער זיינען געווען וואַלד־מענטשן און זיי פֿלעגן קומען אַ היים נאָר אויף די גרויסע ימים־טובים — פּסח און סוכּות.

אריה יצחק אַליין — עלקעס מאַן — איז געווען אַ פֿיינער און אינ־טעליגענטער מענטש, וואָס פֿלעגט לייענען דעם „המליץ", און אים האָט לחלוטין ניט געאַרט, וואָס די ווייב זיינע שפּאַצירט אין די זומערדיקע פֿאַרנאַכטן מיטן הומענער לערער „זלמן די בריל", וועלכער פֿלעגט אונדז, חדר־ייִנגלעך, לערנען רוסיש און וואָס די ווייב זיינע רופֿט צו זיך געסט

אין די לאַנגע ווינטערדיקע נעכט און מען טרינקט טיי פֿון סאַמאָוואַר.

אַפֿילו איך אַליין פֿלעג זיך אָפּטמאָל אַריינכאַפּן מיט דער מאַמען צו עלקע אריה יצחקס אויף אַ גלעזל טיי מיט וואַרעניע, און די מאַמע פֿלעגט אַפֿילן נעמען בײַ איר אָפּטמאָל אַ גמילות־חסד ביז נאָך דעם דושי־צער יאַריד.

דאָך אָבער פֿלעגט מאָשע די משוגענע קערן וועלטן, אַז צוליב על־קע אריה יצחקס שטאַרבן קליינע קינדער אין שטעטל און דער טאַטע אירער, פֿייטל דער „מלאך", קאָן ניט צוליב איר אַראָפּברענגען משיחן...

האָט טאַקע איטקע מאָשע זעליקס, דער מומע חיהס אַ שכנה, וואָס איז געווען, נעבעך, אַ גאָר גרויסע קבצנטע און זי פֿלעגט אָפּט אַריינקומען צו דער מומע חיהן אין קראָם נאָך אַ ביסל ׳ליאָק" פֿון דער הערינג־פֿאַס, וואָס אַז מען טונקט אין אים איין אַ הייסע בולבע מיינט מען שוין, אַז מען עסט בולבע מיט הערינג — האָט אָט־די איטקע־מאָשע־זעליקס איינמאָל אַ זאָג געטאָן צו דער מומע חיהן, אַז לויט איר שכל נאָך דאַרף מען מאַשען וואָס גיכער חתונה מאַכן און דענסטמאָל וועט זי ווידער אַמאָל קומען צו אירע קלאָרע געדאַנקען.

גראָד בין איך געווען דענסטמאָל בײַ דער מומע חיהן אין קראָם, ווען איטקע־מאָשע־זעליקס האָט איר געגעבן די דאָזיקע עצה — בין איך אַוועק־געלאָפֿן צו מיינע חברימלעך אין חדר אַריין און אָנגעזאָגט דער חברה מיי־נער, אַז מיר מוזן אומבאַדינגט קריגן פֿאַר מאַשען אַ חתן — אַ ניט וועט זי, חלילה, גאָר אינגאַנצן משוגע ווערן.

האָט דער גאַנצער חדר באַלד באַשלאָסן, אַז קיין קלאָרער מענטש וועט דאָך מיט מאַשען קיינמאָל ניט חתונה האָבן, דאַרפֿן מיר קריגן פֿאַר איר אַ משוגענעם, וואָס זאָל איינגיין אויפֿן שידוך. איז אונדז איינגעפֿאַלן, אַז דער בעסטער חתן פֿאַר מאַשען קאָן טאַקע זיין מאָשע זעליק, דער עלטערער זון פֿון איטקע־מאָשע־זעליקס.

דער דאָזיקער מאָשע־זעליק פֿלעגט זיך אַ גאַנצן טאָג אַרומדרייען אי־בערן שטעטל פּוסט־און־פּאַס און איז שטענדיק געווען הונגעריק. פֿלעגט ער העלפֿן די אלמנות פֿון שטעטל אָנטראָגן וואַסער, צעהאַקן אַביסל האָלץ און גלאַט אַזוי פֿאָלגן אַ גאַנג. פֿלעגט מען אים דערפֿאַר באַצאָלן מיט עפּעס אַ צובייסן. איז אונדז איינגעפֿאַלן, אַז אָט־דער מאָשע־זעליק וואָלט זיך ממש מחיה געווען, ווען ער האָט חתונה מיט מאַשען. ער פֿאַלט דאָך אַריין אין אַ שמאַלץ־גרוב ער וואָלט יעדן טאָג געקאָנט אויפֿעסן אַ גאַנצן הערינג מיט אַ פֿולן טאָפּ געשיילטע בולבעס!

אָבער מאַשע־זעליק האָט בשום־אופן ניט געוואָלט הערן פון דעם שידוך.

וואָס בין איך משוגע כ'זאָל חתונה האָבן מיט אַ משוגענער. — פלעגט זיך מאַשע־זעליק אַרויסדרייען פון אונדזערע הענט.

— אַי, וואָס אַרט דיך, מאַשע־זעליקל, אַז דו וועסט חתונה האָבן מיט מאַשען? — פלעגן מיר זיך ביי אים בעטן רחמים.

וועסט ניט דאַרפן מער גיין דענסטמאָל איבער די הייזער האַקן האָלץ און טראָגן וואַסער און מען וועט אייך ביידן רופן „מאַשע־מאַשעו" — ס'קלינגט דאָך אַזוי שיין. און מען וועט דיר נאָך אויך געבן מפטיר! — פלעגן מיר אים אַנגעבן אין נדן די אַלע זיבן גוטע זאַכן. אָבער מאַשע־זעליק פלעגט זיך שטענדיק אַרויסדרייען פון אונדז מיט אַ קונץ, אַבי ניט צו ווערן קיין „מאַשע־מאַשע".

— ווייסט איר וואָס, קינדער, אָט וועל איך אייך ווייזן אַ קונץ ווי אייזן שווימט אויף וואַסער — פלעגט מאַשע־זעליק אונדז איבערשלאָגן.

— גיי שוין גיי, משוגענער, ווי קאָן דען אייזן שווימען אויפן וואַסער?

— פלעגן אַלע חדר־ייִנגלעך אים אויפהויבן אויף אַ הוראַ.

— אָט גיט מיר נאָר אַ גלאָז וואַסער, אַ שטיקל פּאַפּיר און אַ נאָדל, וועט איר גלייך זען ווי אייזן שווימט אויפן וואַסער — פלעגט מאַשע־זעליק באַשטיין אויף זיינס.

ווען מיר פלעגן אים צושטעלן די אַלע דריי זאַכן, פלעגט מאַשע־זעליק זייער פאַרזיכטיק אַריינלייגן דאָס שטיקל פּאַפּיר אין גלאָז וואַסער און אויפן פּאַפּיר פלעגט ער אַרויפלייגן די נאָדל און אויסשרייען צו אונדז מיט גדולה:

— אַהאַ, איצטער זעט איר שוין ווי אייזן שווימט אויפן וואַסער!

— אויך מיר אַ קונץ! — פלעגן מיר אָנהייבן שרייען צו מאַשע־זעליקן מיט גרויס ביטול — אַזאַ מין קונץ קאָן דאָך יעדער איינער פון אונדז!

דענסטמאָל פלעגט שוין מאַשע־זעליק פּרובירן איינגעמען אונדז מיט אַ לידל, וואָס ער אַליין מסתמא האָט פאַרפאַסט.

— הערט נאָר, הערט, קינדער! — פלעגט מאַשע־זעליק אָנהייבן צו זינגען מיטן ניגון פון „אקדמות":

בײַ עלקע אריה יצחקס
איז צוגעמאַכט די לאָדן
און מאַשע די משוגענע
עסט אויף דעם גאַנצן פלאָדן.

בײַ עלקע אריה יצחקס
טרײסלט זיך דער בוידעם
און מאַשע די משוגענע
מײנט עס זײַנען שדים.

פֿלעג איך שוין אויך מיטזינגען דאָס דאָזיקע ליד, כאָטש מאַשע די משוגענע איז דאָך געווען מײַנע אַ לײַבלעכע שוועסטערקינד.

איצטער אָבער, ווען איך ווײס שוין אַלע מאָדערנע טעאָריעס וועגן דעם „אונטערבאַוואוסטזײַן“ און „אויבערבאַוואוסטזײַן“, שטויס איך זיך שוין אָן, אַז מאַשע איז געוואָרן אַ קרבן פֿון די בײדע קאָמפּלעקסן צוזאַמענגענומען.

פֿון דער מאַמען אירער, פֿון דער מומע חיהן, האָט מאַשע באַקומען איר „אונטערבאַוואוסטזײַן“, וועלכער האָט געהאַלטן אין אײן זוכן חטאים אין שטעטל, און פֿון דעם טאַטן אירן, פֿון מײַן פֿעטער פֿײַטל דעם „מלאך“, האָט מאַשע באַקומען איר „אויבערבאַוואוסטזײַן“, וועלכער האָט שטענדיק געהאַט צוטאָן מיטן „אויבערשטן“.

אויף איר טאַטן קוקנדיק איז מאַשע געוואָרן שרעקלעך פֿרום. אַזוי, למשל, פֿלעגט מאַשע יעדן זונטיק, ווען צו זײ אין קראָם פֿלעגן אַרײַנקומען אַ סך גויים און גויעס פֿון די אַרומיקע דערפֿער אײַנצוקויפֿן פֿאַרשײדענע זאַכן, פֿלעגט זי אַרומדרײען בײדע הענט מיט האַנטיכער און אויך דאָס מויל מיט דער נאָז פֿלעגט זי פֿאַרוויקלען אין אַ האַנטוך ביז סאַמע אונטער די אויגן, ווײַל פֿון אַלע גויים און גויעס שפּריצט דאָך מיט חזיר, ווײַל זי ניט, חלילה, טמא ווערן.

אויף איר טאַטן קוקנדיק האָט מאַשע אויך אָנגעהויבן צו רויכערן. זי האָט געהערט, אַז רויכערן איז אַ גוטע סגולה צו צײַנווייטיק, אַזוי ווי אָבער זי האָט נאָך ניט געקענט צונויפֿדרײען אַ פּאַפּיראָס, וואָס זאָל אויסזען ווי אַ לײקע, ווי דער פֿעטער פֿײַטל פֿלעגט עס טאָן, פֿלעגט מאַשע נעמען אַן אמתע בלעכענע לײקע, אָנפֿילן זי מיט טאַבאַק, אים אונטערצינדן און ציען פֿון לײקע דעם רויך ווי פֿון אַ קוימען.

ווען די עלטערע שוועסטער אירע, פֿראַדע, די כלה, פֿלעגט דערזען ווי מאַשע די משוגענע לאָזט אָן אַ פֿולע שטוב מיט רויך, פֿלעגט זי מאַכן אויף מאַשען אַ גוואַלט, אַז זי קאָן נאָך, חלילה, אָנמאַכן אַ שׂרפֿה אין הויז.

דענסטמאָל פֿלעגט שוין מאַשע ווערן גאָר אײַנגאַנצן ווילד און אָנהײבן צו שרײַען איבער דעם גאַנצן מאַרק, אַז זי וועט זײער גאַנץ הויז

אַוועקלאָזן מיטן פֿייער, אויב נאָר זי, פֿראַדע, וועט ווידער אַמאָל אַוועקגיין מיט איר חתן אין די הינטערשטע צימערלעך „שושקען" זיך.

— ס'איז נאָך וויניק עלקע אריה יצחקס, דאַרף נאָך פֿראַדע אויך שוש־קענען זיך אין זייער הויז מיט אַ פֿרעמדן מאַנספּערשוין! — אַזוי פֿלעגט מאַשע גוואַלדעווען צווישן די וואָלקנס טאַבאַק־רויך, און כ'מוז מודה זיין, אַז ווען מאַשע פֿלעגט ווערן זייער צעקאָכט — פֿלעגט זי אויסזען נאָך שענער ווי געוויינטלעך.

אַ קיילעכדיקער ראָזאָווער פּנים מיט צוויי גרויסע הייסע אויגן און מיט אַ הויכן בוזעם, וואָס ניט שטענדיק פֿלעגט ער זיין ביי איר פֿאַרשפּי־ליעט.

איך האָב זי ליב געהאַט שוין דער־פֿאַר אַליין, וואָס זי פֿלעגט אַלעמען זאָגן דעם אמת און קיינער פֿלעגט אויף איר דערפֿאַר קיין פֿאַריבל ניט האָבן.

זי פֿלעגט אַפֿילו די אייגענע עלטערן אירע אַריינזאָגן אין דער זי־בעטער ריפּ אַריין.

— די מאַמע איז אַ משוגענע און דער טאַטע איז אַ וואַריאַט! — פֿלעגט מאַשע אָפֿט טענהן צו מיר.

איז זי טאַקע אַביסל געווען גערעכט!

ווי זאָגט אונדזערס אַ פֿאָלקס־ווערטל: „משוגענע געגנדז — משוגענע גריוון", דאָס הייסט, אַז ווען די עלטער! זיינען משוגע ווערן שוין אויך די קינדער געכאַפּט אויף דער מעשה...

אָבער די מעשה איז אַ מעשה!...

די מאַמע

מײַן מאַמעס מאכלים —

מײַנע עלטערע פֿיר ברידער פֿלעג איך זען נאָר צװײ מאָל אין יאָר: סוכּות און פּסח.

אַ גאַנצענעם יאָר פֿלעגן זײ עסן טעג ערגעץ־װאו אין בערעזין, צי אין מינסק, אָבער אױף די גרױסע ימים־טובֿים פֿלעגן זײ קומען אַהײם קװיקן זיך מיט דער מאַמעס מאכלים.

די מאַמעלע מײַנע איז געװען אַ גרױסע בריה (בעריע) צו מאַכן אַזעל־כע פֿײַנע פּאַטראַװעס, פֿון װעלכע די קינדער פֿלעגן ממש לעקן די פֿינגער.

אונדזער הױפּט־שפּײַז איז געװען, פֿאַרשטײט זיך, בולבע, אָבער די מאַ־מע פֿלעגט יעדן טאָג מאַכן אַן אַנדער מין בולבע־מאכל און מיר פֿלעגן גאָר ניט פֿילן, אַז מיר לעבן נאָר אױף בולבע אַלײן.

אַזױ, למשל, פֿלעגט זי זונטיק אָפּקאָכן פֿאַר אונדז אַ גרױסן טשוהון מיט ניט־געשײלטע בולבע, אָדער „בולבע אין פּעלצלעך", װי מיר פֿלעגן עס רופֿן.

זונטיק פֿלעגט די מאַמע זײַן פֿאַרנומען אין געשעפֿט, װײַל עס פֿלעגן אָנפֿאָרן פּױערים פֿון די אַרומיקע דערפֿער און אײניקע פֿון זײ פֿלעגן פֿאַר־בלאָנדזשען אױך צו אונדז נאָך אַ שטיקל לעדער אָדער נאָך אַ פּאָר פּאָדנאָס־קעס.

די מאַמע פֿלעגט אונדז אָנזאָגן, אַז מען מוז אױף די פּױערים „װאַרפֿן עינים", װײַל זײ האָבן די מיאוסע טבֿע צו „לאַטכענען" (ד. ה. גנבֿענען).

אַפֿילו װען עס פֿלעגט קומען צו אונדז פֿון דאָרף־גאַס דער סטאַראָסטע אַלײן, פֿלעגט די מאַמע אױך אָנזאָגן אונדז, אַז מען זאָל װאַרפֿן אױף אים „עינים", װײַל אױך אַפֿילו דער סטאַראָסטע מיט זײַן בלעכל אױף דער ברוסט פֿלעגט האָבן די מיאוסע טבֿע צו „לאַטכענען".

פֿלעגט שױן זונטיק דער מאַמען אױספֿעלן צײַט צו מאַכן פֿאַר אונדז ספּעציעלע מאכלים. פֿלעגן מיר זיך מוזן באַנוגענען מיטן טשוהון ניט־געשײלטע בולבע. יעדער אײנער פֿון אונדז פֿלעגט פֿון זײ אַראָפּציען די „פּעלצלעך", װאָס פֿלעגן זײַן זײער דין װי הײטלעך און די אָפּגעשײלטע הײסע בולבעס פֿלעגן מיר טונקען אין דעם שיסעלע מיט „ליאַק", װעלכן איך פֿלעג באַקומען אומזיסט פֿון דער מומע חיהס הערינג־פֿאַס.

ווען מען עסט בולבע מיט „ליאַק" איז שוין כמעט דאָס זעלביקע ווי מען וואָלט געגעסן בולבע מיט הערינג.

מאָנטיק פֿלעגט שוין די מאַמע די בולבע אָפּשיילן, אָבער איידער זי פֿלעגט אַוועקשטעלן דעם טשוהון אָפּגעקאָכטע בולבעס אויפֿן טיש, פֿלעגט זי פֿריער גוט אָפּזייען דעם וואַסער פֿון טאָפּ און אים געבן אַ שטעל־אַוועק נעבנטער צום פֿייער, כּדי די בולבעס זאָלן אַרויסקומען פֿון טאָפּ גאָר אינגאַנצן טרוקענע און ווי איבערגעצויגענע מיט נייע הייטלעך. די בולבעס, וואָס פֿלעגן זיין ביי די ווענטלעך פֿון דעם טשוהון, פֿלעגן אַרויסקומען פֿאַרברוינטע מיט געשמאַקע ראָזאָווע בעקלעך און עס פֿלעגט זיין אַ חיות זיך איינצובייסן אין זיי. אַזעלכע אָפּגעטריקנטע בולבעס, וואָס יעדע איינע פֿון זיי איז געווען פֿאַר זיך אַ זאַך, האָבן אַ טבע צו האַלטן אין זיך אַ סך היץ, דעריבער טאַקע פֿלעגט די מאַמע געבן יעדן איינעם פֿון די קינדער אַ ספּאָדקע מיט קאַלטן זויערמילך און עס איז גאָר ניטאָ קיין גרעסערער מאכל ווי צו לעשן הייסע בולבעס מיט קאַלטן זויערמילך.

דינסטיק פֿלעגט די מאַמע ווידער אַמאָל אָפּקאָכן אַ טשוהון מיט געשיילטע בולבעס, אָבער זי פֿלעגט שוין די בולבעס צערייבן אין אַ קאַשע און איבערקנעטן זי מיט מאָן.

האָט איר שוין אַמאָל געגעסן בולבע־קאַשע מיט מאָן? אַדרבא, פּרובירט, איר וועט מיר דערפֿאַר נאָך דאַנקען.

מיטוואָך פֿלעגט שוין די מאַמע אָפּקאָכן אַ טשוהון מיט „פֿיש־בולבע". אָנשטאָט פֿיש פֿלעגט די מאַמע אַריינוואַרפֿן אין טאָפּ אַ פּאָר טאַראַנעס, אָדער „וואָבלע". ווי די רוסן זאָגן. אַ פֿונט טאַראַנעס פֿלעגט קאָסטן ניט מער ווי פֿינף קאָפּיקעס, זיי פֿלעגן גיין צען אויף אַ פֿונט. יעדער איינער פֿון אונדז פֿלעגט באַקומען אַ פֿולן טעלער מיט „פֿיש־בולבעס" און אַ שטיקל טאַראַן, וואָס פֿלעגט פֿאַרבלייבן האַרט ווי האָלץ אָפּילו אָפּגעקאָכטערהייט.

זעט איר, דעם דאָזיקן מאכל וועל איך אייך ניט רעקאָמענדירן צום פּאַרזוכן, ווייל צו טאַראַנעס מוז מען האָבן אַן אייזערנעם מאָגן, און קיינער פֿון מיינע לייענער פֿאַרמאָגט שוין ניט מער אַזאַ מין מאָגן!

דאָנערשטיק, ווען די מאַמע פֿלעגט שוין האָבן איינגעקויפֿט דאָס פֿלייש אויף שבת, פֿלעגט זי אונדז אַ פֿולן טשוהון מיט „פֿלייש־בולבע".

אמת, דאָס פֿלייש גופֿא פֿלעגט טאַקע די מאַמע האַלטן פֿאַר די שבת־דיקע סעודות, אָבער יאָשע דער קצב פֿלעגט געבן דער מאַמען אַ פֿולן הויפֿן מיט גוטעביינער, וואָס פֿאַרמאָגן אין זיך אַ סך שפּיג. פֿון דעם שפּיג אַליין פֿלעגן די בולבעס ווערן גענוג פֿעט. אין די ביינער גופֿא פֿלעגט נאָך אויך

פֿאַרבלייבן געטוג שפּיג, וועלכן די עלטערע ברידער פֿלעגן אַרויסזייגן אָדער אַרויסקלאַפּן אין אַ לעפֿל אַריין.

אַ חוץ די אויבן־אויסגערעכנטע בולבע־פּאַטראַוועס פֿלעגט די מאַמע האָבן פֿאַר די וואָכעדיקע טעג נאָך אַנדערע וויכטיקע מאכלים, וואָס פֿלעגן זיך צעגיין איבער אַלע גלידער.

האָט איר, למשל, געהערט אַמאָל פֿון אַ מאכל אַזאַ וואָס הייסט „קאַפּ־האַן״?

יע, אין אַמעריקע האָט איר שוין געוויס געהערט פֿון „קאַפּהאַן״ אָדער אַפֿילו אים געגעסן אויך, אָבער ביי דער מאַמען האָט „קאַפּהאַן״ לחלוטין ניט געהאַט צו טאָן מיט דעם הינער־אָדער הענער־געזינדל.

„קאַפּהאַן״ פֿלעגט די מאַמע מאַכן פֿון אַלטע אָפּגעבאַקענע שטיקלעך ברויט, וואָס פֿלעגן זיך אין משך פֿון דער וואָך אָנקלייבן אין איינעם פֿון אירע גרויסע טשוהונעס. ווען דער טשוהון מיט די פֿאַרדאַרטע „סקאַרינ־קעס״ פֿלעגט שוין ווערן פֿול, פֿלעגט זי דעמאָלט אַריינגיסן אין אים וואַ־סער ביז די ברעגעס און קאָכן די סקאָרינקעס אַזוי לאַנג ביז עס פֿלעגט ווערן פֿון זיי אַ גאַנץ שיטערע ראָשטשינע פֿון ברוינעם קאָליר.

אויפֿן טעם פֿלעגט דער „קאַפּהאַן״ זיין עטוואָס זויערלעך, אָבער ווען מען פֿלעגט האַלטן אַ שטיקל צוקער איןָ מויל, פֿלעגט מען קאָנען אויפֿעסן אַ פֿולן טעלער און בלייבן זאַט ביז וועטשערע.

אמת, נאָכן „קאַפּהאַן״ פֿלעגט ווערן אין בויך אַ גרויסע מהומה, ווי צען הענער וואָלטן דאָרטן געקרייעט אָבער ביז וועטשערע פֿלעגן זיי זיך באַרואיקן די „קאַפּהענער״.

אגב, וואָס איז אַזוינס „וועטשערע״ אין אַ וואָכעדיקן טאָג ווייס איך נאָך ניט ביז היינט. אַמאָל פֿלעגט מיין וועטשערע באַשטיין פֿון אַ שטיקל ברויט מיט טרוקענע גאָמעלקע, אַמאָל פֿון אַ לוסטע ברויט אָנגעשמירט מיט פּוטער און אַמאָל פֿון אַ גלאָז מילך מיט אַן „אָקראַיטשיק״.

ווען איך פֿלעג אָבער צושטיין צו דער מאַמען זי זאָל מיר געבן כאָטש איין מאָל אַ ריכטיקע וועטשערע, פֿלעגט מיך די מאַמע פֿרעגן:

— וואָס ווילסטו, קינד מיינס, דעם טעלערל פֿון הימל, צי אפֿשר גאָר מאַרציפּאַנעס?

פֿלעג איך שוין דעמאָלט איינגייןָ אויף אַ לוסטע ברויט מיט האָניק.

זומער צייט פֿלעגט די מאַמע אָפּקאָכן צו וואַרמעס אַ טאָפּ מיט קיר־בעס, וואָס פֿלעגט אויסזען ווי „קאַפּהאַן״, אָבער צום געקאָכטן קירבעס פֿלעגט מען שוין ניט דאַרפֿן קיין צוקער אין מויל.

יעדן ראש חודש פֿלעגט די מאַמע באַקן אויף בוימל בלינעס פֿון בול־בעס אָדער פֿון גריקענעם מעל.

פֿלעג איך בעטן גאָט, אַז ראש־חודש זאָל קיינמאָל ניט אויספֿאַלן פֿרייטיק אָדער שבת, ווען עס פֿלעגט שוין סיי־ווי זיין אַ פֿולע שטוב מיט עסן־זאַכן.

יעדן פֿרייטיק אינדערפֿרי, ווען די מאַמע פֿלעגט אַרויסנעמען פֿון אויוון די חלות מיט די בולקעס, פֿלעגט זי פֿאַנאַנדערלאָזן פּוטער מיט סמעטענע און מיר פֿלעגן טונקען הייסע שטיקער חלה אין דעם פֿעטן געמייזעכץ. די שטיקער חלה פֿלעגן זיך אַריינגליטשן אין בויך אַריין ניט געקייטערהייט. אמת, עס פֿלעגט אונדז אַמאָל באַפֿאַלן פֿון דעם אַ בויכווייטיק, אָבער עס איז געווען כּדאַי!

פֿרייטיק ביידערנאַכט פֿלעגט שוין קומען די באַרימטע „ציבולניצע”. דאָס איז אַ מאכל נאָר פֿון אונדזערע מקומות, דאָס הייסט, פֿון ווייס־רוס־לאַנד, צי פֿון ליטע. איך בין מער ווי זיכער, אַז ווען די „גאַליציאַנער” עסן כאָטש צען יאָר נאָכאַנאַנד יעדן פֿרייטיק אונדזערע אַ „ציבולניצע”, ווערן זיי דעמאָלט ליטוואַקעס אויף עולם־ועד.

איך ווייס, אַז צווישן מיינע לייענער זיינען אויך פֿאַראַן אַ סך גאַליציאַ־נער, וועל איך זיי דאָ דערציילן ווי אַזוי מען מאַכט אַ ציבולניצע און זאָלן זיי איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל פּטור ווערן פֿון זייערע „ווינער” קאָמפּלעקסן (יעדער „גאַליציאַנער” זאָגט דאָך, אַז ער קומט פֿון ווין!).

על כּן, נעמט אַ שוואַרצן טשוהון, ניט קיין צו־גרויסן, פֿילט אים אָן מיט אַ פּאָר צענדליק ציבעלעס פֿון מיטעלן וואוקס, פֿאַרשטעקט צווישן די ציבעלעס אַ פֿונט פֿעטן פֿלייש (וואָס פֿעטער, אַלץ בעסער), לייגט אַריין אַ שטיקל אַלטן לעקאַך, וואָס האָט זיך פֿאַרוואַלגערט פֿון אַ ברית, צי פֿון אַ חתונה, שיט אַריין אַ ביסעלע זאַלץ און עטלעכע שטיקלעך זויער־זאַלץ, באַגיסט די אַלע גוטע זאַכן מיט וואַסער, אָבער ניט צופֿיל, און שטעלט אים אַריין, דעם כּל־בוי־טאָפּ, וואָס טיפֿער אין אויוון אַריין באַלד נאָך דעם ווי מען האָט אַרויסגענומען די שבתדיקע חלות. נאָך בעסער איז צו באַלייגן דעם טאָפּ פֿון אַלע זייטן מיט „זשאַר”, ד. ה. מיט גליענדיקע קוילן, וואָס זיינען באַרעקט מיט אַש. פֿון דער דאָזיקער קאָלטער היץ וועט די ציבול־ניצע קיינמאָל ניט אויסלויפֿן פֿון טאָפּ, נאָר זי וועט זיך שטילערהייט קאָכן אויף אינעווייניק און פֿרייען אַזוי לאַנג ביז פֿון די אַלע גוטע זיבן זאַכן וועט זיך באַקומען אַ זייער הייסע, אַ זייער פֿעטע און אַ זייער ברוינע פֿליסיקייט.

וואָס זעט אויס ווי הייסער האָניק, אין וועלכן עס איז אַ חיות צו טונקען שטיקער חלה און שפּירן דערביי דעם ריכטיקן עונג־שבת.

יע, איך האָב פֿאַרגעסן צו זאָגן, אַז מען דאַרף נאָך אַריינשיטן אין דער ציבולניצע אַ קליין ביסל צוקער, אָבער טאַקע ניט מער ווי אַ ביסל, ווייל אַ ציבעלע, ווי ביטער זי זאָל ניט זיין, האָט די טבע, אַז וואָס מער זי קאָכט זיך, אַלץ זיסער ווערט זי (פּונקט פֿאַרקערט ווי אַ פּרוי).

אַזוי אַרום פֿלעגן מיר פֿאַר דעם פֿרייטיקדיקן טאָג אַליין אויסטונקען כמעט אַלע חלות, וואָס די מאַמע פֿלעגט אָנבאַקן אויף אַ גאַנצענעם שבת.

אמת, פֿון די דאָזיקע טונקענישן האָבן דריי ייִנגלעך פֿון פֿינף (אויך איך) באַקומען שפּעטער מאָגן־געשווירן („אַלסערס״ בלע״ז), וועלכע מיר האָבן געמוזט אויסשנײַדן, אָבער ס'איז בפּירוש געווען כּדאַי!

אַפֿילו היינט נאָך וואָלט איך גאַנץ גערן געגעסן דער מאַמעס אַ ציבול־ניצע, ריזיקרנדיק צו באַקומען אַ נייעם „אַלסער״.

איך וויל נאָך צוגעבן, אַז דעם שטיק פֿעטן ציבולניצע־פֿלייש פֿלעגט די מאַמע באַהאַלטן אויף מאָרגן צו דער גרויסער שבתדיקער סעודה. זי פֿלעגט אים, פּונקט ווי צימעס־פֿלייש, צעשניידן קאַלטערהייט אין דינע טאַ־לערלעך, אויסלייגן זיי אויף אַ גרויסן טעלער און אויף די טעלער־בריעגעס פֿלעגט זי אָנשיטן קליינע קופּקעלעך פֿעפֿער און אויסלייגן קיילעכדיקע טאַלערלעך פֿון רויער ציבעלע. אויך ציבולניצע־פֿלייש האָט זייער ליב, ווען מען עסט אים מיט רויער ציבעלע און מיט פֿעפֿער.

נאָך דער דאָזיקער וואונדערלעכער פֿאַרשפּייז פֿלעגט שוין די מאַמע דערלאַנגען דעם טשאָלענט, דעם קוגל און דעם פֿלוימען־קאָמפּאָט, וועלכע איך האַלט דאָ פֿאַר איבעריק צו באַשרייבן, ווייל די דאָזיקע מאכלים קאָן מען שוין געפֿינען אין יעדן יידישן קאָכבוך.

לויט דעם ווי די עלטערע ברידער מיינע פֿלעגן אַזוי שטאַרק הנאה האָבן פֿון דער מאַמעס מאכלים, האָב איך זיך אָנגעשטויסן, אַז עסן טעג אין דער פֿרעמד איז טאַקע אַ קנאַפּער מאכל.

איך פֿלעג זיך נאָר וואונדערן ווי אַזוי די קליינגעוואוקסיקע מאַמע באַ־וויזט אייניקע אַליין צוצוגרייטן אַזויפֿיל עסן־זאַכן פֿאַר אַלע אירע זעקס קינדער און נאָך פֿירן אייניקע אַליין דעם געשעפֿט אירן. איך געדענק ניט, אַז זי זאָל ווען עס איז דינגען אַ שיקסע אויסצוואַשן די פּאַדלאָגעס אָדער אויסצוואַשן דאָס גרעט.

מער ניט, איין מאָל אין יאָר, ערב פּסח, פֿלעגט די מאַמע דינגען קאַטע־רינען די גרויסע (אַזוי פֿלעגט מען זי רופֿן), זי זאָל אויסוואַשן אַלע פּאָד־

לאַגעס, טישן, בעטן, בענקלעך, ווי אויך אַפילו די הילצערנע פּאַליצעס אין דער קיך. די דאָזיקע קאַטערינע איז געווען זייער אַ הויכע און אַ דיקע, און ווי נאָר עס פּלעגט אָפּלאָזן ערב פּסח דער טייך, פּלעגט זי שוין שטיין ביז די קני אין וואַסער און קלאַפּן אימיצענס וועש מיט אַ פּריאַניק.

פּלעגט מען זאָגן ביי אונדז אין שטעטל, אַז ווען קאַטערינע די גרויסע פּאַרקילט ערב פּסח אירע באָרוועסע פּיס ווערט זי הייזעריק ערשט אַרום שבועות. אַזוי לאַנג נעמט עס ביז די פּאַרקילונג דערגייט ביי איר פון אונטן ביז אַרויף.

אַט־די קאַטערינע פּלעגט אין משך פון צוויי טעג מאַכן פּסחדיק אונדזער גאַנץ הויז. ווען זי פּלעגט פּאַרטיק ווערן מיט אַלע אירע אַרבעטן, פּלעגט זי אָנטראָגן אַ פולע שטוב מיט שטרוי, כּדי מען זאָל ביז פּסח ניט פּאַטשקען, חלילה, די פּאָדלאָגעס.

אָבער פּונקט ערב פּסח פּלעגט אָנפּאָרן צו אונדז חנה זאַריקער, די אמתע באַלעבאָסטע פון אונדזער הויז, און מיטברענגען אירע קינדער — צוויי טעכטער און דעם מוזיניקל אירן, משה אַרינקען.

חנה זאַריקער איז געווען אַ ישובניצע און דערצו נאָך אַן אלמנה. די הויז, אין וועלכער מיר אַלע זיינען געבוירן געוואָרן, האָט זי גערירשנט פון איר מאַן, וואָס איז געשטאָרבן אין די מיטעלע יאָרן. פּלעגט די מאַמע צאָלן אַט־דער חנה זאַריקער צוואַנציק רובל אַ יאָר דירה־געלט.

אָבער צו די גרויסע יום־טובים, ווי ראש השנה, יום־כּיפּור, סוכות און פּסח, פּלעגט חנה זאַריקער מיט אירע קינדער אָנפּאָרן צו אונדז, כּדי צו זיין צווישן יידן.

איר מוזיניקל, משה־אַרינקע, וואָס איז אויסגעוואַקסן אויפן דאָרף פּלעגט זיך פאַרשטעקן ערגעץ אין אַ ווינקל און איך פּלעג מיט אים ניט שפּילן.

פּלעגט עס דער מאַמען זיינער, חנהן, שטאַרק פּאַרדריסן, וואָס איר בן־יחידל, דער יתומל, דער אמתער יורש פון איר הויז, פילט זיך אין דער אייגענער היים ווי אַ פרעמדער.

פּלעגט חנה זאַריקער געבן אַ שטעל אַוועק איר קדישל אינמיטן שטוב, אים אָפּשפּיליען דעם קראָק און אים אויפמונטערן:

— פּיש־פּיש, משה אַרינקע, ס׳איז דאָך דיין שטוב! און משה אַרינקע פּלעגט זיך טאַקע ניט לאָזן לאַנג בעטן...

„יעמוד, ר׳ זאב וואָלף בר׳ יואל!" —

אַזוי האָט געהייסן מיין טאַטע, ע״ה.

איך, פּערזענלעך, געדענק ניט מיין טאַטן. ער איז געשטאָרבן, ווי איר ווייסט, באַלד נאָך דעם ווי איך בין געבוירן געוואָרן. ער איז דענסטמאָל אַלט געווען ניט מער ווי זיבן און דרייסיק יאָר.

פאַרוואָס איז מיין טאַטע אַזוי יונג אַוועק פון דער וועלט? — ווייס איך נאָך ניט ביז היינט.

און וואָס איז, סוף־כל־סוף, דער אונטערשייד פון וואָס אַ מענטש שטאַרבט? דער עיקר איז דאָך צי דער מענטש האָט באַוויזן אין משך פון זיין קורצן אָדער לאַנגן לעבן עפּעס־וואָס מתקן צו זיין — מען זאָל אים געדענקען און דערמאָנען צום גוטן!

קען איך דאָ מיט גרויס צופרידנקייט פעסטשטעלן, אַז דער טאַטע מיינער האָט טאַקע איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ פיינעם נאָמען. מען דערמאָנט אים נאָך עד־היום צום גוטן.

צווישן מיינע לייענער אין אַמעריקע האָבן זיך געפונען אייניקע לאַנדס־לייט מיינע, וועלכע געדענקען נאָך מיין טאַטן. האָבן זיי מיר אַריינגעשריבן וועגן אים זייער פיינע בריוו, אין וועלכע זיי שילדערן מיין טאַטנס גרויס־קייט און גוטסקייט. דאַנק איך זיי האַרציק פאַר די דאָזיקע בריוו!

איך האָב אויך צונויפגערופן לעצטנס אַ „קאָנפערענץ" פון מיינע על־טערע צוויי ברידער — מענדל (פון פּעטערסאָן) און שמואל (ניגער פון ברוקלין). כ׳האָב זיי אויסגעפרעגט וואָס זיי געדענקען וועגן דעם טאַטן!

מיין ברודער שמואל געדענקט נאָר דעם טראַגישן טאָג פון דעם טאַטנס טויט. דאָס איז פאָרגעקומען פרייטיק פאַר ליכט־בענטשן, פונקט צען טעג פאַר שבועות (ל״ט ספירה).

מיין ברודער שמואל איז דענסטמאָל (אין דעם יאָר תרמ״ט) אַלט גע־ווען ניט מער ווי פינף יאָר, אָבער ער געדענקט גאַנץ גוט ווי מען האָט אים געשיקט אין שול אַריין אָנזאָגן די יידן, אַז דער טאַטע איז געשטאָרבן.

די מהומה אין שול איז געוואָרן שרעקלעך גרויס. דער קבלת־שבת איז שוין געווען אַ פאַרשטערטער.

דער עלטערער ברודער, מענדל, וועלכער איז שוין געווען דענסטמאָל

בײַ נײַן יאָר אַלט, געדענקט שוין אײניקע אײנצלהײטן, װעלכע האָבן אױף אים געמאַכט אַן אױסערגעװײנטלעך־שטאַרקן אײנדרוק.

אַזױ, למשל, דערצײלט ער מיר, אַז דער זײדע אונדזערער, ר׳ יואל, דעם טאַטנס טאַטע, האָט באַלד נאָכן טױט פֿון זײַן זון, װאָס איז געװען אונדזער טאַטע, באַפֿױלן דער מאַמען מײַנער צו בענטשן ליכט, װי יעדן פֿרײַטיק אױף דער נאַכט, אָבער מיט אײן ליכט װינציקער.

געװײנטלעך פֿלעגט די מאַמע מײַנע בענטשן אַכט ליכט: צװײ פֿאַר זיך מיטן טאַטן און זעקס — פֿאַר די זעקס קינדער אירע. אָבער פֿון יענעם פֿרײַטיק אָן האָט זי שױן אָנגעהױבן צו בענטשן זיבן ליכט, אָנשטאָט אַכט.

באַלד נאָך ליכט־בענטשן איז דער זײדע ר׳יואל אַװעק אין שול אַרײַן מקבל־שבת צו זײַן, און װען ער איז נאָך מעריב געקומען צוריק אַהײם, האָט ער געמאַכט קידוש איבער די צװײ אָפּגעדעקטע חלות און מען האָט געגעסן די שבתדיקע סעודה, װי עס װאָלט בײַ אונדז אין הױז קײן זאַך ניט געװען פּאַסירט.

באַװאונדערט מײַן עלטערער ברודער נאָך עד־היום די גבורה פֿון מײַן מאַמען, װעלכע האָט געקענט פֿאָלגן דעם שװער אירן און ניט פֿאַרשטערן, חלילה, דעם שבת־קודש מיט ילֵלות און אלמנה־יאָמערײען.

די לװיה איז פֿאָרגעקומען שבת־צו־נאַכט (שאַבױסנאַכט). גאַנץ דוקאָר איז געװען אױפֿן בית־עולם, װעלכן מען האָט באַלױכטן מיט ברענענדיקע שטורקאַצן.

מײַן בדודער מענדל געדענקט נאָך אױך, אַז דער טאַטע איז געװען אַ גאָר גרױסער חב״דניק (חב״ד באַשטײט פֿון די ראשי־תיבות: חכמה, בינה און דעת) על פּי נוסח ליובאַװיטש. דער טאַטע האָט פֿאַר פּופֿציק רובל צו־געבױט צו דער אַלטער שול אַ חב״דניצע, װאו ער פֿלעגט דאַװענען יעדן טאָג שחרית ביז נאָך צװעלף. קײן אײגענע „שטאָט” אין שול האָט ער ניט געהאַט.

אין דער דאָזיקער חב״דניצע פֿלעגט מען יעדן שבת און יום־טוב לײענען די תּורה און אַלע בעסטע עליות פֿלעגן באַקומען די ײדן פֿון דער מערב־װאַנט, ד. ה. די בעלי־מלאכות, די באַלעגאָלעס און גלאַט אַזױ אָרימעלײט.

װי עס זעט אױס, איז דער טאַטע מײַנער געװען אַ פֿאָלקס־מענטש און דערפֿאַר טאַקע האָט אים עמך (אַמכאָ) אַזױ שטאַרק ליב געהאַט.

באַזונדערס שטאַרק איז דער טאַטע געװען אױסגעבונדן מיט די דוקאָ־רער שוסטערס, װײל ער האָט געהאַנדלט מיט לעדער און ער פֿלעגט זײ געבן אױף באָרג.

ווען מען נעמט סחורה אויף באָרג, גיט מען געוויינטלעך, אַ משכּון, וועלכן מען מוז פריער־שפּעטער אויסקויפן.

מיין טאַטע אָבער איז געווען קעגן משכּנות. זיין חשבון איז געווען אַ פּשוטער: ממה־נפשך (מימאַנעפשעך) — וועט דער שוסטער האָבן מיט וואָס צו באַצאָלן זיין חוב, וועט ער דאָך ניט ווערן קיין אָנזעצער! אלא וואָס — דער שוסטער וועט, נעבעך, ניט זיין בכּוח צו באַצאָלן — וועט ער דען גיין, דער טאַטע מיינער, פאַרקויפן, חלילה, אַ משכּן פון אַן אָרימען ייִדן?

אָבער יואל דער שוסטער, וואָס פלעגט יעדן אָוונט, בין מנחה למעריב הערן אַ קאַפּיטל עין יעקב און איז געווען שטאַרק צוגעבונדן צו אונדזער הויז, האָט זיך איינמאָל אָנגעזעצט אויף מיין טאַטן, אַז ער מוז ביי אים נעמען אַ משכּון!

— ווען מען זאָל חלילה, אויפהערן נעמען משכּנות, איז דאָך שוין דענסטמאָל אויס וועלט! — האָט יואל דער שוסטער אַריינגעטענהט מיט מיין טאַטן!

האָט שוין דער טאַטע געמוזט נאָכגעבן יואלן און גענומען ביי אים זיין משכּון.

דער משכּון איז באַשטאַנען פון יואל דעם שוסטערס שבתדיקער קאַפּאָטע. די קאַפּאָטע האָט מען אים געהאַט אויפגענייט צו דער חופּה און זי איז שוין געווען (די קאַפּאָטע, הייסט עס) אַ יאָר פופצן.

האָט דער טאַטע אַריינגעהאַנגען דעם קאַפּאָטע־משכּון אין אַלמער אַריין, אָבער יעדן פרייטיק נאָך ליכט־בענטשן פלעגט יואל דער שוסטער אַריינקומען צו אונדז אין זיינע פאַרשמאַדערוועטע קליידער, אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם אויבערשטן בגד מיט די פאַרלאַטעטע עלנבויגנס און אַריינקריכן אין זיין לאַנגער שבתדיקער קאַפּאָטע, וועלכע פלעגט נאָר אינגאַנצן פאַרדעקן די שוסטערשע מייטקעס, וואָס זיינען געווען שוואַרץ און גלאַנציק ווי פעך.

דענסטמאָל פלעגט דער טאַטע אַ זאָג טאָן צו יואלן:

—אַ גוט־שבת דיר, יואל!

— גוטשבת, גוט יאָר! — פלעגט יואל ענטפערן, און די ביידע פלעגן מיט שטילע, שבתדיקע טריטעלעך אַוועקלאָזן זיך אין שול אַריין מקבל־שבת צו זיין.

שבתצונאַכט פלעגט יואל דער שוסטער באַלד נאָך מעריב קומען ווי־דעראַמאָל צו אונדז אין הויז. ער פלעגט זייער פאַרזיכטיק אויסטאָן דעם

„משכּון״, אים אַריינהענגען צוריק אין אַלמער אַריין און נאָכדעם, ווען דער טאַטע פּלעגט שוין האָבן אָפּגעמאַכט די הבדלה — פּלעגט זיך יואל דער שוסטער אָוועקזעצן ביים טיש און רויכערן איין פּאַפּיראָס נאָכן צווייטן, כּדי צו דעקן דעם גרויסן רויך־דעפיציט פאַר דעם גאַנצן שבתדיקן מעת־לעת. די מאַמע פּלעגט דערלאַנגען טיי און גוטע זאַכן, ווי עס פּאַסט זיך פאַר אַ מלווה־מלכּה, און יואל דער שוסטער פּלעגט זיך ממש מחיה זיין פון אַט די פיינע שבתצונאַכטן ביי אונדז אין הויז.

ווען ס׳פּלעגט פאָרקומען אין שטעטל אַ תּנאים, אַ חתונה, אַ ברית, צי גלאַט אַזוי עפּעס אַ שמחהלע פּלעגט אויך דענסטמאָל יואל דער שוסטער קומען אין אַ מיטן מיטוואָך צום טאַטן „אויסבאָרגן״ דעם משכּון זיינעם.

אַזוי איז עס געגאַנגען יאָרן־לאַנג. דער טאַטע פּלעגט מוזן אָפּהיטן יואלס משכּון פון „מאָל״ (מיט אַ וויכן למד). ער פּלעגט אים יעדן חודש אָפּשטויבן און יעדן ערב פּסח פּלעגט ער אויך יואלס שבת־יום־טובדיקע קאַפּאָטע אַרויסטראָגן אויפן הויף לופטערן אַנטקעגן דער זון און מיט אַ דינעם שטעקעלע אויסקלאַפּן פון איר דעם שטויב מיט די פעדערלעך.

אָבער ווען דער טאַטע האָט זיך דערשפּירט שוואַך און קראַנק — האָט ער איינמאָל אַ זאָג געטאָן צו יואל דעם שוסטער:

ווייסטו וואָס יואל, נעם שוין בעסער דיין משכּון צו זיך אַהיים... זעסט דאָך, אַז איך האַלט זיך קוים אויף די פיס... כ׳האָב שוין פּשוט קיין כּוח ניט צו פילעווען דיין משכּון. מאַלע־וואָס עס מאַכט זיך... זאָל בעסער דיין משכּון זיין ביי דיר אין שטוב...

פון דעם דאָזיקן פאָרשלאָג איז יואל דער שוסטער שטאַרק צעטומלט געוואָרן:

— סטייטש, וועלוול, כ׳קום דאָך דיר אַזויפיל געלט, ווען כ׳נעם צו דעם משכּון — איז דאָך שוין דענסטמאָל, חלילה, אויס וועלט!

האָט אָבער דער טאַטע געטרייסט יואלן, אַז ער וועט, אם ירצה השם, ניט בלייבן קיין אָנזעצער!

— מיט אַ משכּון, צי אָן אַ משכּון! וועסטו האָבן מיט וואָס אויסצוצאָלן דיין חוב, וועסטו אויסצאָלן, און אויב, חלילה, ניט — וועלן מיר זיך שוין אויסרעכענען אי״ה אויף יענער וועלט...

האָבן זיי זיך געדונגען אַזוי לאַנג, ביז דער טאַטע איז איינגעגאַנגען אויף יואל דעם שוסטערס פּשרה, אַז ער וועט אים אויסשטעלן אַ וועקסל אויף דעם גאַנצן חוב און אַראָפּ פון מאַרק!

דאָס דאָזיקע וועקסל אויף הונדערט רובל, מיט איניקע אַנדערע וועקס־לען פֿון דוקאָראַער שוסטערס, האָט די מאַמע פֿאַרשטעקט אין אירע באַ־העלטערלעך פֿאַר מיר, דעם ״פּליאַגע״ אירן, ווייל ס׳איז דאָך געווען די אײנציקע ירושה, וואָס עס איז פֿאַרבליבן פֿון מיין טאַטן.

ווען כ׳האָב איינמאָל געהאַט אַ פֿרעג געטאָן דער מאַמען צו־וואָס, אַן ערך, האַלט זי נאָך די דאָזיקע פּאַפּירלעך, וועלכע האָבן ניט קיין שום ווערט — האָט מיר די מאַמע געענטפֿערט, אַז זי וויל זיך ניט מישן אין די חשבונות פֿון דעם רבונו של עולם. זי ווייסט, די מאַמע, אַז יואל דעם שוסטערס קינדער זיינען אַוועק קיין אַמעריקע און ס׳קען נאָך אַמאָל פּאַסירן, אַז זיי וועלן מיר אויסצאָלן זייער טאַטנס חוב...

האָט טאַקע פּאַסירט אין דעם יאָר 1941, ווען כ׳האָב זיך געהאַט אַרויסגעראַטעוועט פֿון אָקופּירטן פּאַריז קיין ניו־יאָרק, איז געקומען צו מיר אַ דעלעגאַציע פֿון דער דוקאָרער לאַנדסמאַנשאַפֿט מיט אַ פּרעכטיקער מתנה, וואָס איז באַשטאַנען פֿון אַ גאָר פֿיינעם גאָלדענעם זייגער. בראש פֿון דער דעלעגאַציע איז געווען דער דאַמאָלסטדיקער פּרעזידענט פֿון דער דו־קאָרער לאַנדסמאַנשאַפֿט, נחום ראָזען, דער זון פֿון יואל דעם שוסטער, ע״ה...

ווען כ׳האָב זיך אויסגעבאַרימט מיט מיין גאָלדענעם זייגער פֿאַר דעם רב פֿון אונדזער שטעטל, וואָס איז מיינער אַ קרוב און וואָס דער נאָמען זיינער איז צוליב זיינע ספֿרים גוט באַקאַנט און באַליבט אין אַלע רבנישע קרייזן פֿון גאָר דער וועלט — האָט מיר הרב ניסן טעלושקין פֿון ברוקלין אַזוי געזאָגט:

— זעט איר, אייער מאַמע איז דאָך טאַקע געווען גערעכט! יואל דעם שוסטער זון האָט אַליין ניט וויסנדיק פֿון דעם, געדעקט זיין טאַטנס אַ חוב פֿון איבער פֿופֿציק יאָר צוריק!

דערביי האָט מיר דער רב דערציילט די אויבן־באַשריבענע מעשה מיט יואל דעם שוסטערס משכון, וועלכע איז זייער כאַראַקטעריסטיש פֿאַר מיין טאַטן, דעם חב״דניק.

אָבער אויך דער רב האָט מיין טאַטן פּערזענלעך ניט געקענט. ווען הרב טעלושקין איז געוואָרן רב פֿון אונדזער שטעטל, איז שוין דער טאַטע מיינער אַ פֿאַר צענדליק יאָר געווען אויף יענער וועלט, אָבער דוקאָרער יידן האָבן נאָך אַלץ געהאַלטן אין איין דערציילן די כּלערליי מעשיות און איינפֿאַלן פֿון מיין טאַטן, ע״ה.

האָט הרב טעלושקין, וואָס האָט איבערגענומען אין דוקאָר דעם כּסא הרבנות פֿון מיין עלטער־פֿעטער ר׳ משה טשאַרני ז״ל, איינגעזאַפּט אין זיין

זיכּרון די אַלע מעשיות און לעגענדעס וועגן דער טשאַרני־משפחה אין דוקאָר און ער האָט זיי מיטגעבראַכט אַהער קיין ברוקלין.

אמת, אויך די טשאַרני־משפחה שטאַמט ניט פון דוקאָר גופא, נאָר פון בערעזין, און בערעזינער יידן האָבן פון שטענדיק אָן געהאַט אַ גאָר פיינעם נאָמען אין גאָר דער וועלט.

אַ דאַנק די בערעזינער וואַלד־סוחרים, וועלכע האָבן געקענט פאַרייניקן לומדות מיט מסחר, איז נאָך מיט אַ פאָר הונדערט יאָר צוריק באַשאַפן געוואָרן דאָס אַזוי־גערופענע „בערעזינער סיסטעם", וואָס האָט פאַרייניקט דעם שוואַרצן ים מיטן באַלטישן ים.

וועגן אָט־דעם טשיקאַוון „בערעזינער סיסטעם" וועט איר אין אַלע רוסישע ענציקלאָפּעדיעס געפינען גאַנץ גענויע באַשרייבונגען.

ווי עס זעט אויס, האָט דאָס „בערעזינער סיסטעם" געהאַט שטאַרק באַרייכערט דעם האַלץ־האַנדל אין רוסלאַנד און צוליב דעם טאַקע האָט מען עס פאַראייביקט אין דער רוסישער געשיכטע.

בין איך ווירקלעך, שטאָלץ, וואָס דער טאַטע מיינער שטאַמט אָפּ פון בערעזין און איך בין אויך שטאָלץ, וואָס ער האָט חתונה געהאַט מיט מיין מאַמען, וועלכע ציט איר יחוס פון דעם של"ה הקדוש.

מעגלעך, אַז אַ דאַנק אָט־דער שידוך־„סיסטעם" צווישן בערעזין און דוקאָר האָבן טאַטע־מאַמע אַרויסגעגעבן פון זיך פינף זין, וואָס דריי פון זיי האָבן זיך אויך אַוועקגעלאָזט שווימען איבער די ברייטע און טיפע וואַסערן פון חכמה, בינה און דעת.

די נעמען פון די דאָזיקע דריי זין זיינען: ש. ניגער, ב. וולאַדעק און — אני הקטן —

דניאל טשאַרני...



די פינף טשאַרני ברידער, אין מינסק, 1902

מיינע ברידער און מיינע שוועסטער —

איצטער, ווען איר קענט שוין אַ ביסל מיינע עלטערן — וועל איך אייך אויך באַקענען מיט מיינע עלטערע פיר ברידער און מיט מיין איינציקער שוועסטער, וואָס איז געווען די עלטסטע פון אַלע קינדער.

פאַר מיין מאַמען איז עס געווען זייער גוט, וואָס די איינציקע טאָכטער אירע איז עלטער פון אַלע אירע פינף זין.

ווען די מאַמע איז געוואָרן אַן אלמנה איז שוין מיין שוועסטער מירל אַלט געווען אַ יאָר צוועלף־דרייצן. זי האָט שוין גאַנץ גוט געקאָנט אַרויס־העלפן דער מאַמען אין דער באַלעבאַטישקייט.

מיין שוועסטער איז שוין צו יענער צייט געווען אַ וואויל־געלערנטע, כאָטש איך ווייס נאָך ניט ביז היינט, ווען זי האָט געהאַט באַוויזן זיך אויס־צולערנען אַזוי גוט שרייבן און לייענען.

ווען זי איז צו דרייצן יאָר געוואָרן אַ יתומה — האָט זי דאָך שוין געמוזט אָנהייבן העלפן דער מאַמען צו האָדעווען די פינף ייִנגלעך, וואָס איינער איז געווען קלענער פון דעם צווייטן, ווי פינף פינגער אויף אַ האַנט.

ווען איך בין אַלט געוואָרן אַ יאָר זעקס־זיבן, איז שוין מיין שוועסטער געוואָרן אַ כלה־מויד, און כאָטש זי פלעגט דאַרפן שרייבן גאַנץ אָפט אירע אייגענע כלה־בריוו צו איר חתן אין בערעזין — צו דעם פעטער אונדזערן, — פלעגט זי דאָך געפינען גענוג צייט צו שרייבן בריוו אויך פאַר די אַנדערע כלות פון דוקאָר.

כ'פלעג זייער ליב האָבן זיך צוצוהערן, ווי די שוועסטער מיינע לייענט פאַר די כלה־בריוו, וואָס זי פלעגט שרייבן צו די פרעמדע חתנים.

דאָס כלה־מיידל, וואָס פלעגט אויסהערן מיין שוועסטערס אַ בריוו צו איר חתן — פלעגט זיך אָפט באַגיסן מיט טרערן און נאָכדעם פלעגט זי הייס קושן מיין שוועסטער, פאַרוואָס זי האָט אַזוי פיין אויסגעלייגט אויפן פאַפיר אַלע אירע הייסע געפילן צו איר חתן, זאָל געזונט זיין.

„אויב דו ביסט מיין זון, ווי דו שרייבסט מיר אין דיין בריוו — בין איך דיין לבנה, וועלכע שלאָפט ניט קיין נעכט און ציילט שוין די טעג ביז מיר וועלן, ענדלעך, אינאיינעם זיין, אינאיינעם זיין!"

אָט אַזוי פֿלעגט מיין שוועסטער מירל שרייבן צו די אומבאַקאַנטע חתנים פֿון די דוקאָרער כלה־מיידלעך. כאָטש איך האָב דעמאָלסט בשום־אופֿן ניט געקאָנט פֿאַרשטיין, ווי אַזוי די זון מיט דער לבנה קאָנען שטענדיק „אינאיינעם זיין, אינאיינעם זיין!“

אירע אייגענע כלה־בריוו צו איר חתן אין בערעזין, וואָס איז געווען דעם טאַטנס אַ ברודער, פֿלעגט מיין שוועסטער מירל קיינמאָל ניט פֿאַרלייענען, און כ׳ווייס נאָך ניט ביז היינט, וואָס זי פֿלעגט אים שרייבן יעדן צווייטן טאָג.

כ׳פֿלעג נאָר זען די קאָנווערטן מיט די אַדרעסן, און פֿון דעם אַדרעס אַליין האָב איך זיך דערוואוסט, אַז מיין פֿעטער מוניע הייסט ביי קאַזנאַ סאַמואיל יעוועליאָוויטש טשאַרני, דאָס הייסט, אַז אויף יידיש האָט ער געהייסן שמואל און אַז דער טאַטע זיינע, וואָס איז געווען אונדזער זיידע, האָט געהייסן יואל, אָבער גאַנץ בערעזין פֿלעגט דעם פֿעטער מיינעם גאָר רופֿן „מוניע גענענדעס“ (נאָך דער באָבען אונדזערער).

ווען כ׳האָב איינמאָל אַ פֿרעג געטאָן מיין שוועסטער, פֿאַרוואָס זי שרייבט אויפֿן קאָנווערט אויך נאָך דעם נאָמען פֿון אונדזער זיידן, וויבאַלד דער זיידע איז דאָך שוין לאַנג אויף יענער וועלט — האָט מיר די שוועסטער דערקלערט, אַז אין בערעזין איז פֿאַראַן נאָך איינער אַזאַ מין מענטש, וועלכער הייסט שמואל טשאַרני, און אויב זי זאָל ניט שרייבן „יעוועליאָוויטש“, וועט דער בריוונטרעגער אָפּגעבן איר בריוו צו אַן אַנדער יידן.

האָב איך זיך דעמאָלט פֿאָרגעשטעלט, ווי דער צווייטער שמואל טשאַרני פֿון בערעזין וואָלט זיך געוועזן דערשראָקן, ווען ער באַקומט פּלוצלינג אַ בריוו פֿון מיין שוועסטער וועגן דער לבנה מיט די שטערן פֿון דוקאָר, וועלכע שלאָפֿן ניט קיין נעכט, וואַרטנדיק אויף דער זון, וואָס דאַרף אָנקומען אַזש פֿון בערעזין...

צום באַדויערן פֿלעגט מיין שוועסטער קיינמאָל ניט האָבן גענוג צייט צו פֿאַרברענגען מיט מיר לענגער, ווייל זי האָט דאָך אויך געמוזט אַכטונג געבן אויף די עלטערע ברידער, צוגרייטן דאָס עסן, אויפֿראַמען דאָס הויז און פֿאַרלאַטען די בגדים.

די מאַמע פֿלעגט דאָך שטענדיק אַרומלויפֿן איבערן שטעטל זוכן גמילת־חסדים און פֿירן ווי עס איז איר רימען־געשעפֿט.

אמת, די עלטערע ברידער פֿלעגן שוין העלפֿן דער מאַמען אין געשעפֿט. די מאַמע פֿלעגט אויסקויפֿן ביי די דוקאָרער קצבים די קעלבערנע פֿעלכלעך, אָדער „אָסאָסקעס“, ווי מ׳פֿלעגט זיי רופֿן ביי אונדז, און אָט די „אָסאָס־

קעס״ פֿלעגט מען מוזן אויסטריקענען — מען זאָל נאָכדעם קאָנען מאַכן פֿון זיי רימען.

פֿלעגן שוין די עלטערע ברידער אָרונטערשניידן די אויערלעך פֿון די „אָסאָסקעס״ און אָנשטעקן שפּענדלעך אין יענע פֿלעצער, וואו דאָס פּעלעכל פֿלעגט זיך פֿאַלדעווען.

מיין ברודער שמואל האָט זייער ליב געהאַט אָנצושפּאַלטן פֿון איין שייטל האָלץ אַ פֿולע שטוב מיט שפּענדלעך און מיין ברודער ברוך פֿלעגט אָנשטעקן די שפּענדלעך אין אַלע יענע ערטער פֿון פּעלכל, וואָס פֿלעגן זיך פֿאַלדעווען.

(ווי עס זעט אויס, איז מיין ברודער ברוך נאָך פֿון קינדווייז אָן געווען אַ גרויסער בריה אויף אויסצוגלייכן קנייטשן).

אויך איך פֿלעג זיך אָפּט רייסן צו די קעלבערנע פּעלכלעך. אָבער די עלטערע ברידער פֿלעגן מיך ניט לאָזן, ווייל איך קאָן נאָך חלילה פֿאַר־שטראָמען אַ האַנט, און מער ווי איין געזונטע האַנט האָב איך דאָך ניט געהאַט פֿון אָנהייב אָן!

די גאָר עלטערע צוויי ברידער, מענדל און זאַלקע, זיינען שוין ניט געווען מער אינדערהיים. זיי האָבן געגעסן טעג אין בערעזין און אַפּילו שוין אָנגענומען קנעלונגען אויף אַ גאַנצן זמן ביי די ישובניקעס פֿון אונדזערע מקו־מות.

אָבער אויף די גרויסע יום־טובים פֿלעגן אַלע מיינע ברידער קומען אַ היים.

סוכות פֿלעגט מיך די מאַמע ניט לאָזן זיצן צו־לאַנג אין דער סוכּה, ווייל צוליב דער סוכּה, וואו ס׳איז געווען פֿאַרגעקומען מיין ברית, האָב איך זיך דאָך פֿאַרקילט אויף אייביקע יאָרן, און דעריבער איז סוכּות געווען פֿאַר מיר שטענדיק אַ פֿאַרשטערטער יום־טוב.

אָבער פּסח פֿלעגט די מאַמע אויך מיך אויסזעצן ביים סדר־טיש צו־זאַמען מיט אַלע מיינע ברידער און איך האָב שוין אַפּילו געהאַט מיינע אַן אייגענע כּוסה, נאָך וועלכער איך בענק ביז צום היינטיקן טאָג.

די כּוסה מיינע איז געווען אַ בלויאינקע מיט אַ ווייס גלעזערן הענטעלע ווי פֿון קרישטאָל. כ׳פֿלעג זי קושן אין פּיסקל אַריין, ווי זי וואָלט געווען, די כּוסה מיינע, אַ יינגערע שוועסטערל, וועלכע קומט צו אונדז צו־גאַסט נאָר איין מאָל אין יאָר.

דעם סדר פֿלעגט פֿירן דער עלטערער ברודער, מענדל, און איך פֿלעג ביי אים פֿרעגן די פֿיר קשיות, ווי ער וואָלט געווען דער טאַטע מיינער.

יע, דריי ברידער פֿון די פֿינף זיינען געווען ענלעך צו מיין טאַטן, און געמלעך: מענדל — דער גאָר עלטסטער ברודער, ברוך (וולאַדעק) — דער יינגסטער פֿון אַלע מיינע פֿיר ברידער, און איך אַליין בין אויך אויסערלעך שטאַרק ענלעך צום טאַטן, בעת די מיטלסטע צוויי ברידער — זאַלקע און שמואל (ניגער) זיינען שוין מער ענלעך צו דער מאַמען. דער טאַטע איז גע־ ווען עטוואָס העכער פֿון מיטעלן וואוקס, אַ דאַרער, מיט עטוואָס אַ לענגלעכן פּנים, בעת די מאַמע איז געווען קורץ געוואַקסן, מיט אַ קיילעכדיקן פּנים און מיט צוויי גרויסע ליכטיקע „צאינה וראינה"־אויגן.

די ברידער, וואָס זיינען געווען מער ענלעך צום טאַטן, זיינען געווען גרע־ סערע שטיפֿערס, מיט גרעסערע איינפֿאַלן. בעת די ברידער, וואָס זיינען מער ענלעך צו דער מאַמען, זיינען געווען מער פֿאַרטיפֿט אין זיך און גרעסערע שוויגערס.

אַזוי, למשל, פֿלעגט מיין ברודער ברוך שטענדיק זינגען אויף אויסנ־ ווייניק פֿאַרשיידענע מינים לידער, און ער פֿלעגט אויך שפּילן אין ניס אַ סך פֿלינקער, ווי די ברידער, וואָס זיינען ענלעך צו דער מאַמען.

מיין ברודער שמואל, למשל, פֿלעגט זיך שטענדיק אָפּזונדערן אין אַ ווינקל און אַריינקוקן אין עפּעס אַ ספֿר.

פּסח־צייט פֿלעגט זיך שמואל שטאַרק זאָרגן דערפֿאַר, אַז אונדזער טייכל זאָל,חלילה, גאָר אינגאַנצן ניט אויסטריקענען, ווייל פּסח־צייט טרינקען אַלע אַ סך טיי פֿון די סאַמאָווארן און מען פֿלעגט נוצן נאָר טייך־וואַסער.

האָט ער אָבער געהאַט, מיין ברודער שמואל, איינעם אַ חבר אַזאַ מיטן נאָמען בענטשע מאָטע בערעזשאַנקערס, און אָט־דער בענטשע, וואָס איז געווען אַ פֿילאָזאָף, האָט געהאַט באַרואיקט מיין ברודער שמואל, אַז אונדזער טייך, די סוויסלע, קאָן קיינמאָל נישט ווערן אויסגעטריקנט, ווייל ס'איז פֿאַ־ ראַן אין דער נאַטור אַזאַ מין געזעץ, וועלכער רופֿט זיך „גלגל החוזר", דאָס הייסט, אַז די אַלע וואַסערן, וואָס מענטשן און בהמות גיבן פֿון זיך אַרויס צוריק ,ווערן אין דער ערד געלייטערט און גערייניקט און זיי קומען צוריק אַריין אין יענע אונטערערדישע קוואַלן, פֿון וואַנען עס שטראָמען אַרויס אַלע טייכן.

ווי אַזוי אָט־דער בענטשע בערעזשאַנקערס האָט זיך געהאַט דערוואוסט נאָך מיט פֿופֿציק יאָר צוריק די אַלע סודות פֿון דער נאַטור — ווייס איך ניט! איך ווייס נאָר, אַז ער איז געוואָרן אַ פֿילאָזאָף נאָר דערפֿאַר, ווייל זייער הויז איז געשטאַנען פּונקט אַנטקעגן דעם אַלטן „שוועגטאַר" (אַ רוסישער בית־עולם פֿון די גאָר אַלטע צייטן, אָבער כמעט אָן מצבות), וואָס נישט אַלע

דוקאָרער מענטשן האָבן געהאַט גענוג מוט אים דורכצוגיין, ווען ס׳איז שוין געווען גאָר פֿינצטער.

האָט טאָקע פּאַסירט איינמאָל אין אַ פֿינצטערער נאַכט, ווען בענטשע מאָטע בערזשאַנקערס האָט זיך געהאַט אומגעקערט צו זיך אַ היים — האָט ער פּלוצלינג דערזען אַ סך ליכט אין דער רוסישער „שקאָלקע" (שול־געביידע), וואָס איז אויך געשטאַנען הארט לעבן דעם „שווענטאַר". דאָס האָבן די רוסישע מתים געפּראַוועט אַ באַל אינמיטן דער נאַכט און איינע אַ נאַקעטע נקבה מיט אַ צלמל אויף איר האַלדז זאָל האָבן געהאַט אַ וואונק געטאָן צו בענטשען — ער זאָל אויך אַריינקומען אין שקאָלע אַריין טאַנצן זייער מתים־טאַנץ. פֿון דענסטמאָל אָן איז בענטשע געוואָרן אַ פֿילאָזאָף און אַ גרויסער פּעסימיסט, ווי מען וואָלט אויף אים געזאָגט אין דער איצטיקער צייט.

זיין דאַמאָלטדיקער „פּעסימיזם" האָט זיך געהאַט אויסגעדריקט דורך דעם, וואָס ער האָט די נייע קאָלאָשן, וועלכע מען האָט אים געקויפֿט אויף פּסח, אויסגעשמירט מיט דזשעגעכץ, כּדי דער גלאַנץ זאָל אים ניט האַקן אין פּנים אַריין.

איז אָט־דער דאָזיקער „פּעסימיסט" געוואָרן דענסטמאָל דער בעסטער חבר פֿון מיין ברודער שמואל, און דיביידע פֿלעגן שעהן־לאַנג פֿילאָזאָפֿירן צווישן זיך וועגן זייער הויכע ענינים, בעת מיר אַלע פֿלעגן האַלטן אין איין זינגען פּסחדיקע לידער און שפּילן זיך אין ניס.

איין ליד איז מיר באַזונדערס שטאַרק געפֿעלן געוואָרן, און כ׳פֿלעג אויך מיטזינגען, כאָטש כ׳האָב נאָך דענסטמאָל ניט געהאַט פֿאַרשטאַנען אַלע טשיקאַווע ווערטער פֿון דעם ליד.

דער ערשטער פֿערז, געדענק איך, האָט זיך אָנגעהויבן אָט ווי:

„אין דעם לאַנד פֿון פּיראַמידן
וואַר איין קעניג בייז און שלעכט
און דאָרט וואַרן אַלע יידן
פּרעהס דינער, פּרעהס קנעכט".

די מאַמע פֿלעגט קלייבן אַ סך נחת, ווען זי פֿלעגט דערהערן דעם כאָר פֿון אירע קינדער, וואָס פֿלעגט פֿאַרקלינגען דאָס גאַנצע שטעטל, און אַלע ווייבער פֿון דוקאָר פֿלעגן מקנא זיין מיין מאַמען, וואָס זי האָט אַזעלכע פֿיינע, געבענטשטע קינדער.

מער ניט איך איינער, דער מוזיניק, בין געווען אַ ביסל אַ געשטראָפּטער, אָבער אין די פּריילעכע פּסחדיקע טעג פלעג איך זיך אויסמישן מיט אַלע מיינע עלטערע ברידער און גאָר אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז איך בין אַ „פליאַגע" און אַ שלימזל.

דער מאַמעס וואונדערלעכער פלוימען־צימעס מיט בולבע פלעגט שטילן אַלע מיינע ווייטיקן און כ'פלעג בעטן גאָט, אַז פּסח זאָל זיך ציען כאָטש ביז שבועות, ווען די וועלט ווערט אַזוי שיין און גרין און מען איז מער אינ־דרויסן, ווי אין שטוב.

דער דוקאָרער דרויסן איז געווען זייער אַ שיינער, בפּרט נאָך ווען אויף יעטוועדער גאַס פון אונדזער שטעטל האָב איך געהאַט געבוג פריינט און חברים, מיט וועמען כ'פלעג זיך קאָנען שפּילן, ווי כ'וואָלט שוין געווען גאָר אינגאַנצן אַ געזונטער.

מיין מאַמע און אירע שוועסטער

פֿון רעכטס צו לינקס: די מאַמע, די מומע ריוושע הורוויץ, די מומע טויבע מינקאָוויטש, די מומע יודאַשע ברוידע און די מומע איטקע גרונטפֿעסט

מײַנע פעטערס און מומעס —

דעם לעצטן טאָג פּסח, אָדער „אחרון של פּסח״, פֿלעגט מען אין אונדזער אַלטער שול זאָגן „יזכּור״ נאָך די טויטע.

אַלע דוקאָרער ייִנגלעך, וואָס האָבן נאָך געהאַט טאַטע־מאַמע, פֿלעגן מוזן אַרויסגיין פֿון שול ביז נאָך יזכּור־זאָגן. מער ניט איך מיט אַלע מײַנע פֿיר עלטערע ברידער פֿלעגן פֿאַרבלײַבן מיט די דערוואַקסענע ייִדן אין שול און זאָגן יזכּור נאָך אונדזער יונג־פֿאַרשטאָרבענעם טאַטן.

פֿלעג איך זיך האַלטן גרויס, וואָס מען לאָזט מיך איבער אין שול צוזאַמען מיט אַלע עלטערע ייִדן, בעת אַלע אַנדערע חדר־ייִנגלעך מוזן, נעבעך, וואַרטן אויפֿן שול־הויף ביז מען וועט פֿאַרטיק ווערן מיטן יזכּור.

זאָגנדיק יזכּור פֿלעג איך גאָרניט פֿילן, אַז איך בין אַ יתום. כ׳האָב דאָך דעם טאַטן מײַנעם קיינמאָל ניט געזען, אָבער די מאַמע מײַנע, וואָס פֿלעגט פֿון דער ווײַבערשער שול זיך צוקוקן ווי אַלע אירע פֿינף יתומים זאָגן יזכּור, פֿלעגט זי זיך באַגיסן מיט טרערן, ווי זי וואָלט זיך פֿון אונדז אָקאָרשט דערוואוסט, אַז זי איז געוואָרן אַן אלמנה.

„יזכּור אלהים נשמת אבא מורי זאב־וואָלף בן יואל״ — פֿלעג איך נאָכזאָגן די עלטערע ברידער מײַנע און איך פֿלעג זיך פֿרייען, וואָס דער טאַטע מײַנער זיצט געוויס אין גן־עדן צוזאַמען מיט די אבות און אמהות אברהם, יצחק, יעקב, שרה, רבקה, רחל און לאה, ווי סע שטייט אין יזכּור, און זיי אַלע באַקומען אַפֿילו אין אַ מיטן מיטוואָך פֿולע פֿאַלומעשקעס מיט שור הבר און לויתן און פֿולע פֿלעשער מיטן יין המשומר.

דעם טאַטן מײַנעם איז דאָך אין גן־עדן זייער גוט און פֿרײלעך, אָבער די מאַמע מײַנע פֿלעגט אחרון של פּסח אַרונטערקומען פֿון דער ווײַבערשער שול מיט פֿאַרווייינטע אויגן און אויף איר קוקנדיק פֿלעגט מיר אויך ווערן זייער אומעטיק אויפֿן האַרצן.

איך האָב דאָך געוואוסט, אַז באַלד נאָך פּסח וועלן אַלע מײַנע עלטערע ברידער ווידער אַמאָל פֿאַרלאָזן די היים אויף אַ גאַנצן זמן און ס׳וועט ווערן אין הויז זייער אומעטיק.

כ׳האָב אויך געוואוסט, אַז דעם קומענדיקן שבת נאָך שבועות וועט

מיין איינציקע שוועסטער חתונה האָבן מיט מיין פֿעטער אין בערעזין, און דענסטמאָל וועט שוין די מאַמע פֿאַרבלייבן נאָר מיט מיר אַליין, דעם שלים־מזל אירן!

אָבער טאַקע דערפֿאַר וואָס דער מאַמען פֿלעגט אחרון של פסח ווערן זייער אומעטיק אויפֿן האַרצן פֿלעגן מיר א גאַנצן טאָג גיין צו גאַסט צו אונדזערע פֿעטערס און מומעס, וואָס פֿלעגן אונדז זייער פֿיין אויפֿנעמען.

מיר האָבן געהאַט אין דוקאָר דריי פֿעטערס מיט דריי מומעס.

דעם פֿעטער פֿייטל, וואָס איז געווען מיין מאַמעס אַ ברודער און וואָס שטעטל האָט אים אַ נאָמען געגעבן „פֿייטל דער מלאך", האָב איך שוין באַשריבן אין אַ פֿריערדיקן קאַפּיטל.

ביי דעם דאָזיקן פֿעטער פֿלעגן מיר ניט בלייבן צו־לאַנג, כאָטש די מומע חיה פֿלעגט אונדז שטעלן גאַנץ פֿיינעם כּיבוד. ערשטנס, האָבן מיר זיך געשראָקן, אַז די טאָכטער זייערע, „מאַשע די משוגענע", קאָן פּלוצלונג אַרויס פֿון די כּלים און אָנהייבן צו שרייען אויף אונדז אַלימאַי מיר פֿרעסן אויף אַלע זייערע גוטע זאַכן. אגב, ווייל איך זאָגן, אַז גראָד ביי דער מומע חיהן פֿלעגן מיר ניט נאַשן צופֿיל, ווייל פֿון אַלע אירע פּסחדיקע מאכלים האָט געשמעקט מיט עפּעס אַזאַ טוכלען ריח, וואָס האָט אָנגעפֿילט זייער האַלב־איינגעזונקענע הויז מיט די איבערגעפֿוילטע בערווינעס. אויך אַפֿילו פֿון דעם פֿעטער פֿייטל האָט געטראָגן עפּעס אַזאַ מין טוכלער ריח ווי פֿון אַ גרין־געוואָרענעם קופּערנעם טאָפּ. פֿלעגן מיר זיין צופֿרידן, ווען די מאַמע פֿלעגט אונדז אַוועקפֿירן צו דער מומע טויבען, וואָס איז געווען דער מאַמעס אַן עלטערע שוועסטער.

ביי דער מומע טויבען אין הויז איז אונדז געווען זייער פֿריילעך. ערשטנס, האָט זי געהאַט פֿיר דערוואַקסענע זין, אָבער איינער פֿון זיי, הלל, איז געווען, נעבעך, אַ טויב־שטומער.

צווייטנס איז די מומע טויבע געווען די רייכסטע מומע אונדזערע אין גאַנץ דוקאָר. דער מאַן אירער „חיים קרוטאָפּיי", וואָס איז געווען אונדזער פֿעטער, פֿלעגט קומען אַהיים נאָר אויף די גרויסע יום־טובים, ד. ה. אויף סוכּות און פּסח. אַ גאַנצן יאָר פֿלעגט ער זיין אויפֿן „ניז" (אין אוקראַינע) אָדער אין די וועלדער פֿון די גאָר גרויסע מינסקער וואַלד־סוחרים.

איז טאַקע צוליב דעם, וואָס דעם פֿעטער חיימען פֿלעגט אויסקומען גאַנץ אָפֿט צו האָבן צו טאָן מיט גרויסע פּריצים און אַרומפֿאָרן איבער דער וועלט — פֿלעגט ער שטענדיק האַלטן אין איין אַריינדרייען די פּאות זיינע

אויף אינעווייניק — זאָל זאָלן זיך ניט אַרומבאַמבלען פֿון דרויסן. דערפֿאַר האָט אים שטעטל אַ נאָמען געגעבן „חיים קרוטאָפּיי”.

ער איז געווען בטבע אַ ייד אַ שוויגער, אָבער דאָך פֿלעגט ער ניט אַנטלויפֿן פֿון מענטשן, ווי דער פֿעטער פֿייטל, דער מלאך.

דער פֿעטער חיים האָט ליב געהאַט צו שפּילן שאַך, אָבער אין גאַנץ דוקאָר איז ניט געווען קיין צווייטער שאַך־שפּילער — האָט ער אויסגעלערנט די מומע טויבען צו שפּילן מיט אים אין שאַך. אָבער די מומע טויבע האָט קיינמאָל ניט געהאַט גענוג צייט צו פֿאַרנעמען זיך מיט אַזעלכע נאַרישקייטן.

יעדע ווילע האָט ביי איר עפּעס־וואָס געברענט אין דער קיך און זי פֿלעגט מוזן גוט אַכטונג געבן אויף אַלע אירע פֿיינע מאכלים.

די מומע טויבע איז געווען אַ גרויסע בריה (בעריע) אויף צו מאַכן אַזעלכע פֿיינע פּאַטראַוועס, וואָס פֿלעגן ממש צעגיין אין מויל.

אגב, האָט זי אַליין ליב געהאַט די אכילה און עסקנדיק זיך אין דער קיך ביים צוגרייטן דעם מיטאָג פֿלעגט זי אָט אַזוי שפּילענדיקערהייט אויפֿעסן אַ גאַנצן הערינג.

— דאָס שיק איך אַ דעלעגאַט אין מאַגן פֿרעגן אים, וואָס ער וויל נאָך?

— פֿלעגט זיך די מומע טויבע פֿאַרענטפֿערן, וואָס זי עסט אויף פֿאַר מיטאָג אַ גאַנצן הערינג.

צוליב דעם וואָס די מומע טויבע האָט ליב געהאַט די אכילה איז זי געווען אַ גאַנץ דיקע מיט אַ פֿיינעם גוידער, אָבער די מאַמע מיינע איז געווען אַ סך שענער פֿון דער מומע טויבען.

מען פֿלעגט דערציילן אין דוקאָר, אַז ווען חתנים פֿלעגן קומען אָנקוקן דער מומע טויבען פֿלעגט מען דענסטמאָל באַהאַלטן מיין מאַמען אין אַן אַנדער חדר, כּדי דער חתן זאָל ניט וועלן נעמען בעסער מיין מאַמען, וואָס איז געווען מיט אַ פּאָר יאָר יינגער פֿון דער מומע טויבען, און אַ סך שענער פֿון איר.

פֿלעג איך זיך שטילערהייט פֿרייען, וואָס דער פֿעטער חיים האָט חתונה געהאַט מיט דער מומע טויבען און ניט מיט מיין מאַמען.

ווען דער פֿעטער חיים וואָלט, חלילה, חתונה געהאַט מיט מיין מאַמען — וואָלט איך אפֿשר געבוירן געוואָרן אַ טויב־שטומער ווי זייער זון הלל. און איך טראַכט נאָך ביז היינט, אַז ס'איז שוין בעסער צו זיין אַ יתום אידער אַ טויב־שטומער!

אויסער דעם האָב איך געטראָגן אַ האַרץ אויף דעם פֿעטער חיימען, פֿאַרוואָס ער האָט מיך איינמאָל אויסגענאַרט מיט זיינע שוואַרצע פֿלוימען,

וועלכע ער האָט געבראַכט אויף פּסח אַזש פון דעם „ניז״ (פון קיעוו, צי פון קאַטערינאָסלאַוו). ער האָט געזאָגט צו דער מאַמען, אַז די דאָזיקע פלוימען זיינען זייער גוט פאַר מיר, ווייל זיי פאַרמאָגן אין זיך אַ סך פעטס. האָב איך געגומען איינע אַ קליין פלוימעלע אין מויל אַריין, אָבער איך האָב זי גע־מוזט תּיכּף אויסשפּייען, ווייל ס׳איז געווען זייער געזאַלצן און ס׳האָט גע־שמעקט פון איר מיט ריצן־אויל.

ס׳איז געווען, לאָזט זיך אויס, ניט קיין אמת פלוימען, נאָר „מאַסלי־נעס״ (אָליווען״) און נאָך ביז היינט קאָן איך אויף זיי ניט קוקן!

מער ניט איין זאַך איז מיר ביי דעם פעטער חיימען געפעלן געוואָרן. דאָס איז געווען זיין פיינע קעסטעלע טאַבאַק פון אמתן סטאַמבאַלי. אַזאַ מין פיינעם גאָלדענעם לאָקשן־טאַבאַק האָב איך נאָך אין דוקאָר קיינמאָל ניט געהאַט געזען. אויך דער רויך פון דעם פעטער חיימס פּאַפּיראָסן איז געווען אַ סך פיינער און געשמאַקער, ווי דער רויך פון דעם פעטער פייטלס פּאַפּיראָסן, וועלכע ער פלעגט מאַכן פון דעם פּראָסטן זאַרעצקי־טאַבאַק.

שוין פון דעם קעסטעלע טאַבאַק אַליין האָט מען געקאָנט זען, אַז דער פעטער חיים איז אַ גרויסער גביר.

דעריבער טאָקע פלעגט די מומע טויבע אָנשטעלן אויפן טיש אָן אַ שיעור גוטע זאַכן, וואָס זי אַליין פלעגט אָנקאָכן און אָנבאַקן פאַר די אַנדער־טעג פּסח.

דער מומע טויבעס אַ טייגעכץ פון מצה־פאַרפל אָדער אירע אַ כרעמזל פון מצה־מעל מיט האָניק פלעגט ממש צעגיין אין מויל און וויפיל מיר פלעגן ניט אויפעסן, זיצנדיק ביי זיי צו גאַסט — פלעגט נאָך אַלץ בלייבן אַ פולער טיש מיט כּיבוד און ביים געזעגענען זיך פלעגט מיר די מומע טויבע נאָך מיטגעבן אַ פּעקעלע גוטע זאַכן אויף אסרו־חג...

אויסער דעם, וואָס די מומע טויבע איז געווען אַ גרויסע בריה (בעריע) אין באַקן און קאָכן — איז זי נאָך אויך געווען אַ וואויל־געלערנטע.

ווען דער פעטער חיים פלעגט שוין זיין אַוועקגעפאָרן — פלעגט די מומע טויבע האָבן גענוג צייט אַריינצוקוקן אין די הייליקע ספרים. זי האָט געהאַט אַ פולע פּאָליצע מיט אירע אייגענע ספרים: אַ צאינה־וראינה, אַ מנורת־המאור, אַ שבט־מוסר, מעשה אַלפיס און צענדליקער תּחינות.

פלעגט די מומע טויבע שטענדיק שיטן מיט פּסוקים און ווערטלעך, ווי זי וואָלט שוין געווען אַ רביצן.

אַזוי, למשל, האָב איך איינמאָל געהערט, ווי די מומע טויבע זאָגט צו דעם פעטער חיימען:

זיי ניט צו־זיס — מען וועט דיך אויפּעסן, זיי ניט צו־ביטער — מען וועט דיך אויסשפּייען...

האָט דער פעטער חיים, זעט אויס, געפאָלגט דער מומע טויבעס עצה און ער איז טאַקע געוואָרן ניט צו־זיס און ניט צו־ביטער.

ער איז געוואָרן פּראָסט־פּשוט אַ שוויגער און ווייל שוויגנדיקע מענטשן האָבן דאָך ניט וואו אַהינצוטאָן די הענט זייערע — פלעגט ער מיט איין האַנט האַלטן שטענדיק אין איין אַריינדרייען די פּאות אויף אינעווייניק און מיט דער צווייטער האַנט פלעגט ער שפּילן מיט זיך אַליין אין שאַך, אַריינקוקנדיק אין עפּעס אַ ביכל, וואָס איז געווען פול מיט שאַך־זאַדאַ־טשעס.

פון דער מומע טויבען פלעגן מיר אַלע אַוועקגיין צו דער דריטער מומען אונדזערער — צו דער מומע איטקען, וואָס איז געווען די גאָר עלטסטע שוועס־טער פון מיין מאַמען.

ביי דער מומע איטקען אין הויז איז געווען נאָך פריילעכער, ווי ביי דער מומע טויבען. ס׳איז געווען, אָן ע״ה, אַ פולע שטוב מיט קינדער: דריי זין און פיר טעכטער, אָבער די מוזינקע, רחלע, האָט נעבעך געליטן פון געל־זוכט און זי איז געווען אינגאַנצן אַ גרינע. זי פלעגט מער ליגן ווי אַרומ־לויפן. פלעג איך אויף איר שטאַרק רחמנות האָבן און געבן איר אַ ביסל גוטע זאַכן, וואָס די מומע טויבע האָט מיר געהאָט מיטגעגעבן אויף אסרו חג פּסח.

ווי עס זעט אויס, איז דער פעטער יהושע געווען אַ שוואַכער פאַר־דינער און די מומע איטקע האָט שוין ניט געקאָנט אָנשטעלן אויפן טיש אַזוי־פיל כיבוד, ווי די מומע טויבע, צי ווי די מומע חיה.

דערפאַר אָבער איז דער פעטער יהושע געווען זייער אַ באַריידעוודיקער, פונקט פאַרקערט ווי די אַנדערע צוויי פעטערס מיינע.

ער פלעגט זיך זייער קאָכן אין פּאָליטיק און אין דעם דרייפוס־פּראָ־צעס, וואָס איז געווען דענסטמאָל פאַרגעקומען ערגעץ־וואו אין פּאַריז.

דער פעטער יהושע פלעגט אַריינטענהן צו מיינע עלטערע ברידער, אַז יידן דאַרפן זיך אומקערן קיין ארץ־ישראל און ווערן גלייך מיט אַלע אַנדערע פעלקער.

אַזוי ווי אָבער כ׳פלעג נאָך דענסטמאָל ניט פאַרשטיין די אַלע רייד, וואָס דער פעטער יהושע רעדט אין אונדז אַריין — פלעג איך זיך צוטשעפּען צו זינגערס ביי־מאַשין, וואָס איז געשטאַנען אָן איבערגעדעקטע מיט אַ ווייסער סערוועטקע און ווען כ׳פלעג אָנהייבן אונטן קוועטשן מיט אַ פוס

אויף עפּעס אַן אײַזערנעם ברעטל — פֿלעגט אויבן אָנהייבן, ווי פֿון זיך אַלײן, דרייען זיך משוגענערווײַז אַ קליין רעדל, וואָס פֿלעגט אָנמאַכן אַ גרויסן ווינט און אַרונטערבלאָזן פֿון דער מאַשין די ווייסע סערוועטקעלע.

דער טומל אין הויז פֿלעגט זײַן אַזוי גרויס, אַז אַפֿילו די עלטערע מייד־לעך פֿלעגן ניט באַמערקן ווי איך שפּיל זיך מיט דער ניי־מאַשין. מער ניט די קראַנקע רחלע מיט די גרינע אויגן און מיטן געלן פֿאַרמעט־פּנים פֿלעגט דערזען, אַז איך דריי אום יום־טוב די מאַשין און זי פֿלעגט מיר זאָגן, אַז יום־טוב טאָר מען די מאַשין ניט דרייען.

פֿלעג איך זיך פֿאַרענטפֿערן, אַז איך ניי דאָך ניט, נאָר איך שפּיל זיך גלאַט אַזוי! — דענסטמאָל פֿלעגט שוין רחלע זאָגן, אַז איך מעג ווײַטער שפּילן זיך מיט דער ניי־מאַשין און כ׳פֿלעג איר דערפֿאַר געבן נאָך אַ מאַ־נעלע פֿון דער מומע טויבעס מתּנה־פּעקל.

(אַגב, איז דאָס „שפּילן זיך גלאַט אַזוי״ געוואָרן שפּעטער דער עיקר פֿון מײַן לעבן און נאָך עד־היום האָב איך זייער ליב צו קוועטשן בײַ יעדן איינעם זײַן אונטערשטע „ברעטל״, אַבי נאָר אויבן זאָל זיך ס׳רעדעלע דרייען מיט אַ משוגענעם אימפּעט!)

ווען מיר פֿלעגן בשלום זיך אומקערן פֿון די אַלע וויזיטן צוריק אין שטוב אַרײַן — פֿלעגט שוין זײַן אויס פּסח און מען פֿלעגט שוין מעגן עסן חמץ.

פֿלעגט די מאַמע אָפּקאָכן אַ פֿולן טשוהון מיט בולבע און די עלטערע ברידער פֿלעגן איר העלפֿן אַרײַנצופּאַקן אין אַ הילצערנעם קאַסטן מיט היי די אַלע פּסחדיקע כּלים, וואָס מען פֿלעגט שפּעטער אַרויפֿטראָגן אויפֿן בוי־דעם.

פֿלעג איך צום לעצטן מאָל אַ קוש טאָן מײַן גרינע כּוסעלע מיט איר קליינעם פּיסקל און איר ווינטשן געזונטערהייט צו זען זיך מיט מיר איבעראַ־יאָר פּסח. באַלד נאָך דעם פֿלעגט די מאַמע פֿאַרשטעקן מײַן כּוסעלע טיף־טיף אין היי אַרײַן און אויך זי פֿלעגט עפּעס זאָגן צו מײַן כּוסעלע מיט פֿייכט־געוואָרענע אויגן.

האָב איך שוין געוווּסט, אַז די מאַמע קלעמט זיך זייער, וואָס ס׳איז שוין אויס פּסח און ווער ווייסט צי איך וועל נאָך טאַקע דערלעבן צו קושן זיך ווידער אַמאָל מיט מײַן פּסחדיקער כּוסעלע.

פֿלעג איך דענסטמאָל טרייסטן מײַן מאַמען, אַז אַלע מײַנע דוקאַרער מומעס האָבן דאָך נאָך ערגערע „פֿליאַגעס״, ווי איך בין! די מומע חיה האָט אַ טאָכטער — איז זי דאָך, ניט פֿאַר אונדז געדאַכט, אַ משוגענע; די מומע טױ־

בע האָט אַ זון — איז ער דאָך, ניט פֿאַר אונדז געדאַכט, אַ טויבשטומער; די מומע איטקע האָט אַ טאָכטער — איז זי דאָך, ניט פֿאַר אונדז געדאַכט, פֿול מיט געלזוכט — דאַרף זי דאָך זיין גליקלעך, די מאַמע מיינע, וואָס אַלע מיינע קרענק זיינען מער פֿון דרויסן ווי פֿון אינעווייניק!

אמת, איך האָב נאָך געהאַט דריי אַנדערע מומעס מיט פֿעטערס, וואָס אַלע זייערע קינדער זיינען געווען, דאַנקען גאָט, געזונטע, אָבער יענע מומעס און פֿעטערס האָבן ניט געלעבט אין דוקאָר — וועל איך וועגן זיי דערציילן ביי אַן אַנדער געלעגנהייט.

דערווייל בין איך נאָך ניט פֿאַרטיק מיט מיין משפּחה אין דוקאָר גופֿא.

איך האָב נאָך אַפֿילו ניט באַוויזן צו דערציילן אייך וועגן דעם רבֿ׳ס משפּחה, וואָס איז געווען אַ ריכטיקע טשאַרני־משפּחה, מיט וועלכער כ׳בין נאָך ביז היינט געקניפּט און געבונדן און טאָקע דערפֿאַר פֿאַרדינט דעם רבֿ׳ס משפּחה אַ ספּעציעלן קאַפּיטל.

דעם רבי'ס הויז —

אין פֿאַרגלייך מיט ניו־יאָרק איז מיין שטעטעלע דוקאָר געווען, פֿאַרשטייט זיך, נאָך אַ סך קלענער אַפֿילו פֿון איין גאַס אין ברוקלין.

כ'מיין, אַז די אַלע הונדערט יידישע משפּחות פֿון דוקאָר וואָלטן גאַנץ גוט זיך געקאָנט פֿאַטאָפּיען אין דעם איינעם אַפּאַרטמענט־הויז, וואו איך וואוין, און ס'וואָלט נאָך, אפשר פֿאַרבליבן אַ פּאָר פֿרייע צימערן צום פֿאַרדינגען.

אָבער מיט אַ יאָר פֿופֿציק צוריק, ווען איך בין נאָך געווען אַ חדר־ייִנגל, האָט זיך מיר געדוכט, אַז ס'איז גאָר ניטאָ אויף דער וועלט קיין שענער און קיין גרעסער שטעטל ווי דוקאָר.

דעם אמת געזאָגט, קאָן איך אַפֿילו איצטער נאָך באַהויפּטן, אַז מיין שטעטעלע דוקאָר איז אין מיינע אויגן נאָך עד־היום אַ סך שענער און „גרעסער" פֿון ניו־יאָרק.

אָט, למשל, וואוין איך שוין יאָרן־לאַנג אין ברוקלין, אין אַ גאַנץ גרויסן אַפּאַרטמענט־הויז, אָבער פֿרעגט מיך בחרם, ווער עס זענען די מענטשן, וועלכע וואוינען אַ טיר לעבן אַ טיר מיט מיר?

ניט איך אינטערעסיר זיך מיט מיינע שכנים און ניט די שכנים אינטערעסירן זיך מיט מיר.

איך האָב אויך אין ניו־יאָרק אַ סך מער קרובים און פֿריינט, ווי איך האָב אַמאָל געהאַט אין דוקאָר. אָבער ווער האָט עס צייט אין ניו־יאָרק פֿאַר משפּחה־סענטימענטן און פֿאַר פֿריינטלעכע באַגעגענישן, אָט גלאַט אַזוי, צוליב פֿריילעכקייט וועגן?

גאַנץ אַנדערש אָבער איז עס געווען אין דוקאָר, וואו אַלע הונדערט יידישע משפּחות זיינען געווען געקניפּט און געבונדן איינע מיט די אַנדערע, ווי זיי וואָלטן געווען געהערט צו איין און דער זעלבער משפּחה.

נאָך מערער, מיין שטעטעלע דוקאָר האָט נאָך מיט אַ יאָר פֿופֿציק צוריק שוין געהאַט פֿאַרמאָגט די אַלע וויכטיקע יידישע הילפֿס־אָרגאַניזאַציעס וועגן וועלכע מען טומלט אַזוי שטאַרק אין ניו־יאָרק.

דער דוקאָרער „דזשאָינט", ריכטיקער געזאָגט — דער דוקאָרער „יונייטעד דזשואיש אַפּיל", וועלכער פֿלעגט געבן הילף צו אַלע נויטבאַדערפֿטיקע, אָנהייבנדיק פֿון מעות חיטים ביז ר' מאיר בעל־הנס, האָט זיך ניט

געהאַט געניוטיקט אין קיין שום „פּובליסיטי" און אין קיינע שום משולחים מיט סעקרעטאַרן און מאַשינּיסטקעס.

די רויטע פּאַטשיילע, מיט וועלכער אַ פּאָר חשובע באַלעבאַטים אָדער חשובע באַלעבאַסטעס פון דוקאָר פלעגן זיך דורכשפּאַצירן איבער די יידישע הייזער פון אונדזער שטעטל, פלעגט שוין דעקן אַלע הילפס־אַקציעס לטובת די נויטבאַדערפטיקע.

די ערב פסחדיקע מעות־חיטים־אַקציע פלעגט דורכפירן דער רב אַליין, ווייל ווער האָט דען בעסער געקענט די אַלע נויטן פון אונדזער שטעטל, ווי אונדזער חשובער רב, הרב משה טשאַרני, ז״ל?

ווי איר ווייסט שוין פון פריער, איז דער רב פון אונדזער שטעטל געווען מיינער אַן עלטער־פעטער.

מיין מאַמע פלעגט זיין זייער שטאָלץ, וואָס דער רב הייבט אָן זיין מעות־חיטים־אַקציע דווקא פון איר.

די מאַמע פלעגט שוין פאַר אים האַלטן צוגעגרייט אַ גאַנצן זילבער־נעם רובל, און דער דאָזיקער רובל איז זיכער געווען נאָך פיל מער ווי „מעשר" פון מיין מאַמעס ערב־פסחדיקער פרנסה.

דער רב האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז די מאַמע מיינע וואָלט דעם דאָזיקן זילבערנעם רובל געקאָנט פאַרברויכן פאַר די אייגענע יתומים אירע, אָבער ער האָט אויך גאַנץ גוט געוואוסט, ווי שלעכט עס וואָלט זיך געפילט מיין מאַמע, ווען ער הייבט ניט אָן זיין מעות־חיטים־אַקציע פון איר, אָדער ווען ער גיט איר, חלילה, אַ האַלבן רובל אויסגאָב...

ביז איך נאָך ביז היינט זייער דאַנקבאַר דעם חשובן רב אונדזערן, וועל־כער האָט דורך זיין קלוגער האַנדלונג שטאַרק געהויבן די חשיבות און דעם שטאָלץ פון מיין מאַמען.

אויך מיר, קינדער, האָבן שטענדיק געשפּירט די אויסערגעוויינטלעכע גוטסקייט און ליבשאַפט מצד דעם רב צו אונדזער גאַנצער משפחה.

צוליב דעם טאָקע איז דעם רב׳ס משפחה אונדז פאַרבליבן איינגעבאַקן אין האַרצן נאָך ביז היינט.

בכלל, איז אונדז ביים רב אין הויז געווען שטענדיק אַ סך פריילעכער ווי ביי אַנדערע מומעס און פעטערס.

דער רב מיט דער רביצין האָבן געהאַט ניין קינדער: דריי בחורים און זעקס מיידלעך. די מאַמע מיינע האָט געהאַט זעקס קינדער: איין טאָכטער און פינף זין (ווען די מאַמע בלייבט ניט אַזוי יונג אַן אלמנה — וואָלט זי נאָך, מסתמא, געהאַט מער קינדער, ווי די רביצין).

ווען די אַלע טשאַרני־קינדער פֿלעגן זיך פֿאַרזאַמלען אין רב׳ס הויז — פֿלעגט שוין די גאַנצע שטוב, אַ חוץ דעם רב׳ס חדר מיוחד, גיין כּאַדראַם.

די רביצין, ע״ה, ווי קליין און דאַר זי איז ניט געווען — האָט זי שטענ־דיק געהאַט אַ פֿול הויז מיט כּיבוד און דער גרויסער געלער סאַמאָוואַר פֿלעגט כּמעט שטענדיק שטיין אויפֿן טיש אַ קאָכעדיקער.

דער רב אַליין איז שוין אויף די עלטערע יאָרן געווען אַ חלוש און ער פֿלעגט שוין פּשוט קיין כּוח נישט האָבן צו פֿאַרברענגען מיט אונדז אַלע־מען. אָבער דאָך פֿלעגט ער יעדן איינעם פֿון מיינע עלטערע ברידער אויס־פֿרעגן, וואָס אַזוינס ער האָט געלערנט אין דעם פֿאַרגאַנגענעם זמן, און ער פֿלעגט שטאַרק הנאה האָבן, וואָס וועלוועלס יתומים גייען אין זייער טאַטנס דרכים.

מיך פֿלעגט דער רב קיינמאָל ניט פֿאַרהערן, ווייל ער האָט דאָך גע־וואוסט, אַז וויפֿיל איך קען — איז שוין גענוג פֿאַר מיר! דער עיקר האָט זיך דער רב געזאָרגט דערפֿאַר, אַז איך זאָל ניט ווערן, חלילה, קיין צו־גרויסער שטיפֿער.

ווי עס זעט אויס, האָט אים זעלדע, די מוזינקע זיינע, מיט וועמען איך פֿלעג זיך חברן, געהאַט דערציילט, אַז איך פּרובּיר אַרויפֿקלעטערן מיט איין האַנט אויף אַ בּוים אין גאָרטן און אַרונטעררייסן פֿון אים אַ באַר צי אַן עפּל.

האָט מיר דער רב געהאַט איינמאָל געזאָגט, אַז איך זאָל דאָס מער ניט טאָן, ווייל ערשטנס, קאָן איך, חלילה, געניזוקט ווערן, און צווייטנס, וואַקסן אויף אַלע ביימער נאָר „ערלה״־פּירות און מען טאָר פֿון זיי ניט געניסן.

קאָן איך נאָך ביז היינט ניט פֿאַרשטיין דעם שכל, פֿאַרוואָס מען זאָל ניט טאָרן דריי יאָר נאָכאַנאַנד געניסן די פּירות פֿון אַ יונגן פּרוכט־גאָרטן אָדער „סאָד״, ווי מען פֿלעגט עס רופֿן בּיי אונדז.

אויף וויפֿיל איך געדענק פֿון בּראשית, האָט גאָט אָנגעזאָגט אדמען, אַז ער טאָר ניט עסן די פּירות נאָר פֿון דעם עץ הדעת אַליין, אָבער די פּירות פֿון די אַנדערע ביימער, וועלכע זיינען גאָך דענסטמאָל ניט אַלט געווען קיין דריי יאָר, האָט אדם יע געמעגט עסן!

כּיבע ביים רב אין סאָד זיינען געוואַקסן דורכויס עץ־הדעת־ביימער און כ׳האָב פֿון זיי ניט געטאָרט געניסן.

אגב, האָט דער סאָד און דאָס גאַנצע הויז, וואו דער רב האָט געוואוינט, ניט געהערט צו אים.

דאָס האָט שטעטל אָפּגעדונגען פֿאַר דעם רב אַ פּריציש הויז מיט שטאַלן און פּוניעס און מיט אַ גרויסן פּרוכט־גאָרטן ביים סאַמע עק טייך־גאַס. אויך דער הויף איז געווען זייער אַ גרויסער און זומער־צייט פֿלעגט זיין אַ חיות צו שפּילן זיך אין רב'ס הויף. ס'איז געווען גענוג פּלאַץ וואו צו שפּילן זיך אין זשמורקעס אָדער באַהעלטעניש.

צוליב דעם וואָס דעם רבס הויז איז געווען זייער נאָענט צום טייך, האָט די רביצין איינגעפֿירט ענטלעך (קאַטשקעס).

דאָס זיינען געווען, גלייב איך, די איינציקע ענטלעך אין גאַנץ דוקאָר און איך בין געווען שטאָלץ, וואָס נאָר איך אַליין קאָן פֿראַנק און פֿריי שפּילן זיך מיט די ענטלעך און לערנען זיי לויפֿן צום טייך.

ס'איז זייער פֿריילעך צו זען ווי ענטלעך לויפֿן. זיי קאַטשען זיך פֿון איין זייט צו דער צווייטער ווי הינקענדיקע יידענעס, און צוליב דעם טאַקע האָט מען די ענטלעך אַ נאָמען געגעבן קאַטשקעס.

דערפֿאַר אָבער פֿלעגן זיך די ענטלעך אין מיר נוקם זיין אויפֿן וואַסער. זיי פֿלעגן אַוועקשווימען וויט־וויט אין טייך אַריין און כ'פֿלעג זיי, נעבעך, ניט קאָנען נאָכשווימען.

אַ דאַנק די ענטלעך פֿלעגט ביים רב אין הויז זיין שטענדיק אַן עוף אויף שבת. קיין ענטעלשע אייער עסט מען דאָך ניט — פֿלעגן די ענטלעך אויסזיצן יעדן פֿרילינג נייע ענטלעך, וואָס זומער־צייט קאָסטן זיי ניט קיין גראָשן געלט. זיי האָדעווען זיך אויפֿן וואַסער, וואו זיי באַקומען פֿון כּל־טוב.

קיין גרויסער פֿאַרדינער איז דער רב ניט געווען. ער האָט געהאַט, ווי אַלע אַנדערע רבנים פֿון אונדזערע מקומות, די חזקה אויף ליכט און הייון. ערב סוכּות פֿלעגט אַריינפֿאַלן אַ ביסל פּרנסה פֿון די לולבים מיט די אתרוגים און ערב פּסח — פֿון דעם מכירת־חמץ.

צוליב דעם אפֿשר, וואָס ס'איז געווען ענגלעך אין פּרנסה — האָט איי־נע אַ טאָכטער פֿון דעם רבס קינדער, חיה ע"ה, זיך אויסגעלערנט די מלאכה פֿון מאַכן זאָקן אויף אַ ספּעציעלער זאָקן־מאַשין.

איך גלייב ניט, אַז דעם רב'ס טאָכטער פֿלעגט מאַכן זאָקן אויף צו פֿאַרקויפֿן זיי. ווער, אַן ערך, וועט עס אין דוקאָר קויפֿן פֿאַרטיקע זאָקן, ווי־באַלד יעדע באַלעבאָסטע האָט אירע אייגענע פֿרענטלעך מיט אירע אייגענע קנייכלעך פֿאָדעם אָדער וואָל? אָבער אויף צו באַדינען די אייגענע עלף־קעפּיקע משפּחה מיט זאָקן און שקאַרפּעטקעס איז שוין כּדאַי געווען צו קויפֿן אַ זאָקן־מאַשין.

פֿלעג איך זייער ליב האָבן זיך צוצוקוקן ווי אַזוי עס ווערן געמאַכט זאָקן אויף אַ מאַשינאָוון אופֿן.

פֿון אויבן־אויף, דוכט זיך, אַז עס איז זייער לייכט. מען דאַרף נאָר דרייען דאָס הענטל פֿון דער זאָקן־מאַשין אַהין און צוריק און ס׳גייט אַ גאַנג! אין דער אמתן אָבער איז אַ זאָקן־מאַשין פֿול מיט קאַפּריזן. וויפֿיל ציינדלעך אָדער האַטשקעס זי פֿאַרמאָגט — אַזויפֿיל קאַפּריזן האָט זי! אָט פּלוצלינג שפּרינגט אַרויס אַ האַטשעק מיטן פֿאָדעם אין מיילעכל און ער שטעלט זיך אַוועק „דיבאָם", ניט וועלענדיק מער נאָכטאָן דאָס אַלץ, וואָס אַלע אַנדערע האַטשקעס טוען הכנעהדיק־שטיל. מיט אַזאַ מין קאַפּריזנעם ציינדל אָדער האַטשעק מוז מען לאַנג קעמפֿן, ביז מען קערט אים צוריק אום אין דער מאַשין אַריין.

(אויך ביים שרייבן אַ מעשה פּאַסירט אַמאָל, אַז איין וואָרט גיט זיך פּלוצלינג אַ שטעל אַוועק „דיבאָם" און עס וויל בשום־אופֿן נישט מיט־לויפֿן מיט דער גאַנצער טשערעדע ווערטער. דענסטמאָל ווערט איבערגע־ריסן דעם פֿאָדעם פֿון דער מעשה און מען מוז מאַכן אַ קניפּל).

איז טאַקע גוט, וואָס איך האָב זיך נאָך קינדוויז אויסגעלערנט ביים רב אין הויז צו קאָנען מאַכן קניפּלעך, ווען דער פֿאָדעם ווערט איבערגעריסן. דאָס קומט מיר איצטער שטאַרק צוניץ ביים שטריקן די מעשיות און לעגענ־דעס פֿון מיין אייגענעם לעבן.

כ׳בין אָבער געוואָרן אַ בן־בית ביים רב אין הויז ניט נאָר צוליב די דאָזיקע שפּילערייקעס אַליין.

איך פֿלעג אויך קומען אַהין צוליב ריין־גייסטיקע אינטערעסן.

אַזוי, למשל, פֿלעגט דער רב, ז"ל, יעדן שבת בין מנחה למעריב זאָגן ביי זיך אין הויז תורה אָדער איבערזאָגן עפּעס־וואָס פֿון דעם ליובאַווי־טשער, נ"י.

באַלד נאָך שלוש־סעודות פֿלעגן אַריינקומען צום רב אין הויז ביי אַ פּאָר מנינים יידן זיך צוהערן, וואָס דער רב דערציילט.

דאָס זיינען געווען יידן פֿון פֿאָלק. יידן — בעלי־מלאכות און באַלע־גאָלעס. פֿלעגן זיי אַרומרינגלען דעם רב׳ס טיש פֿון אַלע זייטן און זיך צוהערן שטילערהייט צו די הייליקע רייד פֿון זייער רב.

אין דעם צווייטן שכנותדיקן צימער פֿלעגן זיך אויסזעצן די אַלע נשים פֿון הויז און אויך מיין מאַמע.

איך האָב געוואוסט, אַז ווען דער טאַטע מיינער האָט געלעבט — פֿלעגט ער אויך יעדן שבת בין מנחה למעריב קומען צום רב הערן תורה

אָדער חסידות. מען האָט מיר אָפּילו געהאַט אָנגעוויזן די קושעטקע, וואו דער טאַטע פֿלעגט האַלב־זיצנדיק און האַלב־ליגנדיק זיך צוהערן מיט גרויס התמדה צו די הייליקע רייד פֿון דעם רבֿ, וואָס איז אים געווען אַ פֿעטער.

פֿלעג איך זיך אויך אַריינקוועטשן צווישן די ייִדן אויף דער קושעטקע און זיך צוהערן צו די הייליקע רייד פֿון דעם רבֿ.

אמת, כ'פֿלעג ניט פֿאַרשטיין קיין איינציק וואָרט, וואָס דער רבֿ רעדט. ווייל ס'איז געווען, מסתמא עפּעס־וואָס פֿון דעם „צמח־צדק", צי גאָר עפּעס פֿון דעם „זוהר הקדוש", אָבער די הייליקע שטימונג אַרום דעם רבֿ איז פֿאַר מיר געווען דענסטמאָל אַ סך וויכטיקער, ווי די שטילע רייד זיינע.

איך פֿלעג דורכן פֿענצטער זען, ווי די שבת־קודישקע זון האַלט אין איין פֿאַרגיין איבער דעם רבֿ'ס קאָפּ. אין הויז ווערט אַלץ טונקעלער און טונקעלער. די פּאָר מנינים ייִדן, וואָס שטייען ווי פֿאַרגליווערטע אַרום דעם רבֿ'ס טיש, באַקומען דעם אויסזען פֿון סילועטן מיט האַלב־באַלויכטענע פּני־מער. דאָס שפּיגלט זיך אָפּ אויף די דאָס ליכט פֿון דעם רבֿ'ס קאָפּ, וואָס טראָגט נאָך אויף זיך די קדושה פֿון דעם ליכטיקן שבת, כאָטש די זון איז שוין כמעט אינגאַנצן פֿאַרגאַנגען.

דער רבֿ אָבער וויל נאָך פֿאַרענדיקן דעם הייליקן שבת מיטן רבינס ניגון און פּלוצלונג גאָר זינגט ער זיך פֿאַנאַנדער על פּי נוסח ליובאַוויטש. די פּאָר מנינים סילועטן־ייִדן כאַפּן אונטער דעם רבינס ניגון, און וואָס מער מען זינגט — אַלץ גרעסער די התלהבות, אַלץ גרעסער די דביקות.

פֿלעג איך זיך אויך אַריינפֿלעכטן מיט מיין דין קולכעלע אין דעם רבינס ניגון אַריין און דענסטמאָל ערשט פֿלעג איך דערשפּירן מיין טאַטן איבער זיך און אין זיך.

כ'האָב געוואוסט, אַז אין אַט אַזעלכע שבת־צו־נאַכטן געפֿינט זיך אויך דער טאַטע מיינער אין רבֿ'ס הויז, אָבער כ'פֿלעג עס דער מאַמען מיינער ניט דערציילן. כ'האָב געוואוסט, אַז די מאַמע מיינע וואָלט געוויינט, ווען כ'דערצייל איר, אַז דער טאַטע איז דאָ געווען און זי האָט אים ניט געזען.

און אפשר פֿלעגט אויך די מאַמע מיינע אין די דאָזיקע שבת־צו־נאַכטן דערהערן אין דעם רבינס ניגון דעם טאַטנס קול פֿון יענער וועלט און וויי־נען שטילערהייט: „גאָט פֿון אברהם, גאָט פֿון יצחק און גאָט פֿון יעקבֿ"...

ערשט ווען דער הימל פֿלעגט שוין ווערן גוט אויסגעשטערנט — פֿלעגט זיך דער רבֿ מיט זיין עדה ייִדן אַוועקשטעלן דאַוונען מעריב און באַלד נאָך דעם מאַכן הבדלה פֿאַר דעם גאַנצן קהל.

בענק איך נאָך ביז היינט נאָך יענע וואונדערלעכע שבת־צו־נאַכטן אין רב׳ס הויז, וואו כ׳פלעג האָבן לעבן זיך סיי דעם טאַטן און סיי דער מאַמען.

זאָלן זיי ביידע זיין גוטע בעטער פאַר אונדז אַלעמען.

אָמן!

דוקאַרער „טיימס סקווער" —

דער דוקאַרער מאַרק־פּלאַץ איז געווען, פאַרשטייט זיך, אַ ביסל קלענער פון דעם טיימס־סקווער אין ניו־יאָרק, אָבער דערפאַר האָט מען אויף אונדזער מאַרק געקאָנט שפּאַצירן אַ סך רואיקער און זיכערער, ווי אויף דעם טיימס־סקווער.

אַפילו די צוויי הויכע ווייס־געקאַלכטע קלויסטערס — איינער אַ פּראַוואָסלאַוונער און דער צווייטער אַ קאַטוילישער — האָבן אונדז קיינעם ניט געשראָקן. מיר האָבן געוואוסט, אַז צוליב אָט־די צוויי קלויסטערס באַווייזן זיך אין שטעטל יעדן זונטיק און יעדן חגא־טאָג אַ סך פּויערים און שלאַכטיטשעס פון די אַרומיקע דערפער און פריצישע מאַיאָנטקעס און דוקאַרער יידן ציען פון זיי חיונה.

אַפילו די יידישע ציגן און גענדז פלעגן גאַנץ געמיטלעך פּיטערן זיך צופוסנס אָט־די צוויי קלויסטערס. דעם גלח, צי דעם דיאַק איז גאָר קיינמאָל ניש איינגעפאַלן זיי אָוועקצוטרייבן פון דאָרטן.

דער גלח שימאַנאָווסקי איז בכלל געווען גוט צו יידן. ווען מען האָט געדאַרפט איינמאָל איבערקאַלכן זיין קלויסטער — האָט ער אָנגעדונגען דווקא יידישע באַלמעלאָכעס פון דעם שכנותדיקן שטעטל סמילעוויטש און אַלע יידן פון דוקאַר האָבן מיט גרויס נייגעריקייט זיך געהאַט צוגעקוקט, ווי יידישע מענטשן, וועלכע דאַווענען דריי מאָל אין טאָג, קאַלכן איבער זייער „פינצטערע נאמנה" (נעמאָנע).

אין יענע טעג, ווען יידישע באַלמעלאָכעס האָבן געאַרבעט אויף דעם פּראַוואָסלאַוונעם קלויסטער — פלעגן מיר, חדר־ייִנגלעך, שוין ניט זאָגן מער דעם פּסוק: „שקץ תשקצנו ותעב תתעבנו כי חרם הוא", ווייל ס'קאָן נאָך, חלילה, אַ יידישער באַלמעלאָכע אַרונטערפאַלן פון די הויכע רושטאָוואַניעס...

ווען ס'איז געשטאָרבן דער אַלטער פּריץ אונדזערער, אַרטינקע, וועלכער איז אויך געווען גוט צו יידן — איז גאַנץ דוקאַר נאָכגעגאַנגען נאָך זיין לוויה. איניקע חדר־ייִנגלעך האָבן אַפילו אַריינגעקוקט אין דעם קאַטוילישן קלויסטער, וואוהין מען האָט געבראַכט די טרונע מיטן טויטן פּריץ.

האָבן די ייִנגלעך שפּעטער דערציילט, אַז ס'איז דאָרטן ניטאָ וואָס צו זען, אין דעם קאַטוילישן קלויסטער. ס'איז דאָרטן פינצטער אין אַ מיטן ביי־

טאָג און פֿון די וועקסענע ליכט טראָגט אַ שרעקלעכער טשאַד, פֿון וועלכן נאָר גויאישע קעפּ קאָנען אויסהאַלטן!

ווי קומט עס צו אונדזערע, טויזנט מאָל להבדיל, שולן וואו ס׳איז שטענדיק ליכטיק און פֿריילעך!

יאָ, אונדזער דוקאָר, ווי קליין ס׳איז ניט געווען, האָט פֿאַרמאָגט צוויי שולן, איינע אַן אַלטע און אַ גרויסע און די צווייטע — אַ קלענערע אָבער אַ נייע און זייער אַ פֿריילעכע.

די פֿריילעכקייט פֿון דער נייער שול איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס חיים אשר דעם שוסטערס, וועלכער האָט זיך אויסגעלערנט אין מינסק די קונסט צו מאָלן חיות און עופֿות, האָט אויף די ווענט פֿון דער נייער שול אויסגע־מאָלן דעם „רץ כצבי", „גיבור כאַרי" און „קל כנשר", ווי זיי וואָלטן געווען לעבעדיקע.

ווען חיים דער מאָלער איז פֿאַרטיק געוואָרן מיטן לייב, מיטן הירש און מיטן אָדלער — האָבן מיר, חדר־ייִנגלעך, זיך אָנגעהויבן ביי אים בעטן רחמים, ער זאָל אויך שוין אויסמאָלן דעם שור־הבר מיטן לויתן, וואָס מען עסט אין גן־עדן, אָבער חיים האָט זיך אויסגעדרייט מיטן תּירוץ, אַז וויבאַלד ער איז נאָך קיינמאָל ניט געווען אין גן־עדן — ווייסט ער ניט, ווי זיי זעען אויס, דער שור הבר מיטן לויתן...

ס׳איז געווען, פֿאַרשטייט זיך, ניט מער ווי אַ פּוילער תּירוץ, ווייל דעם לייב, דעם הירש און דעם אָדלער האָט ער דאָך אין מינסק אויך קיינמאָל ניט געהאַט געזען קיין לעבעדיקע, אין מינסק איז נאָך דענסט־מאָל ניט געווען קיין שום זאָאָלאָגישער גאָרטן (אַ „זו") און אַפֿילו ניט קיין צירק, וואו מען ווייזט ווילדע חיות.

דאָך, אָבער, פֿלעגט אונדז, באַלעבאַטישע קינדער, שטענדיק ציען צו דער נייער שול, כאָטש די עלטערן פֿון די קינדער און אויך מיין מאַמע פֿלעגן דאַוונען אין דער אַלטער שול.

אונדז חדר־ייִנגלעך, פֿלעגט ציען אין דער נייער שול ניט נאָר צוליב די אויסגעמאָלעוועטע ווענט אַליין, נאָר אויך טאָקע צוליב די טשיקאַווע ייִדן, וואָס פֿלעגן קומען אַהין דאַוונען אָדער גלאַט אַזוי פֿאַרברענגען צווישן מנחה און מעריב.

דאָס זיינען געווען די ריכטיקע אַמכאַ־ייִדן, די באַלמעלאָכעס און די באַלעגאָלעס, וואָס האָבן שטענדיק געהאַט אַן אַ שיעור מעשיות צו דערציילן.

דער עיקר האָבן זיי ליב געהאַט אָפּצולאַכן פֿון מאָטע דעם שוחט,

וואָס איז געווען אַ גרויסער אוהב־בצעניק, דאָס הייסט אַ געלט־גייציקער. ער איז געווען יאָרנלאַנג דער גבאַי־ראשון פֿון דער אַלטער שול.

קהל פֿלעגט זיך קעגן אים בונטעווען, אָבער אַז ס'פֿלעגט קומען צו די „קאַלפּעס" (וואַלן) — פֿלעגט מאַטע דער שוחט שטענדיק אַרויסגיין דער זיגער.

מאַטע דעם שוחטס טענה איז געווען, אַז ער האָט כמעט גאַנץ דוקאָר געמאַכט פֿאַר יידן; שוין פֿערציק יאָר, אַז ער איז דער מוהל פֿון שטעטל און וויבאַלד ער האָט כמעט אַלע מל געווען — דאַרף ער זיי, הייסט עס, אויך שויו פֿירן פֿאַר דער נאָז...

ווען הרב משה טשאַרני, מיין עלטער־פֿעטער, ז"ל, האָט איינמאָל אַ זאָג געטאָן צו מאַטע דעם שוחט, אַז קהל בונטעוועט זיך קעגן אים, אַז קהל וויל אים מער ניט האָבן פֿאַר דעם גבאַי ראשון — האָט אים מאַטע דער שוחט מיט ביטול אַן ענטפֿער געטאָן:

וואָס איז „קהל", וועך איז „קהל"? — אָט גייט גאַנץ „קהל" פֿון דוקאָר! און דערביי האָט מאַטע דער שוחט אָנגעוויזן דעם רב אויף גרשון דעם וואַסערטרעגער, וואָס האָט זיך געשלעפּט באַרג־אַרויף פֿון טייך מיט אַ פּאָר עמערס וואַסער.

— אָט־דאָס איז אייער „קהל"! — האָט מאַטע דער שוחט בייז אַ זאָג געטאָן צום רב און איז אַוועק שלייפֿן די חלפֿים זיינע.

האָט שוין דער אַלטער רב געהאַט דענסטמאָל דערזען, ווי דער גבאַי ראשון האַלט פֿון זיין קהל...

גרשון דער וואַסערטרעגער איז טאַקע געווען, ווי מען זאָגט „אַ קבצן אין זיבן פּאָלעס", כאָטש ער האָט קיינמאָל ניט געהאַט אַפֿילו קיין צווי גאַנצע פּאָלעס, דערצו נאָך האָט אים שטעטל ניט געהאַלטן פֿאַר קיין גרויסן בר־דעת.

מען האָט גרשון דעם וואַסערטרעגער ניט געהאַלטן פֿאַר קיין גרויסן בר־דעת צוליב דעם, ווייל פֿאַר טייך־וואַסער און פֿאַר ברונים־וואַסער פֿלעגט ער רעכענען דאָס זעלבע געלט, כאָטש דער טייך איז געווען ביי צען מינוט גאַנג באַרג־אַראָפּ פֿון שטעטל, בעת ברונים־וואַסער האָט מען געקאָנט אָנשעפּן כמעט אויף יעטוועדער גאַס פֿון דוקאָר.

— סטייטש, גרשון, וואו איז דער שכל, וואָס דו נעמסט פֿאַר טייך־וואַסער דעם זעלבן פּרייז, וואָס פֿאַר ברונעם־וואַסער? פֿון ברונעם קאָנסטו דאָך אָנטראָגן פֿאַר איין שעה ביי צען פּאָר מער עמערס וואַסער און פֿון דעם טייך קאָנסטו ברענגען פֿאַר אַ שעה הלוואַי דריי פּאָר עמערס, איז וואו איז

דאָ דער שכל, גרשון? — פֿלעגן אים די לצים פֿון דוקאָר פֿרעגן.

פֿלעגט גרשון ענטפֿערן אויף דעם זיין שטענדיקן ענטפֿער:

— דער שכל איז דאָ זייער אַ פּשוטער: ווען איך טראָג אַ פּאָר עמערס וואַסער פֿון ברונעם — מוז איך עס טראָגן מיט איין מאָל ביז אין שטוב אַריין, אָבער ווען איך טראָג אַ פּאָר עמערס וואַסער אַזש פֿון דעם טייך — קאָן איך דאָך אויפֿן וועג אַ פּאָר מאָל אויסרוען זיך און דאָס איז פֿאַר מיר דער עיקר!

צוליב דעם דאָזיקן איינפֿאַל זיינעם האָט מען געהאַלטן גרשונען פֿאַר אַ קנאָפּן בר־דעת. דעריבער טאַקע האָט אים מאַטע דער שוחט געהאַט פֿאַר־גליכן צו דעם גאַנצן קהל פֿון דוקאָר...

איך אָבער האַלט, אַז אין גרשון דעם וואַסערטרעגערס תּמעוואַטן ענטפֿער ליגט נאָך עד־היום אַ שטיק לעבנס־חכמה און לעבנס־דערפֿאַרונג.

דאָס אָפּרוען זיך אין מיטן גאַנג איז אָפּטמאָל פֿיל וויכטיקער, ווי דער עצם גאַנג!

וואָס איז דען ווערט אונדזער גאַנצע האָוועניש און שמייעניש, ווען מען האָט ניט דערביי אַ ביסעלע נחת־רוח?

ווען די אַמעריקאַנער יידן וואָלטן געטראַכט און געהאַנדלט, ווי גרשון דער וואַסערטרעגער — וואָלטן אַ סך פֿון זיי ניט געפֿאַלן פּלוצלינג אין מיטן גאַנג פֿון אַ האַרץ־אַטאַקע, צי פֿון אַן אויטאָ־עקסידענט.

איך, למשל, האַנדל טאַקע ווי גרשון דער וואַסערטרעגער. איך ליפֿער צו מיינע קונדן וויכן טייך וואַסער און כ׳רעכן זיי ניט טייערער, ווי פֿאַר דעם האַרטן ברונעם וואַסער, האָבן טאַקע די ,קונדן" מיינע דעם אמתן עונג־שבת און אויך איך האָב דערביי דעם אמתן נחת־רוח. כ׳זע פֿעלדער און וועלדער, כ׳זע טייכן און שליאַכן, וועלכע פֿירן מיך אַוועק צו דעם וויטן־וויטן אַמאָל, ווען אַלץ איז געווען אַזוי זיס און אַזוי היימיש...

אָבער לאָמיר זיך בעסער אומקערן צו אונדזער נייער שול, וואו בנימין דער מולער האָט נאָך אַ סך מעשות צו דערציילן.

בנימין דער מולער איז געווען אַ ייד אַ לץ און ער פֿלעגט ליב האָבן בין מנחה למעריב, ווען אין דער אַלטער שול זאָגט מען, געוויינטלעך, אַ קאַפּיטל „עין יעקב", צו דערציילן אונדז מעשיות פֿון ניט־געשטויגן און ניט־געפֿלויגן.

— איז הערט נאָר, קינדער, אַ מעשה מיט די צוויי בעטלער פֿון סמי־לעוויטש (צען וויאָרסט פֿון דוקאָר) פֿלעגט בנימין דער מולער אָנהייבן מיט

גרויס הנאה אויסצולייגן פֿאַר אונדז זיינע ווערטער־ציגל, ווי ער וואָלט גע־גאַנגען מאַכן אַ נייעם אויוון.

— איז געווען, הייסט עס, אין סמילעוויטש איינער אַ הינקענדיקער בעט־לער, וואָס פֿלעגט יעדן דאָנערשטיק גיין איבער די הייזער און ס'איז אויך געווען אין סמילעוויטש איינע אַ האַלב־בלינדע בעטלערקע, וואָס פֿלעגט אויך גיין יעדן דאָנערשטיק איבער די הייזער. זענען דיביידע בעטלער געוואָרן איינע די אַנדערע דם־שונאים. דעם הינקענדיקן פֿלעגט זיך דוכטן, אַז די בלינדע כאַפּט אויס ביי אים די בעסטע נדבות, ווייל וואו נאָר אַ שמחה אין שטעטל — איז זי דאָרטן שטענדיק געווען די ערשטע! דער בלינדער אָבער פֿלעגט זיך דוכטן, אַז דער הינקענדיקער כאַפּט ביי איר אויס די בעסטע נדבות, ווייל וואו נאָר אַן אורח אין שטעטל — פֿלעגט ער שוין זיין ביי אים דער ערשטער.

האָבן זיך די ביידע אַזוי לאַנג געקריגט און געריסן זיך ביז סע ברעכט אויס, ניט פֿאַר אונדז געדאַכט, אַ מגפֿה אין שטעטל און קהל באַשליסט חתונה צו מאַכן דעם בעטלער מיט דער בעטלערקע.

— אַז ס'איז באַשערט אַ גליק — קומט עס אַפֿילו דורך אַ מגפֿה! — האָט בנימין דער מוליער צזוגעפּאַטשט זיינע ווערטער־ציגל מיט אַ פֿרישער לאָפּעטקע ליים.

נו, נו, איז וואָס איז מיט זיי געווען ווייטער, ר' בנימין? — פֿלעגן מיר, יינגלעך, ווערן אומגעדולדיק.

האָט, הייסט עס, קהל געפּראַוועט זייער חתונה כּיד המלך. דער הינ־קענדיקער בעטלער האָט באַקומען נייע בגדים און שיך און די האַלב־בלינדע בעטלערקע האָט באַקומען דעם גאַנצן אויסשטייער פֿון אַ כּלה, אָנהייבנדיק פֿון אַ ווייסער חופּה־קלייד ביז אַפֿילו קישנס מיט קאָלדרעס!

ווען די ביידע האָבן אָרומגעוואַשענע און אויסגעפּוצטע אין די בגדי־מלכות זיך אַוועקגעשטעלט אונטער דער חופּה — האָט מען ווירקלעך גע־קאָנט מיינען, אַז מען מאַכט חתונה אַ פּרינץ מיט אַ פּרינצעסין! דער הינ־קענדיקער בעטלער האָט אויסגעזען, ווי אַ יונגער חתן־בחור און די האַלב־בלינדע בעטלערקע האָט אונטער איר כּלה־שלייער גאָרניט אויסגעזען, ווי אַ בלינדע. אַלע סמילעוויטשער קלעזמער זיינען געקומען שפּילן אויף דער חתונה און אַלע סמילעוויטשער באַלעבאָסטעס האָבן אָנגעבאַקן אַזויפֿיל לע־קאַכער און טאָרטן, אַז ס'וואָלט געקלעקט ניט נאָר פֿאַר גאַנץ סמילעוויטש, נאָר אַפֿילו פֿאַר דוקאָר אויך!

— אַז ס׳איז באַשערט אַ גליק — קומט עס אַפּילו דורך אַ מגפה! — האָט שוין בנימין דער מוליער ווידער צוגעפּאַטשט זיינע ווערטער־ציגל מיט אַ פרישער לאָפּעטקע ליים.

— נו, נו, ר׳ בנימין, דערציילט ווייטער, דערציילט! — פלעגן מיר זיך בעטן ביי אים רחמים.

— האָט דער סמילעוויטשער רב אַליין, ר׳ טשאַלע, מסדר־קידושין גע־ווען און באַלד נאָך דער חופה איז גאַנץ שטעטל אַוועק אין דעם גרויסן בית־מדרש, וואו מען האָט געפּראַוועט די סעודה. אַלע טישן זיינען שוין געווען געדעקט מיט כל־טוב. דער בדחן האָט אָנגעהויבן אויסרופן די דרשה־געשאַנקען, וואָס אַלע באַלעבאַטים פון שטעטל האָבן געגעבן מיט אַ ברייטער האַנט. דאָס יונגע בעטלער־פּאָר־פאַלק איז: ממש געווען אויפן זיבעטן הימל, וואָס גאַנץ קהל איז צו זיי אַזוי גוט און באַרמהערציק.

אַז ס׳איז באַשערט צווי בעטלער אַ גליק — קומט עס אַפּילו דורך אַ מגפה! — האָט שוין ר׳ בנמין ווידער אַמאָל אַ פּאַטש געטאָן מיט אַ פרישער לאָפּעטקע ליים.

— נו, ר׳ בנימין, דערציילט שוין דעם סוף, מען שטעלט זיך דאָך שוין באַלד דאַוונען מעריב! — האָבן מיר אָנגעהויבן אונטערצויאָגן דעם מוליער אונדזערן.

— יע קינדער, איר זייט טאַקע גערעכט, מען דאַרף זיך שוין באַלד שטעלן דאַוונען מעריב! איז וואָס זאָל איך אייך לאַנג ברייען, נאָך דער חתונה פון דעם בעטלער־פּאָר־פאָלק האָט זיך די מגפה באַלד אָפּגעשטעלט און קליי־נע קינדער האָבן אויפגעהערט צו שטאַרבן.

אָבער וואָס איז געוואָרן מיטן בעטלער־פּאָר־פאָלק? — האָבן מיר אָנ־געהויבן צושטיין צו בנימינען — ער זאָל אונדז דערציילן דעם גליקלעכן סוף פון דער מעשה.

— יע, קינדער, דאָס בעטלער־פּאָרפאָלק האָט באַלד נאָך דער חתונה אויפגעגעבן אַ גרויסע טאָרבע און...

...„והוא רחום יכפר עוון ולא ישחית״ — האָט בנימין דער מוליער פלוצלונג אויסגעשריען אין דער פינצטער־געוואָרענער שול און אַלע יידן האָבן זיך געגעבן אַ שטעל אַוועק דאַוונען מעריב.

אָט אַזוי פלעגט אונדז בנימין דער מוליער אָנציען יעדן אָוונט מיט זיינע מעשיות, וואָס פלעגן זיך שטענדיק ענדיקן מיט עפּעס אַ טאָרבע פּלע־קער.

„אַ פלעקל אַריין, אַ פלעקל אַרויס די מעשה לאָזט זיך אויס!״

די אינטעליגענץ פון שטעטל —

דער דוקאָרער דרויסן שמעקט שוין מיט ל״ג־בעומר.

ס'האָבן זיך שוין אומגעקערט פון די וואַרעמע לענדער אַלע פויגלען און ס'איז ניטאָ קיין הויז אין דוקאָר, וואו אונטערן דאַך זאָל ניט זיין קיין נעסט פון אַ פויגעלשן פאַרפאָלק.

אויך דאָס בושל־פאַרפאָלק איז שוין געקומען צוריק פון די ווייטע מדינות, אָבער ווי נאָר מיר פלעגן דערזען די בושלען איבער די דוקאָרער הימלען פלעגן מיר צו זיי אָנהייבן צו שרייען:

— בושל, דער נעסט ברענט! בושל, דער נעסט ברענט!

פאַרוואָס מיר, חדר־יינגלעך, פלעגן שטענדיק שרעקן די בושלעס (אָדער באָציאַנעס), אַז זייער נעסט ברענט — פאַרשטיי איך נאָך ניט ביז היינט.

צו ל״ג־בעומר פלעגן שוין אַלע בלאָטעס פון דוקאָר זיין אויסגעטריקנט, אַ חוץ דער גרויסער בלאָטע אויף דער אַזוי־גערופענער בלאָצע־גאַס, וואָס האָט אויך געהייסן „דער מומע חיהס גאַס״.

אויך אונדזער טייך, די „סוויסלע״, וואָס איז דעם אַלטן דניעפּרס אַן איי־ניקל (די סוויסלע פאַלט אַריין אין דער „בעריאָזע״ און די בעריאָזע — אין דעם דניעפּער), איז שוין געוואָרן אינגאַנצן זומערדיק, נאָר באָדן זיך האָט מען נאָך ניט געטאָרט צוליב די ספירה־טעג.

אָבער אויך אַפילו נאָך שבועות פלעגן יידן אויסמיידן צו באָדן זיך אין טייך אַזוי לאַנג ביז די „סוויסלע״ (אָדער סוויסלאָטש) פלעגט ניט צונעמען אַ מענטשן.

אונדזער טייך ווי שמאָל און פלאַך ער איז ניט געווען פלעגט יעדן פרילינג מוזן צונעמען אַ מענטשן. דאָס פלעגט זיין, פאַרשטייט זיך, אַ קריסט, ווייל קריסטן באָדן זיך אַפילו אין די ספירה־טעג.

האָט טאַקע איינמאָל פּאַסירט, אַז איינער אַ שגץ פון דאָרף־גאַס, וועל־כער האָט זיך אומגעקערט פאַרנאַכט פון פעלד האָט ל״ג־בעומר־צייט באַ־שלאָסן זיך אויסצובאָדן אין די טיפע ערטער פון טייך און ער איז, נעבעך, דערטרונקען געוואָרן. האָבן זיך עטלעכע פּויערים אָוועקגעלאָזט מיט זייערע „לאָדקעס״ (פישער־שיפלעך) זוכן אין טייך דעם מת. אַזוי ווי אָבער ס'איז שוין געווען צוגעפאַלן די נאַכט און מען האָט גאָרניט געקאָנט זען, וואָס עס טוט זיך אין טייך — האָט מען געבראַכט אַ גאַנצן לאַבן ברויט מיט אַ

גרויסער געלער קלויסטער־ליכט, וועלכע מען האָט אַריינגעשטעקט אין דעם לאָבן־ברויט. באַלד נאָך דעם האָט מען דעם לאָבן ברויט מיטן אָנגעצונדע־נעם ליכט געלאָזט שווימען מיטן שטראָם און נאָך אים זיינען נאָכגעשוואומען די עטלעכע פויערים, וועלכע האָבן געהאַלטן אין איין אַריינקוקן אין די באַלויכטענע וואַסערן אַריין.

ס'איז געווען זייער סומנע זיך צוצוקוקן פון ברעג, ווי סע שווימט אין מיטן טייך אַ ברענענדיקע קלויסטער־ליכט. דער לאָבן ברויט האָט אויס־געזען פון דער ווייטנס, ווי דער קאָפּ פון אַ מת און די פויערים אין די לאָדקעס מיט זייערע אַרונטערגעלאָזטע קעפּ צום וואַסער האָבן אויסגעזען, ווי אבלים וועלכע באַגלייטן אַ מת צו זיין אייביקער וואַסער־רו.

ניט אומזיסט טאַקע פלעגט די מאַמע מיינע שטענדיק זאָגן, אַז יעדער טייך איז בטבע אַ גרויסער מזיק, בפרט נאָך אין די ספירה־טעג.

וועלן מיר זיך בעסער אומקערן פון טייך צו דער יבשה און כ'וועל אייך באַקענען מיט דער „פינפטער וועניו" פון דוקאָר.

יע, אויך דוקאָר האָט געהאַט איר „פינפטע עוועניו", וואָס איז טאַקע געווען די פינפטע און די לעצטע גאַס פון אונדזער שטעטל.

די אַנדערע פיר גאַסן: די סמילעוויטשער גאַס, די טייך־גאַס, די בלאָטע־גאַס און די שול־גאַס האָבן ניט געהאַט קיין אין בוים אויף אַ רפואה, אָבער די פינפטע גאַס אונדזערע, די אַזוי־גערופענע קאַנצעלאַריע־גאַס איז געווען, קאָן מען זאָגן, דער „ניעווסקי פּראָספעקט" פון דוקאָר.

די דאָזיקע גאַס איז שוין ל"ג־בעומר־צייט געווען אינגאַנצן פאַרטרונקען מיט גרינס און שבת פאַרנאַכט פלעגט די גאַנצע דוקאָרער אינטעליגענץ, ווי אויך די יוגנט זיך אַוועקלאָזן שפּאַצירן דורך דער „פינפטער עוועניו" ביז צום וואַלד פון דעם געמויערטן מאַיאָנטעק פון אונדזער פּריץ.

(אמת, דוקאָר האָט נאָך געהאַט צוויי אַנדערע גרויסע גאַסן: די דאָרף־גאַס און די קדר־גאַס, וואָס האָבן אויך געהאַט אַ סך ביימער און גרינס, אָבער די דאָזיקע צוויי גאַסן קומען ניט אַריין אין מיין ייִדישן חשבון. דאָרטן האָבן געוואוינט דורכויס גויים. טאָג און נאַכט פלעגן דאָרטן בילן הינט און שרעקן ייִדישע קינדער).

אין דעם וועלדל פון „אַלגעטשינע" זיינען געוואַקסן פאַרשיידענע מינים ביימער, אָנהייבנדיק פון די גאַנץ דיקע און הויכע דעמבעס ביז די גאַנץ דינע און צאַרטע בעריאָזעס.

אין די בעריאָזע־ביימער פלעגן מיר שוין באַלד נאָך פסח אויסהאַקן מיט האַק־מעסערס גאַנץ אונטן לעבן די וואָרצלען אַזעלכע גריבלעך, וואָס

פּלעגן אויסזען ווי קליינע מולטערלעך און צו ל״ג־בעומר פּלעגט זיך אָנ־קלייבן אין די מולטערלעך אַזאַ מין קלאָרע און זיסע פליסיקייט, וואָס הייסט „בעריאָזעוויק״. פּלעגן מיר, חדר־יינגלעך, לויפן אַלע שבת קיין „אַלגעש־טשינע״ אויסצוזופּן מיט שטרועלעך דעם געשמאַקן „בעריאָזעוויק״.

נאָך דעם פּלעגן מיר זיך אויסזעצן אויף אַ בערגל און באַטראַכטן די־אַריסטאָקראַטן פון שטעטל, וואָס האָבן זייער וואָזשנע שפּאַצירט צווישן די ביימער און קוסטעס.

אָט, למשל, באַווייזט זיך שמחה אָרעם, וואָס איז געווען דער גרעסטער אינטעליגענט פון דוקאָר.

ער פּלעגט שפּאַצירן איינינקער אַליין, ווייל זיינס גלייכן האָט ער אין דוקאָר ניט געהאַט.

שמחה אָרעם איז געווען דער איינציקער ייד, וואָס פּלעגט טראָגן אַ פראַנצויזיש בערדל, ווי אַ לאַפּעטקע און זיינע צווייִ קאָסאָקע אויגן פּלעגט ער שטענדיק האַלטן פאַרריסן צום הימל.

אַ נס, וואָס ער האָלט צוגעמאַכט זיין מויל — אַ ניט קאָן אים נאָך אַ פייגעלע עפּעס אַפּטאָן! — פּלעגן די חדר־יינגלעך וויצלען זיך וועגן שמחה אָרעס.

איינער אַ חדר־יינגל האָט געהאַט דערציילט, אַז ער האָט אַליין געזען, ווי שמחה אָרעס איז אין איינעם אַ שבתדיקן פרימאָרגן, ווען עס האָט שטאַרק גערעגנט אַרויס פון הויז אין די הוילע גאַטקעס. אָבער מיט אַ זאָנ־טיק איבערן קאָפּ, כדי צו עפענען די לאָדנס.

איך האָב אָבער שטאַרק געהאַלטן פון שמחה אָרעס, ווייל צוליב זיין מוזיניק בערל, וואָס איז געווען מיינער אַ חבר, פלעג איך זיין אָן אָפטער איינגייער אין זיין הויז און כ׳האָב טאַקע דאָרטן באַשיינפּערלעך געזען, אַז שמחה אָרעס איז דער גרעסטער אינטעליגענט פון שטעטל.

ער פּלעגט באַקומען אַזש פון פעטערבורג אַ רוסישע צייטונג, וואָס האָט געהייסן „בירזשעוויאַ וועדאָמאָסטי״. און ער פּלעגט זי טאַקע אויך לייי־ענען.

אויף דער דאָזיקער פעטערבורגער צייטונג זיינען שטענדיק געווען אָנ־געקלעפּט די געדרוקטע אַדרעסן פון שמחה אָרעס. פּלעגט ער די דאָזיקע אַדרעסן אַרונטערנעמען פון די צייטונגען און באַרימען זיך אין שול, אַז מען ווייסט פון אים אַזש אין פעטערבורג, והא ראיה — יעדן טאָג דרוקט מען דאָרטן אויף אַ מאשיז זיין אַדרעס.

אויסער דעם האָט נאָך שמחה אָרעס געהאַט שטענדיק צו טאָן מיט קאַז־נאַ.

ער איז געווען אַ „פּריקאַזשטשיק" אין אַ וואַלד. יעדן האַרבסט פּלעגט ער אָנדינגען אַ כאַפּטע גויים — זיי זאָלן ווינטער האַקןביימער און זיי אַרויספירן פון וואַלד. ניט אַלע גויים פלעגן אויסהאַלטן דעם קאָנטראַקט, אייניקע פלעגן זיך פאַרשיכורן, אַנדערע פלעגן ווערן קראַנק. פלעגט שמחה אָרעס מאָנען שטענדיק ביי די דאָזיקע פּויערים די אויפגאַבן, וואָס ער האָט זיי געהאַט געגעבן. פלעגט ער אין די ספירה־טעג, צווישן פסח און שבועות, באַקומען אַ סך „פּאָוועסטקעס" פון „מיראָוואָי סודיאַ" (ריכטער) אין סמי־לעוויטש — ער זאָל קומען אַהין משפטן זיך מיט זיינע גויים.

פון די דאָזיקע „פּאָוועסטקעס" האָט אויך געשמעקט מיט קאַזנאַ. ס'איז געווען אויף זיי אָפּגעדרוקט דער רוסישער אָדלער און דערצו נאָך אַ קיי־לעכדיגער שטעמפּל פון דעם סמילעוויטשער ריכטער.

האָב איך אָנגעבעטן בערלען, שמחה אָרעס מוזיניקל, וואָס איז גע־ווען מיין שני־למלך (איך אַליין בין צו יענער צייט געווען קיסר פון שמואל דעם מלמדס חדר), אַז ער זאָל מיר צושטעלן עטלעכע אַזעלכע „פּאָוועסטקעס" מיט די אָדלערס און שטעמפּלען, וועלכע איך האָב שטאַרק בייטיק געהאַט פאַר מיין אייגענער מלוכה.

אויך צווישן אונדז, חדר־יינגלעך, פלעגן אָפּט פאָרקומען וויכטיקע משפטים און מיר פלעגן איינלאַדן דעם צד שכנגד דורך שמחה אָרעס פּאָ־וועסטקעס...

פאַרשטייט זיך, אַז שמחה אָרעם האָט צוליב דעם פאַרלאָרן אַ סך געלט, ווייל ער האָט קיינמאָל ניט געוואוסט געענוי, ווען ער דאַרף פאָרן קיין סמילעוויטש משפטן זיך מיט זיינע גויים.

דאָך אָבער פלעגן אַלע זיינע זעקס קינדער גיין שטענדיק גוט אָנגע־טאָן, כאָטש אייניקע פון זיי זיינען אויך געווען אַ ביסל קאַסאָקע.

די איינציקע פרוי, מיט וועמען שמחה אָרעס פלעגט יע אָנשטיין צו באַגעגענען זיך אין „אַלגעשטשינע" איז געווען עלקע אריה יצחקס.

אויך עלקעס מאַן, אריה יצחק, הייסט עס, איז געווען אַ וואַלד־מענטש און ער פלעגט קומען קיין דוקאָר נאָר אויף די גרויסע יום־טובים — אויף פסח און אויף סוכות.

אויף וויפיל איך געדענק איז טאַקע עלקע אריה יצחקס געווען די שענ־סטע ווייבל פון דוקאָר (אַ חוץ, פאַרשטייט זיך, מיין שוועסטער מירל און

מיין שוועסטער־קינד פֿראַדע די מומע חיהס, וואָס זיינען נאָך געווען מייד־לעך).

עלקע פֿלעגט, זעט אויס, לייענען די שפּאַנענדיקע ראָמאַנען פֿון שאָמער, וועלכע זי פֿלעגט איבערדערציילן פֿאַר מיין שוועסטער און פֿאַר דעם רב׳ס טעכטער מיט וועמען זי האָט זיך געהאַט געחברט.

איינמאָל איז עלקע אַריינגעקומען צו אונדז אין הויז און אַנגעזאָגט מיין שוועסטער די טרויעריקע בשורה, אַז ער האָט זיך טאַקע אויפֿגעהאָנגען!

האָב איך זיך שיעור ניט פֿאַנאַנדערגעוויינט פֿאַר שרעק, וואָס עמיצער ביי אונדז אין שטעטל האָט זיך אויפֿגעהאָנגען. כ׳האָב שוין געוואָלט לויפֿן זען, ווי אַ מענטש הענגט, אָבער מיין שוועסטער האָט מיך באַרואיקט, אַז ס׳איז נאָר אַ מעשה אַזאַ פֿון אַ ביכל.

איז ווי באַלד עלקע אריה יצחקס איז געווען אַ באַלעזענע — האָט שוין שמחה אָרעס געהאַט מיט איר וועגן וואָס צו ריידן.

אָבער מאַשע די משוגענע האָט ניט געקאָנט פֿאַרטראָגן, וואָס עלקע אריה יצחקס פֿאַרברענגט אַמאָל מיט שמחה אָרעס — פֿלעגט זי גוואַלדעווען איבער גאַנץ שטעטל, אַז צוליב אַט־דער עלקען קומען אום קליינע קינדער אין שטעטל.

כ׳האָב אָבער געוואוסט, אַז ס׳איז אַ ליגן, ווייל עלקע אַליין האָט דאָך אויך געהאַט עטלעכע פֿיינע קינדער און זי וועט דאָך, חלילה, ניט זיין קיין גזלנטע איבער די אייגענע קינדער אירע!

מאַלע־וואָס אַ משוגענע פּלוידערט.

אָבער איינמאָל האָט טאַקע פּאַסירט אין דוקאָר פּונקט אַזאַ זאַך, ווי אין די ראָמאַנען פֿון עלקע אריה יצחקס.

איינער אַ בחור פֿון סמילעוויטשער גאַס האָט זיך אויפֿגעהאָנגען אויף דעם בוידעם פֿון זיין טאַטנס הויז און גאַנץ שטעטל איז געגאַנגען דענסט־מאָל כאַדאָראָם.

ווי עס ווייזט אויס פֿלעגן אויך אַפֿילו אין דוקאָר פֿאָרקומען טראַגע־דיעס, ווי אין די ראָמאַנען שטייט, אָבער איך האָב נאָך דענסטמאָל פֿון זיי ניט געוואוסט.

בכלל, איז די סמילעוויטשער גאַס געווען די לענגסטע און די אָרעמסטע גאַס פֿון גאַנץ דוקאָר. דאָרטן האָבן געוואוינט כמעט אַלע יידישע באַלמעלאַ־כעס און גלאַט אַזוי האָרעפּאַשניקעס אָן אַ שטאָך מלאכה. אויך די דריי דרדקי־מלמדים האָבן געוואוינט אויף דער דאָזיקער גאַס, וואָס איז שטענדיק געווען, אָן ע״ה, פֿול מיט קינדער.

איינע אַ מלמדיכע פֿלעגט אַזוי אָפּט קינדלען, אַז די לצים פֿון שטעטל פֿלעגן פֿרעגן:

— גוואלט, רבש״ע, ווען האָט זי צייט צו טראָגן, וויבאַלד זי ליגט אַלע ווילע אין קימפּעט?

דאָך אָבער פֿלעגט קיינמאָל ניט ענג ווערן אין שטוב, ווען ס׳פֿלעגט צוקומען מיט מזל נאָך אַ קינד.

דעם דלות ווערט קיינמאָל ניט ענג און דאָס איז דאָך די מעלה זיינע!

מער ניט משה־אַבען, דעם שניידער, איז איינמאָל פּלוצלינג ענג געוואָרן אין קאָפּ און ער האָט זיך פֿאַנאַנדערגעשריען איבערן גאַנצן שטעטל:

— גוואלד, יידן, דער הימל פֿאַלט!

פֿון דענסטמאָל אָן האָט מען שוין משה אַבען אַ נאָמען געגעבן „משה אַבע דער הימל פֿאַלט״ און מיר, חדר־ייִנגלעך, פֿלעגן שוין גאַנץ אָפּט לויפֿן אין דער סמילעוויטשער גאַס קוקן, ווי דער הימל פֿאַלט...

איך ווער אַ פויגל —

שוין באַלד נאָך ל״ג־בעומר האָט די מאַמע מיינע זיך אָנגעהויבן צו גרייטן צו דער חתונה פון מיין איינציקער שוועסטער מירל, וואָס איז געווען די עלטסטע פון אַלע קינדער.

די עלטערע פיר ברידער מיינע זיינען באַלד נאָך פסח זיך צעפאָרן אין פאַרשיידענע ריכטונגען. צוויי פון זיי, די גאָר עלטערע, האָבן שוין געהאַט אָנגענומען קנעלונגען ביי די ישובניקעס פון אונדזערע מקומות און די אַנדערע צוויי ברידער, די טיטלסטע (די שפּעטער געוואָרענע ש. ניגער און ב. וולאַדעק) זיינען אַוועקגעפאָרן קיין מינסק לערנען אין דער טאַטערשער שול.

די מאַמע האָט אָבער אָנגעזאָגט אַלע פיר ברידער מיינע, אַז זיי זאָלן, למע״ה, קומען אויף שבועות אַהיים, ווייל שבת נאָך שבועות וועט דאָך פאַרקומען די חתונה פון אונדזער איינציקער שוועסטער, זאָל געזונט זיין.

בין איך פאַרבליבן אין הויז דער איינציקער „מאַנספּאַרשון״ וואָס האָט געדאַרפט העלפן דער מאַמען מיט דער שוועסטער צוגרייטן די חתונה.

איינע פון די ערשטע און וויכטיקסטע אַרבעטן איז געווען דאָס „אויסבערשיטן״ די פעדערנעס מיט די קישנס.

קיין סך בעטגעוואַנט האָט שוין די מאַמע ניט געהאַט פאַרמאָגט, ווייל יעדער ברודער מיינער פלעגט דאָך מיטנעמען אין דער פרעמד אַ קישן מיט אַ קאָלדרע.

דאָך אָבער האָט נאָך די מאַמע געהאַט פאַרשטעקט אויפן בוידעם אַ פּאָר שווערע ירושה־פעדערנעס, אויף וועלכע דער טאַטע מיינער איז נאָך געווען געשלאָפן, און פון אָט־די דאָזיקע פעדערנעס האָט מען געקענט מאַכן ביי פינף־זעקס גאַנץ פיינע קישנס.

פאַרשטייט זיך, אַז מען האָט געמוזט צוערשט די פעדערן פון אָט־די בוידים־פעדערנעס גוט דורכלופטערן און נאָך דעם ערשט אַריינשיטן זיי אין די גאַנץ נייע קישן־ציכלעך.

לופטערן פעדערן קען מען נאָר אין שטוב ביי געשלאָסענע טיר און פענצטער, ווייל דאָס קלענסטע ווינטל קען זיי דאָך פאַרטראָגן אין אַלדי־רוחות אַריין.

האָט די מאַמע אַריינגעטראָגן אין שלאָף־צימער צוויי לײדיקע פּעסער פֿון הערינג און מען האָט אין זיי אַריינגעשאָטן אַלע פּעדערן פֿון די פּערי־נעס.

מען האָט די פּעסער אַוועקגעשטעלט וואָס נענטער צום פֿענצטער, וואו די ערב־שבועותדיקע זון האָט שוין אַרײַנגעלויכטן זייער שטאַרק, און מיין אויפגאַבע איז געווען איבערצומישן אַלע ווײלע די פּעדערן פֿון אויבן אַראָפּ און פֿון אונטן אַרויף.

פֿון דער דאָזיקער אַרבעט האָב איך אָנגעהויבן שטאַרק צו ניסן, ווייל פֿון די פּעדער־פּעסער האָט זיך געטראָגן אַ גאַנץ פריקרער ריח, ווי פֿון מיין פּעטער פּיטל, דעם מלאך.

מיין שוועסטער האָט געזאָגט, אַז ס'איז דערפֿאַר, ווייל די פּערינעס זיי־נען יאָרן־לאַנג געלעגן אויפֿן בוידעם ניט ווייט פֿון דעם קאַסטן מיט די פסחדיקע כלים. האָבן זיך די פּערינעס אָנגענומען מיט די ריחות פֿון דעם פסחדיקן פּעפּער מיטן אינגבער, וואָס די מאַמע פֿלעגט יעדן יאָר באַהאַלטן צווישן די כוסות אויף איבעראיאָר פּסח.

די מאַמעס מיינע האָט אָבער געהאַט אַן אַנדער מיינונג. זי האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז אָט־די אַלע ירושה־פּערינעס און ירושה־קישנס, אויף וועל־כע עס זיינען געשלאָפֿן עטלעכע יידישע דורות, האָבן שוין איינגעזאַפּט אין זיך אַ סך געזאַלצענע פֿײכטקייטן פֿון טרערן און פֿון אַנדערע נאַסקייטן און דעריבער איז קיין וואונדער ניט, וועמן מען ניסט פֿון זיי, ווי פֿון צעשטויסע־נעם פּעפּער...

זי האָט עס מיר ניט געזאָגט, די מאַמע, אָבער איך האָב געהערט, ווי זי האָט שטילערהייט געמורמלט אַ תחינה אַזאַ צו די פּעדערן, עס זאָל פֿון זיי אָפּגענומען ווערן אַלע פּיין און לייד, וואָס זיי האָבן אין זיך געהאַט איינגע־זאַפּט פֿון די אַלע מענטשן, וועלכע זיינען אויף זיי ווען עס איז געשלאָפֿן, און אַז זיי זאָלן פֿון היינט אָן און ווייטער מאַכן ווייך און זיס דעם געלעגער פֿון איר איינציקער טאָכטער, מרים בת זאב־וואָלף, ע"ה, מיט איר צוקונפֿ־טיקן מאַן, שמואל בן יואל, וועלכן מען רופֿט אין בערעזין „מוניע גע־נענדעס", וואָס איז אַ לייבלעכער פּעטער צו מיין שוועסטער און אַ שוואָגער צו מיין מאַמען.

„זאָל גאָט געבן", האָט די מאַמע שטיל געמורמלט, אַז מיין טאָכטער מיט איר מאַן זאָלן אויף די ירושה־פּערינעס און קישנס זיך פֿרוכפּערן און מערן אין עושר און אין כבוד און די קינדער זייערע זאָלן וואַקסן לתורה, לחופּה ולמעשים טובים, אמן ואמן."

די מאַמע מײַנע האָט ניט געהאַט באַמערקט, אַז ווי נאָר זי איז אַרײַן אין שלאָף־צימער, האָב איך זיך תּיכּף באַהאַלטן הינטער דעם קליידער־אַלמער.

כ׳האָב זיך באַהאַלטן צוליב דעם, ווײַל כ׳האָב מורא געהאַט, אַז ווען זי דערזעט מיך, פֿאַלט זי, חלילה, אין חלשות פֿאַר שרעק.

כ׳האָב אויסגעזען פֿיל מער ווי אַ פֿויגל, איידער אַ מענטש. כ׳בין גע־ווען פֿון קאָפּ ביז די פֿיס אײַנגעטונקט אין פֿעדערן.

צוליב דעם וואָס די מאַמע מײַנע פֿלעגט יעדן טאָג באַשמירן מײַן פֿאַר־סקראַפּעלטן לײַב מיט עפּעס אַ קלעפּיקן פֿעטס, זײַנען אַפֿילו מײַנע העמט און מײַן גאַנצער קאָפּ באַקלעפּט געוואָרן מיט זייער דינע פֿעדערלעך אָדער פּוך און ס׳האָט מיך שטאַרק געקיצלט אין די נאָזלעכער.

האָב איך פּלוצלינג געגעבן הינטערן אַלמער אַ נאָס און די מאַמע האָט זיך גלײַך געכאַפּט, אַז כ׳באַהאַלט זיך פֿון איר.

— וואָס באַהאַלטסטו זיך פֿון מיר, קינד מײַנס? קום אַהער, וועסטו מיר העלפֿן איבערשיטן די קישנס.

— כ׳האָב מורא, אַז דו וועסט זיך פֿאַר מיר דערשרעקן, מאַמע — האָב איך איר געענטפֿערט פֿון הינטערן אַלמער.

— פֿאַרוואָס עפּעס זאָל איך זיך דערשרעקן? — איז שוין די מאַמע געוואָרן אַ ביסל אומרואיק.

— ווײַל כ׳בין שוין ניט מער קיין מענטש, נאָר אַ פֿויגל! — האָב איך שוין אָנגעהויבן צו שפּילן זיך מיט דער מאַמען אין באַהעלטעניש.

די מאַמע אָבער האָט דענסטמאָל ניט געהאַט קיין צײַט צו שפּילן זיך מיט מיר — איז זי צוגעגאַנגען צום אַלמער און מיך אַרויסגעפֿירט פֿון מײַן באַהעלטעניש.

— אוי, ווײ איז מיר, ווי ער זעט אויס! — האָט זיך די מאַמע פֿאַנאַנ־דערגעשריען אויף אַ קול.

אויף דער מאַמעס געשריי איז באַלד אַרײַנגעקומען אין שלאָף־צימער מײַן שוועסטער, די כּלה־מויד, און די ביידע האָבן זיך אַ נעם געטאָן מיך אָפּצורייניקן פֿון די פֿעדערן.

— ווען איר טוט אויף מיר אָן אַ ציכל, וואָלט איך געקענט ווערן אַ קישן! — האָב איך פּרובירט דענסטמאָל אַ וויצל טאָן זיך. אָבער ניט דער מאַמען און ניט דער שוועסטער מײַנער זײַנען דענסטמאָל געלעגן אין קאָפּ מײַנע וויצן.

דער מאַמען מיינער האָט דענסטמאָל געטראָגן דער קאָפּ וועגן אַ סך זאַכן, וואָס זי דאַרף נאָך צוגרייטן צו דער חתונה.

זי דאַרף נאָך באַשטעלן ביי הלל קיילעס צען קוואַרט ווייַן און צען קוואַרט מעד, וואָס נאָר ער אַליין איז געווען אין דוקאַר דער מייסטער אויף דעם. זי דאַרף נאָך באַשטעלן ביי די פּישערס פון שטעטל ביי צען פונט גרויסע העכט און ביי יאָשע דעם קצב פאַרשיידענע מינים פליישן. פאַר דער חופּה־וועטשערע דאַרף נאָך די מאַמע איינהאַנדלען אין דאַרף־גאַס עט־לעכע פעטע הינער און צוגרייטן געגנוג אייער, עס זאָל קלעקן פאַר די געפילטע פיש, פאַר די בולבע־קוגעלעך און פאַר די שבועותדיקע פוטער־קיכלעך.

די אַלע זאַכן קען מען נאָך נעמען אויף באָרג, אויף אויסצוצאָלן, אָבער פאַר די עטלעכע קוואַרט „וואָדקאַ", וואָס מען פלעגט שוין פאַרקויפן דענסט־מאָל אין דער מאָנאָפּאָלקע, מוז מען דאָך צאָלן מיט מזומן...

האָט די מאַמע, נעבעך, ניט געוואוסט וויפיל שנאַפּס און, דער עיקר, פון וועלכן גראַד זי זאָל איינקויפן.

איז גראָד אַריינגעקומען צו אונדז אין הויז ר׳ אָשר מלמד, וואָס איז גע־ווען דעם טאַטנס בעסטער חבר און אויך, פאַרשטייט זיך, אַ הייסער ליו־באַוויטשער.

האָט זיך די מאַמע מיינע מיט אים שטאַרק דערפרייט, ווייל אָשר מלמד וואָס איז געווען אין שטעטל דער בעסטער גמרא־מלמד, האָט באַלד נאָך מיין טאַטנס טויט געהאַט איבערגענומען די אַפּטרופּסות איבער וועלוועלס יתומים און ער איז בכלל געוואָרן ביי אונדז אין הויז אַ בן־בית.

איך זאָג אייך ר׳ אָשר, אַז גאָט אַליין האָט אייך איצטער אַריינגע־שיקט צו אונדז אין הויז! — איז די מאַמע אויפגעשטאַנען און אים דער־לאַנגט אַ טאַבורעטקע צום זיצן.

— זיצט, ר׳ אָשר, זיצט!

דערווייל אָבער האָט ר׳ אָשר באַמערקט, אַז כ׳זיץ אַ האַלב־נאַקעטער אויף אַ בענקל און די שוועסטער מיינע צופּט פון מיר די פעדערן.

— דיין פליאַגע, זע איך, איז „אַריין אין די פעדערן", האָט ר׳ אָשר זיך אַ ווייצל געטאָן.

— איר ווייסט דאָך, ר׳ אָשר, אַז צו אים קלעפּט זיך אַלץ! מיר שיטן היינט איבער די קישנס פאַר דער טאָכטער וועגן, — האָט ער זיך אָנגע־נומען אַ פולן קאָפּ מיט פעדערן.

נעם זיך ניט צום האַרצן, ברכה, ס'איז אַ סימן, אַז אויך דיין מיזיניק וועט זיך, אי״ה, טאָן־טאָן פֿעדערן צו דינען דעם רבש״ע, ווי די עלטערע ברידער זיינע טוען דאָס.

— הלוואַי האַלט איך שוין מיט אים אַזוי ווייט ווי מיט די עלטערע קינדער מיינע, וואָלט מיר אַרונטער אַ שטיין פֿון האַרצן! — האָט די מאַמע אַ זאָג געטאָן מיט אַ זיפֿץ.

— כ'ווייס ניט, ברכה, וואָס דו האָסט צו זיפֿצן — האָט שוין ר' אשר אָנגעהויבן צו טרייסטן דער מאַמען מיינער.

— אָט גיסטו אויס אין אַ גוטער שעה דיין טאָכטער פֿאַר אַן אייגענעם מענטשן, פֿאַר אַ פֿעטער, וואָס נעמט זי צו זיך קיין בערעזין אויף אַלעם פֿאַרטיקן. און זי פֿאַרבלייבט, קאָן מען זאָגן, אין דער אייגענער משפּחה. און אָט האָב איך פֿון דייך שמואלן זייער גוטע געריסן. זיין ראש־ישיבה אין מינסק כאַפּט פֿון אים גרויס התפּעלות. ער איז ניט נאָר אַ גרויסער מתמיד, דיין שמואל, נאָר אויך אַן עילוי. מען רופֿט אים טאַקע אין דער ישיבה „דער דוקאָרער עילוי״. דאַרפֿסט דאָך זיין גליקלעך, ברכה, וואָס דו האָסט אַזאַ זון, און אויך פֿון די אַנדערע זין דיינע וועסטו נאָך האָבן אי״ה אַ סך נחת. אויך דיין ברוך, זאָגט מען, איז זייער אַ פֿיאַיקער און ער לערנט זייער גוט און וואָס איז שייך דיין „פֿליאַגע״ — זאָג איך דיר בפּירוש, אַז דו וועסט נאָך אויך פֿון אים האָבן אַ סך נחת. זאָל ער נאָר דערציען מיט מזל ביז דער בר־מצווה — וועט ער שוין דעמאָלט אַרויס פֿון ריזיקע און לעבן אין דעם אייגענעם זכות זיינעם. מעגסט שוין פֿאַר אים באַשטעלן ביי זושע דעם שמש אַ פּאָר פֿיינע תּפֿילין. ווי נאָר ער וועט אָנהייבן לייגן תּפֿילין וועט ער ווערן ביי דיר אַ סך געזינטער. תּפֿילין ציִען אָפּ אַ סך מחלות...

אָט אַזוי האָט ר' אשר אַריינגעטענהנט צו מיין פֿאַרזאָרגטער מאַמען, קוקנדיק די גאַנצע צייט אויף זיינע אייגענע פֿינגער, ווי ער וואָלט וועלן פֿון זיי באַקומען וואָס מער לשון.

(יע, כ'האָב פֿאַרגעסן צו דערציילן, אַז אשר מלמד האָט געהאַט אַ טבע צו פֿאַרברענגען מיט זיך אַליין, באַוועגנדיק די גאַנצע צייט מיט די פֿינגער, ווי זיי וואָלטן געוועזן די איינציקע צוהערער זיינע).

האָט ר' אשר פּלוצלינג אויסגעשטרעקט אַלע זיינע צען פֿינגער צו דער מאַמען, ווי יעדער פֿינגער באַזונדער וואָלט וועלן וואָס גיכער קומען צום וואָרט, און ער האָט פֿון זיך אויסגעשאָסן:

— אייגנטלעך בין איך צו דיר היינט געקומען, ברכה, צוליב דיין שמואלן טאַקע. מען שרייבט מיר פֿון מינסק, אַז כ'זאָל מיט דיר ריידן

וועגן אים, אָבער כ'זע דאָך, אַז דו ביזט היינט זייער צעטראָגן, וועל איך דאָס שוין בעסער אָפּלייגן אויף אַ צווייטן מאָל.

— עפּעס רעדט איר צו מיר היינט מיט אַזעלכע פאַרשטעלטע רייד, אַז כ'פאַרשטיי ניט וואָס איר רעדט צו מיר, ר' אָשר. האָט דען עפּעס פּאַסירט חלילה מיט מיין שמואלן? — איז שוין די מאַמע מיינע געוואָרן זייער אומרואיק.

ס'רעדט זיך וועגן אַ תכלית פאַר שמואלן, וועגן אַ שמאַלץ־גרוב, און דו, ברכה, זאָלסט מיר מוחל זיין, רעדסט היינט נאַרישקייטן! — האָט ר' אָשר ווידער אַמאָל אָנגעהויבן צו שפּילן מיט אַלע זיינע פינגער אין דער לופטן אַריין.

— ווּעמען ליגט עס היינט אין קאָפּ צו ריידן וועגן אַ תכלית פאַר שמואלן, אַז ס'איז ערב חתונה — האָט זיך די מאַמע אָנגעהויבן צו פאַרענט־פערן פאַר ר' אָשרן.

— זאָג איך דאָך טאַקע, אַז מיר וועלן שוין ריידן אַ צווייטן מאָל, ווען דו וועסט ניט זיין אַזוי צעטראָגן — האָט ר' אָשר באַלד מסכים געווען.

ווייסט איר דען וואָס איך בין אַזוי צעטראָגן? — האָט זיך די מאַ־מע באַלד מודה געווען — איך בין צעטראָגן צוליב נאַרישקייטן. אַז חתנס צד און כּלהס צד איז דאָך ברוך השם איין צד, מוז איך שוין זאָרגן זיך פאַר די בײדע צדדים מיטאַמאָל. אַט, למשל, ווייס איך ניט וויפיל משקה און וועלכן גראַד איך זאָל איינקויפן צו דער חתונה. משקה איז דאָך אַ מאַנסבילשע זאַך — איז פון וואַנען זאָל איך וויסן? — האָט די מאַמע אומבאַהאָלפן אַ קוק גע־טאָן אויף ר' אָשרן ווי אויף דעם איינציקן גואל אירן.

— קיין גרעסערע זאָרג, ברכה, זאָלסטו ניט האָבן — האָט ר' אָשר, וועלכער האָט זייער ליב געהאַט צו מאַכן וואָס עפּטערס אַ „לחיים", אַ זאָג געטאָן צו דער מאַמען.

באַלד נאָך דעם האָט אָשר מלמד געמאַכט דער מאַמען דעם פאָלגנדיקן חשבון: פאַר מיר מיט זושע דעם שמש וועסטו קויפן אַ קוואָרט „זיבן און ניינציקער", ווייל אַ מלמד, וועלכער אַרבייט פון זמן צום זמן, טרינקט נאָר 97קער, מחמת „זמן" איז בגמטריא „97".

— פאַר דעם איבעריקן עולם, וואָס וועט קומען נאָר אויפן „לעקאָך און בראָנפן" דאַרף מען קויפן צוויי קוואָרט „זיבן און פופציקער", דאָס הייסט „זן", פון דעם וואָרט „מזונות".

— און וואָס איז נוגע די ווייבער, וועלכע האַלטן נאָר פון טונקען, וועט שוין פאַר זיי קלעקן איין קוואָרט „צוויי און פערציקער"... אַזוי אַרום וועס־

טו מיט צוויי רובל קאַנען אַנשיכורן, גאַנץ דוקאַר — האָט ר׳ אָשר אויסגע־שטרעקט אַלע זיינע צען פינגער צו דער מאַמען, ווי יעדער איינער פון זיי וואָלט שוין וועלן וואָס גיכער מאַכן אַ „לחיים".

האָט זיך די מאַמע דערפילט זייער צופרידן פון ר׳ אָשרס חשבון און זי האָט זיך פלוצלינג דערמאָנט, אַז זי האָט דאָך אין אַלמער אַ קוואַרטירעלע זיבן און ניינציקער, וואָס זי האָט איינמאָל געקויפט פאַר מיין שוועסטער ווי אַ רפואה קעגן צאַנווייטיק, האָט די מאַמע אַ זאָג געטאָן צו ר׳ אָשרן:

— איר ווייסט, ר׳ אָשר, כ׳האָב אַנומעלטן געקויפט אַ קוואַרטירעלע זיבן און ניינציקער פאַר דער כלה־מויד, וואָס׳האָט זיך, ניט היינט געדאַכט, געריסן אויף צאַנווייטיק. האָט זי נאָר אַ פּאָר מאָל אַ שווענק געטאָן דעם מויל און ס׳איבעריקע איז שטיין געבליבן. וועט איר אפשר מאַכן, ר׳ אָשר, אַ לחיים?

— אַ לחיים, ברכה, גייט קיינמאָל ניט צופיס! בפרט נאָך היינט, ווען דו שיטסט איבער מיט מזל די פּערינעס מיט די קישנס. זאָל זיין אין אַ גוּ־טער שעה!

האָט די מאַמע דערלאַנגט ר׳ אָשרן אַ פולן קעלישאַק מיט שנאַפּס און ר׳ אָשר האָט יום־טובדיק אויסגעשריען צו אונדז דרייען:

— לחיים מחותנעסטע, לחיים כלה־מויד, לחיים „פליאַגע"!

האָבן מיר אַלע דריי געענטפערט ר׳ אָשרן:

— לחיים טובים ולשלום!

איז מיר געוואָרן דעמאָלט אַזוי פריילעך אויפן האַרצן כאָטש נעם און שפּרינג אַריין אין פּאַס מיט די פעדערן...

אַ מעשה מיט פּיסטאַטשקעס —

אַ וואָך פאַר שבועות האָט מיך די מאַמע אָװעקגעזעצט שטויסן צימע־רינג.

די מאַמע האָט בכיוון אויסגעזוכט פאַר מיר אַזאַ מין זיץ־אַרבעט, כּדי איך זאָל זיך ניט פּלאָנטערן צו־פיל אונטער אירע פיס.

יענעם ערב שבועות איז די מאַמע געװען שרעקלעך פאַרהאָװעט מיטן צוגרייטן די חתונה פון מיין איינציקער שװעסטער.

די חתונה האָט געדאַרפט פאַרקומען ערשט שבת נאָך שבועות, אָבער דער חתן־בחור האָט שוין געדאַרפט אָנקומען צו אונדז אַזש פון בערעזין נאָך אַ פּאָר טעג פאַר שבועות.

קיין אַנדערע חתונה־געסט פון בערעזין האָבן מיר ניט דערװאַרט, װייל דער גאַנצער חתנס צד איז דאָך אויך געװען דער כּלהס צד.

מיין שװעסטערס חתן איז דאָך געװען אונדזערער אַ פעטער, דאָס הייסט אַ ייִנגערער ברודער פון מיין פאַרשטאָרבענעם טאַטן.

פאַרשטייט זיך, אַז דער פעטער מוניע (אַזוי האָט ער געהייסן, דער חתן) איז געװען אַ היפּש ביסל עלטער פאַר מיין שװעסטער, אָבער דער־פאַר װעלן דאָך ביידע ניט פאַרפרעמדט װערן.

מיין שװעסטער, הייסט עס, פאַרבלייבט אין דער משפּחה אונטער דעם זעלבן פאַמיליע־נאָמען טשאַרני.

האָב איך געהאַלטן אין איין אויסחשבונען די פאַרפּלאָנטערטע קרובה־שאַפט, װאָס װעט זיך באַקומען צװישן אונדז מיטן פעטער מוניע.

גלייך נאָך דער חתונה װערט דאָך מיר דער פעטער מוניע אַ שװאָגער און מיין שװעסטער מירל װערט מיר גאָר אַ מומע! זייערע קינדער װעלן מיר זיין סיי פּלימעניקעס און סיי שװעסטער־קינדער. די מאַמע מיינע, װאָס איז דעם פעטער מוניעס אַ שװעגערין, װעט אים גלייך נאָך דער חתונה װערן אויך אַ שװיגער און ער צו איר — אַן איידעם און אַ שװאָגער.

האָט אָבער מיין קינדערישער שכל נאָך ניט געקאָנט דענסטמאָל באַ־גרייפן, װי אַזוי מיין פעטער מוניע װעט קאָנען זיין גלייכצייטיק אַ שװאָגער סיי צו מיר און סיי צו מיין מאַמען?

עפּעס נעמט ער אויף זיך צו־פיל, דער פעטער מוניע! — אַזוי האָט זיך מיר דענסטמאָל געהאַט געדוכט און כ׳פלעג פאַרװאַרפן דער מאַמען

מיט פראַגעס, ווי אַזוי כ׳וועל דאַרפֿן נאָך דער חתונה רופֿן מיין שוואָגער־פֿעטער און מיין שוועסטער־מומען?

אַפֿילו די מאַמע אַליין וועט מיר אויך ווערן נאָך דער חתונה עפּעס מער ווי אַ מאַמע. זי וועט דאָך ווערן די שוויגער פֿון מיין פֿעטער — איז ווי רופֿט מען אַ יידינע, וואָס ווערט אַ שוויגער פֿון איר אייגענעם שוואָגער?

אָבער, ווי געזאָגט, האָט די מאַמע מיינע אין יענעם ערב חתונהדיקן ערב שבועות ניט געהאַט פֿאַר מיר גענוג צייט צו קאָנען פֿאַרענטפֿערן אַלע מיינע נאַרישע קשיות. דעריבער טאַקע האָט זי מיך אָוועקגעזעצט ביי אַ מעשענעם שטויסל — כ׳זאָל שוין בעסער שטויסן צימערינג.

כ׳בין זיך מודה, אַז די דאָזיקע יום־טובדיקע אַרבעט איז מיר שטאַרק געפֿעלן געוואָרן.

ס׳איז בכלל טשיקאַווע צו זען, ווי די לאַנגע און האַרטע שטעקלעך, וואָס זעען אויס ווי פּוסטע פֿייפֿלעך, ווערן אין שטויסל צעמאָלן אויף שטויב און ווען מען נעמט אויפֿן צונג אַביסל צעמאָלענעם צימערינג — דערפֿילט מען שוין דעם געטלעכן טעם פֿון די שבועותדיקע פּוטער־קיכלעך.

אָבער ניט נאָר צוליב די שבועותדיקע פּוטער־קיכלעך אַליין האָט די מאַמע נייטיק געהאַט אַזויפֿיל צימערינג. אויך געהאַקטער הערינג האָט זייער ליב, ווען מען באַשיט אים מיט צימערינג. און אין אַ לאָקשן־קוגל פֿלעגט די מאַמע אויך אַריינטאָן אַ ביסל צימערינג — ער זאָל שמעקן טעם־גן־עדן!

האָט די מאַמע געקויפֿט ביי דער מומע חיהן אין קראָם אַ גאַנצן האַלבן פֿונט צימערינג. ס׳איז געווען אַ גרויסער באַרג מיט זייער טרוקענע שטעקעלעך, וועלכע מען האָט געמוזט פֿריער צעברעכן אין קליינע שטיקלעך — זיי זאָלן קאָנען אַריין אין שטויסל.

ווען איך פֿלעג עטלעכע שטעקעלעך שוין האָבן געהאַט גוט צעשטויסן — פֿלעג איך דענסטמאָל דעם צימערינג איבערזיפּן אויף אַ געדיכטן פּאַטשעטאַק, אויף וועלכן מען זיפּט נאָר ווייצענע מעל. דעם גאַנץ דינעם פּול־ווער פֿלעג איך אַריינשיקן אין אַ גלעזערנעם סלאָי און די ברעקלעך, וואָס פֿלעגן פֿאַרבלייבן אין פּאַטשעטאַק פֿלעג איך ווידער אַריינשיטן אין שטויסל און זיי ווייטער שטויסן.

אַזוי אַרום בין איך אַ פּאָר טעג נאָכאַנאַנד געווען שטאַרק פֿאַרנומען מיטן צימערינג אַליין.

ווען די מאַמע האָט געהאַט דערזען, אַז איך פֿלאָנטער זיך שוין ווידער אונטער די פֿיס אָן אַ שטאָך מלאכה — האָט זי פֿאַר מיר צוגעגרייט אַ נייע שטויס אַרבייט.

דאָס איז געווען געברענטער גערשטן.

די מומע טויבע, וואָס איז געווען אַ גרויסע בריה (בעריע) אויף כּלערליי מאכלים און געטראַנקען, האָט געזאָגט דער מאַמען, אַז ווען מען מישט צוקאָריע מיט געברענטן גערשטן — באַקומט זיך דענסטמאָל דער אמתער טעם פֿון קאַווע (שבועות־צייט מוז מען דאָך טרינקען קאַווע).

איז אָבער געקומען די מומע חיה, וועלכע האָט געהאַט אין קראָם אַ פֿלן זאַק מיט פּיסטאַשקעס און זי האָט געזאָגט, אַז ווען מען צעשטויסט געברענטע פּיסטאַשקעס — זעט עס אויס ווי אמתע קאַווע און מען ברויכט ניט אַפֿילו קיין ציקאָריע.

מיט די פּיסטאַשקעס אָבער איז דער ענין גאָר ניט געווען אַזוי איינ־פֿאַך. ס'איז אַרויס אַ קלאַנג אין שטעטל, אַז פּיסטאַשקעס וואַקסן נאָר אויף אַ בית־עולם און יידישע מענטשן טאָרן זיי ניט עסן.

דער קלאַנג איז אַרויס צוליב דעם, ווייל מען צעשפּאַלט אַ פּיסטאַש־קע אויף אירעביידע העלפֿטן — דערזעט מען אויף איינער אַ העלפֿט אַ פּיטשעמאַנטשיקן יידעלע מיט אַ לאַנגער באָרד. דאָס איז דאָך דער בעסטער באַוויז, אַז פּיסטאַשקעס וואַקסן נאָר אויף אַ בית־עולם און אַז אין יעדער איינער פֿון זיי כאַפּט זיך אַריין דער גלגול פֿון אַ מת.

פֿאַרשטייט זיך, אַז נאָך אַזאַ מין קלאַנג האָט שוין קיינער ניט גע־וואָלט קויפֿן ביי דער מומע חיהן די פּיסטאַשקעס.

האָט אָבער די מומע חיה געטענהט, אַז ווען יידן וואָלטן ניט געטאָרט עסן קיין פּיסטאַטשקעס — וואָלטן די יידישע קרעמער פֿון מינסק מיט דעם ניט געהאַנדלט און דער מינסקער „גדול” וואָלט זיי געוויס געאסרט.

אַזוי ווי אָבער די מומע חיה האָט בשום־אופֿן ניט געקאָנט פּטור ווערן פֿון די פּיסטאַשקעס — איז איר איינגעפֿאַלן דער גוטער געדאַנק דורכצו־ברענען די אויסגעשיילטע פּיסטאַשקע־יאָדרעס ווי קאַווע־בעבלעך און נאָך דעם מאַכן פֿון זיי אַ נייעם מין קאַווע־פּראָשעק.

אָבער די מומע חיה האָט געהאַט מורא צו טאָן דאָס ביי זיך אין דער היים, ווייל ווען מאַשע די משוגענע דערזעט, ווי די מאַמע אירע פּרעגלט אויף אַ הייסע סקאָווערדע די מתים פֿון די פּיסטאַשקעס — וואָלט זי פֿאַר שרעק נאָך מער משוגע געוואָרן.

איז גראָד אין יענעם צעטומלטן ערב שבועות געקומען צו אונדז די מו־מע חיה מיט אַ פֿולער קליידֿ־קעשענע פּיסטאַשקעס און זי האָט פֿאַרגעלייגט מיין שוועסטער, דער כּלה־מויד, אַפּצופּרעגלען אויף אַ פּראָבע כאָטש איין

סקאָווערדע פּיסטאַשקעס און זען, וואָס פֿאַר אַ מין קאַווע ס'וועט זיך פֿון זיי באַקומען?

האָט מיין שוועסטער אָנגעשאָטן אַ פֿולע סקאָווערדע מיט אויסגעשיילטע פּיסטאַשקעס און זיי אָנגעהויבן צו פּרעגלען אויף הייסע קוילן.

האָב איך זיך צוגערוקט צום אויוון, כּדי בעסער צו זען, ווי מען מאַכט פֿון פּיסטאַשקעס קאַווע?

פּלוצלונג אָבער האָב איך דערזען, ווי די פּיסטאַשקעס האָבן אָנגעהויבן צו שפּרינגען פֿון דער סקאָווערדע „קדוש, קדוש, קדוש" און שפּאַלטן זיך אויף ביידע העלפֿטן.

איז מיך באַפֿאַלן אַ גרויסער פּחד און כ'האָב אָנגעהויבן צו שרייען, אַז די מתים שפּרינגען פֿון סקאָווערדע, ווי אין גיהנום, רחמנא ליצלן!

האָט זיך אויך מיין שוועסטער געהאַט שטאַרק איבערגעשראָקן פֿאַר דעם מתים־טאַנץ פֿון די פּיסטאַשקעס און זי האָט די גאַנצע סקאָווערדע אַריינגעשאָטן אין פֿייער אַריין.

ערשט דענסטמאָל האָט שוין אויך די מומע חיה אָנגעהויבן צו גלויבן, אַז אין אירע פּיסטאַשקעס זיצן טאַקע די „נישט־גוטע" און זי האָט דעם גאַנצן זעקל צוריקגעשיקט צו איר קרעמער אין מינסק.

איז מיר אַראָפּ אַ באַרג פֿון האַרצן, וואָס מיר וועט ניט אויסקומען צו שטויסן די געבראָטענע מתים.

אויך דעם געבערענטן ווייץ האָב איך שוין פֿאַרשפּאַרט צו שטויסן, ווייל אַ פּאָר טעג פֿאַר שבועות איז אָנגעקומען פֿון בערעזין דער חתן, דאָס הייסט דער פֿעטער מוניע, און ער האָט צווישן אַלע זיינע כּלה־מתּנות אויך געהאַט מיטגעבראַכט אַ פּאָר פֿונט אמתע קאַווע.

ער האָט געוואוסט, דער פֿעטער מוניע, אַז ביי אונדז אין דוקאָר וועט מסתּמא אויספֿעלן צו שבועות די ריכטיקע קאַווע, וואָס נאָר פּריצים טרינ־קען — האָט ער פֿון זיין קראָם אין בערעזין מיטגענומען אַלע פֿיינע זאַכן, וואָס אין דוקאָר איז שווער צו באַקומען.

אַזוי, למשל, האָט ער אויך געבראַכט אַזאַ געווירץ, וואָס הייסט „זאַפֿראַן". ווען מען טוט אַריין דעם זאַפֿראַן אין טייג — ווערן פֿון דעם די חלות געל, ווי פֿון אייער. דער זאַפֿראַן, זעט אויס, ווי דינע לעקשעלעך פֿון גאָר גוטן סטאַמבאָלי־טאַבאַק.

יע, ער האָט אויך מיטגעבראַכט, דער חתן־פֿעטער, אַ פּאָר מאות פּאַפּי־ראָסן פֿון אמתן סטאַמבאָלי־טאַבאַק. די פּאַפּיראָסן זיינען געווען געשטאָפּט אין גילזעס מיט זייער לאַנגע מונדשטוקן.

איינע אזא קעסטעלע מיט הונדערט פּאַפּיראָסן האָט ער געגעבן אַ שטעל אַוועק אויף הפקר ביים רב אויפן טיש, כדי אַלע יידן וואָס וועלן קומען אים אָנקוקן זאָלן קאָנען רויכערן די בערעזינער פּאַפּיראָסן, וויפיל זיי ווילן.

יע, כ'האָב איך פאַרגעסן צו דערציילן, אַז דער חתן איז פאַרפאָרן צום רב, וואָס איז געווען זיינער אַ לייבלעכער פעטער און מיינער אַן עלטער־פעטער.

אַזוי אַרום איז הרב משה טשאַרני, ז"ל, געווען איינציייטיק דער הויפּט־מחותן סיי פונעם חתנס צד און סיי פון כלהס צד.

האָט די רביצין אָפּגעמאַכט מיט דער מאַמען, אַז דעם ערשטן טאָג שבועות וועט גאַנץ כלהס צד קומען צו גאַסט צום רב און דעם צווייטן טאָג שבועות וועט דעם רבס משפחה קומען צו גאַסט צו אונדז.

אַזוי אַרום וועלן חתן־כלה זיך קאָנען זען אין די ביידע טעג שבועות נאָך פאַר דער חתונה!

דער אַזויגערופענער "כלהס צד" איז געווען באַשטאַנען פון זיבן נפשות (די מאַמע מיט אירע זעקס קינדער) און דעם רבס משפחה איז געווען באַשטאַנען פון צוועלף נפשות (דער רב מיט דער רביצן און צען קינדער), צו־זאַמען, הייסט עס, ניינצן נפשות. דער חתן איז געווען דער צוואַנציקסטער.

ס'האָט אונדז אָבער דענסטמאָל שטאַרק אויסגעפעלט דער איין און צוואַנ־ציקסטער — און דאָס איז געווען, פאַרשטייט זיך, דער טאַטע מיינער, ע"ה.

כ'האָב אָבער געהערט ריידנדיק, אַז דער פעטער מוניע, וואָס גייט חתונה האָבן מיט מיין שוועסטער, איז זייער ענלעך צו מיין טאַטן!

בין איך, פאַרשטייט זיך, באַלד אַוועקגעלאָפן צום רב אָנקוקן דעם חתן און דערזען, ווי ס'האָט אויסגעזען אַמאָל דער טאַטע מיינער.

דער פעטער מוניע האָט זיך שטאַרק דערפרייט מיט זיין יינגסטן פּלי־מעניק, וועלכער וועט אים אָט־אָט ווערן אויך נאָך אַ שוואָגערל.

האָט ער מיך באַלד אַרומגענומען און אַפילו אַ קוש געטאָן אין שטערן.

ער איז געווען דענסטמאָל דער פעטער מוניע, צווי מאָל העכער פון מיר.

מען זאָגט, אַז אַלע חתנים ווערן פאַר דער חתונה אַביסל העכער ווי זיי זיינען. ווייל זיי טראָגן דענסטמאָל הויכע קאַפּעליושן.

אויך מיין פעטער מוניע האָט געטראָגן אַ הויכן און האַרטן קאַפּעליוש, אָבער זיין בערדל איז געווען אונטערגעשאָרן.

ווי עס זעט אויס, איז שוין מיין פעטער געווען דענסטמאָל אַן אויפגעקלערטער, אַ היינטוועלטיקער. ער האָט אַפילו מיטגעבראַכט פון בערעזין אַ לשון־קודישדיקע צייטונג, וואָס האָט געהייסן "הצפירה", צי "המליץ".

אויך דער רב האָט געגעבן אַ קוק אַריין אין דער צייטונג, אָבער ער האָט באַלד געפּסקנט, אַז „ס'איז ניטאָ וואָס אָנצונעמען".

— יידן דאַרפֿן ניט קיין גאַזעטן, ס'איז אַלץ פֿאַראַן אין די הייליקע ספֿרים! — האָט דער רב אַ זאָג געטאָן צו מיין פֿעטער.

מיין פֿעטער מוניע האָט געהאַט פּרובירט זיך איינשטעלן פֿאַר זיינע לשון־קודישדיקע „גאַזעטן", אָבער איך בין געווען אויפֿן רבס צד, ווייל איך האָב דעם רב זייער ליב געהאַט.

האָב איך שוין געהאַט בדעה זיך אָפּצוטראָגן אַהיים און איבערגעבן מיין שוועסטער דעם ערשטן גרוס פֿון איר חתן, אָבער דער פֿעטער מוניע האָט מיך ווידער אַמאָל אָנגעהויבן צו גלעטן און אויסצופֿרעגן מיך אויף דער מאַמען, אויף דער שוועסטער און אויף די ברידער מיינע.

האָב איך אים געענטפֿערט, דעם פֿעטער, אַז אַלע זיינען, דאַנקען גאָט, געזונט און מען גרייט זיך צו דער חתונה.

— דערצייל בעסער דעם פֿעטער מוניען די מעשה מיט די פּיסטאָטשקעס — האָט צו מיר דער רב פּלוצלינג אַ זאָג געטאָן.

האָב איך זיך שטאַרק פֿאַרחידושט, ווי אַזוי דער רב ווייסט שוין פֿון דער מעשה נורא מיט די פּיסטאָטשקעס, אָבער אין אַ קליינעם שטעטל זיינען דאָך ניטאָ קיין סודות — האָב איך דערציילט דעם פֿעטער מוניען די גאַנצע געשיכטע מיט די פּיסטאָטשקעס, ווי אַזוי די מתים האָבן אָנגעהויבן צו שפּרינגען פֿון דער הייסער סקאָווערדע, ווי אמתע רשעים אין גיהנום, ניט פֿאַר אונדז געדאַכט!

האָט זיך דער פֿעטער מוניע שטאַרק פֿאַנאַנדערגעלאַכט פֿון דער מעשה. ער האָט דערציילט, אַז אויך אין בערעזין האָט מען אויף די פּיסטאָטשקעס אויסגעטראַכט די זעלבע געשיכטע און קיינער קויפֿט זיי ניט.

באַלד נאָכדעם האָט ער געעפֿנט איינעם פֿון זיינע גרויסע טשעמאָדאַנעס און ער האָט פֿון דאָרטן אַרויסגעשלעפּט אַ פּאָר זייער פֿיינע פּאַפּיר־זעקעלעך מיט אמתן קאַווע.

איינעם פֿון די זעקעלעך האָט ער געגעבן אַ שטעל אַוועק אויפֿן טיש פֿאַר דעם רבס הויזגעזינד און דעם צווייטן האָט ער מיר געגעבן פֿאַר דער מאַמען, ווי אַ מתּנה אויף שבועות.

— דעם דאָזיקן קאַווע טרינקט גראַף פּאָטאָצקי אַליין, ווען ער קומט קיין בערעזין אויף „פּאַלעוואַניע" (יאַגד) — האָט דער פֿעטער מוניע אַ זאָג געטאָן צום רב.

האָב איך זיך תּיכּף אָפּגעטראָגן אַהיים מיט דער גרויסער מתּנה אויף שבועות און פֿון דענסטמאָל אָן איז אין מיר אַריין דער קאַווע־דיבוק.

יעדן מאָל, ווען כ׳טרינק אַ טעפּעלע קאַווע (און דאָס פּאַסירט בײַ מיר בײַ א פּופּצן מאָל אַ טאָג...) — דוכט זיך מיר, אַז כ׳בין גראַף פּאָטאָצקי, וואָס לאָזט זיך אַוועק אויף „פּאָלעוואַניע” דורך די וועלדער און פֿעלדער פֿון זײַנע אייגענע מעמואַרן־מאַיאָנטקעס...

מיין שוועסטערס חתונה —

צוליב מיין שוועסטערס חתונה איז די גאַנצע שבועותדיקע וואָך גאַנץ דוקאַר געגאַנגען כּאַדראַם.

שוין ערב שבועות האָבן אָנגעהויבן אָנצוקומען חתונה־געסט פֿון די אַרומיקע שטעטלעך און דערפֿער, כאָטש די חתונה גופֿא האָט באַדאַרפֿט פֿאָרקומען ערשט שבת נאָך שבועות.

אָט איז אָנגעקומען מיט אַן אייגענעם פֿערד און וואָגן דער פֿעטער לייזער מיט דער מומע שרהן פֿון מאַטעראָווע.

די מומע שרה איז געווען אַ לייבלעכע שוועסטער פֿון מיין טאַטן, ע״ה, און במילא איז זי שוין אויך געווען אַ לייבלעכע שוועסטער פֿון דעם פֿעטער מוניען — דעם חתן־בחור.

די מומע שרה מיטן פֿעטער לייזער האָבן יאָרנלאַנג געלעבט אין דעם דאָרף מאַטעראָווע, וואָס איז צען וויאָרסט פֿון דוקאַר.

די מומע שרה איז געווען אַ קלוגע און אַ באַרעדעוודיקע. ווען מען פֿלעגט זי, למשל, פֿרעגן, וואָס עס הערט זיך אין מאַטעראָווע — פֿלעגט זי ענטפֿערן מיט אַ ביטול־שמייכעלע:

— וואָס קאָן זיך הערן אויפֿן דאָרף? מען לייגט זיך מיטן גוי און מען שטייט אויף מיטן גוי.

דער פֿעטער לייזער, פֿאַרקערט, איז געווען זייער אַ שעמעוודיקער און אַ שווייגער, ווי אַלע ישובניקעס. ער האָט אויסגעזען ווי אַ ידישער פּויער, כאָטש ער האָט געקענט לערנען און ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ שבת־דיקער קאַפּאָטע. אויף זיינע דאָרפֿישע שטיוול האָט ער אין מיטן זומער גע־טראָגן אַ פּאָר טיפֿע גלאַנציקע קאַלאָשן.

ווען מען פֿלעגט פֿרעגן דעם פֿעטער לייזערן צי וואָס אַן ערך ער דאַרף שבועות־צייט טראָגן אַזעלכע טיפֿע קאַלאָשן? פֿלעגט ער תמימותדיק ענט־פֿערן, אַז ווען מען פֿאָרט אויף אַ שמחה אין שטאָט אַריין (דוקאַר איז שוין געווען ביי אים אַ „שטאָט") דאַרף מען דאָך זיין אָנגעטאָן אַנדערש ווי אין דאָרף.

פֿלעגט טאָקע דער פֿעטער לייזער שטאַרק שוויצן אין דוקאַר, אָבער דאָך פֿלעגט ער באַקומען אין שול די בעסטע עליות פֿאַר וועלכער ער פֿלעגט אויך גאַנץ פֿיין באַצאָלן.

פֿאַרשטייט זיך, אַז דער פֿעטער לייזער מיט דער מומע שרהן זיינען ניט געקומען צו דער חתונה מיט ליידיקן. ס'איז געווען אַ פֿולער וואָגן מיט כּל־טוב. ביי אַ צענדליק לעבעדיקע הינער מיט הענער. ביי אַ שאָק פֿרישע אייער „פֿון אונטער דער הון", עטלעכע גוט־געפּרעסטע קעזעלעך און עטלעכע קרענץ מיט גרויסע ציבעלעס. אויך אַ זאַק מיט בולבעס און אַ זאַק מיט מערן האָבן ניט געפֿעלט אויפֿן וואָגן. אַ חוץ דעם האָט נאָך די מומע שרה געבראַכט דרשה־געשאַנק פֿאַר דעם יונגן פּאָרפֿאָלק: עטלעכע לייוונטענע טישטיכער מיט אויסגענייטע קווייטלעך און ביי אַ טוץ לייוונטנע האַנטיכער און נאָך אַנדערע זאַכן, וואָס מען קאָן קריגן אין דאָרף פֿאַר האַלב געלט.

אָט איז אָנגעפֿאָרן מיט אַ פּריצישע פֿערד און בריטשקע דער פֿעטער פֿייווע מיט דער מומע ריווטשען, וואָס האָבן געהאַלטן אין אַרענדע די מיל אין טאַקאַרניע, צען וויאָרסט פֿון דוקאָר.

די מומע ריווטשע איז געווען דער מאַמעס יינגסטע שוועסטער, וואָס האָט אויך געצויגן איר יחוס פֿון דעם של"ה הקדוש, און זי איז טאַקע פֿאַרבליבן אַ הורוויטש אַפֿילו נאָך דער חתונה, ווייל דעם פֿעטער פֿייוועלס פֿאַמיליע איז אויך געווען הורוויטש, אָבער ניט פֿון דעם של"הס צד.

אויך דער פֿעטער פֿייווע מיט דער מומע ריווטשען האָבן אָנגעבראַכט אַ פֿולע בריטשקע מיט מתּנות: אַ פּאָר זעקלעך „קרופּטשאַטקע"־מעל, אַ פּאָר זעקלעך פֿאַרשידענע מינים גרויפּן — האָבערנע, פּערלנע און גריקענע.

דעם פֿעטער פֿייווען מיט דער מומע ריווטשען האָב איך זייער האָלט געהאַט. ווייל מיט עטלעכע יאָר צוריק האָבן זיי געהאָלפֿן דער מאַמען שטעלן אַ מצבה אויף מיין טאַטנס קבר.

אין מיל ביי זיי האָט זיך געהאַט צעשפּאָלטן אַ מילשטיין אויף צוויי גלייכע העלפֿטן, האָט דער פֿעטער פֿייווע אָפּגעשענקט איין האַלבן מילשטיין פֿאַר אַ מצבה אויף מיין טאַטנס קבר. שטייט נאָך אפֿשר די מצבה ביז היינט אויף דעם דוקאָרער בית־עולם מיט אַן אויסגעביסענער זייט פֿון דער האַלבער לאָך וואָס איז פֿאַרבליבן פֿון דעם מילשטיין.

די דאָזיקע מילשטיין־מצבה פּאַסט זיך אַקוראַט פֿאַר מיין טאַטן, ווייל אויך דיין לעבן איז צעשפּאָלטן געוואָרן אין מיטן גאַנג (ער איז געשטאָרבן אויפֿן 38־טן יאָר פֿון זיין לעבן).

און אָט איז אָנגעפֿאָרן פֿון פּוכאָוו׳טש דער פֿעטער אריה מיט דער מומע יודאַשען.

די מומע יודאַשע איז געווען די מיטלסטע שוועסטער צווישן דער מאַמען מיט דער מומע ריווטשען.

איז די מומע יודאַשע מיטן פֿעטער אַנגעקומען קיין דוקאָר אויף אַ געדונגענער פֿור, ווי גרויסשטאָטישע מענטשן, ווייל פּוכאָוויטש איז דאָך אַ סך גרעסער פֿון דוקאָר.

אויך די מומע יודאַשע מיטן פֿעטער אריהן זענען ניט געקומען, חלילה, מיט ליידיקן. זיי האָבן געהאַט אין פּוכאָוויטש אַ שניט־קראָם און זיי האָבן אָנגעפּירט פֿאַרשיידענע מינים מאַנופֿאַקטור־זאַכן אויף ווייבערשע קליידער און אויף מענערשע קאָסטיומען. זיי האָבן ניט פֿאַרגעסן צו ברענגען אַ שטיקל געוואַנט אַפֿילו פֿאַר מיר — דעם מוזיניק, און אַזוי אַרום האָט מיר די מאַמע געקאָנט אויפֿנייען צו בר־מצוה אַ נייעם בגד (ביז דער בר־מצוה האָב איך געהאַט געטראָגן די בגדים און שיך פֿון מיין עלטערן ברודער ברוך, ווייל ער פֿלעגט פֿון זיי זייער גיך אַרויסוואַקסן).

די אַלע חתונה־געסט האָבן זיך געהאַט איינגעקוואַרטירט ביי די דוקאָרער קרובים און גוטע פֿריינט, ווייל ביי אונדז אין הויז איז שוין אַזוי אויך געווען גענוג ענג.

אָבער די חופּה־וועטשערע איז פֿאַרגעקומען ביי אונדז אין הויז, און כ׳בין מער ווי זיכער, אַז אין יענער חופּה־נאַכט האָט אליהו הנביא אַליין גרעסער געמאַכט אונדזער הויז אויף צוויי מאָל מער, כדי די אַלע פֿערציק־פֿופֿציק חתונה־געסט זאָלן זיך אין איר קאָנען פּאַטופּען.

פֿאַרשטייט זיך, אַז די מאַמע האָט געמוזט אויסבאָרגן פֿון דער אַלטער שול אַ פּאָר לאַנגע שול־טישן און עטלעכע זייער לאַנגע שול־בענק. אויך אַ פּאָר בליך־לאָמפּן האָט מען אויסגעבאָרגט פֿון דער אַלטער שול און ס׳איז געוואָרן פֿון זיי אַזוי ליכטיק אין הויז, אַז כ׳האָב ניט דערקענט אונדזער אייגענע היים.

אַ חוץ די נאָענטע קרובים און משפּחה־לייט פֿון ביידע צדדים, פֿון חתנס צד און פֿון כלהס צד, וואָס איז געווען, פֿאַרשטייט זיך, איין און דער־זעלבער צד, האָט נאָך די מאַמע פֿאַרבעטן צו דער חופּה־וועטשערע אויך נאָך אָשר דעם מלמד, וואָס איז געווען מיין טאַטנס בעסטער חבר, און זושע דעם שמש, וואָס אָהן אים פֿלעגט ניט קאָנען פֿאַרקומען אין דוקאָר קיין איין יידישע שמחה.

און וואונדער איבער וואונדער! עס איז אויך געקומען צו דער חופּה־וועטשערע מיין פֿעטער פֿייטל „דער מלאך״, וואָס קיינער האָט זיך ניט גע־האַט געריכט אויף אים, כאָטש ער איז געווען, אויב איר געדענקט, דער איינציקער לייבלעכער ברודער פֿון מיין מאַמען.

מען האָט פאַרשטייט זיך, דעם פעטער פייטל אָוועקגעזעצט סאַמע אויבן־אָן, לעבן דעם יונגן פאַרפאַלק און דעם רב, אָבער דער פעטער פייטל האָט די גאַנצע צייט געהאַלטן פרום צוגעמאַכט די אויגן, ווייל ער האָט ניט גע־קאָנט פאַרטראָגן דאָס העלע ליכט פון די בליץ־לאָמפּן.

אויך דעם פעטער פייטלס ווייב — די מומע חיה, איז געקומען, און זייער געראָטענע טאָכטער, פראַדע, איז געקומען, אָבער זייער צווייטע טאָכ־טער, מאַשע די משוגענע, האָט מען נעבעך איבערגעלאָזט אין דער היים.

מיך האָט שטאַרק פאַרדראָסן, וואָס מען האָט מאַשען ניט מיטגענומען צו מיין שוועסטערס חתונה. אמת, מאַשע איז טאַקע געווען אַ משוגענע, אָבער זי איז דאָך פאָרט געווען אונדזערע אַ שוועסטער־קינד! און איך האָב אויף איר שטאַרק רחמנות געהאַט.

כ'האָב געוואוסט, אַז מאַשע וועט אַ גאַנצע נאַכט שילטן די שוועס־טער מיינע, הלמאַי זי האָט חתונה בעת מ'יט איר, מאַשען, וויל קיינער ני'ט חתונה האָבן — האָב איך זייער מורא געהאַט פאַר אירע משוגענע קללות, ווייל טאָמער קאָן זיך נאָך, חלילה, עפּעס וואָס צוקלעפּן?

האָב איך געקוקט מיט גרויס צער אויף מיין איינציקער שוועסטער, וואָס וועט אין אַ פּאָר טעג אָרום פאַרלאָזן אונדזער הויז אויף אייביקע יאָרן.

זי איז געזעסן, די אָקאָרשט חתונה־געהאַטע שוועסטער מיינע, צווישן איר פעטער־מאַן און דעם רב. אירע גרויסע, ליכטיקע אויגן האָבן געשטראַלט אַנטקעגן דעם בליץ־לאָמפּ מיט אַלע פאַרבן פון אַ רעגנבויגן. ווי עס זעט אויס, האָט די שוועסטער מיינע געהאַט געוויינט ביים „באַזעצנס". אירע אויגן זיינען נאָך געווען פייכט, אָבער דאָס האָט צוגעגעבן איר פּנים נאָך מער חן און ערשט ביים שיין פון בליץ־לאָמפּ האָב איך דערזען, ווי שיין עס איז מיין שוועסטער, אַן עין הרע!

זי האָט אויך אויסגעזען אַ סך יינגער פון דעם פעטער מוניע, מיט וועמען זי האָט אָקאָרשט חתונה געהאַט, אָבער אויך דער פעטער מוניע האָט אין זיינע חתונה־בגדים מיטן האַרטן קאַפּעליוש אויסגעזען, ווי אַ סאַסנע לעבן אַ ווייַ־סער בעריאָזע (די שוועסטער האָט געטראָגן אַ ווייס חופּה־קלייד מיט אַ גרי־נער גירלאַנדע לכבוד שבועות).

איז מיר איינגעפאַלן דערנסטמאָל אָוועקצושענקען דעם יונגן פאַרפאַלק מיין חלק ירושה, וואָס איך האָב אין דער בערעזינער הויז, וואו דער פע־טער מיינער לעבט.

דאָס בערעזינער הויז איז געווען אַ ירושה־הויז פון מיין זיידן, ר' יואל, ע"ה, מיין טאַטנס טאַטע. איז אַ דריטל פון דעם הויז געקומען מיין טאַטן,

ע״ה, נאר אזוי ווי דער טאטע איז געשטארבן — איז דאך זיין ירושה־חלק אריבער צו אונדז, די פינף יינגלעך זיינע. אזוי ארום קומט מיר על פי ירושה פון דער בערעזינער הויז א פינפטל פון א דריטל!

האב איך שוין געהאט אויסגעחשבונט פון פריער, אז אויב דאס בערעזינער ירושה־הויז פארמאגט, פונקט ווי אונדזערע, ניינציק בערעווינעס (צו צוואנציק בערעווינעס אין א וואנט און נאך צען באלקעס אונטער דעם סופיט) — קומט שוין אויס אויף מיין אייגענעם חלק גאנצע זעקס בערווינעס! און וואו זיינען די קראקוועס אויפן דאך, די שינדלען, די ברעטער פון די אינעווייניקסטע ווענט, די טירן און פענצטער, די זאוויאסעס און קליאמקעס און דער פאדמור — ס׳איז דאך א גאנצער פארמעגן. אויב אפילו ס׳קומט מיר פון אים ניט מער, ווי א פינפטל פון א דריטל!

האב איך געפרעגט דער מאמען, צי זי וועט מסכים זיין, אז איך זאל מיין גאנצע בערעזינער ירושה אפשענקען דער שוועסטער און זאל דער פעטער מוניע ניט מיינען, אז ער נעמט מירלען אן א גראשן נדן!

איז דער מאמען, זעט אויס, געפעלן געווארן מיין איינפאל און זי האט עס איבערגעגעבן צו דער רביצן, וואס איז געווען מיינע אן עלטער־מומע. האט עס די רביצן באלד איבערגעגעבן צום רב — האט דער רב אין מיטן חתונה־טומל געגעבן פלוצלינג א פאטש אין טיש און אויסגעשריגן צום ווייבערשן טיש:

— שא, שטיל זאל זיין! דניאל גיט אין נדן דעם יונגן פארפאלק זיין חלק ירושה, וואס ער האט אין בערעזין. זאל אים דערפאר גאט בענטשן מיט געזונט און אריכת ימים!

—אמן! — האט דער גאנצער עולם תיכף מסכים געווען און נאך איידער כ׳האב געהאט באוויזן צו באהאלטן זיך הינטער דער מאמען — האט מיך אשר דער מלמד געגעבן א כאפ אן פאר א האנט און מיך צוגעפירט צו חתן־כלה — זיי זאלן מיך באדאנקען פאר דעם נדן, וואס איך גיב זיי.

דער פעטער מוניע איז געווען דער ערשטער, וואס האט מיך א קוש געטאן אין שטערן. באלד נאך אים האט מיך די שוועסטער מירל אנגעהויבן צו קושן און צו האלדזן, ווי זי וואלט זיך שוין מיט מיר געזעגנט אויף אייביקע יארן.

האט מיך שטארק פארקלעמט דאס הארץ, וואס די שוועסטער קושט מיך און וויינט, קושט מיך און וויינט... האט דער רב א וואונק געטאן דער מאמען — זי זאל מיך צונעמען פון דער שוועסטער, אבער אויף אונדז קוקנדיק האט אויך די מאמע אנגעהויבן צו וויינען.

אַ נס, וואָס אָשר דער מלמד, וועלכער האָט פֿיינט געהאַט עצבות, האָט פּלוצלינג איבערגעבראָכן די שטימונג מיט זיינעם אַ נייעם איינפֿאַל.

ער האָט, נעמלעך, אַנגעשמירט אַ ליסטע חלה מיט זענעפֿט, מיינענדיק, אַז ס'איז האָניק און ער האָט זיך באַלד פֿאַנאַנדערגעשריגן:

— אוי, ווי ביטער ס'איז דער האָניק!

האָט זושע דער שמש, וואָס איז שוין אויך געווען גוט שיכּורלעך, אונטערגעטראָגן אָשרן אַ זיסע גלאָז טיי צום פֿאַרטרינקען דעם זענעפֿט, אָבער ער האָט אויסגעמישט דאָס גלאָז טיי מיט אַן עק פֿון אַ הערינג.

האָט ר' אָשר שוין ווידעראַמאָל אָנגעהויבן צו שרייען:

— אוי, ווי געזאַלצן ס'איז דער צוקער! און ס'איז געוואָרן פֿריילעך אין שטוב.

אָבער צו מיין פֿעטער פֿייטל „דעם מלאך”, איז די דאָזיקע פֿריילעכקייט נאָך אַלץ ניט דערגאַנגען. ער איז געזעסן ווי אַ פֿאַרגליווערטער מיט צוגעמאַכטע אויגן און ניט אַרויסגערעדט קיין וואָרט.

ער וואָלט געווען גליקלעך, דער פֿעטער פֿייטל, ווען מען פֿירט אים שוין אַוועק צוריק אין זיין קליינעם, אָפּגעשלאָסענעם חדרל, וואו ער פּראַוועט יחידות שוין באַלד צוואַנציק יאָר.

אין דעם דאָזיקן חדרל, וואָס איז פֿול מיט פֿאַרלעגערטע ריחות, ווייל מען האָט אים שוין צוואַנציק יאָר ניט געהאַט דורכגעלופֿטערט, האָט דאָך דער פֿעטער פֿייטל געשריבן זיין „ספֿר הפּאַלזע”.

בין איך מער ווי זיכער, אַז דער פֿעטער פֿייטל האָט אויך מיין שוועסטערס חתונה באַשריבן אין זיין „ספֿר הפּאַלזע”, אָבער אַזוי ווי דער דאָזיקער „ספֿר”־מאַנוסקריפּט איז פֿאַרלאָרן געגאַנגען — האָב איך איבערגענומען זיין אַרבייט און כ'שרייב שוין צוואַנציק יאָר נאָכאַנאַנד מיין אייגענעם „ספֿר הפּאַלזע”, וואו דער האָניק איז אָפּטמאָל גענוג ביטער און דער צוקער איז אָפּטמאָל גענוג געזאַלצן...

נאָך דעם שוועסטערס חתונה זיינען מיר פֿאַרבליבן אין הויז זאַלבאַ־דריט: די מאַמע, איך און אַ הון.

דער הון האָט פשוט אָפּגעגליקט. זי האָט זיך אָנגעהויבן צו לייגן. אַ הון, וואָס לייגט זיך, קוילעט מען ניט.

די הון איז אָבער געווען אַ „נאָוואָטנע”, דאָס הייסט — אַ ישובניצע.

עס האָבן זי געבראַכט צו אונדז דער פֿעטער לייזער מיט דער מומע שרהן פֿון מאַטעראָווע, אַ דאָרף צען ווערסט פֿון דוקאָר.

אַ נאָוואָטנע הון טאָר מען ניט אַרויסלאָזן דרויסן. זי וועט זיך פֿאַר־בלאָנדזשען.

ווען די מאַמע פֿלעגט זי אינדערפֿרי אַרויסלאָזן פֿון „פּאָפּלעשט” (אַ גרויסע פֿינצטערע לאָך אונטער דעם אויוון) — פֿלעגט די הון זיך אָוועקלאָזן שפּאַצירן מיט זייער שטילע פֿאַרזיכטיקע טריטעלעך איבער אַלע דריי חדרים פֿון אונדזער הויז און דרייענדיק מיטן קאָפּ אויף רעכטס און אויף לינקס — פֿלעגט זי באַטראַכטן די נייע היים אירע.

זי האָט אָבער געהאַט, די הון, אַ מיאוסע טבע. זי פֿלעגט איבערלאָזן אין יעדן חדר קליינע קופּקעלעך, וואָס זעען אויס, ווי באַזילבערטע.

דאָס איז, מסתמא, דערפֿאַר, ווייל זי פֿלעגט ביי אונדז זייער אַ סך עסן.

אַ הון, לאָזט זיך אויס, קאָן עסן אָן אַן אויפֿהער, כאָטש זי האָט שוין אַ פֿולע וואָליע.

אָט, למשל, האָב איך פֿאַר איר אויסגעשאָטן אַ פֿולן הויפֿן מיט גערשטן. האָט זי אויסגעפּיקט דעם גאַנצן גערשטן, זיך אָנגעשטאָפּט אַ פֿולע וואָליע און ס׳וואָלט געווען, דוכט זיך מיר, גענוג פֿאַר איר אויף אַ גאַנצן טאָג, אָבער ווי נאָר כ׳פֿלעג איר געבן אַ שאָט אַ הויפֿן קאָנאָפּלעס פֿלעגט זי זיך אַרויפֿוואַרפֿן אויף דעם נייעם מאכל, ווי זי וואָלט נעבעך געווען טויט הונ־געריק.

ווען זי האָט געהאַט אויסגעפּיקט דעם גאַנצן קאָנאָפּלעס — איז איר וואָליע שוין געווען אָנגעשטאָפּט, ווי אַ זעקל מיט תבואה, אָבער ווי נאָר כ׳פֿלעג איר געבן אַ שאָט אַ הויפֿן צעבּרעקלטן ברויט — פֿלעגט זי זיך שוין ווידער אַ וואַרף טאָן אויף דעם נייעם מאכל, ווי זי וואָלט שוין אַ פּאָר טעג ניט געהאַט, נעבעך, גאָרניט אין מויל.

נאָך די דאָזיקע דריי גרויסע געריכטן פֿלעגט די זוליל־וסובבניצע אויפֿ־זוכן דאָס טעפּעלע וואַסער און פֿאַרטרינקען איר גרויסן פֿרישטיק.

האָט איר שוין געזען אַמאָל ווי אַ הון טרינקט?

ס'איז זייער קאָמיש זיך צוצוקוקן, ווי זי נעמט אָן אַ פֿולן שנאָבל מיט וואַסער, פֿאַררייסט דעם קאָפּ אין דער הויך און לאָזט אַרונטער דעם וואַסער אין גאָרגל אַריין. דערביי מאַכט זי צו אירע אויגן מיט אירע ווייסע אויגן־דעקלעך, ווי זי וואָלט געדאַנקט גאָט, וואָס זי האָט אין איר נייער היים גע־נוג צום עסן און צום טרינקען.

אַזוי פֿלעגט אויך מאַכן די שוועסטער מיינע, ווען זי פֿלעגט דאַרפֿן אַרונטערשלינגען די זייער גרויסע ווייסע אַפּלאַטקעס, וואָס זי פֿלעגט נע־מען קעגן קאַפּוויטיק. אויך מיין שוועסטער פֿלעגט פֿאַרוואַרפֿן דעם קאָפּ אויף הינטן און זופּן פֿון גלאָז דעם וואַסער ביז די קיילעכדיקע אַפּלאַטקעס מיט זייערע שאַרפֿע קאַנטן פֿלעגן זיך אַרונטערגליטשן אין מאָגן אַריין.

ווען דער רופֿא האָט געהאַט איינמאָל געזאָגט צו מיין שוועסטער, אַז זי האָט קאַפּוויטיק נאָר דערפֿאַר, ווייל זי איז נאָך אַ מיידל, אָבער באַלד נאָך דער חתונה וועט זי איינס און צוויי פּטור ווערן פֿון איר קאַפּוויטיק!

צוליב דעם, אפֿשר, האָט זיך מיין שוועסטער געאײַלט חתונה צו האָבן וואָס גיכער מיטן פֿעטער מוניע פֿון בערעזין.

איז יעדעס מאָל, ווען אונדזער נאַוואַטנע הון פֿלעגט אויף איר טשי־קאַווען אופֿן פֿאַרטרינקען דעם עסן — פֿלעג איך זיך מוזן דערמאָנען אין מיין חתונה־געהאַטער שוועסטער, וואָס איז אין בערעזין אויך נאָך אַ „נאַ־וואַטנע".

איך פֿלעג זיך פֿאַרשטעלן, אַז אויך די שוועסטער מיינע גייט אַרום שטיל און פֿאַוואָליע איבער די חדרים פֿון דעם פֿעטער מוניעס הויז און זי באַקענט זיך מיט איר נייער היים.

אויך די שוועסטער מיינע איז אַ גאַנצן טאָג איינינקע אַליין אין הויז, ווייל דער פֿעטער מוניע — איר מאַן — מוז שוין פֿון גאַנץ פֿרי ביז נאָך מעריב שטיין אין קראָם און פֿאַרדינען אויף דער חיונה.

דער שוועסטערס ערשטער בריוו פֿון בערעזין איז געווען זייער אַ טרויעריקער.

ערשטנס, האָט זי אונדז אָנגעזאָגט די שלעכטע בשורה, אַז בעת דער פֿעטער מוניע איז צוליב דער חתונה געווען אין דוקאָר — האָבן בערעזינער גנבים אויסגעליידיקט די גאַנצע קראָם זיינע.

האָט דער פֿעטער מוניע געמוזט לייגן אויף פּראָצענט אַ גאַנצן הונ־דערטער און איינקויפֿן זיך נייע סחורה.

צווייטנס, האָט אונדז געשריבן די שוועסטער, איז זי נאָך ניט פּטור געוואָרן פֿון דעם דוקאַרער קאַפּוויטיק און ס׳גייט איר אויס דאָס האַרץ פֿאַר בענקשאַפֿט נאָך מיר מיט דער מאַמען.

האָט זי שוין אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן, אַז די מאַמע זאָל זיך גאָר אינ־גאַנצן אַריבערפּעקלען מיט מיר פֿון דוקאָר קיין בערעזין, וואו מיר וועלן ווידער זיין אַלע אינאיינעם.

די מאַמע וועט קאָנען אויך אין בערעזין עפֿענען איר רימען־קראָם, ווייל קיין סך לעדער־געשעפֿטן זיינען אין בערעזין ניטאָ און מיך וועט מען סוף־כל־סוף קאָנען אָנהייבן ריכטיק היילן ביי די אמתע דאָקטוירים, ווייל אין בערעזין זיינען פֿאַראַן צוויי גוטע דאָקטוירים און אַ גרויסע אַפּטייק מיט אַלערליי רפֿאות און שמירעכצן.

מיר איז דער דאָזיקער פּלאַן זייער שטאַרק געפֿעלן געוואָרן.

ערשטנס, האָב איך טאָקע שטילערהייט געבענקט נאָך מיין שוועסטער, וואָס איז געווען צו מיר שטענדיק זייער גוט.

צווייטנס האָב איך שוין געוואָלט זען די שטאָט וואו מיין טאַטע איז געבוירן געוואָרן, און לעבן אין דעם זעלביקן ירושה־הויז וואו דער טאַטע מיינער האָט אַמאָל געלעבט ביז ער האָט חתונה געהאַט אין דוקאָר מיט מיין מאַמען.

דריטנס, האָב איך טאָקע געוואָלט, אַז מען זאָל מיך שוין אָנהייבן היילן ביי אַ ריכטיקן דאָקטאָר, ווייל די באַבסקע סגולות פֿון די ציגיינערקעס און טאַטערן פֿלעגן נאָך מער צערייצן מיינע וואונדן.

אויך אַפֿילו די חדר־ייִנגלעך האָבן זיך איינמאָל אַ נעם געטאָן פֿאַר מיין קראַנקער האַנט און זיי האָבן מיט עפּעס אַ געדיכטן סאַזשע־טינט אָנ־געשריבן אויף די קראַנקע פֿלעצער דעם זעלביקן פּסוק, וואָס מען שרייבט אָן אויף די שיר המעלותן: „מכשפֿה לא תחיה, לא תחיה מכשפֿה, מכשפֿה תחיה לא״, ס׳איז אַ סגולה קעגן די רוחות, זיי זאָלן מער ניט האָבן איבער מיר קיין שום שליטה... האָט זיך אָבער דער כּישוף־טינט געהאַט דענסטמאָל איינגעביסן אין מיין פֿארסקראָפֿעלטער האַנט און ס׳האָט אויפֿגעריסן ווי פּאָקן. האָב איך זייער שטאַרק געליטן, אָבער איצטער זע איך, אַז ס׳איז געווען כּדאַי, ווייל יענער אַנטי־מכשפֿה־שפּרוך האָט טאָקע אָפּגעטריבן פֿון מיר אַלע שדים און רוחות. והאַ ראיה, איך לעב נאָך, ווי איר זעט, ביז צום היינטיקן טאָג.

מיך האָט נאָר פֿאַרדראָסן, וואָס אין דוקאָר האָט מיך קיינער ניט גענומען ערנסט. אַלע האָבן געקוקט אויף מיר, ווי אויף עפּעס אַ בייז וואונ־דער, וואָס קען יעדע רגע פֿאַרשווינדן. אַפֿילו מיינע מלמדים פֿלעגן מיט מיר לערנען, ווי אויף צו כּלומרשט, ווייל קיינער פֿון זיי האָט ניט געהאַט גע־גלייבט, אַז כ׳וועל דערציִען כאָטש ביז צו בר־מצווה.

כ׳האָב גראָד געהאַט גרויס חשק צום לערנען. כ׳האָב שוין געהאַט דעמאָלט־מאָל געלערנט די מסכת „ביצה" און כ׳האָב ליב געהאַט צו פֿאַרטיפֿן זיך אין די גרויסע מחלוקותן צווישן „בית שמאי" און „בית הלל" ווייל הלל הזקן איז געווען בטבע אַ מקיל, בעת שמאי איז געווען אַ מחמיר. ווען בית הלל פֿלעגט פּסקענען, אַז מען מעג, פֿלעגט קומען „בית שמאי" און זאָגן, אַז מען טאָר ניט. מער ניט אין איין פֿאַל בין איך געווען אויף „בית שמאיס" צד און נעמלעך, ווען ס׳האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַן איי, וואָס איז געבוירן געוואָרן אום יום־טוב. ס׳איז געווען פֿאַר מיר אַ פּערזענלעכע פֿראַגע, ווייל אונדזער נאַוואָטנע הון האָט געהאַט אַ טבע צו לייגן זיך אַפֿילו אום יום־טוב. אַזוי ווי מיין געזונט האָט געפֿאָדערט, אַז איך זאָל עסן אייער „פֿון אונטער דער הון" — האָט זיך מיר שטאַרק געגלוסט אויסצוטרינקען די איי נאָך איידער זי ווערט אָפּגעקילט. קומט אָבער "בית הלל" און פּסקנט, אַז „ביצה שנולדה ביום־טוב לא תאכל", ד. ה. אַז אַן איי, וואָס ווערט געבוירן אום יום־טוב טאָר מען ניט עסן, בעת „בית שמאי", וואָס איז געווען בטבע אַ מחמיר, האָט גראָד אין דעם געגעבענעם פֿאַל געפּסקנט, אַז „תאכל", אַז מען מעג יע עסן אַן איי, וואָס איז געבוירן געוואָרן אום יום־טוב.

ווען די מאַמע האָט דערזען, אַז איך שטיי צו איר צו וועגן אַריבער־פֿאָרן קיין בערעזין — איז זי אַוועק צום רב זיך מישב זיין.

הרב משה טשאַרני ז״ל, איז דאָך געווען דער מאַמעס אַ פֿעטער — פֿלעגט זי אים טאַקע רופֿן „פֿעטער" און ס׳האָט אויסגעזעען אין מיינע אויגן זייער מאָדנע, וואָס מען רופֿט אַ רב „פֿעטער".

ווען דער רב האָט אויסגעהערט מיין שוועסטערס פּלאַן וועגן אַריבער־פֿאָרן קיין בערעזין און אויך נאָך מיינע אייגענע טענות צו דער מאַמען, אַז מען דאַרף פֿאָלגן דער שוועסטער — האָט דער רב געזאָגט דעסטמאָל צו דער מאַמען אַזוי צו זאָגן:

— הער נאָר, ברכה, אויב שוין יע אויפֿגעבן דוקאָר — דאַרפֿסטו עס טאָן, לויט מיין מיינונג, אויף גאָר אַן אַנדער מין אופֿן. האָסט זיך גענוג אָנגע־פּאַקוטעוועט ביז דו האָסט אַוועקגעשטעלט דיינע קינדער אויף זייערע איי־גענע פֿיס. אויך פֿאַר דניאלן וועט זיין אַ סך געזינטער, ווען דו וועסט האָבן

מער צייט זיך אָפּצוגעבן מיט אים. פֿאַרשטייסט דאָך שוין, וואָס איך מיין! דאַרפֿסטו זיך וועגן דעם גוט מישב זיין און ניט יאָגן זיך הענדום־פּענדום קיין בערעזין, כ׳זע דאַרטן ניט פֿאַר דיר קיין שום תּכלית...

וועגן וועלכן מין „תּכלית״ דער רב האָט גערעדט צו דער מאַמען האָב איך נאָך דענסטמאָל לחלוטין גאָרניט פֿאַרשטאַנען. כ׳האָב אָבער פֿון דער מאַמעס פּיכט־געוואָרענע אויגן זיך אָנגעשטויסן, אַז סע רעדט זיך דאָ וועגן עפּעס אַ גאָר נייעם מין תּכלית פֿאַר דער מאַמען און פֿאַר מיר.

ווען כ׳האָב שפּעטער אַ פֿרעג געטאָן דער מאַמען וועגן דעם נייעם „תּכלית״, וואָס דער רב האָט גערעדט צו איר, — האָט זיך די מאַמע גע־מאַכט ניט הערנדיק און זי האָט מיר גאָרניט געענטפֿערט.

ביינאַכט אָבער האָט מיך די מאַמע גענומען צו זיך אין בעט אַריין, כאָטש די נאַכט איז שוין געווען אַ גאַנץ הייסע (געוויינטלעך פֿלעג איך שלאָפֿן מיט דער מאַמען נאָר ווינטער־צייט, ווען ס׳פֿלעגט זיין קאַלט אין הויז).

האָט מיך די מאַמע אַרומגענומען מיט אירע ביידע סאַמעטענע הענט, ווי זי וואָלט זיך געשראָקן, אַז אימיצער קאָן נאָך, חלילה, אַרויסכאַפּן ביי איר די טייערע מציאה...

בין איך גאַנץ געשמאַק איינגעשלאָפֿן אין דער מאַמעס אָרעמס, אָבער פֿאַר גרויס היץ האָט זיך ביי מיר באַוויזן בלוט פֿון נאָז.

כ׳האָב זיך דערוואוסט פֿון דעם ערשט אינדערפֿרי, ווען כ׳האָב געהאַט דערזען דאָס רויט־געוואָרענע בעטגעוואַנט.

גראָד דעמאָלט איז מיר געווען אויסגעגאַנגען די געלע „אייזן־וואַטע״, וואָס דער קיעווער פּראָפֿעסאָר האָט מיר געהאַט פֿאַרשריבן אויף אָפּצו־שטעלן דאָס בלוט פֿון נאָז.

האָב איך געזאָגט צו דער מאַמען:

זעסטו, ווען מיר לעבן איצטער אין בערעזין, וואָלט איך דאָרטן איינס־און־צוויי געקאָנט קויפֿן אין אַפּטייק אַ ניי פּעקל וואַטע.

איז די מאַמע באַלד אַוועק צו לייזער דעם קאָמיסיאָנער, וואָס פֿלעגט פֿאָרן יעדע וואָך קיין מינסק מיט באַשטעלונגען פֿון די דוקאָרער קרעמערס, און זי האָט אים אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל, למען השם, ניט פֿאַרגעסן קויפֿן פֿאַר מיר אין אַפּטייק אַ פּעקל „אייזן־וואַטע״.

אגב, האָט שוין די מאַמע איבערגעשיקט דורך לייזערן אַ קליין שפּיל־פּעקל פֿאַר מיינע צוויי עלטערע ברידער, פֿאַר שמואלן און ברוכן, וואָס איי־נער פֿון זיי האָט געלערנט אין דער מינסקער גרזעלן־שול און דער צווייטער — אין דער טאַטערשער שול.

אין דעם פּעקל זיינען געווען אייער־קיכלעך און גאָמעלקעס.

די גאָמעלקעס זיינען געווען פּונקט אַזוי געל ווי די אייער־קעכלעך, ווייל די מאַמע פלעגט פאַרקנעטן דעם קעז מיט אַ געלכל.

מיטן ווייסל פּלעגט די מאַמע באַשמירן די שבתדיקע חלות, וואָס פלעגן אַרויסקומען פון אויוון מיט אַזאַ פיינעם גלאַנץ, כאָטש נעם און צעקוש זיך מיט זיי!

איצטער פאַרשטייט איר שוין פאַרוואָס איך פלעג אַזוי גוט האָדעווען אונדזער נאַוואָטנע הון?

זי פּלעגט זיך לייגן כמעט יעדן צווייטן טאָג, און די דריי אייער אַ וואָך פלעגן שוין קלעקן פאַר אַלץ און פאַר אַלעמען...

שידוכים — י

זינט מיין שוועסטער מירל האָט זיך נאָך דער חתונה אַריבערגעפּעקלט פֿון דוקאַר קיין בערעזין — בין איך געוואָרן דער הויפּט־באַלעבאָס אין אונדזער הויז.

איך פֿלעג העלפֿן דער מאַמען פֿאַרבעטן די בעטן, אויסקערן יעדן טאָג די שטוב, באַגיסנדיק פֿריער די פּאָדלאָגעס — עס זאָל זיך ניט אויפֿהייבן קיין צו־גרויסער שטויב; איך פֿלעג געבן עסן דער הון, און ווי נאָר זי פֿלעגט אָנהייבן צו קוואָקטשען — פֿלעג איך זי אַוועקזעצן אויפֿן בעט און זי איי־בערדעקן מיט אַ רעשעטע ביז זי וועט זיך לייגן.

כ׳פֿלעג אויך העלפֿן דער מאַמען אין דער קיך־אַרבייט: איבערקלייבן דעם ווערעמדיקן אַרבעס און זוכן מילבן אין די „יש׳נע" (פֿאַראַיאַריקע) פּערל־גרויפּן. אויך אַפֿילו אין גאָרטן פֿלעג איך איר העלפֿן אויסיעטען דעם ווילד־גראָז פֿון די בייטן, אָנשטעקן לעבן די בעבלעך הויכע שטעקעלעך, כדי די גרינע און זייער לאַנגע שפּראָצונגען פֿון די בעבלעך זאָלן האָבן אַרום וואָס צו דרייען זיך דעם גאַנצן זומער.

פֿאַר מיין פֿלייסיקער גאָרטן־אַרבעט האָט מיר די מאַמע געשענקט אַ קליין בייטעלע ערד פֿאַר מיין אייגענעם געבעוויך. דאָס בייטעלע האָט אויס־געזען קליין און שמאָל, ווי אַ קבֿרל פֿון אַ קינד, אָבער דערפֿאַר האָב איך אין אים פֿאַרפֿלאַנצט אַזעלכע פֿיינע געוויקסן, וואָס האָבן פֿאַרשטעלט מיט זיך אַלע אַנדערע געוויקסן פֿון אונדזער גאָרטן. דאָס זיינען געווען „קאָר־וויאַטן", אָדער „פּאָדסאָלנעטשניקעס", ווי מען פֿלעגט זיי ביי אונדז רופֿן. די דאָזיקע קאָוויאַטן וואַקסן אויס הויך און שטאַרק, ווי ביימער, און אויף יעדן שפּיץ בוים ליגט אַ פֿולער קיילעכדיקער טעלער מיט סעמעטשקעס.

צווישן די סעמעטשקעס האָב איך פֿאַרפֿלאַנצט טערקישן ווייץ, אָדער קוקורוזע־שטעקעלעך. ווען די בערדלעך פֿלעגן שוין ווערן גאָר אין גאַנצן טונקל־ברוין — איז עס געווען אַ סימן, אַז דער טערקישער ווייץ איז שוין פֿאַרטיק (מ׳האָט געזאָגט, אַז דער טערקישער סולטאַן טראָגט אויך אַזאַ מיר בערדל, ווייל ארץ־ישראל האָט דעמאָלט געהערט צו טערקיי).

צווישן דעם טערקישן ווייץ מיט די סעמעטשקעס האָב איך נאָך אויך פֿאַרפֿלאַנצט מאָן־בלומען, וואָס פֿלעגן אויך אויסוואַקסן זייער הויך און איידל, מיט פֿולע קעפּלעך מאָן. די מאָן־בלומען פֿלעגן אויסזען ווי פֿיין־קאַלירטע

שמעטערלינגען, אָבער זיי פֿלעגן זיך לאַנג ניט האַלטן.

בין איך געווען שטאָלץ אויף מיין אייגענער בייט, און אַלע חדר־יינגלעך פֿלעגן מיך מקנא זיין.

צוליב דעם, וואָס איך פֿלעג זומערצייט זיין שטאַרק פֿאַרנומען מיט מיי־נע פֿאַרשידענע מינים אַרבייטן אין הויז, אין קיך און אין גאָרטן, פֿלעגט מיר פֿאַרבלייבן ווייניק צייט אויף צום לערנען. מיינע מלמדים פֿלעגן אָבער טרייסטן דער מאַמען, אַז איך האָב אַ גוט קעפּל און כ'וועל צום סוף זמן אַלעמען אָניאָגן.

מיט דער מסכתא „ביצה" בין איך שוין געווען פֿאַרטיק. כ'האָב געקענט כמעט אויף אויסווייניק אַלע אירע פֿינף פּרקים. נאָך דער מסכתא ביצה פֿלעגט מען געוויינלעך, אָנהייבן לערנען אין חדר די דריי „בבא'ס (באָוועס): „בבא קמא", „בבא מציעא" און „בבא בתרא", וואָס אויף מאַמע־לשון הייסן זיי: דער ערשטער טויער, דער מיטלסטער טוער און דער לעצטער טויער. אין די דאָזיקע דריי „טויערן", האָבן מיר די חברים דערציילט, האַלט מען שטענדיק אין איין דינגען זיך וועגן פֿאַרשיידענע מינים געלט־סכסוכים, און דאָס האָט מיך ניט אינטערעסירט.

מיך האָט שוין גאָר געצויגן דעמאָלט צו דער מסכתא „קידושין". די יינגלעך האָבן מיר געזאָגט, אַז עס איז אַ זייער פֿריילעכע גמרא. אַפֿילו אָשר דער מלמד אַליין ווערט שטאַרק צעטומלט, ווען די יינגלעך הייבן אים אָן צו שטעלן האַרבע קשיות וועגן מאַן און ווייב. די רביצן, דאָס הייסט, אָשר דעם מלמדס ווייב, שרייט אויף אים, הלמאַי ער קנעלט מיט יינגלעך, וואָס זיינען נאָך ניט געוואָרן קיין בר־מצווה, אַזעלכע ווייבערשע זאַכן.

מיך אָבער האָט שוין געצויגן צו דער מסכתא „קידושין" צוליב אַ סך פּערזענלעכע טעמים.

ערשטנס, האָב איך געוואוסט. אַז אָשר דער מלמד האָט שוין אַ שידוך פֿאַר מיין ברודער שמואלן, אָדער „מוליען", ווי מיר פֿלעגן אים רופֿן צווישן זיך.

מוליע איז דעמאָלט אַלט געווען אַ יאָר פֿופֿצן, צי זעכצן. ער האָט שוין געהאַט דעמאָלט געלערנט אין דער מינסקער „געזעלן שול", וואו מען פֿלעגט אים רופֿן „דער דוקאָרער עילוי". האָט דער גבאי ראשון פֿון דער געזעלן־שול, זייער אַ רייכער ייד מיטן נאָמען פּאָמעראַנץ, געוואָרפֿן אַן אויג אויף מיין ברודער. ער האָט אים געוואָלט האָבן פֿאַר אַן איידעם. האָט פּאָמעראַנץ אָנגעבאָטן מיין ברודער צו עסן ביי אים די צוויי וויכטיקסטע טעג פֿון דער וואָך — פֿרייטיק און שבת. מיין ברודער האָט גערן אָנגענומען די דאָזיקע איינ־

לאַדונג, ווייל ער האָט לחלוטין גאָרניט געוואוסט פֿון דעם גבירס באַהאַלטע־נער כוונה. די „כלה" איז נאָך דעמאָלט געווען אַ סך יינגער פֿון מיין ברו־דער. האָט פּאַמעראַנץ אַנגעשריבן אַ בריוו צו אָשר דעם מלמד, אַז ער זאָל זיך דורכרעדן מיט דער מאַמען וועגן דעם דאָזיקן שידוך.

איז צווישן דער מאַמען מיט ר׳ אָשרן פֿאָרגעקומען, געדענק איך, אַזאַ מין שמועס:

— הער נאָר, ברכה, — האָט ר׳ אָשר אַ זאָג געטאָן צו דער מאַמען, — איך וויל דיר עפּעס דערציילן, אָבער דו זאָלסט אויף מיר קיין פֿאַראיבל ניט האָבן.

אויף אייך פֿאַראיבל האָבן? וואָס רעדט איר, ר׳ אָשר? גאָט איז מיט אייך! — האָט אים די מאַמע באַרואיקט.

— איז אָט וואָס... האָט ר׳ אָשר אָנגעהויבן מיושבדיק צו רעדן, דרייענ־דיק זיין פּאַפּיראָס צווישן די געל־געוואָרענע פֿינגער, — איך מיין, אַז מען דאַרף שוין טראַכטן וועגן אַ תּכלית פֿאַר די יינגלעך... די בת־יחידה דיינע האָסטו שוין, דאַנקען גאָט, אויסגעגעבן: דיינע עלטערע צוויי בחורימלעך, מענדל און זאַלקע, זענען שוין אַליין געוואָרן שטיקלעך פֿאַרדינערס, אָבער דער מיטלסטער בחורל דיינער, כ׳מיין שמואל... ס׳איז, זאָג איך דיר, אַן אמתע שמאַלץ־גרוב... זאָג איך דיר... האַ, ווי מיינסטו, ברכה?

ווען די מאַמע האָט דערזען, אַז ר׳ אָשר פּלאָנטערט זיך אין די רייד און ער רינגלט זיך אַרום מיט וואָלקנס רויך פֿון זיין פּאַפּיראָס, ווי ער וואָלט זיך וועלן פֿון איר באַהאַלטן, — האָט זי צו אים אַזוי געזאָגט:

— הערט נאָר, ר׳ אָשר, איר ווייסט דאָך, אַז איך בין אַ יידינע און איך פֿאַרשטיי ניט קיין סתרי־תּורה, רעדט מיט מיר פּשוטע דיבורים.

האָט שוין דעמאָלט ר׳ אָשר אויסגעהוסט פֿון מויל דעם גאַנצן רויך און דערציילט דער מאַמען די גאַנצע געשיכטע וועגן דעם גביר־אדיר פּאַמעראַנץ, וועלכער וויל איבערנעמען צו זיך מיין ברודער מוליען אויף אייביקע קעסט. אַבי נאָר ער זאָל שפּעטער חתונה האָבן מיט זיין טאָכטער, וואָס איז, זאָגט מען, אַ יפֿת־תּואר, און זי שפּילט שוין אַפֿילו פֿאָרטעפּיאַנע אויך...

— אַז כ׳זאָג דיר, ברכה, עס איז אַ שמאַלץ־גרוב! ס׳וועט זיין גוט סיי פֿאַר שמואלן און סיי פֿאַר דיר!... — האָט ר׳ אָשר אָנגעהויבן רעדן, לויט זיין טבע, צו די אייגענע פֿינגער, ווי ער וואָלט שוין געהאַט אַריינגעכאַפּט דעם ערשטן „לחיים" אויפֿן חשבון פֿון דער צוקונפֿטיקער חתונה.

האָט זיך די מאַמע שטאַרק פֿאַרטראַכט. זי האָט געזוכט פֿאַר ר׳ אָשרן אַזאַ מין ענטפֿער, וועלכער זאָל אים, חלילה, ניט באַליידיקן, און אַ ווײַלע אַרום האָט זי צו אָשרן אַזוי געזאָגט:

— איר קענט דאָך, ר׳ אָשר, דאָס ווערטל, אַז ס׳איז בעסער פֿון גאָט אַ ביטערן בלאָט, איידער פֿון מענטשן — אַ זיסן...

באַלד נאָכדעם האָט די מאַמע צוגעגעבן:

— כ׳מיין, ר׳ אָשר, אַז ניט איך קאָן אָנווײַזן מײַנע קינדער זייערע ווייטערדיקע דרכים. גאָט האָט זיי געפֿירט ביז איצט, וועט ער זיי שוין, אם ירצה השם, ווייטער פֿירן.

דערבײַ האָט מיך די מאַמע צוגעטוליעט צו זיך, ווי זי וואָלט וועלן דורך דעם זאָגן, אַז אויב זי האָט נאָך וועגן וועמען צו זאָרגן זיך, איז עס וועגן מיר, דעם מיזיניק אירן...

ערשט דעמאָלט האָב איך פֿאַרשטאַנען, אַז איינער אַ רײַכער ייִד פֿון מינסק וויל אָפּקויפֿן בײַ דער מאַמען מײַן ברודער מוליען, און עס איז מיך באַפֿאַלן פּלוצלינג אַ גרויסער צער פֿאַר אָט־דעם ברודער מײַנעם, וועלכן כ׳האָב נאָך ביז היינט זייער ליב.

שוין צוליב דעם אַליין האָב איך געוואָלט וואָס גיכער אָנהייבן צו לערנען די מסכתא „קידושין“. איך האָב געוואָלט וויסן, צי קאָן אַ טאַטע חתונה מאַכן אַ טאָכטער, ווען זי איז נאָך, ווי די חכמים זאָגן אַ „קטנה“, אָדער אַ „נערה“, דאָס הייסט, נאָך ניט קיין פֿאַלנער מענטש.

כ׳האָב נאָך אָבער געהאַט אַ פֿיל גרעסערע סיבה, וועלכע האָט מיך שטאַרק אַ ציִ געטאָן צו דער גמרא „קידושין“.

כ׳האָב זיך געוואָלט דערוויסן, צי אַן אלמנה, וואָס גייט חתונה האָבן צום צווייטן מאָל, דאַרף פֿריער אַרויסנעמען אויף דעם אַ היתר בײַ אירע קינדער, אָדער זי קאָן חתונה האָבן צום צווייטן מאָל ניט אָנפֿרעגנדיק די קינדער אירע?

די דאָזיקע פֿראַגע האָט מיך דעמאָלט געהאַט שטאַרק געפּייניקט, ווײַל מאַשע די משוגענע האָט מיר איינמאָל אויסגעפּלוידערט דעם סוד, אַז דער מאַמען מײַנער רעדט מען שוין אַ שידוך!

צוערשט האָב איך זיך געטרייסט דערמיט, אַז מאַלע וואָס אַ משוגענע פּלוידערט! אָבער ווען מאַשע האָט מיר דערציילט אַלע פּרטים וועגן דעם שידוך, האָב איך שוין אָנגעהויבן צו גלייבן.

זי האָט מיר, נעמלעך, דערציילט, מאַשע, אַז דער פֿעטער פֿייוועֿ פֿון טאָקאַרניע, וועלכער האָט געהאַט אָוועקגעשענקט דער מאַמען אַ האַלבן

מילשטיין אויף צו שטעלן דעם טאַטן אַ מצבה, האָט שוין געזעדט מיטן רב, אַז ער האָט פאַר מיין מאַמען אַ זייער פיינעם יידן, וואָס האַנדלט מיט וואַלד, ער איז אַן אַלמן און ער זוכט אַ ווייב.

דעמאָלט ערשט האָב איך דערזען, אַז מאַשע די משוגענע רעדט דאָך צו דער זאַך!

כ'האָב זיך דערמאַנט, ווי דער רב האָט (אין דעם פריערדיקן קאַפּיטל) שוין אָנגעוואונקען דער מאַמען מיינער, אַז איצט, נאָך מיין שוועסטערס חתונה, איז שוין טאַקע צייט, אַז די מאַמע זאָל אַ טראַכט טאָן וועגן אַ תכלית פאַר זיך גופא...

דעמאָלט, ווען דער רב האָט עס געהאַט געזאָגט צו דער מאַמען פאַר־שטעלטערהייט, האָב איך נאָך לחלוטין ניט געקאָנט פאַרשטיין, וועלכן נייעם „תכלית" די מאַמע קאָן פאַר זיך צוטראַכטן.

איצט אָבער איז מיר שוין געוואָרן קלאָר, פאַרוואָס די מאַמע נעמט מיך יעדע נאַכט צו זיך אין בעט אַריין און זי טרייסלט זיך איבער מיר, ווי זי וואָלט מורא געהאַט, אַז עמיצער קאָן מיך נאָך, חלילה, אַוועקנעמען פון איר.

ווען כ'האָב אָנגעהויבן צושטיין צו מאַשען, זי זאָל מיר דערציילן, פון וואַנען זי ווייסט דעם דאָזיקן סוד, האָבן זיך ביי מאַשען פלוצלונג אי־בערגעדרייט די ווייסלען פון די אויגן אויף דער אַנדערער זייט, און זי האָט צו מיר אַריינגעשריגן אין אויער אַריין מיט אַ זייער הייסן אָטעם:

— אויב דו וועסט מיר צוזאָגן חתונה האָבן מיט מיר, ווען דו וועסט ווערן אַ גרויסער, וועל איך דיר אַלץ דערציילן.

האָב איך דאָך דערזען, אַז מאַשע איז טאַקע אויף צו דער אמתן משוגע, בין איך פון איר אַנטלאָפן אַהיים אַ פאַרוויינטער.

ווען די מאַמע האָט מיך דערזען אַ פאַרוויינטן, האָט זי מיך אָנגעהויבן אויסצופרעגן, וואָס אַזוינס עס האָט מיט מיר פאַסירט.

האָב איך איר געזאָגט דעם אמת, אַז מאַשע האָט מיך זייער איבערגע־שראָקן...

— כ'ווייי, פאַראַן וואָס אָנצונעמען, וואָס אַ משוגענע פלוידערט, — האָט מיך די מאַמע באַרואיקט, און באַלד נאָך דעם האָט זי מיר אָנגעזאָגט די גוטע בשורה, אַז זי האָט פאַרדונגען אַ חדר צו לאה־מערען, דער בייגל־בעקערקע, מיט איר טאָכטער רבקהלען.

כ'האָב זיך זייער דערפרייט מיט דער דאָזיקער גוטער בשורה, ווייל לאה מערע די בייגל־בעקערקע איז אויך געווען אַן אלמנה און ווייבאַלד די מאַמע פאַרדינגט איר אַ חדר, טראַכט זי דאָך גאָר ניט וועגן חתונה האָבן.

אויסער דעם האָט די מאַמע אָפּגערעדט מיט לאה־מערען, אַז זי זאָל מיר יעדן טאָג געבן צוויי פרישע בייגל, און דערפאַר וועט די מאַמע געבן יעדן טאָג פאַר איר רבקהלען אַ גלאָז „סיראָדאָי" (מילך פון אונטער דער בהמה).

רבקהלע איז געווען זייער אַ בלאַסע און אַ דאַרע. זי האָט, נעבעך, געליטן פון דער „דער" (טי־בי). האָט זי, פונקט ווי איך, געמוזט האָבן וואָס מער „פלעגע", דאָס הייסט, מילך און אייער.

זי האָט אָבער געהאַט, רבקהלע, צוויי גרויסע ליכטיקע אויגן, און זי איז געווען אַ בריה (בעריע) אויף אויסצוהעפטן „מזרחס" מיט לייבן און טויבן און אויך סאַמעטענע תפילין־זעקעלעך.

האָט מיר לאה־מערע איינמאָל אַ זאָג געטאָן, אַז אויב כ'וועל זיין גוט צו איר רבקהלען, וועט זי מיר דערפאַר אויסנייען, רבקהלע, אַ תפילין־זעקל צו מיין בר־מצווה (כ'בין שוין דעמאָלט אַלט געווען איבער עלף, און אַ יתום ווערט דאָך שוין בר מצווה צו צוועלף יאָר!)

בין איך פאַר גרויס פרייד אַוועק אין גאָרטן צו באַגיסן מיין בייט מיט די קאָוויאַטן און טערקישן ווייץ. ס'האָט שוין עטלעכע טאָג ניט גערעגנט און כ'האָב מורא געהאַט, אַז מיינע פיינע פלאַנצן זאָלן, חלילה, ניט פאַרדאַרט ווערן.

באַגיסנדיק אָט־אַזוי די בייט — האָב איך אַ טראַכט געטאָן, אַז אויך אַפילו צוליב רבקהלען דאַרף איך שוין אָנהייבן וואָס גיכער צו לערנען די מסכתא „קידושין". איך דאַרף דאָך וויסן, צי אַ בר־מצווה־בחור מעג זיין גוט צו אַ מיידל, וואָס איז נאָך אַ „קטנה", אָדער אַ „נערה", ווי די חכמים זאָגן (רבקהלע איז געווען אין מיינע יאָרן, צווישן עלף און צוועלף).

פלוצלינג אָבער האָב איך באַמערקט, ווי פון איינעם אַ טערקישן ווייץ האָט שוין אַרויסגעשפּראָצט אַ בערדל.

איז מיר איינגעפאַלן דער טריפּהנער געדאַנק, אַז ווען ס'בערדל וועט שוין ווערן סוף־זומער געוואָג גרויס און טונקל־ברוין — וועל איך זיך מאַכן דערפון אַ באָרד מיט וואָנצעס, ווי ביי אחשורושן, כ'וועל קומען צו מאַשען און איר אַ זאָג טאָן מיט אַ גראָבן קול:

נו, מאַשע, כ'האָב שוין אַ באָרד מיט וואָנסעס, כ'בין שוין אַ גרויסער, לאָמיר חתונה האָבן!

איך שטעל זיך פאָר, ווי מאַשע וואָלט פון דעם נאָך מער משוגע געוואָרן, און גאַנץ דוקאָר וואָלט געגאַנגען כאַדאָראָם!

איך האָב עס אָבער ניט געטאָן. סוף־כל־סוף איז דאָך מיר מאַשע אַ לייבלעכע שוועסטערקינד, און ס'איז מאַקע געווען אויף איר אַ גרויסער

רחמנות, וואָס קיינער האָט ניט געוואָלט מיט איר חתונה האָבן, כאָטש זי פּלעגט זיך בעטן ביי יעדן איינעם מיט צעגלאָצטע ווייסל־אויגן:

— קום, לאָמיר חתונה האָבן און מיר וועלן זיך שושקענען (סודען זיך);
קום, לאָמיר חתונה האָבן, און מיר וועלן זיך שושקענען!
וואָס אַ משוגענער קאָן איינפאַלן!

פֿ ל י ג ן —

זומער־צייט פֿלעג איך שרעקלעך ליידן פֿון די פֿליגן.

זיי פֿלעגן זיך קלעפּן צו מיר ווי צו אַ נאַקעטן היטל צוקער.

וואָס איך זאָל ניט טאָן, ווערן זיי תּיכּף שותּפֿים צו מיין גאַנצן לייב און לעבן.

זעץ איך זיך אַוועק עסן, זיינען די פֿליגן די ערשטע צו פֿאַרזוכן דעם טעם פֿון דער מאַמעס מאכלים.

נאָך איידער כ׳פֿלעג באַווייזן צו מאַכן די „המוציא״ אויף דער לוסטע ברויט מיט איינגעמאַכטס, איז שוין די גאַנצע לוסטע געווען באַדעקט מיט פֿליגן. אויך די גאָמעלקע פֿלעגן זיי באַלאַגערן פֿון אַלע זייטן, און ווען כ׳פֿלעג זיי אָפּטרייבן מיט גרויס רציחה, איז שוין די גאָמלקע געווען פֿול מיט זייערע געפּינטלטע „וויזיט־קאַרטלעך״...

ווען די מאַמע פֿלעגט מיר דערלאַנגען אַ גלאָז מילך, האָט זיך שוין דאָרטן געבאָדן אַ פֿליג.

פֿלעג איך זיך אַוועקזעצן שרייבן אַ בריוו צו דער שוועסטער אין בערע־זין אָדער צו די ברידער אין מינסק, פֿלעגן די פֿליגן באַלד אָנהייבן פּראַווען זייערע חתונקעס דווקא אויף מיין ווייסן בייגעלע פּאַפּיר, און וואו נאָר ס׳איז געווען ביי מיר אַ פּתח (פּאַסאַך), האָבן זיי געמאַכט פֿון אים אַ קמץ (קאָ־מעץ), און וואו נאָר ס׳איז געווען ביי מיר אַ „פֿ״ האָבן זיי געמאַכט פֿון אים אַ „פּ״.

אמת, ביי דער מומע חיהן אין קראָם איז שוין געווען אַזאַ מין פֿליגן־פּאַפּיר, וואָס אַז מען לייגט אים אַריין אין אַ טעלער מיט וואַסער, ווערן אין אים אַ סך פֿליגן דערטרונקען. צי קען מען אָבער אין אַ לעפֿל וואַסער דער־טרינקען אַ גאַנצע וועלט מיט פֿליגן?

פֿלעג איך שטענדיק אַרומגיין מיט אַ האַנטוך אויפֿן אַקסל און זיי טרייבן דורך די אָפֿענע פֿענצטער און טירן. אָבער אויך די דאָזיקע אַרבעט איז געווען אַן אומזיסטע. דורך איין פֿענצטער אַרויס און דורך דעם צווייטן אַריין!

דערפֿאַר אָבער פֿלעג איך שטאַרק הנאה האָבן, ווען איינע אַ פֿליג פֿלעגט זיך אַריינבאַקומען אין דער גלאָז פֿון אונדזער קעראָסין־לאָמפּ.

אַ לאָמפּן־גלאָז, אויב איר געדענקט, איז אונטן ברייט, ווי אַ קאָלפּאַק, און אויבן שמאָל, ווי אַ קוימען.

ווען אַ פליג פאַרקריכט אין אַזאַ מין לאָמפּ־גלאָז, איז זי שוין אַ פאַר־פאַלענע. דעם וועג אויף צוריק וועט זי שוין בשום־אופן ניט געפינען. דער גאַזע־גערוך האָקט איר אין קאָפּ אַריין, הוזשעט זי אַ גאַנצענעם טאָג אין איר גלעזערנער תפיסה, אָבער קיינער קומט איר ניט צו הילף. ערשט נאָך מעריב, ווען מען צינדט אָן דעם לאָמפּ, באַקומט זי איר טויט־אורטייל. זי ווערט פאַרברענט.

אמת, כ'האָב געוואוסט, אַז ס'איז ניט שיין פון מיין זייט צו פרייען זיך אַ גאַנצן טאָג מיטן געיאָמער פון אַ געפאַנגענער פליג, אָבער זיי האָבן מיר אַזוי שטאַרק פאַרביטערט מיין לעבן, אַז כ'האָב אויף זיי ניט געהאַט קיין שום רחמנות.

כ'מוז אָבער ביי דער דאָזיקער געלעגנהייט פעסטשטעלן, אַז ניט אַלע פליגן פון אונדזער הויז זיינען געווען צו מיר חוצפּהדיק און בייז.

אַ געוויסער טייל פליגן פלעגן אַ גאַנצן טאָג אַרומשפּאַצירן הין־און־צוריק איבער די שויבן פון אונדזערע פענצטער און באַטראַכטן דעם דרויסן. דאָס זיינען געווען, וואָלט איך זאָגן, די פּאָעטן פון דעם פליגן־געזינדל.

אַ צווייטער טייל פליגן האָבן גאָר ליב געהאַט אַרומצושפּאַצירן מיט די קעפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף איבער די געקאַלכטע ברעטער פון אונדזער סופיט און אויספאָרשן אַלע שפּעלטעלעך. דאָס זיינען געווען, וואָלט איך זאָגן, די פילאָזאָפן פון דעם פליגן געזינדל. (דעסטמאָל, אין די קינדער־שע יאָרן, האָב איך נאָך, פאַרשטייט זיך, גאָרנישט געוואוסט ניט פון פּאָעזיע און ניט פון פילאָזאָפיע. אָבער איצטער זע איך שוין, אַז אויך אַפילו צווישן די פליגן זיינען פאַראַן פענצטער־פּאָעטן און סופיט־פילאָזאָפן.)

די דריטע קאַטעגאָריע פליגן (און דווקא די גרעסערע!) זיינען פּראָסט־פּשוט געווען שרעקלעכע פרעסערס און בעלי־תאוותניקעס. זיי פלעגן מיט חוצפּה און רציחה רייסן דעם ביסן פון מויל און פּראַווען „כאַסינקעס" אויף מיין שפּיץ נאָז, צי אויף אַ ברעם פון אַן אויג. צו אָט אַזעלכע זלידנע פליגן האָב איך ניט געהאַט אַרויסגעוויזן קיין שום מיטגעפיל און מיך האָט לחלו־טין ניט געאַרט ווען זיי ווערן געפאַנגען אין אַ גלאָז פון אַ לאָמפּ, צי אין אַ נעץ פון אַ שפּין.

אָבער דאָך האָט מיר דאָס געוויין פון אַ געפאַנגענער פליג געהאַט פאַרפאָלגט ביי עטלעכע און פערציק יאָר נאָכאַנאַנד, ביז איך האָב אים ווי־

דער אַמאָל געהאַט דערהערט (זומער 1938) אין איינעם אַ זומער־פּלאַץ הינטער פּאַריז.

כ׳בין דאָרטן פּלוצלינג קראַנק געוואָרן אויף לונגען־אָנצינדונג און כ׳בין געוואָרן אויף אַזוי ווייט אָפּגעשוואַכט, אַז כ׳האָב קיין כוח ניט געהאַט אָפּצוטרייבן די פליגן פון מיין צעפּיבערטן לייב־און־לעבן.

האָט די באַלעבאָסטע פון מיין האָטעל אויפגעהאָנגען איבער מיין קאָפּ אַזאַ מין שמאָלן און לאַנגן פליגן־פּאַפּיר, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ לענטע באַשמירט פון ביידע זייטן מיט עפּעס אַ געלער קלעפּעכץ. ווען אַ פליג גיט אַ שטעל אַוועק אויף דעם דאָזיקן פּאַפּיר ניט מער ווי איין פּיסל — איז זי שוין פאַרמשפּט צום טויט. יאָמערט די צוגעקלעפּטע פליג אַ גאַנצענעם טאָג — ביז זי שלאָגט זיך אַרויס פון די כוחות און גייט אויס.

אַזוי אַרום האָב איך ווידער אַמאָל געהאַט דערהערט אין פּאַריז דעם זעלבן פליגן־געיאָמער, וועלכן כ׳האָב נאָך מיט עטלעכע און פערציק יאָר צוריק שוין געהאַט פאַרנומען פון אונדזער דוקאָרער קעראָסין־לאָמפּ.

האָב איך טאַקע דענסטמאָל אָנגעשריבן אַ ליד אַזאַ, וואו איך דריק אויס מיין ׳טיפסטן מיטגעפיל צום געוויין פון אַ פליג, ווייל איך אַליין בין שוין דענסטמאָל געווען אַ געטריבענער און פאַרטריבענער פון כמעט אַלע לענדער אין איראָפּע.

אָט איז דאָס ליד:

דאָס געוויין פון אַ פליג

פאַרשיידענע מינים געוויינען
האָב איך שוין פאַרנומען:
ס׳געוויין פון אַ קינד
אין דעם טאָג פון זיין ברית.
ס׳געוויין פון אַ יונגער אלמנה
ביים אָפענעם קבר פון מאַן.
ס׳געוויין פון אַ זעלנער,
וואָס האָט זיך געכאַפּט אין שפּיטאָל,
אַז אים פעלן די פיס.
ס׳געוויין פון אַ קו,
וואָס דערשמעקט האָט ביים שטאָל
דאָס פאַרגאָסענע בלוט פון איר קינד:

ס׳געוויין פֿון אַ הײמלאָזן הונט,
וואָס גיסט אויס זיין געביל
צו דער פֿולער לבנה.
נאָר ס׳געוויין פֿון אַ פֿליג,
וועלכע רייסט זיך אומזיסט שעהן־לאַנג
פֿון דעם קלעפּיקן פֿליגן־פּאַפּיר
איז, דוכט זיך מיר, שטאַרקער
פֿון אַלע געוויינען.
אַ פֿליג אַט־אַזאַ וועט, דאָך קיינער ניט
קומען צו הילף
און קיינער ניט
וועט זי באַוויינען!
איז שווער מיר אַזוי צו פֿאַרטראַגן
ס׳געוויין פֿון אַ פֿליג,
וועלכע רייסט זיך אומזיסט שעהן־לאַנג
פֿון דעם קלעפּיקן פֿליגן־פּאַפּיר!

כ׳ווייס, אַז דאָס דאָזיקע סענטימענטאַלע פֿליגן־ליד האָט ניט לחלוטין קיין שום שייכות צו מיינע קינדער־איבערלעבונגען אין דוקאַר. כ׳האָב עס אָבער בכיוון אַריינגעפּלאָנטן אין דעם דאָזיקן קאַפּיטל, כדי צו באַווייזן די פּעדאַגאָגן און די קינדער־פּסיכאָלאָגן, אַז יעטוועדע קינדערישע איבער־לעבונג מוז פֿריער אָדער שפּעטער באַקומען איר תּיקון אין דער אָדער אין אַן אַנדער פֿאָרם.

געוויס האָב איך אין מיינע קינדערישע יאָרן ניט געקאָנט האָבן דעם זעלביקן סענטימענט צו אַ געפֿאַנגענער פֿליג, ווי איך האָב אים איצטער, אָבער ס׳געוויין פֿון אַ פֿליג אין אומעטום און שטענדיק דער זעלבער, ווי מיט טויזנטער יאָרן צוריק.

אַז עס זיינען שוין געווען פֿליגן מיט טויזנטער יאָרן צוריק האָב איך זיך דערוואוסט פֿון דער מעשה מיט טיטוס הרשע.

טיטוס הרשע, אויב איר געדענקט, האָט חרוב געמאַכט ירושלים און פֿאַרברענט דעם בית המקדש. האָט אים דערפֿאַר גאָט באַשטראָפֿט דורך אַ פֿליג, וואָס האָט זיך אַריינבאַקומען דורכן נאָז צו אים אין מוח אַדיין און אים פֿאַרפּייניקט ביז צום טויט.

האָב איך זיך אָנגעהויבן צו שרעקן, אַז אויך צו מיר אין מוח קאָן זיך אַריינכאַפּן דורכן נאָז אַ פליג און מיך אומברענגען.

כ׳האָב שוין געהאַט דענסטמאָל גענוג גרונד צו שרעקן זיך פאַר אַזאַ מין נקמה פון גאָט.

שולדיק אין דעם איז געווען יוסף וועליעס, וועלכער האָט זיך שוין גע־לערנט אין מינסק אויף אַלע אַכט קלאַסן גימנאַזיע. אויף די זומער־חדשים פלעגט ער קומען צו זיינע עלטערן אין דוקאָר און אַלע האָבן געוואוסט, אַז אָט־דער יוסף איז שוין אַ „געכאַפּטער”.

האָב איך אים טאַקע איינמאָל געפּאַקט אין „אַלגעשטשינע” (אַ וואַלד לעבן דוקאָר) רויכערנדיק אום שבת אַ פּאַפּיראָס.

האָט זיך יוסף שטאַרק דערשראָקן, אַז איך קאָן נאָך דערציילן זיינע עלטערן וועגן דער דאָזיקער גרויסער עבירה און ער האָט מיך געצוואונגען מיט גוואַלט צו פאַררויכערן זיינעם אַ „שבתדיקן” פּאַפּיראָס.

דערפאַר אָבער האָט ער מיר צוגעזאָגט, אַז מאָרגן, זונטיק, וועט ער מיר באַווייזן באַשיינפּערלעך, אַז עס איז ניטאָ קיין גאָט אויף דער וועלט און ביז מאָרגן זאָל איך אים גלייבן אויפן וואָרט, אַז ס׳איז אַלץ פון דער נאַ־טור...

ווען איך בין אויף מאָרגן געקומען צו אים נאָך די באַווייזן, אַז ס׳איז טאַקע ניטאָ קיין גאָט אויף דער וועלט — האָט יוסף וועליעס גענומען אַ ליי־דיקע ביר־פלאַש מיט אַ האַרטער איי, אָבער אָן אָפּגעשיילטע. ער האָט אַרויפ־געשטעלט די איי אויפן שמאָלן העלדזל פון דער פלאַש און מיך אַ פרעג געטאָן:

— מיינסטו, אַז דאָס איי קאָן פון זיך אַליין זיך דורכשטופּן דורך דעם שמאָלן העלדזל און אַרונטערפאַלן גאַנצערהייט אויפן דעק פון דער פלאַש?

— כ׳מיין, אַז ניט! — האָב איך געענטפערט מיט גרויס זיכערקייט.

— וועל איך דיר ווייזן, אַז די איי קאָן יע אַרונטערגליטשן זיך צום דעק פון פלאַש, אָבער ניט מיטן כוח פון אַ וועלכן ניט איז הייליקן שפּרוך אָדער פסוק, נאָר מיטן כוח פון אָט־דעם קליין שטיקל פּאַפּיר, וואָס איך וועל צוערשט אַריינוואַרפן אין פלאַש אַריין.

באַלד נאָך דעם האָט יוסף אָנגעצונדן אַ קליין שטיקל צייטונגס־פּאַפּיר, אים אַרונטערגעלאָזט אַ ברענענדיקן אין פלאַש אַריין און תיכף נאָך דעם אַרויפגעשטעלט דאָס אָפּגעקאָכטע איי...

... און וואונדער איבער וואונדער! דאָס איי האָט פֿון זיך אַליין געגומען זיך קוועטשן אין העלדזל אַריין, איז געוואָרן שמאָל און לאַנג און באַלד נאָך דעם איז עס אַרונטערגעפֿאַלן גאַנצערהייט צום דעק פֿון דער ביר־פֿלאַש.

— אַהאַ! איצטער זעסטו שוין, אַז ס'איז ניטאָ קיין גאָט אויף דער וועלט! — האָט יוסף אַ זאָג געטאָן צו מיר מיט טריאומף.

— ס'איז אַלץ פֿון דער נאַטור! אַ רעגן און אַ שניי, אַ בליץ און אַ דונער און אַלע אַנדערע זאַכן, וואָס דו זעסט און דו הערסט איז אַלץ פֿון דער נאַטור! איצטער פֿאַרשטייסטו שוין, דאַניע, פֿאַרוואָס איך מעג רויכערן אום שבת! אָבער דו זאָלסט עס קיינעם ניט דערציילן, הערסט!

— איך הער, יוסף! — האָב איך אַ צעטומלטער אים אַן ענטפֿער געטאָן און כ'בין אַוועקגעלאָפֿן אַהיים שטיקנדיק אין זיך דעם נייעם גרויסן סוד, וועלכער האָט מיך נאָך פֿאַר בר־מצווה שוין געמאַכט פֿאַר אַן אַפּי־קורס.

ווען כ'האָב זיך אָבער באַגעגנט מיט יוספֿן צום צווייטן מאָל — האָב איך אים שטילערהייט אַ פֿרעג געטאָן:

— און ווער האָט געמאַכט די נאַטור אַליין?

אויף דער דאָזיקער פֿראַגע האָט מיר יוסף גאָרניט געקאָנט ענטפֿערן. ער האָט מיר נאָר געזאָגט, אַז איך בין נאָך צו־יונג צו פֿאַרשטיין אַזעלכע גרויסע זאַכן, אָבער פֿון זיין ענטפֿער האָב איך זיך אָנגעשטויסן, אַז ער אַליין, יוסף, ווייסט נאָך אויך ניט גענוג קלאָר ווער פּאָרט האָט באַשאַפֿן די נאַ־טור אַליין?

דעם אמת געזאָגט, ווייס איך נאָך ניט ביז היינט, ווער עס האָט באַ־שאַפֿן די אַלע גרויסע וואונדער פֿון דער נאַטור.

מען האָט זיך שוין אויסגעלערנט צו שפּאַלטן אַטאָמען און צו פֿליען אין די הימלען אַריין, אָבער מאַכן אַ קינסטלעך איי פֿון וועלכן עס זאָל זיך קאָנען אַרויספּיקן אַ הון, צי אַ האָן קאָן מען נאָך ניט ביז צום היינטיקן טאָג!

אָבער דענסטמאָל, אין די יינגעלשע יאָרן מיינע, האָט דער קונץ מיט דער איי אין פֿלאַש געמאַכט אויף מיר אַן אויסערגעוויינטלעך־שטאַרקן איינ־דרוק און כ'פֿלעג זיך אַרומטראָגן שטילערהייט מיט אַפּיקורסישע געדאַנקען.

דאָך אָבער, ווען ס'פֿלעגט אָנהייבן שטאַרק צו דונערן און צו בליצן — פֿלעג איך ווערן אַ פֿאַרציטערטער און כ'פֿלעג גיך־גיך מאַכן די ברכה „שכוחו וגברתו מלא עולם", ווי כ'וואָלט וועלן וואָס גיכער איבערבעטן זיך מיטן רבונו של עולם.

ווי עס זעט אויס, האָט שוין דער רבונו של עולם מיר לאַנג מוחל געווען מיינע „חטאות נעורים". ער האָט שוין געהאַט אַ סך געלעגנהייטן זיך נוקם צו זיין אין מיר, אָבער אנשטאָט צו ווערן אַן „אל נוקם ונוטר" איז ער פאַרבליבן צו מיר אַן „אל רחום וחנון".

דאָס האָב איך דערזען באַשיינפערלעך באַלד נאָכדעם, ווי יוסף וועליעס האָט מיך געהאַט געמאַכט פאַר אַן אַפיקורס. איך בין דעמ זעלביקן זומער פלוצלינג קראַנק געוואָרן אויף אַ בלוט־שילשול, ד. ה. אַ „כאָלערינקע" אָדער „דעזינטעריע".

די דאָזיקע קלעפּיקע מחלה האָבן געהאַט פאַרשלעפּט צו מיר די פליגן פון דער גואישער גאַס. די שקצים פלעגן זיך איבערפרעסן מיט גרינע עפּעלעך און באַרן און אָנשטעקן איינע די אַנדערע מיט דער מיאוסער קרענק. אַזוי ווי אונדזער שטוב איז געשטאַנען ביים סאַמע אָנהייב דאָרף־גאַס — בין איך געפאַלן דער ערשטער קרבן.

די מאַמע האָט מיך תיכף אָנגעהויבן צו ראַטעווען מיט אַלע געהעריקע באַבסקע סגולות און כ׳בין שוין געוואָרן ווידער גוט און פרום.

צווישן די פאַרשיידענע סגולות קעגן אַ בלוט־שילשול איז מיר אַמבעסטן געפעלן געוואָרן דער „זמעי", אָדער „מויערקאַפּ", ווי אַנדערע פלעגן עס רופן. ווען מען טראָגט דעם „זמעי" צוויי־דריי וואָכן נאָכאַנאַנד אויפן האַלדז — גייט דער שילשול אַוועק.

פון דרויסן האָט דער מויערקאַפּ אויסגעזען ווי אַ צאַצקע אויסגעשניצט פון ביין, אָבער ווען מען פלעגט צוליגן דעם אויער צו זיין אָפענעם בויך — פלעגט מען דערהערן אינעווייניק אַ מאָדנע הודזשעניש, ווי עטלעכע פליגן מיטאַמאָל וואָלטן זיך געהאַט אַריינגעכאַפּט אין דעם „זמעיס" אינגעוויד.

ווען כ׳האָב אַ פרעג געטאָן דער מאַמען, וואָס הודזשעט דאָס אַזוינס אין דעם אינגעווייד? — האָט מיר די מאַמע געענטפערט, אַז דאָס הודזשעט אַזוי דער ים, ווייל די „זמעיען" ווידמענען זיך נאָר אין ים.

איך בין אָבער געוואָרן מער ווי זיכער, אַז דאָס הודזשעט דאָרטן טיטוסעס אַ פליג — האָב איך אָנגעהויבן צו שרעקן זיך, אַז ביינאַכט קאָן נאָך די דאָזיקע פליג אַריינקריכן צו מיר דורכן נאָז אין מוח אַריין.

האָב איך פון דענסטמאָל אָן זיך אָנגעהויבן איבערצודעקן מיטן ליילעך ביז איבערן קאָפּ.

די דאָזיקע שלעכטע געוואוינהייט איז מיר פאַרבליבן אויך אויף שפּעטער, ווייל זומער־צייט פלעג איך שטענדיק ציטערן פאַר פליגן.

ערשט דאָ אין אַמעריקע, וואו מען האָט איינגעפֿירט די אַזוי־געררו־פֿענע „סקרינס״ (דראָטענע פֿענצטער־נעצן) האָב איך זיך ענדלעך באַפֿרייט פֿון מיין קינדערישער „פֿליגאָמאַניע״ און כ׳קאָן שוין ביינאַכט פֿריי אָטעמען.

איז געבענטשט זאָל זיין אַמעריקע, וואָס האָט מיך אויף די עלטערע יאָרן באַפֿרייט פֿון דעם פֿליגן־שרעק און פֿון דעם קלעפּיקן פֿליגן־פּאַפּיר, וואָס איז לאנג ווי דער יידישער גלות.

דער ערשטער קוש —

אין דעם חודש תמוז פֿלעגט כּמעט גאַנץ שטעטל אַרומגיין מיט שוואַרצע מײַלער.

דאָס איז געווען דער חודש פֿון שוואַרצע יאַגעדעס.

פֿאַר צוויי קאָפּיקעס פֿלעגט מען שוין קאָנען אָפּקויפֿן בײַ אַ שיקסע פֿון דאָרף אַ פֿולן קאָשיקל מיט יאַגעדעס. אָבער געקויפֿטע יאַגעדעס זײַנען קיינמאָל ניט אַזוי געשמאַק ווי די וואָס מען קלײַבט אָן מיט די אייגענע הענט.

אמת, מען פֿלעגט דאַרפֿן צוליב דעם אָוועקגיין אויף אַ גאַנצן טאָג אין וואַלד אַרײַן, אָבער ס׳איז געווען כּדאַי.

ערשטנס, פֿלעגט מען גיין אין וואַלד כאָפּטעסווייז, ייִנגלעך מיט מיידלעך און ס׳איז געווען זייער פֿריילעך.

צווייטנס, ווען מען איז שוין סײַ־ווי־סײַ אין וואַלד — קאָן מען שוין פֿאַראײַנוועגס אויך אָנקלײַבן אַ ביסל שוועמלעך. אין אונדזערע וועלדער פֿלעגן וואַקסן אַ סך „ליסיטשקעס״, דאָס זײַנען זייער געלע שוועמלעך, וואָס זעען אויס ווי לייקעס: פֿון אונטן גאַנץ שמאָל און פֿון אויבן ברייט, מיט געקאַרבטע זײַטן ווי האַרמאָשקעס.

ווען מען פּרעגלט „ליסיטשקעס״ אין סמעטענע איז גאָר ניטאָ קיין בעסערער מאכל.

אָבער אין וואַלד פֿלעגט מען ניט טאָרן מאַכן קיין צו גרויסן טומל, כּדי דער „ליעסניק״ (וואַלד־שומר) זאָל ניט דערהערן.

ווען דער „ליעסניק״ פֿלעגט חלילה פּאַקן עמיצן מיט אַ קריגל יאַגעדעס און שוועמלעך — פֿלעגט ער בײַ אַ ייִנגל אַרונטעררײַסן ס׳היטל און בײַ אַ מיידל די פֿאַטשיילע פֿון קאָפּ. שפּעטער פֿלעגט מען עס בײַ אים מוזן אויסקויפֿן פֿאַר מזומן געלט, אָדער פֿאַר אַ קוואַרטירל וואָדקאַ.

לויטן געזעץ האָט מען געדאַרפֿט יעדן זומער קויפֿן בײַם פּריץ אַזאַ מין צעטל מיט וועלכן מען האָט געקאָנט קלײַבן יאַגעדעס וויפֿיל מען האָט געוואָלט. אָבער וועלכער משוגענער ייִד וועט עס גיין צאָלן דעם פּריץ געלט פֿאַר אַזעלכע זאַכן וואָס מען קריגט בחצי חינם בײַ יעדער שיקסל פֿון דאָרף.

פֿלעגט טאַקע די מאַמע אָנקויפֿן פֿאַר דעם חודש תמוז אַזוי פֿיל קערבלעך מיט יאַגעדעס, אַז ס׳פֿלעגט שוין קלעקן אַפֿילו אויפֿן גאַנצענעם ווינטער. זי פֿלעגט אויספּרעגלען אַ פּאָר סלאָיעס מיט שוואַרצע יאַגעדעס אויף

„הלוואי מען זאָל עס ניט באַדאַרפֿן". וואָרעניע פֿון שוואַרצע יאַגעדעס איז דאָך די בעסטע סגולה קעגן אַ שוואַכן מאָגן, ניט פֿאַר אונדז געדאַכט.

אויך מאַלינעס פֿלעגט די מאַמע שטענדיק פֿרעגלען מיטן פּסוק: הלוואי זאָל מען עס ניט באַדאַרפֿן, ווייל פֿון מאַלינע־זאַפֿט שוויצט מען זייער גוט.

אָבער וואַרט נאָר, וואַרט! איך בין נאָך ניט פֿאַרטיק מיט די שוואַרצע יאַגעדעס, וועלכע האָבן איינמאָל שיעור ניט פֿאַרשוואַרצט מיין נאָמען אויף גאַנץ דוקאַר.

דאָס האָט פּאַסירט שבעה עשר בתמוז.

אין דעם דאָזיקן זייער לאַנגן תענית־טאָג, וועלכן נאָר די כּלי־קודש אַליין פֿאַסטן, האָט די מאַמע ליב געהאַט אַוועקצוגיין מיט מיר אַזש צו ישעיה דעם מילנער נאָך אַ גרויסן גמילת חסד.

ישעיה דעם מילנערס וואַסער־מיל איז געשטאַנען וויט־וויט הינטער דעם בית־עולם, אָבער ניט צו־וויט פֿון דעם ברייטן שליאַך וואָס האָט גע־פֿירט צו דער סטאַנציע רודענסק, פֿלעגט זיך אויפֿן וועג שטענדיק מאַכן אַ פֿורל וואָס פֿלעגט אונדז בחינם צופֿירן כּמעט ביז צו דער מיל.

דער וויזיט צו ישעיה דעם מילנער איז געווען פֿאַר מיר אַ גרויסער יום־טוב, כאָטש שבעה עשר בתמוז טאָר זיך אַ ידישער מענטש ניט פֿרייען.

איך גלייב, אַז ניט אַלע לעזער און לעזערינס מיינע געדענקען נאָך פֿון דער אַלטער היים, וואָס אַזוינס עס האָט געהאַט פּאַסירט אַמאָל מיט דעם ידישן פֿאָלק אין דעם איין טאָג פֿון שבעה עשר בתמוז.

וועל איך דאָ איבערגעבן אין קורצן דאָס אַלץ, וואָס אַשר דער מלמד האָט אונדז געהאַט דערציילט וועגן שבעה עשר בתמוז.

אין דעם דאָזיקן לענגסטן און הייסטן טאָג פֿון זומער האָבן פּאַסירט, ניט פֿאַר היינט געדאַכט, עטלעכע אומגליקן מיטאַמאָל, אָבער אין פֿאַרשיידע־נע צייטן.

דאָס אומגליק נומער איינס האָט פּאַסירט, ווען משה רבינו איז געווען אַוועק צום באַרג סיני נעמען די לוחות. אַזוי ווי ער האָט זיך דאָרטן פֿאַר־האַלטן צו־לאַנג — האָבן די ידן ניט געהאַט מער קיין געדולד צו וואַרטן אויף אים און זיי האָבן ביז וואַנען וואָס־ווען געמאַכט דעם עגל הזהב (דאָס גאָלדענע קאַלב). ווען משה רבינו איז געווען אַרונטערגעקומען מיט די לו־חות פֿון דעם באַרג סיני און ער האָט געהאַט דערזעען ווי זיינע ידן בוקן זיך און קניען פֿאַר דעם גאָלדענעם קאַלב — האָט ער פֿאַר גרויס שרעק צע־בראָכן די לוחות.

אומגליק נומער צוויי האָט פּאַסירט, ווען דער רשע נבוכדנצר (נעוואו־כאַדנעצער), דער מלך פון בבל, האָט שבעה עשר בתמוז איינגענומען ירו־שלים און אין דריי וואָכן אַרום, ד. ה. אום תשעה באב האָט ער חרוב גע־מאַכט דעם ערשטן בית המקדש.

דערפאַר אָבער האָט גאָט פאַרטריבן נבוכדנצרן אויף זיבן יאָר אין וואַלד אַריין, וואו ער האָט באַקומען דעם אויסזען פון אַ חיה און ער האָט געגעסן גראָז.

אומגליק נומער דריי האָט פּאַסירט, ווען אַנטיוכוס הרשע, דער מלך פון גריכנלאַנד, האָט שבעה עשר בתמוז איינגענומען ארץ־ישראל און ער האָט געצוואונגען די יידן אַנצונעמען, רחמנא לצלן, די גריכישע אמונה. דערנסט־מאָל טאַקע איז אויסגעבראָכן דער העלדישער אויפשטאַנד פון די חשמונאים, וועלכע האָבן פאַרטריבן פון הייליקן לאַנד אַלע געצנדינער.

אומגליק נומער פיר האָט פּאַסירט, ווען טיטוס הרשע, דער קיסר פון רוים, האָט שבעה עשר בתמוז געהאָט איינגענומען ירושלים און אין דריי וואָכן אַרום (ווידער אַמאָל אום תשעה באב) חרוב געמאַכט דעם צווייטן בית המקדש.

דערפאַר האָט גאָט באַשטראָפט טיטוסן מיט דער פליג, וואָס האָט זיך פאַרקליבן צו אים אין מוח אַריין און אים אומגעבראַכט.

אָט־די אַלע אויבן־אויסגערעכנטע אומגליקן מיטן יידישן פאָלק האָבן געהאָט פּאַסירט צווישן דעם 17־טן טאָג אין תמוז און תשעה באב. דעריבער האָט מען איינגעפירט די אַזוי־גערופענע „דריי וואָכן", וועלכע הייבן זיך אָן אום שבעה עשר בתמוז און ענדיקן זיך אום תשעה באב.

אין משך פון די דאָזיקע דריי וואָכן טאָר מען ניט פראַווען קיין שמחות און מען טאָר ניט אַפילו שערן זיך.

דאָך אָבער איז דער שבעה עשר בתמוז געווען פאַר מיר, ווי געזאָגט, דער פריילעכסטער טאָג פון זומער.

די מאַמע פלעגט זיך אוועקלאָזן מיט מיר אויף אַ גאַנצענעם טאָג צו ישעיה דעם מילנער, וואו מען פלעגט אונדז מכבד זיין מיט הייסע בלינעס פון גריקענעם מעל און מיט זויער קאַלטן זויערמילך, אַקאָרשט פון דער „ליעדוויניע" (אייז־קעלער).

נאָך דעם פיינעם צובייסן איז די מאַמע אין יענעם שבעה עשר בתמוז, וועלכן כ'געדענק נאָך גאַנץ גוט ביז צום היינטיקן טאָג געווען פאַרבליבן מיט דער מילנערקע אין דער פיינער סאַליע (סאַלאָן) וואַרטן ביז ישעיה דער מילנער וועט קומען פון זיין מיל „איבערכאַפּן דאָס האַרץ", ד. ה. נעמען

עפּעס אין מויל אַריין נאָך דעם האַלבן תּענית, וואָס ער האָט געפּאַסט.

דעם מילנערס דריי טעכטער, וואָס איינע איז געווען שענער פֿון דער אַנדערער, זיינען אַוועק אין וואַלד קלייבן שוואַרצע יאַגעדעס און זיי האָבן אויך מיך מיטגענומען.

די מאַמע איז געווען צופֿרידן, וואָס די מיידלעך נעמען מיך מיט, ווייל מיט ישעיה דעם מילנערס טעכטער האָט מען שוין ניט געדאַרפֿט מורא האָבן פֿאַר דעם „ליעסניק". דער וואַלד־וועכטער איז דאָך געווען אין דער מיל אַ בן־בית.

זי האָט מיר נאָר אָנגעזאָגט, די מאַמע, אַז כ'זאָל ניט קריכן, חלילה, אין קראָפּעווע.

פּעסע, די סאַמע עלטסטע פֿון דעם מילנערס דריי טעכטער, האָט באַרואיקט דער מאַמען, אַז זי וועט שוין אויף מיר גוט אַכטונג געבן.

זיינען מיר אַוועק זאַלבעפֿערט אין ווילדן וואַלד אַריין און כ'האָב די גאַנצע צייט זיך געהאַלטן וואָס נעענטער צו פּעסיען, ווייל זי האָט שוין געקענט דעם וואַלד אַ סך בעסער פֿון אירע יינגערע צוויי שוועסטער.

אָבער די יינגערע צוויי שוועסטער, פּועה און פֿייטשע, זיינען גאָר פֿאַרבליבן ווייט־ווייט פֿון הינטן, ווייל זיי האָבן דערזען אַ סך וואַלד־בלומען, וואָס מען קאָן פֿון זיי מאַכן שיינע קרענץ.

איך מיט פּעסיען זיינען אַוועק אַ סך טיפֿער אין וואַלד אַריין, אָבער קיין יאַגעדעס האָבן מיר נאָך ניט געזען.

גיט צו מיר פּעסיע פּלוצלינג אַ זאָג:

כ'מיין, דאַניע, אַז דו ביזט שוין פֿאַרמאַטערט, לאָמיר זיך צוזעצן אַ ווײַלע אויפֿן מאָך.

האָב איך זיך צוגעזעצט מיט פּעסיען אויפֿן מאָך און ס'איז געווען ווייך ווי אויף אַ פּערענע.

זאָגט צו מיר פּעסיע:

— דערצייל עפּעס, דאַניע, פֿון דוקאַר.

האָב איך דערציילט פּעסיען, אַז אין דוקאַר איז היינט זייער אומעטיק, ווייל ס'איז דאָך היינט שבעה עשר בתּמוז.

וואָס איז אַזוינס שבעה עשר בתּמוז? — האָט מיך פּעסיע אַ פֿרעג געטאָן.

האָב איך פּעסיען דערציילט דאָס אַלץ, וואָס איך האָב שוין אויבן דערציילט לויט די רייד פֿון אָשר דעם מלמד.

— דאָס איז דאָך אָבער געווען אַזוי לאַנג! — האָט מיך פּעסיע איבערגעשלאָגן.

—ס'איז טאַקע געווען מיט אַ סך יאָרן צוריק, אָבער אָשר דער מלמד זאָגט, אַז יידן טאָרן קיינמאָל ניט פאַרגעסן וואָס די רשעים האָבן געטאָן צו זיי.

— אָבער פונדעסטוועגן ביזטו אין אַזאַ טרויער־טאָג בעסער אַוועק קלייבן יאַגעדעס אַנשטאָט צו פאַסטן — האָט מיך פעסיע אַ נעם געטאָן אויפן צימבל.

— כ'בין נאָך פאַר בר־מצווה, דאַרף איך נאָך ניט פאַסטן — האָב איך זיך אָנגעהויבן צו פאַרענטפערן. — אָבער באַלד הייב איך שוין אָן צו לערנען די גמרא „קידושין" און דעמאָלט וועל איך שוין אָנהייבן צו פאַסטן אַפילו אום שבעה עשר בתמוז — האָב איך זיך פלוצלינג אַ באַרים געטאָן פאַר פעסיען.

— וואָס איז אַזוינס „קידושין"? — האָט מיך פעסיע אַ פרעג געטאָן.

— „קידושין" איז אַזאַ מין גמרא, וואָס לערנט ווי מען דאַרף חתונה האָבן — האָב איך געענטפערט זייער וואַזשנע, ווי כ'וואָלט שוין געווען אַ גמרא־מלמד.

— צו־וואָס דאַרפסטו וויסן, ווי מען האָט חתונה, אַז דו ביזט פאַר בר־מצווה? — האָט מיך פעסיע ווידער אַ נעם געטאָן אויפן צימבל.

— פאַר זיך דאַרף איך טאַקע ניט, אָבער מיין ברודער שמואלן וויל מען שוין חתונה מאַכן, וויל איך וויסן צי ער מעג שוין — האָב איך פלוצלינג אויסגעפּלוידערט אונדזער גרויסן משפחה־סוד.

— ווער וויל אים דען חתונה מאַכן, שמואלן? — איז פעסיע געוואָרן זייער נייגעריק.

איינער אַ רייכער ייד פון מינסק וויל אָפּקויפן שמואלן ביי דער מאַמען און אים חתונה מאַכן פאַר זיין טאָכטער, וואָס שפּילט שוין „פאַרטעפּיאַנאָ" — האָב איך שוין ווייטער געפּלוידערט.

— ווי אַלט איז דען שמואל? — האָט מיך פעסיע איבערגעשלאָגן.

— שמואל איז דאָך עלטער פון מיר מיט פיר יאָר — איז ער שוין באַלד זעכצן!

האָט זיך פעסיע פלוצלינג פאַנאַנדערגעלאַכט איבערן גאַנצן וואַלד און זי האָט זיך אָנגעהויבן צו קייקלען איבערן מאָך אַזוי לאַנג ביז זי האָט זיך דערקייקלט צו מיר. האָב איך זיך געגעבן, פאַרשטייט זיך, אַ רוק אָפּ אָן אַ זייט, אָבער פעסיע קייקלט זיך ווייטער און לאַכט מיר אַזש אין פנים אַריין:

— אוי, דאַניע, דערציילסט מיר אַזעלכע מעשיות, ווי אין די ראָמאַנען, וואָס איך לייען! כע־כע־כע און כי־כי־כי!

פלוצלינג אָבער גיט מיך פעסיע אַ פֿרעג:

— האָסט גאָרניט מורא צו זיין מיט אַ מיידל אליין אין וואַלד?

— פֿאַרוואָס זאָל איך מורא האָבן — האָב איך תּמעוואַטע געפֿרעגט.

— איך בין דאָך שוין אויך זעכצן און כ׳שפּיל שוין אויך „פֿאַרטעפּיאַ־נאָ" — האָט זיך פעסיע ווידעראַמאָל אָנגעהויבן צו קייקלען אויפֿן מאָך און לאַכן כע־כע־כע און כי־כי־כי!

זע איך דאָך שוין, אַז כ׳וועל מיט פעסיען קיין יאַגעדעס ניט אָנקלייבן, האָב איך זיך אָנגעהויבן צו בעטן ביי איר, אַז זי זאָל מיך שוין בעסער פֿירן צוריק צו דער מיל, צו דער מאַמען.

— אַהאַ! האָסט טאַקע מורא צו זיין אַליין מיט אַ מיידל אין וואַלד! — האָט פעסיע מיר פֿאַרגעוואָרפֿן, און נאָך איידער כ׳האָב געהאַט באַוויזן עפּעס־וואָס איר צו ענטפֿערן, האָט פעסיע פלוצלינג אַ כאַפּ געטאָן מיין קאָפּ אין אירע ביידע ווייכע הענט און זי האָט אַ קוש געטאָן מיין שטערן.

האָט מיר דער דאָזיקער אומגעריכטער קוש אַ ברען געטאָן, ווי קראָפּי־ווע, כ׳האָב זיך שטאַרק דערשראָקן, אַז ס׳וועט שוין מיר פֿאַרבלייבן אויף אייביקע יאָרן אַ רויטער פֿלעק אויפֿן שטערן און גאַנץ דוקאָר וועט זיך שוין דערוויסן, אַז מיך האָט געקושט אַ מיידל אין וואַלד.

(ניט אומזיסט טאַקע האָט אונדז אשר מלמד געהאַט געוואָרנט, אַז אין די „דריי וואָכן" צווישן שבעה עשר בתמוז און תשעה באב קריכן אַרויס אַלע מזיקים און ניט־גוטע פֿון זייערע באַהעלטערלעך און מען מוז זיין זייער אָפּ־געהיט).

האָב איך זיך טאַקע ווידער אַמאָל אָנגעהויבן צו בעטן ביי פעסיען, זי זאָל מיך שוין בעסער אָוועקפֿירן צוריק צום מיל, צו דער מאַמען.

האָט מיך פעסיע אָנגענומען פֿאַר אַ האַנט און מיך גענומען פֿירן פֿון וואַלד אַרויס. איר האַנט אָבער האָט געציטערט, ווי זי אַליין, פעסיע, וואָלט זיך אויך געהאַט איבערגעשראָקן פֿאַר אימיצן.

ביים ברעג וואַלד האָבן מיר אָנגעטראָפֿן פעסיעס צוויי יינגערע שוועס־טער. זיי האָבן דאָרטן אויסגעפֿלאָכטן עטלעכע קרענץ פֿון זייער פֿיינע וואַלד־בלומען. האָט פעסיע איינעם פֿון די קרענץ מיר אָנגעטאָן אויפֿן קאָפּ און דערביי האָט זי צו אירע שוועסטערלעך אַזוי געזאָגט:

— ער איז נאָך גאָר אַ קינד, דאָניע, ער האָט זיך דערשראָקן פֿאַר דעם וואַלד...

בין איך געווען זייער צופֿרידן וואָס פּעסיע האָט מיר אָנגעטאָן דעם קראַנץ, וועלכער האָט זיכער פֿאַרשטעלט איר רויטן קוש־פֿלעק אויף מיין שטערן!

האָב איך שוין דענסטמאָל געהאַט דערזען, אַז אין יעטווידן מיידל שטעקט עפּעס אַזאַ מין דיבוק, פֿאַר וועלכן מען דאַרף זיך היטן ניט נאָר אום שבעה עשר בתמוז אַליין.

אַ קאַפּיטל רוסישע גראַמאַטיקע

זינט פּעסיע די מילנערקע האָט מיך שבעה עשר בתּמוז אַ קוש געטאָן אין שטערן, האָט זיך ביי מיר עפּעס־וואָס איבערגעדרייט אין מוח.

ס׳האָט זיך מיר אָנגעהויבן צו דוכטן, אַז טיטוסעס פליג האָט זיך אַריינגעכאַפּט צו מיר אין קאָפּ אַריין און זי האַלט דאָרטן אין איין הוזשען און הוזשען נאָר וועגן פּעסיען.

איך האָב נאָך דענסטמאָל לחלוטין ניט געהאַט געוואוסט וועגן אַזעלכע זאַכן, ווי ליבע.

אין דער גמרא „קידושין״, וועלכע איך האָב שוין דענסטמאָל געלערנט, רעדט זיך נאָר וועגן דעם ווי אַזוי אַ מאַן קען זיך קויפן אַ פרוי, אָבער וועגן ליבע איז דאָרטן קיין וואָרט ניטאָ!

איז וועלכער בלינדער כוח האָט מיך אָנגעהויבן צו ציען ווי מיט אַ מאַגנעט צו דער מיל, וואו פּעסיע ישעיה דעם מילנערס זיצט אויף אַ ווייכן שטול אין דעם גרויסן גאַסט־צימער און לייענט דאָרטן אַ רוסיש בוך.

ווי עס זעט אויס, קען מען פון די רוסישע ביכער זיך דערוויסן אַ סך מער זאַכן, ווי פון די הייליקע ספרים אונדזערע!

אַזוי האָט זיך מיר דענסטמאָל געדוכט.

האָב איך אָנגעהויבן צושטיין צו דער מאַמען, אַז „זלמן די בריל״, דער לערער פון הומען, זאָל אויך מיר געבן אַן אוראָק אויף רוסיש.

„זלמן די בריל״ איז געווען אַ יונגער בחור נאָך פאַרן פּריזיוו. ער האָט זייער שטאַרק געוואָלט אָפּגעבן עקזאַמענס אויף גאַנץ גימנאַזיע. דענסטמאָל ווערט ער שוין כמעט אַ סטודענט, און ווען מען גיט אים אָפּ פאַר אַ סאָלדאַט, קען ער שוין ווערן אַ „וואָלנאָ־אָפּרעדיעליאַיושטשיסיאַ״, דאָס הייסט, אַז ער קען אַליין אויסקלייבן דעם פּאָלק אין וועלכן ער וויל דינען און ער דאַרף דינען ניט מער ווי איין יאָר, כאָטש ער איז אַ ייד.

אויסער דעם האָט זיך נאָך זלמן דער הומענער געוואָלט באַוואָרענען, אַז מען זאָל אים בכלל ניט נעמען פאַר קיין סאָלדאַט, צוליב דעם טאָקע האָט ער באַצייטנס אָנגעטאָן אַזאַ מין פּאָר דיקע ברילן, וואָס מאַכן די אויגן זייער קורצזיכטיק.

אָבער ניט נאָר צוליב דעם פּריזיוו אַליין האָט זלמן נייטיק געהאַט די ברילן! ער האָט זיי אויך נייטיק געהאַט צוליב זיין לערעריי. ווען מען טראָגט

ברילן, זעט מען אויס אַ סך געלערנטער און אינטעליגענטער פֿון יענע לע־רערס, וועלכע גייען אַרום גאָר אינגאַנצן מיט נאַקעטע פּנימער. אַ לערער מיט ברילן פֿלעגט קענען באַקומען פֿאַר אַן אוראָק מיט אַ „פּערטעלע" (25 קאָפּיקעס) אַ חודש מער, ווי אַ לערער אָן ברילן.

צוליב די אַלע זאַכן האָט אונדזער שטעטל באַלד אַ נאָמען געגעבן דעם הומענער לערער „זלמן די בריל", און אַ דאַנק אים האָב איך זיך אויסגע־לערנט אין איין זומער גאַנץ רוסיש!

ווען איך זאָג „גאַנץ רוסיש", איז עס, פֿאַרשטייט זיך, אַ גוזמא. אָבער די גראַמאַטיקע, לויט וועלכער זלמן די בריל האָט מיט אונדז געקנעלט רו־סיש, האָב איך שוין געקענט כמעט אינגאַנצן אויף אויסווייניק.

אין יענע יאָרן פֿלעגט מען זיך לערנען רוסיש אָדער פֿון קירפּיטשני־קאָווס גראַמאַטיקע אָדער פֿון בלאָשטיינס.

גויאישע קינדער פֿלעגן זיך לערנען פֿון דעם גאַנץ דינעם קירפּיטשני־קאָוון, ווייל רוסיש איז דאָך געווען זייער מוטער־שפּראַך און זיי פֿלעגן שוין סיי־ווי־סיי וויסן אַ סך כללים פֿון דער רוסישער גראַמאַטיקע; אָבער פֿאַר יידישע קינדער איז געווען אַ סך בעסער און זיכערער צו לערנען זיך פֿון בלאָשטיינס גאַנץ דיקער גראַמאַטיקע.

בלאָשטיין איז דאָך געווען אַ ייד און ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז פֿאַר יידישע קינדער מוז מען אויסטייטשן יעטוועדן כלל באַזונדער, ווי אויך אויסרעכענען יעטוועדן פּרט, וואָס איז אַ „יוצא מן הכלל".

נעמען מיר, למשל, די געשלעכט־פּראַגע, כ'מיין די פּראַגע וועגן דעם, צו וועלכן געשלעכט עס געהערן די ווערטער וואָס ענדיקן זיך מיט אַ „מיאַכקי זנאַק".

קירפּיטשניקאָוו, דער גוי, מאַכט עס זייער איינפֿאַך. ער זאָגט, אַז אויב דער „ראַדיטעלני פּאַדעזש" (געניטיוו) ענדיקט זיך מיט אַ „יאַ", ווי, למשל, „קאָן" — „קאָניאַ", איז עס פֿון מענלעכן געשלעכט, נאָר אויב דער „ראַדי־טעלני פּאַדעזש" ענדיקט זיך מיט אַן „אי", ווי, למשל, „לאָשאַד" — „לאָשאַדי", איז עס שוין פֿון ווייבלעכן געשלעכט.

פֿון וואַנען אָבער זאָל אַ חדר־יינגל וויסן, ווי דער אָדער יענער פֿערד זעט אויס אין זיין „ראַדיטעלנעם פּאַדעזש"?

איז אָט דער בלאָשטיין טאַקע ניט געווען פֿויל צונויפֿצושטעלן אַ פֿולע טאַבעלע פֿון אַלע רוסישע ווערטער, וועלכע ענדיקן זיך מיט אַ „מיאַכקי זנאַק" און זיי זיינען נאָר פֿון דעם מענלעכן געשלעכט, בעת די אַלע אַנדערע

ווערטער, וואָס ענדיקן זיך מיט אַ „מיאַכקי זנאַק" זיינען שוין במילא פֿון ווייבלעכן געשלעכט.

אָט זיינען זיי דאָ די אַלע מענלעכע ווערטער מיט אַ „מיאַכקי זנאַק", אויסגעשטעלט לויט דער רוסישער „אַזבוקע" (אלף־בית), עס זאָל זיין גרינ־גער צום געדענקען:

אַלטאַר, בוקוואַר, וועפּר, וויכר, וואָפּל, גוואָזד, גלוכאַר, גאָלוב, גאָסט, גרעבן, דעגאָט, דען, דאָזשד, זשאָלוד, זשוראַוול, זווער, קאַלענדאַר, קאַמען, קאָגאָט, קאָלאָדעז, קאָן, קאָראַס, קאָזיר, קאָראַבל, קול, קורען, לאַגער, לאַ־פּאָט, לעבעד, ליווען, לאָסאָס, לאָס, מעדוועד, מינדאַל, מאָנאַסטיר, נאָ־גאָט, נול, אָקון, אָליען, פּאַנציר, פּאַסטיר, פּוט, רעווען, רעמען, רובל, רול, סביטען, סלאָוואַר, סאַבאַל, סוכאַר, טעסט, טיולען, אוגאָל, פֿיטיל, פֿאָנאַר, כמעל, כרוסטאַל, צאַר, טשעקמען, טשערוו, שטשעבען, יאַנטאַר, יאַסיען, יאַטש־מען. אַלע אַנדערע ווערטער, וואָס ענדיקן זיך מיט אַ „מיאַכקי זנאַק" זיינען שוין במילא ווייבלעך!

בין איך זיך מודה, אַז איך ווייס נאָך ניט ביז צום היינטיקן טאָג דעם טייטש פֿון אַ סך ווערטער, וועלכע פֿיגורירן אין דער אויבן־געבראַכטער טאַבעלע, אָבער ווען איר זאָלט מיך אַפֿילו אויפֿוועקן אין מיטן שלאָף — וועל איך אייך זאָגן אויף אויסווייניק די גאַנצע טאַבעלע, וועלכע איך האָב זיך אויסגעלערנט נאָך מיט אַ יאָר פֿופֿציק צוריק.

אמת, פֿאַר אונדז חדר־יינגלעך, איז גאָר ניט געווען אַזוי גרינג זיך אויס־צולערנען אויף אויסווייניק אַזוי פֿיל שווערע ווערטער, וואָס אַפֿילו זלמן די בריל אַליין האָט זיי אונדז ניט אַלע געקענט פֿאַרטייטשן, אָבער מיר פֿלעגן זיך לערנען זאַלבעפֿינפֿט, ווייל זלמן די בריל פֿלעגט נעמען צו איין רובל מיט פֿופֿציק קאָפּיקעס אַ „שטונדע" אָדער אַן „אוראָק", און ווען מען לערנט זאַלבעפֿינפֿט דעם זעלביקן „אוראָק" קאָסט ניט מער ווי דרייסיק קאָפּיקעס אַ חודש און ס'איז אויך גרינגער זיך אויסצולערנען, ווייל איין יינגל זאָגט שוין אונטער דעם צווייטן.

אַזוי ווי איך האָב גראָד אויף דעם „מיאַכקי זנאַק" געהאַט זייער אַ גוטן זכּרון — פֿלעג איך זיין דער גרעסטער אונטערזאָגער.

איינער אַ חבר מיינער האָט געהאַט אַ פֿאַרשלאָפֿטן קאָפּ און יעדן מאָל, ווען זלמן די בריל פֿלעגט אים אויפֿרופֿן, ער זאָל זאָגן אויף אויסווייניק די גאַנצע טאַבעלע, פֿלעגט ער זיך שטענדיק פֿאַרהאַקן אין מיטן אָט ווי אַ זאָקן־מאַשין, ווען איינע אַ נאָדל גיט פּלוצלינג אַ שפּרונג אַרויס אין דער הויך

מיט אַן אויפֿגעריסענעם מײַלעכל און פֿאַרהאַלט דעם ווייטערדיקן גאַנג פֿון דער גאַנצער מאַשין.

ווען דער חבר מײַנער פֿלעגט זיך אָנהייבן צו ווערגן מיט אַזעלכע שווערע ווערטער, ווי „זשוראַוויל" אָדער „טשעקמען" — פֿלעג איך אים, פֿאַרשטייט זיך, באַלד אַרויסהעלפֿן.

אויף מיר קוקנדיק האָט אויך רבקהלע לאה מערעס אָנגעהויבן צו לערנען זיך רוסיש.

די מאַמע אירע, לאה מערע די בייגל־בעקערקע, אויב איר געדענקט, איז געוואָרן אונדזערע אַ שכנה באַלד נאָכדעם ווי מײַן עלטערע שוועסטער האָט חתונה געהאַט.

אויך לאה מערע איז געוואָרן יונגערהייט אַן אלמנה, ווי די מאַמע מײַנע און ס'זײַנען פֿאַרבליבן דרײַ קינדער: צוויי ייִנגלעך און אַ מיידל.

די עלטערע צוויי ייִנגלעך אירע, אברהם־מאיר און יאַנקל, האָבן שוין געגעסן טעג אין מינסק — איז זי פֿאַרבליבן, לאה־מערע, מיט דער מיזיניקע אירע, מיט רבקהלען, וואָס איז געווען אין מײַנע יאָרן.

רבקהלע אָבער איז געווען זייער אַ בלאַסע און אַ דאַרע. די מאַמע האָט מיר געזאָגט, אַז רבקהלע לײַדט, נעבעך, פֿון דער „דער" (שווינדזוכט). זי האָט אָבער געהאַט, רבקהלע, זייער גרויסע ליכטיקע אויגן פֿון בלויען קאָליר און צוויי לאַנגע צעפּלעך ביז איבער דער טאַליע.

מיך פֿלעגט נאָר פֿאַרדריסן, וואָס לאה מערע פֿלעגט יעדן פֿרײַטיק אויסוואַשן רבקהלעס קאָפּ מיט גאַזע (קעראָסין) און אַ גאַנצן שבתדיקן טאָג פֿלעגט פֿון רבקהלען שמעקן מיט נאַפֿט און כ'פֿלעג ניט קאָנען לערנען מיט איר רוסיש.

יע, כ'האָב אײַך פֿאַרגעסן צו דערציילן, אַז איך בין געוואָרן רבקהלעס רוסישער לערער, ווײַל די מאַמע אירע, לאה־מערע, האָט ניט געקאָנט צאָלן די דרײַסיק קאָפּיקעס אַ חודש פֿאַר אַן „אוראָק" ביי זלמן די בריל.

אָבער לאה־מערע די בייגל־בעקערקע האָט, זעט אויס, געהאַט דערבײַ נאָך אַ סך אַנדערע כוונות. זי האָט מיך בפֿיוון געמאַכט פֿאַר דעם לערער פֿון איר טאָכטער, כּדי איך זאָל זיך וואָס מער צוגעוואוינען צו רבקהלען.

די ביידע אלמנות, ד. ה. די מאַמע מײַנע און לאה־מערע, האָבן שוין אָפּנים צווישן זיך אָפּגערעדט, אַז ווען די ביידע „פֿליאַגעס" זייערע וועלן, מירצעשעם, אַרויס פֿון אַלע סכּנות — וועלן זיי נאָך אפֿשר, מיט מזל, ווערן אַ פּאָר אויף לאַנגע יאָר.

האָט מיר טאַקע רבקהלע איינמאָל פּלוצלינג אַ זאָג געטאָן:

— ווייסט, דאַניע, די מאַמע זאָגט, אַז ווען מיר וועלן ווערן גרויסע וועלן מיר חתונה האָבן!

בין איך פון רבקהלעס רייד געוואָרן רויט ווי אַ בוריק. ס׳האָט מיך אַ ברען געטאָן אין שטערן וואו פעסיע די מילנערקע האָט מיך שוין געהאַט איינמאָל אַ קוש געטאָן. און כ׳האָב זיך שטאַרק דערשראָקן, אַז אויך רבקהלע קען מיך נאָך אַ קוש טאָן אין שטערן, וויבאַלד זי רעדט שוין מיט מיר אַזעלכע רייד.

האָב איך געוואָלט וואָס גיכער פאַרטומלען אין זיך רבקהלעס רייד און איך האָב מיט איר אָנגעהויבן צו לערנען בלאָשטיינס טאַבעלע, לויט מיין אייגענעם שפּיל־סיסטעם.

ווען איך וועל זאָגן: „אַלטאַר", זאָלסטו זאָגן „בוקוואַר". ווען איך וועל זאָגן „וועפּר" — זאָלסטו זאָגן „וויכר" ווען איך וועל זאָגן „וואָפּל" — זאָלסטו זאָגן „גוואָזד" און אַזוי ווייטער און ווייטער ביז צום סאַמע לעצטן וואָרט „יאַטשמען" (גערשטן).

אַ דאַנק דעם דאָזיקן שפּיל־סיסטעם פון איינחזרן שווערע ווערטער, איז מיר בלאָשטיינס טאַבעלע פאַרבליבן אין זכרון אויף אייביקע יאָרן און אויך רבקהלע איז מיר פאַרבליבן אין זכרון אויף אייביקע יאָרן.

איר איז אָבער, לײַדער, ניט באַשערט געווען צו ווערן אַ גרויסע און חתונה צו האָבן מיט מיר, ווייל זי איז געשטאָרבן באַלד נאָך דעם ווי איך בין געוואָרן בר־מצוה.

זי האָט נאָך געהאַט באַוויזן, רבקהלע, מיר אויסצונייען אַ סאַמעטענעם תפילין־זעקל און אויסצוהעפטן אויף אים דעם פולן נאָמען מיינעם „דניאל".

דער מאַמען אירער האָט שטאַרק פאַרדראָסן, וואָס רבקהלע האָט אויסגענייט מיין פולן נאָמען, ווערלכער ענדיקט זיך מיט „אל", ווייל „אל" איז דאָך גאָט! און גאָטס נאָמען טאָר מען ניט אויסהעפטן, ניט זאָגנדיק אין פאָרויס אַ געוויסע תחינה.

איז טאָקע מעגלעך, אַז ווען רבקהלע נייט אויס אויף מיין תפילין־זעקל ניט מער ווי דעם נאָמען „דאַניע" — וואָלט זי נאָך אפשר געלעבט ביז צום היינטיקן טאָג, ווי איך!

ווער קאָן דען וויסן די אַלע חשבונות פון דעם אַלמעכטיקן, וואָס פירט־אָן מיט דער וועלט!

איך ווייס נאָר, אַז איך פיל זיך נאָך ביז היינט אַ ביסל שולדיק פאַר רבקהלעס פריצייטיקן טויט. עס פאַרדריסט מיך נאָך ביז היינט, וואָס גראָד אין די שבתדיקע טעג פלעג איך ניט וועלן שפּילן זיך מיט איר, ווייל פון איר

אויסגעצוואָגענעם קעפּל פּלעגט שמעקן מיט גאַזע, ווי פון אונדזער שבתדיקן לאָמפּ, וועלכער פּלעגט ברענען און ברענען אַזוי לאַנג אין דער שבתדיקער נאַכט אַריין, ביז ס'פּלעגט אויסגיין אין אים דער גאַנצער קעראָסין.

אויך רבקהלעס יונג לעבן איז אויסגעלאָשן געוואָרן פון זיך אַליין, ווי אַ שבתדיקער לאָמפּ.

איך ווייס, אַז ניט אַלע חשובע לייענער מיינע קענען רוסיש און ווייסן דעם באַטייט פון דעם „מיאַכקי זנאַק" אויף וועלכן ס'איז געבויט מיין היינ־טיקער קאַפּיטל. וועל איך זיי דאָ דערקלערן די וויכטיקע אויפגאַבע פון דעם „מיאַכקי זנאַק" (ווייכער בוכשטאַב) מיט דער פאָלגנדיקער געשיכטע:

איינער אַ קליינשטעטלדיקער ייד האָט באַזוכט צום ערשטן מאָל די גרויסע שטאָט און ווען ער איז געקומען צוריק אַהיים האָט ער דערציילט, אַז אין דער גרויסער שטאָט מאַכט מען ניט די שילדן אויף די קראָמען אויף אַ שטיק בלעך, נאָר יעדער אות איז באַזונדער אַריינגעקלאַפּט אין וואַנט אַריין. די אותיות זיינען געמאַכט פון שווערן מעטאַל און זעען אויס ווי פון גאָלד. יעדער אות באַזונדער וועגט אוודאי אַ גאַנצענעם פוד! איז איינמאָל אויסגעבראָכן אין שטאָט אַ שרעקלעכער שטורעם־ווינט, וועלכער האָט אַרויסגעריסן פון די ווענט אַ סך מעטאַלענע אותיות און אַ סך מענטשן זיי־נען פון זיי דערהרגעט געוואָרן!

—ביזטו געווען דערביי? — האָט מען דעם יידן אַ פרעג געטאָן.

— אוודאי בין איך געווען דערביי! — האָט דער באַרימערישער ייד געענטפערט.

— איז ווי אַזוי ביזטו געבליבן לעבן?

— גראָד מיט מיר האָט פּאַסירט אַ נס. אויף מיר איז אַרויפגעפאַלן אַ „מיאַכקי זנאַק"! — איז געווען דעם יידס ענטפער.

גלייב איך, אַז אויך מיט מיר האָט פּאַסירט אַזאַ מין נס! אויך אויף מיר איז נאָך ייִנגלוויז אַרויפגעפאַלן אַ „מיאַכקי זנאַק". דאָס איז געווען פעסיע דעם מילנערס...

לוויות פלעגן פארקומען אין אונדזער שטעטל, דאנקען גאט, זייער זעלטן.

ס'איז אפשר דערפאר, ווייל אין דיקאר איז ניט געווען קיין דאקטאר — האט מען קיינמאל ניט געוואוסט ווען מען דארף שטארבן.

ס'פלעגט אבער פאסירן, אז ביים פריץ, צי ביים גלח, פלעגט עמיצער ווערן שווער קראנק, דעמאלט פלעגט מען ארויסרופן א דאקטאר אזש פון מינסק (פינף רוסישע מייל פון דוקאר).

ווען ס'שטעטל פלעגט זיך דערוויסן אז ביים פריץ, צי ביים גלח, איז פאראן א דאקטאר פון מינסק — פלעגן א סך מאנסבילן און ווייבער באפאלן ווערן פלוצלונג פון פארשיידענע מינים קרענק, נישט פאר אונדז געדאכט.

איינער האט זיך געכאפט, אז עס ברענט אים שטענדיק אויפן הארצן, א צווייטער האט זיך דערמאנט, אז עס דריקט אים שטארק אונטערן לעפע־לע און א דריטער האט זיך ארומגעזען, אז ער קאן שוין מער ניט אויס־האלטן פון זיינע „אנחנו ישראל" (מיר — יידן).

אויך צווישן די ווייבער פלעגט ווערן א גרויס געלאף צום דאקטאר. איין יידינע ליידט אפט פון „ספאזמעס" (חלשות), א צווייטע, פון בויכוויי־טיק, כאטש זי טראגט שוין ניט מער, און א דריטע קאן בשום־אופן ניט פארשווענגערן, כאטש זי איז שוין עטלעכע יאר נאך דער חתונה.

אויך יונגע מאמעס מיט זייערע עופעלעך אויף די הענט פלעגן זיך שפארן צום דאקטאר. איין עופעלע גיט באלד צוריק די מילך, וואס עס באקומט פון דער מאמען, א צווייט עופעלע הערט ניט אויף צו שרייען טאג און נאכט און א דריט עופעלע איז, נעבעך, ארויסגעפאלן פון וויג און ס'האט באקומען וואסער אין קאפ (אזא מין ענגלישע קרענק).

דער מינסקער דאקטאר (א ייד, פארשטייט זיך) פלעגט אלעמען גוט אויסהערן מיט זיין הילצערנעם טרייבל און גוט אויסקלאפן מיט צוויי פינגער אלעמענס ברוסט־קאסטנס. נאך דעם פלעגט ער, פארשטייט זיך, אנשרייבן פאר יעדן איינעם א רעצעפט און באקומען דערפאר א „פערטעלע" אדער א האלבן רובל.

די קראנקע פלעגן אוועקגיין פון דאקטאר זייער צופרידענע, ווייל סוף־כל־סוף האבן זיי דאך איינגעהאנדלט א מציאה. ווען מען זאל דארפן, חלילה,

פֿאָרן צו דעם זעלבן דאָקטאָר אַזש קיין מינסק — וואָלט עס אָפּגעקאָסט אַ מטמון מיט געלט!

אויך דער דאָקטאָר פֿלעגט אַוועקפֿאָרן פֿון דוקאָר אַ צופֿרידענער, ווייל אויף די דאָזיקע „פֿערטעלעך" און האַלבע רובלס האָט ער זיך ניט געהאַט געריכט.

דער פּריץ אָדער דער גלח האָט דאָך אים סיי־ווי־סיי גאַנץ גוט באַצאָלט פֿאַר זיין וויזיט.

אָבער ווי נאָר דער דאָקטאָר פֿלעגט שוין זיין אַוועקגעפֿאָרן פֿון שטעטל, פֿלעגן אַלע קראַנקע מאַנסבילן און ווייבער תיכּף ווערן ווידער געזונט!

די רעצעפּטן פֿלעגט מען פֿאַרשטעקן ערגעץ־וואו טיף־טיף אין די שופֿלאָדן אויף — הלוואי מען זאָל זיי ניט דאַרפֿן!

ס'איז דאָך אָנגענעמער צו זיפֿצן און צו קרעכצן, יוען מען ווייסט, אַז ערגעץ־וואו אין אַ שופֿלאָד איז פֿאַראַן אַ רעצעפּט פֿון אַ גרויסן דאָקטאָר.

האָב איך געהערט אַ מעשה, אַז מאָטע דער שוחט, וואָס איז געווען דער ראש הקהל פֿון דוקאָר, האָט זיך איינמאָל געפּאַרעט אויף דער סאַמע אויבערשטער פּאָליצע פֿון דעם „פּאָל" אין אונדזער מרחץ. דער בעדער איז געשטאַנען לעבן אים מיט אַ גוט־באַבלעטערטן בעזים און אים געשמיסן מיט זודיקן וואַסער פֿון דעם שעפֿל, וואָס ער האָט געהאַט לעבן זיך. פּלוצלינג גיט מאָטע דער שוחט אַ זאָג צום בעדער:

— ס'איז מיר ניט גוט!

נעמט דער בעדער און שמייסט אים ווייטער מיטן זודיקן וואַסער.

גיט שוין מאָטע דער שוחט אַ קרעכץ:

— אוי, ס'איז מיר ניט גוט!

דער בעדער אָבער מאַכט זיך תּמעוואַטע און שמייסט אים ווייטער מיטן באַבלעטערטן בעזים און זודיקן וואַסער.

נעמט מאָטע דער שוחט און קייקלט זיך אַרונטער פֿון דער אויבערשטער פּאָליצע ביז סאַמע אונטן אויף דער פּאָדלאָגע פֿון מרחץ.

דענסטמאָל ערשט האָט דער בעדער אָפּגעגאָסן מאָטע דעם שוחט מיט אַ שעפֿל קאַלט וואַסער, און ווען מאָטע איז שוין געווען געקומען צו זיך, האָט ער מעשה גבאַי אָנגעהויבן צו שרייען אויף דעם בעדער:

— שוטה איינער! אַז כ'זאָג דיר „מיר איז ניט גוט" שמייסטו מיך ווייטער מיטן זודיקן וואַסער!

האָט זיך דער בעדער אָנגעהויבן צו פֿאַרענטפֿערן:

— כ'וועל אייך זאָגן דעם אמת, ר' מאָטע. אַז אַ ייד זאָגט מיר, ס'איז

אים ניט גוט, טראַכט איך בשעת מעשה: וועמען דען איז גוט? איז דען מיר גוט צו שטיין אַ גאַנצן פֿרייטיק אויפֿן „פּאָל" און פּאַרען יידן? און וועלכע יידן איז דען גוט אין די היינטיקע צייטן? ווען איר זאָגט מיר אָבער, ר' מאָטע, אַז אייך איז, חלילה, „מלאַשנע" — וואָלט איך זיך תיכף גע־כאַפּט,אַז אייך איז טאַקע ניט גוט און כ'וואָלט אייך אָפּגעגאָסן מיט אַ קאַלט שעפּל וואַסער נאָך איידער איר האָט זיך אַרונטערגעגליטשט.

האָבן אַלע נאָקעטע יידן פֿון מרחץ באַלד מסכים געווען מיטן בעדער, אַז ווען מען האַלט, חלילה, ביים חלשן, דאַרף מען בעסער זאָגן „מלאַשנע", ווייל „ניט גוט" איז דאָך טאַקע אַלעמען ניט גוט!

אָבער ניט געקוקט אויף די אַלע „ניט־גוטסקייטן", פֿלעגן אַ סך דור־קאַרער יידן אַריינלעבן, אָן עין־הרע, אין טיפֿן עלטער אַריין, און ווען עס פֿלעגט קומען די צייט — פֿלעגט מען זיך געבן אַ שטאַרב אַוועק, איבער־לאָזנדיק אין די שופֿלאָדן די אַלע רעצעפּטן, וואָס וועלן אפֿשר צוניצקומען פֿאַר די קינדער אָדער אייניקלעך.

אַ ניט־געמאַכטער רעצעפּט ווערט דאָך קיינמאָל ניט קאַליע!

דעם שענסטן טויט האָט געהאַט ביי אונדז זושע דער שמש, ע"ה.

זושע דער שמש איז אויך געווען דער סופֿר פֿון אונדזער שטעטל. גאַנץ דוקאָר האָט געדאַוונט אין זיינע תּפֿילין און אויף אַלע דוקאָרער טירן זיי־נען געווען אָנגעקלאַפּט זיינע מזוזות. אויך אַפֿילו עטלעכע ספֿר־תּורה'ס האָט זושע דער שמש באַוויזן אָנצושרייבן אין משך פֿון זיין לאַנגן־לאַנגן לעבן.

אויסער דעם איז זושע דער שמש אויך געווען דער בעל־מציצה אויף אַלע בריתן פֿון דוקאָר. ס'איז אים גוט געווען צו זיין אַ בעל־מציצה, ווייל די וואַנסעס אונטער זיין נאָז זיינען שוין געווען אינגאַנצן אויסגעבערענט פֿון צופֿיל טאַבאַק־שמעקן.

ער איז געווען, ר' זושע, אַ גרויסער טאַבאַק־שמעקער. ערב שבת פֿלעגט ער אָנשטאָפּן פֿולע נאָזלעכער מיט שמעק־טאַבאַק, עס זאָל קלעקן אויף דעם גאַנצענעם שבת.

די רעשטלעך פֿון זיינע וואַנסעס, ווי אויך אַפֿילו זיין באָרד האָבן ניט געהאַט קיין באַשטימטן קאָליר. אָט ווי פֿלאַקס אָדער „פּאַקולע", וואָס איז ניט געל, ניט גרוי און ניט בלוי.

ער אַליין, ר' זושע, איז געווען פֿון נידעריקן וואוקס, אָבער, אַ ברייטביי־נערדיקער און אַ פֿלינקער. וואו נאָר ערגעץ אַ „לחיים" אין שטעטל — איז ער דאָרטן געווען, פֿאַרשטייט זיך, דער ערשטער. ס'פֿלעגט כמעט ניט דורכ־גיין קיין טאָג, אַז זושע דער שמש זאָל ניט מאַכן קיין פֿיינעם „לחיים". דו־

קאָרער יידן פֿלעגן זייער אָפֿט האָבן יאָרצייטן און ביי יעטוועדן יאָרצייט פֿלעגט דער אבל שטעלן אין שול אַ פֿלאַש שנאַפּס מיט בייגל. אויך ישובניקעס אַרום דוקאָר פֿלעגן אָפֿט קומען אין שטעטל פּראַוווען זייערע יאָרצייטן. פֿאַרשטייט זיך, אַז זושע דער שמש איז געווען דער ערשטער צו מאַכן דעם „לחיים" און אויך דער לעצטער צו פֿאַרענדיקן די פֿלאַש.

אָט־אַזוי האָט זושע דער שמש אַריינגעלחיימט ביז 82 יאָר.

זיין בעסטער „לחיים"־קאַמעראַד איז געווען, פֿאַרשטייט זיך, אָשר דער מלמד, וואָס איז געווען דער „חוזר" פֿון דעם אַלטן ליובאַוויטשער, זצ"ל.

האָט טאַקע איינמאָל פּאַסירט, אַז ווען די ביידע זיינען געוואָרן גוט שי־כּור, האָט זושע דער שמש פּלוצלינג אַ פֿרעג געטאָן אָשר דעם מלמד:

— הער נאָר, אָשר, וואָס טראַכסטו ביים אָפּריכטן חצות: טראַכסטו וועגן דעם רבונו של עולם, אָדער, טויזנט מאָל להבדיל, וועגן דיין יידענע?

וואָס אָשר דער מלמד האָט געענטפֿערט אויף דעם זושען דעם שמש — ווייס איך ניט.

איך ווייס אויך ניט, ווען זושע דער שמש איז געוואָרן אַן אַלמן. זיינט איך געדענק אים — איז ער שוין געווען אַן אַלמן און ער פֿלעגט דאַרפֿן אַכטונג געבן אויך אַפֿילו אויף דער ווייבערשער שול.

ווען זושע דער שמש איז אָבער אויף דעם 82־טן יאָר פֿון זיין לעבן גע־וואָרן אַ גרויסער חלוש און שוין ניט געקאָנט מער באַדינען קהל — האָט ער געבעטן ביים קהל ניט מער ווי דריי זאַכן, מיט וועלכע ער האָט געוואָלט פֿאַרענדיקן זיין פֿיין, גאָטספֿאַרכטיק לעבן, און נעמלעך: קאַקאַאָ, שנאַפּס און שמעק־טאַבאַק.

האָט די דוקאָרער קהילה צוגעשטעלט, פֿאַרשטייט זיך, מיט גרויס כּבוד די אַלע דריי זאַכן פֿאַר איר געטרייען און באַליבטן שמש און סופר, ביז אין איינעם אַ פֿרימאָרגן איז געקומען צו לויפֿן אין דער אַלטער שול זושעס אַ פּלימעניק — „הירשעלע דער קליינער", וואָס איז שוין אַלט געווען אַ יאָר פֿערציק, — און ער האָט אָנגעזאָגט די „שחרית"־יידן, אַז זיין פֿעטער זושע האָלט, קאָנטיק, ביים אויסגיין.

זיינען עטלעכע שול־יידן באַלד אַוועק צו זושע דעם שמש. ער האָט נאָך געלעבט. איז דער גוסס געוואָרן שטאַרק צופֿרידן, וואָס יידן קומען צו אים געזעגענען זיך. האָט זושע דער שמש מיט די לעצטע כּוחות זיינע אָנ־געזאָגט זיין פּלימעניק הירשעלען, אַז אויף איינער אַ פּאָליצע ליגן אַ פּאָר תּפֿילין, וואָס מען האָט ביי אים באַשטעלט — זאָל ער זיי איבערגעבן ווען מען דאַרף, און אַז אויף דער צווייטער פּאָליצע שטייט נאָך אַ פֿלעשל מיט

משקה — דאַרפֿן יידן מאַכן אַ „לחיים". האָט „הירשעלע דער קליינער" אָנ־געגאָסן פֿולע גלעזלעך. זיי האָבן געמאַכט איין מאָל אַ „לחיים" און אַ צווייטן מאָל און אַ דריטן, ביז מען האָט אויסגעליידיקט די פֿלאַש. דענסטמאָל האָט „הירשעלע דער קליינער" פֿאַרריסן די פּאָלעס און איז אַוועק אין אַ טענצל. אויף אים קוקנדיק, האָבן די אַנדערע שול־יידן פֿאַרלייגט די הענט אויף די פּלייצעס און אָנגעהויבן צו טאַנצן אַ דריידל. איז געוואָרן זייער פֿריילעך ביי זושען אין שטיבל. יידן זינגען און טאַנצן, און ס'איז אַ מחיה צו שטאַרבן אונטער די קלאַנגען פֿון דעם רבינס ניגון... איז זושע דער שמש אויסגע־גאַנגען פֿאַר גרויס פֿרייד, וואָס יידן בלייבן אַפֿילו אין אָנגעזיכט פֿון טויט.

ווען „הירשעלע דער קליינער" האָט שפּעטער אַ ביסל צוגעלייגט די געגנדזענע פֿעדער צו זיין פּעטערס נאָז — האָט זיך שוין די פֿעדער מער ניט באַוועגט. אַ סימן, אַז זושע דער שמש איז נפֿטר געוואָרן. האָט מען גע־זאָגט „ברוך דיין אמת" און מ'האָט אים „אָפּגעהויבן".

אַט־אַזוי איז זושע דער שמש געשטאָרבן אויפֿן 82־טן יאָר פֿון זיין לעבן (הלוואַי אויף מיר געזאָגט געוואָרן אַזאַ פֿיינער טויט!).

גאַנץ שטעטל איז, פֿאַרשטייט זיך, געגאַנגען צו זיין לוויה און מ'האָט אים אַוועקגעלייגט אויפֿן שענסטן אָרט פֿון אונדזער בית־עולם.

ער האָט אָנגעזאָגט, ר' זושע, אַז מען זאָל אים ניט אַוועקלייגן, חלילה, צו־נאָענט צו די נשים...

ווי עס זעט אויס, האָט זושע דער שמש געטראָגן עפּעס אַ האַרץ אויף די ווייבער פֿון דוקאָר.

מיר איז שוין ניט באַשערט געווען דורכצומאַכן די לוויה פֿון זושע דעם שמש, ווייל כ'בין שוין געווען דענסטמאָל אַוועקגעפֿאָרן פֿון דוקאָר.

אָבער דערפֿאַר האָב איך געהאַט איינמאָל דורכגעמאַכט אין דוקאָר אַ „לוויה" פֿון אַ לעבעדיקן יידן.

עפּעס איינעם אַ יידן האָט זיך פֿאַרגלוסט פּלוצלונג אַוועקצופֿאָרן קיין אַמעריקע.

מיט אַ יאָר פֿופֿציק צוריק איז נאָך אַמעריקע געווען שרעקלעך ווייט פֿון אונדזערע מקומות.

די מאַמע האָט מיר געהאַט געזאָגט, אַז אַמעריקע געפֿינט זיך אויף דער צווייטער זייט וועלט, וואו אַלץ איז מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פֿיס אַרויף.

האָט גאַנץ דוקאַר שטאַרק רחמנות געהאַט אויף דעם יידן, וואָס פֿאָרט אַוועק אַזש צו דער צוויטער זייט וועלט!

איז גאַנץ שטעטל אַוועקגעגאַנגען באַגלייטן דעם יידן, ווי ער וואָלט שוין געווען, חלילה, אַ מת. ס'האָט נאָר געפֿעלט ביי דער „לוויה" זושע דער שמש מיט זיין „צדקה תציל ממוות"־פּושקע.

דעם יידנס מאַמע האָט שרעקלעך געוויינט. זיין ווייב האָט אויך ביטער געוויינט. האָבן שוין די קינדער אויך געוויינט אויפֿן קול און אַפֿילו איך האָב זיך אויך פֿאַנאַנדערגעוויינט, כאָטש דער ייד איז ניט געווען פֿון מיין משפּחה.

איז מען נאָכגעגאַנגען די פֿור מיט דעם יידן אַזוי לאַנג, ביז צו דער גרויסער בריק אויף אונדזער טייך.

פּלוצלונג אָבער האָט זיך דער באַלעגאָלע אַרומגעזען, אַז מען קאָן נאָך פֿאַרשפּעטיקן די באַן אין רודענסק — האָט ער אַ שמיץ געטאָן זיין פֿערד. האָט זיך דאָס פֿורעל אַ יאָג געטאָן אויף דעם זאַמדיקן שליאַך, איבערלאָזנדיק הינטער זיך אַ וואָלקן מיט שטויב.

זיינען מיר אַלע שטיין געבליבן אויפֿן מיטן שליאַך ווי אָפּגעשמיסענע.

אָט־אַזוי איז פֿאַרשוואונדן געוואָרן פֿון דוקאָר אַ געזונטער יונגער ייד, איבערלאָזנדיק הינטער זיך אַ וואָלקן פֿון שטויב און אַ ווייב מיט קליינע קינדער.

פֿלעג איך אָפֿט פֿרעגן מיין מאַמען, צו־וואָס פֿאָרן יידן אַזש קיין אַמע־ריקע, וויבאַלד ס'איז אויף דער צווייטער זייט וועלט, וואו מען גייט מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פֿיס אַרויף?

פֿלעגט מיר די מאַמע ענטפֿערן, אַז קיינער פֿאָרט ניט קיין אַמעריקע צו־ליב פֿאַרגעניגן וועגן. די נויט טרייבט — פֿאָרט מען, נעבעך!

בין איך געווען צופֿרידן, וואָס די עלטערע ברידער מיינע ווייסן ניט, דאַנקען גאָט, פֿון קיין נויט און זיי דאַרפֿן ניט פֿאָרן אַזש קיין אַמעריקע.

מיך ציט קיין מינסק —

אין איינעם אַ שבת צווישן יום־כּיפּור און סוכּות בין איך געוואָרן בר־מצווה.

אין יענעם שבת האָט זיך די מאַמע געהאַט אויסגעפּוצט אין די זעל־ביקע פייגע בגדים, וואָס זי האָט געהאַט געטראָגן צו מיין שוועסטערס חתונה.

די בר־מצווה פון איר מיזיניק — דעם „פליאַגע" — איז געווען פאַר דער מאַמען ניט קיין קלענערער יום־טוב, ווי די חתונה פון איר בת־יחידה.

אויך צו מיין בר־מצווה האָט די מאַמע אָנגעטאָן אירע ביידע רינגעלעך, וועלכע זי פלעגט שטענדיק האַלטן פאַרשטעקט טיף־טיף אין איינעם פון אירע שופליאָדן.

איין רינגעלע איז געווען איר קדושין־רינג, וועלכן זי האָט געהאַט אויסגעטאָן מיט אַ יאָר צוועלף צוריק, ווען זי איז געוואָרן אַן אלמנה. דאָס צווייטע רינגעלע, וואָס איז אויך געווען פון אמתן גאָלד האָט אויסגעזען, ווי אַ צונויפגעדרייטער שלאַנג מיט צוויי גרינע שטיינדלעך אין קאָפּ, ווי צוויי אמתע שלאַנגען־אויגן.

ווען די מאַמע פלעגט אָנטאָן די ביידע רינגעלעך — פלעגט זי שוין גאָר אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז זי איז אַן אלמנה און איך פלעג פאַרגעסן, אַז איך בין אַ יתום.

צו מיין בר־מצווה אָבער האָבן זיך אַלע געכאַפּט, אַז עס פעלט מיר דער טאַטע, וועלכער זאָל קאָנען זאָגן צו מיר דעם פּסוק „ברוך שפּטרני", ד. ה. אַ דאַנק דיר, גאָט, וואָס דו האָסט מיך באַפרייט פון מיין זון, וועלכער וועט פון היינט אָן און ווייטער שוין אַליין טראָגן אויף זיך די אחריות פאַר אַלע זיינע מעשׂים.

מייך מאַמע, כאָטש זי איז געווען אַ וואוילגעלערנטע און זי האָט צוועלף יאָר נאָכאַנאַנד אויסגעפּילט לגבי מיר אויך די פונקציעס פון אַ טאַטן — איז זי דאָך געווען אַן אישה. און ווען מען האָט מיך שבת אויפגערופן צו מיין בר־מצווה־מפטיר — האָט זי ניט געקאָנט שטיין לעבן מיר אויף דער בימה, ווי אַ טאַטע וואָלט געווען געשטאַנען, נאָר זי איז געזעסן מיט אַלע אַנדערע יידענעס אין דער ווייבערשער שול און מיך באַשטראַלט פון אויבן מיט אירע צוויי גרויסע פייכט־געוואָרענע אויגן, ווי מיט צוויי פּראָזשעק־טאָרס.

כ׳האָב דערפֿילט אויף מיין באַטליתטער פּלייצע די פֿייכטע וואַרעמקייט פֿון דער מאַמעס צעשטראַלטע אויגן און כ׳האָב אָפּגעזאָגט דעם מפֿטיר, ווי אַ מזמור אָן קיינע שום שטרויכלונגען.

אויך מיין בר־מצווה־דרשה, וואָס אשר דער מלמד האָט מיט מיר געהאַט איינגעחזרט, האָב איך ביי דער בר־מצווה־סעודה געהאַט אָפּגעזאָגט אָן קיינע שום שטרויכלונגען, ווי ס׳וואָלט געווען בלאָשטיינס טאַבעלע פֿון ווערטער, וועל־כע ענדיקן זיך מיט אַ „מיאַכקי זנאַק" און זיינען דורכויס פֿון מענלעכן גע־שלעכט.

וואונדער איך זיך איצטער, וואָס די גאַנץ לאַנגע טאַבעלע מיט די אומפֿאַרשטענדלעכע רוסישע ווערטער פֿון בלאָשטיינס גראַמאַטיקע געדענק איך נאָך ביז צום היינטיקן טאָג, בעת מיין בר־מצווה־דרשה האָב איך שוין אין אַ קורצער צייט אַרום געהאַט פֿאַרגעסן.

ס׳איז אפֿשר דערפֿאַר, וואָס איך האָב לכתחילה געוואוסט, אַז מיין בר־מצווה־דרשה איז גילטיק נאָר פֿאַר איין־איינציק מאָל אין מיין לעבן, בעת דעם אונטערשייד צווישן דעם מענלעכן און ווייבלעכן געשלעכט פֿון בלאָשטיינס גראַמאַטיקע וועל איך מוזן געדענקען אויף אייביקע יאָרן...

איך געדענק אויך, אַז ווי נאָר איך בין געוואָרן בר־מצווה — האָט מיך אַפֿילו די מאַמע שוין אָנגעהויבן צו באַהאַנדלען ווי אַ מאַנספּאַרשוין.

ווען כ׳פֿלעג קומען פֿרייטיק ביינאַכט פֿון דער שול — פֿלעגט מיר די מאַמע זאָגן:

— נו, דניאל, מאַך קידוש! (שוין נישט מער „דאַניע", נאָר דניאל).

פֿלעג איך, מעשה דערוואַקסענער, מאַכן קידוש איבער די צוויי חלות און די מאַמע פֿלעגט פֿרום ענטפֿערן „אָמן", ווי כ׳וואָלט פֿאַר איר געווען דער טאַטע מיינער.

נאָך בר־מצווה האָט מיך די מאַמע אויך שוין אויפֿגעהערט צו נעמען צו זיך אין בעט אַריין, ווי זי פֿלעגט עס שטענדיק טאָן אין די קאַלטע ווינטער־דיקע נעכט. אין אַזעלכע נעכט פֿלעגט מיך גאַנץ אָפֿט פֿאַרדריסן, וואָס איך בין שוין געוואָרן בר־מצווה, ווייל ס׳איז נישטאָ קיין געשמאַקערע זאַך, ווי איינצושלאָפֿן ווינטער־צייט אין די וואַרעמע אָרעמס פֿון אַ מאַמען!

ווייבאַלד אָבער די מאַמע האָט מיך שוין אָנגעהויבן צו באַהאַנדלען ווי אַ מאַנספּאַרשוין — האָב איך שוין אויך אָנגעהויבן ריידן צו איר ווי אַ דער־וואַקסענער.

האָב איך איינמאָל צו דער מאַמען אַזוי געזאָגט:

— הער נאַר, מאַמעלע, כ'מיין, אַז דו דאַרפֿסט מיך שוין אָוועקפֿירן קיין מינסק צו די עלטערע ברידער מיינע.

אַלע מיינע פֿיר עלטערע ברידער זיינען שוין געווען דענסטמאָל אין מינסק.

די גאַר עלטסטע צוויי — מענדל און זאַלקע — זיינען שוין געווען פֿאַרדינערס. די ביידע האָבן געדינט אין דער ביליקער קיך („דעשאָוואַיאַ קוכניאַ"), וואָס אויף דער ראַקאָווער גאַס. דער גאַר עלטסטער ברודער, מענדל, איז געווען דער פֿאַרוואַלטער פֿון דער קיך און דער צווייטער, זאַלקע, איז געווען דער פֿאַרוואַלטער פֿון ביליקן טיי־הויז („טשאַינאַ").

די אַנדערע צוויי ברידער מיינע, שמואל און ברוך (די צוקונפֿטיקע ש. ניגער און ב. וולאַדעק), האָבן נאָך אָפֿיציעל געהאַט געלערנט אין די ישיבות און געגעסן „טעג", אָבער אין דער אמתן האָבן זיי שוין שטילערהייט שטודירט די פֿאַרשיידענע מינים טריף־פּסלען און זיך געלערנט רוסיש.

מיין ברודער ברוך (אָדער „באַניע", ווי מיר פֿלעגן אים רופֿן) האָט שוין אַפֿילו געהאַט אָפּגעדרוקט אין דער רוסישער צייטונג „מינסקי ליסטאָק" אַ באַשרייבונג פֿון אונדזער שטעטל. ער האָט געשילדערט דעם גרויסן דלות און אָפּגעשטאַנענקייט פֿון אונדזער שטעטל, וואָס מוז ציען זיין גאַנצע חיונה פֿון דעם אָרימען ווייס־רוסישן פּויער.

גראָד צו יענער צייט איז געווען געשטאָרבן אונדזער באַליבטער רב, אונדזער עלטער פֿעטער הרב משה טשאַרני, ז"ל, און די כּלי־קודש פֿון דוקאָר האָבן געזוכט אַן אײדעם אַ רב, וואָס זאָל חתונה האָבן מיט דער עלטסטער יתומה פֿון דעם רב'ס משפּחה און פֿאַרנעמען דעם ליידיק־געבליבענעם כּסא הרבנות פֿון דוקאָר מיט די אַרומיקע ישובים.

זיינען די גבאים פֿון שטעטל געוואָרן שטאַרק אויפֿגעבראַכט אויף מיין ברודער באַניען, ווייל וועלכער רב וועט עס וועלן ווערן דער פֿירער פֿון אַזאַ מין שטעטל, וואָס באַשטייט כּמעט דורכויס פֿון קבצנים און שטעקל־דרייערס?

האָב איך זיך געריסן קיין מינסק אַנצוזאָגן מיין ברודער באַניען, אַז ער זאָל ניט קומען קיין דוקאָר אַזוי לאַנג ביז מען וועט ניט געפֿינען אַ נייעם רב. ער קאָן נאָך, חלילה, כאַפּן פּעטש.

אויסער די אַלע זאַכן האָט מיך געצויגן קיין מינסק צוליב פּעסיע דעם מילנערס, וואָס איז אַוועקגעפֿאָרן אַהין שטודירן „אויף אַלע אַכט קלאַסן".

אמת, פּעסיע דעם מילנערס איז טאַקע געווען עלטער פֿון מיר אויף אַ יאָר פֿיר אָדער פֿינף. אָבער זי איז דאָך געווען דאָס ערשטע מיידל, וואָס

האָט מיך צום ערשטן מאָל אַ קוש געטאָן אין שטערן, ווען איך בין אַוועק מיט איר אין וואַלד קלייבן יאַגדעס.

אמת, נאָך בר־מצווה איז שוין טאַקע אַ גרויסע עבירה צו טראַכטן וועגן מיידלעך, בפֿרט נאָך ווען אין דער גמרא שטייט, אַז „מחשבה כמעשה דמי״, דאָס הייסט, אַז טראַכטן וועגן אַ זינדיקער זאַך איז שוין אַלץ איינס ווי צו באַגיין די דאָזיקע זינד. אָבער וואָס האָב איך געקאָנט טאָן, אַז פּעסיעס ערשטער קוש האָט געעגבערט מיין מוח, אָט ווי טיטוסעס פֿליג, רחמנא ליצלן.

פֿאַרשטייט זיך, אַז דער מאַמען האָב איך קיינמאָל ניט דערציילט, פֿאַר־וואָס איך לייען אַזויפֿיל רוסישע ביכלעך, וואו איך זוך שטענדיק דעם סוד פֿון דער ליבע.

אין אונדזערע הייליקע ספֿרים איז דאָך קיין וואָרט נישטאָ וועגן ליבע, אַ חוץ פֿאַרשטייט זיך „שיר השירים״, אָבער „שיר השירים״ איז דאָך ניט מער ווי אַ משל צום פֿאָלק ישראל, בעת אין די רוסישע ביכלעך, וואָס פּע־סיע האָט געהאַט געליִיענט, איז געווויס פֿאַראַן אַ סך זאַכן וועגן ליבע — אַז ניט וואָלט זי דאָך מיך ניט אַ קוש געטאָן פּלוצלינג אין שטערן און זי וואָלט זיך ניט געקייקלט נאָך דעם אין גראָז מיט איר „כע־כע־כע״ און „כי־כי־כי״, ווי די לילית, רחמנא ליצלן.

האָט אָבער גאָט אַליין צוגעשיקט קיין דוקאָר אַ קאַטערינטשיק, וועל־כער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין מיטן מאַרק און ער האָט אָנגעהויבן אויס־צודרייען אויף זיין קאַטערינקע אַזעלכע רוסישע לידער, וואָס האָבן פֿאַר־כאַפּט מיין האַרץ.

כמעט אַלע קאַטערינקע־לידער זיינען געווען וועגן ליבע, וועגן דער אומגליקלעכער ליבע, אָט פּונקט ווי די מייניקע.

האָב איך איינס אַזאַ ליד זיך דערנסטמאָל אויסגעלערנט אויסווייניק, וויל כ'בין געווען דערנסטמאָל מער ווי זיכער, אַז אויך פּעסיע דעם מילנערס זינגט שוין דאָס דאָזיקע ליד ערגעץ־וואו אין מינסק.

דאָס טרויעריקע ליבע־ליד האָט זיך אָנגעהויבן מיט די פֿאָלגנדיקע פֿיר שורות:

„נאַ שטאָ מעניאַ מאַט ראָדילאַ,
נאַ שטאָ מעניאַ באָך סאָזדאַל?
קאָוואָ יאַ ווירנאַ ליובילאַ —
טאָוואָ מניע באָך ניע דאַל!״

איך גלייב, אַז אַ סך פֿון מיינע לעזוער און לעזערינס געדענקען נאָך אויך דאָס דאָזיקע האָרץ־פֿאַרכאַפּנדיקע קאַטערינקע־ליד מיט דעם זייער טרויעריקן ניגון און כ׳בין זיך מודה, אַז אַפֿילו איצטער נאָך, ווען כ׳דער־הער ערגעץ־וואו שפּילן אַ קאַטערינקע — גיט מיר אַ צופּ ביים האַרצן, ווי פּעסיע דעם מילנערס וואָלט מיר שוין ווידער אַמאָל אַ קוש געטאָן...

האָט די מאַמע מיינע סוף־כּל־סוף באַנומען מיין גרויסע בענקשאַפֿט נאָך מינסק, כאָטש זי האָט לחלוטין נישט געוואוסט, וואָס אַזוינס יאָגט מיך צו דער דאָזיקער שטאָט, וואו זי זעט ניט פֿאַר מיר קיין שום תּכלית.

ווען כ׳זאָל פֿאַרבלייבן אין מינסק — מוז איך דאָך דאָרטן אָנהייבן עסן טעג, ווי די עלטערע ברידער מיינע, און דענסטמאָל וועט דאָך פֿון מיר ווערן אַ תּל!

דרייצן יאָר נאָכאַנאַנד האָט מיך די מאַמע געקעכלט און געהיט, ווי אַן אויג אין קאָפּ און פּלוצלינג גאָר זאָל זי מיך איבערלאָזן אויף הפקר אין אַזאַ גרויסער שטאָט!

אמת, איך האָב דאָרטן אַלע מיינע פֿיר ברידער, אָבער די עלטערע צוויי קלייבן זיך גאָר אַזש קיין אַמעריקע (ס׳האָבן זיך אונטערגערוקט די פּריזיוון) און די אַנדערע צוויי זיינען נאָך ניט אַהער און ניט אַהין. האַלבע טעג לערנען זיי נאָך אין די ישיבות און די אַנדערע האַלבע טעג לערנען זיי זיך גאָר אויף די ערשטע פֿיר קלאַסן גימנאַזיע.

אָבער די מאַמע האָט געהערט, אַז אין מינסק איז פֿאַראַן אַזאַ מין דאָק־טאָר מיטן נאָמען שאַפּירא, וועלכער ראַטעוועט ממש מענטשן!

ער שניידט אויס אַלע קראַנקע ערטער פֿון גוף און דער מענטש ווערט ווי אויפֿסניי געבוירן.

צו יענער צייט האָב איך שוין געהאַט אויף מיין האַנט גענוג קראַנקע ערטער אויסצושניידן!

האָט מיך די מאַמע אַוועקגעפֿירט קיין מינסק.

מיר זיינען געפֿאָרן ניט מיט די באַלעגאָלעס, וואָס פֿלעגט נעמען אַ גאַנצע נאַכט, נאָר מיט דער באַן, ווייל אין דוקאָר איז שוין געווען אַ מנהג אַזאַ, אַז ווען מען פֿירט קיין מינסק אַ חולה — פֿאָרט מען מיט דער באַן, וואו סע טרייסלט ניט אַזוי שטאַרק, ווי מיט אַ באַלעגאָלע.

די באַן־סטאַנציע רודענסק ליגט צען וויאָרסט פֿון דוקאָר. נעמט מען אין דוקאָר אַ פֿורל און פֿאָר סך־הכּל צוויי שעה אין מען שוין אויף דער סטאַנציע. פֿון רודענסק ביז מינסק איז ניט מער ווי צוויי סטאַנציעס און דער צוג מאַכט זיי דורך פֿאַר סך־הכּל איין שעה צייט.

אַזוי ווי אָבער כ'בין שוין געווען אַ בר־מצווה־בחור — האָט מען גע־דאַרפֿט קויפֿן פֿאַר מיר אַ פֿערטל בילעט, וואָס האָט געקאָסט נײַן קאָפּיקעס. האָבן אָבער די יידן פֿון רודענסק אָפּגערעדט דער מאַמען צו פּטרן אומ־זיסט נײַן קאָפּיקעס, ווען כ'קאָן גאַנץ גוט דורכמאַכן די רייזע אונטער דער באַנק.

איז ווי נאָר די מאַמע איז אַרײַן מיט מיר אין וואַגאָן — האָט זי מיר געהייסן, אַז איך זאָל וואָס גיכער זיך באַהאַלטן אונטער דער באַנק. ווי נאָר כ'האָב זיך אויסגעלייגט אונטער דער באַנק — האָט די מאַמע גאַנץ ברייטלעך אויסגעשפּרייט איר קלייד און זי האָט געבעטן די שכנה, וואָס איז געזעסן לעבן איר, אַז אויך זי זאָל אויסשפּרייטן וואָס ברייטער איר קלייד, ווי אַ פֿעכער ביים פּאַכן זיך.

האָב איך טאַקע באַלד אָנגעהויבן צו פּאַכן אונטער דער באַנק מיט דער נשמה. ס'איז מיר דאָרטן געוואָרן שרעקלעך הייס און פֿינצטער, ווי אין אַ פּאָפּלעטש פֿון הינער.

האָב איך אַ צופּ געטאָן דער מאַמעס קלייד — זי זאָל מיך ראַטעווען. אָבער די מאַמע האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז כ'מוז נאָך ליגן, ווייל ער איז נאָך ניט דורכגעגאַנגען, דער קאָנדוקטאָר.

בין איך געבליבן ליגן ווי אַ געפּענטעטער האָן און זיך צוגעהערט ווי די רעדער אונטער די וואַגאָנעס בריאָזגען מיר אין די אויערן אַרײַן:

„אַלטאַר, בוקוואַר, וועפּר,
וויכר, וואָפּל, גוואָזד" —

ווי אויך זיי, די רעדער, וואָלטן געחזרט אויף אויסווייניק די אַלע מענלעכע ווערטער פֿון בלאַשטיינס גראַמאַטיקע.

ערשט, ווען דער צוג האָט זיך שוין געהאַט אָפּגעשטעלט אין מינסק — האָט מיך די מאַמע אַרויסגענומען פֿון אונטער דער באַנק, אָבער איך בין געווען אינגאַנצן אַ פֿאַרבלוטיקטער.

פֿאַר גרויס היץ האָט ביי מיר אָנגעהויבן צו רינען בלוט פֿון נאָז. האָט מיך די מאַמע אָװעקגעפֿירט צום וואָקזאַל־פֿליומפּ, וואו זי האָט מיך גוט אָרומגעוואַשן, אָבער די וואַגאָן־רעדער האָבן נאָך זייער לאַנג געבריאָזגעט אין מיינע אויערן: „אַלטאַר, בוקוואַר, וועפּר" און אַזוי ווייטער און ווייטער!

„אַ קאָפּיקע אַ הויפן ערד״ —

מיין ערשטער איינדרוק פון מינסק איז ניט געווען קיין געהויבענער.

נאָך זייענדיק אויפן וואָקזאַל — האָב איך שוין געכאַפּט דעם ערשטן מיאוסן פסק.

מיך האָט זיך שטאַרק פאַרגלוסט אַ קוק צו טאָן, ווי עס זעט אויס דער בופעט פון ערשטן קלאַס. איך האָב נאָך געהערט אין דוקאָר, אַז אין דעם בופעט פונעם מינסקער וואָקזאַל ליגן אויף אַלע טישן ווייסן טישטוכער אַפילו אין אַ מיטן מיטוואָך.

איך האָב זיך גאָרניט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז מען זאָל אין אַ מיטן מיטוואָך לייגן אויף טישן שבתדיקע טישטוכער!

האָב איך זיך קוים איינגעבעטן ביי דער מאַמען — זי זאָל מיך אָפּלאָזן כאָטש אויף איין ווייליקע אַ קוק צו טאָן דעם בופעט פון ערשטן קלאַס.

די מאַמע האָט מיך אָפּגעלאָזט, ווייל זי האָט זיך געפילט שולדיק לגבי מיר, הלמאַי זי האָט מיך געפירט קיין מינסק אונטער דער באַנק.

אָבער ווי נאָר כ׳בין געווען אַריין אין דעם גרויסן, ליכטיקן זאַל פון ערשטן קלאַס, וואו ביי די ווייס־געדעקטע טישן זיינען געזעסן פריצים, גלחים און אַפילו עטלעכע פיין־געקליידטע יידן מיט אונטערגעשאָרענע בערדלעך — איז פלוצלינג ווי פון אונטער דער ערד אויסגעוואַקסן לעבן מיר עפּעס איינער אַ הויכער דראַנג מיט אַ יוניפאָרם פון אַ פורים־שפּילער, האָט מיך געגעבן אַ נעם אַן פאַרן קאַרק און מיך אַרויסגעוואָרפן פון דעם ערשטן קלאַס, ווי כ׳וואָלט געווען, חלילה, אַ קעשענע־גנב.

ווען די מאַמע, וואָס האָט געוואַרט אויף מיר פונדערווייטנס, האָט געזען, ווי אַ הויכער גוי מיט זילבערנע קנעפּ שלעפּט מיך פאַרן קאַרק — האָט זי געמיינט, אַז ס׳איז אַ זשאַנדאַרם, וואָס שלעפּט מיך, חלילה, אין „טשאַסט״ אַריין (פּאָליציי) — האָט זי זיך אָנגעהויבן ביי אים צו בעטן — ער זאָל מיך אָפּלאָזן!

האָט דער הויכער דראַנג מיך איבערגעגעבן אין די הענט פון מיין מאַמען און איר אָנגעזאָגט מיט בייזע ווערטער, אַז זי זאָל מיך מער ניט לאָזן שטעקן דעם „זשידאָווסקן״ נאָז אַוואו מען טאָר ניט!

האָב איך געמוזט דענסטמאָל צוזאָגן מיין מאַמען, אַז פֿון היינט אָן און ווייטער וועל איך זיך מער ניט טשעפּען מיט „קאַזנאַ“, ווייל די „קאַז־נאַ“ (די צאַרישע מלוכה, הייסט עס) באַשטייט דורכויס פֿון רשעים! איך האָב איר דערקלערט, אַז איך האָב פּראָסט־פּשוט געמאַכט אַ ביטערן טעות.

איך האָב געמיינט, אַז נאָר אין קיעוו האָבן ניט יידן קיין „פּראַוואָ־זשיטעלסטוואָ“ (וואוינרעכט) — לאָזט זיך אויס, אַז אויך אין מינסק האָבן ניט יידן קיין „פּראַוואָזשיטעלסטוואָ“, אַפֿילו אויפֿן וואָקזאַל.

האָט מיר די מאַמע דערקלערט, אַז יידן זיינען אומעטום אין גלות און דעריבער דאַרף מען זיין מיט די גויים וואָס מער פֿונדערווייטנס!

אַזוי אַרום האָב איך זיך אויף דעם מינסקער וואָקזאַל שוין דערוואוסט צום צווייטן מאָל, אַז יידן זיינען אומעטום אין גלות.

דעם ערשטן מאָל האָב איך זיך דערוואוסט וועגן דעם אין קיעוו, וואו־הין די מאַמע האָט מיך געהאַט געפֿירט צו עפּעס אַ גאָר גרויסן פּראָפֿעסאָר, אָבער אין קיעוו גופֿא האָבן מיר ניט געטאָרט נעכטיקן, ווייל מען מאַכט דאָרטן ביינאַכט „אָבלאַוועס“ אויף יידן.

אין פֿאַרגלייך מיט קיעוו האָט מינסק אויסגעזען אין מיינע אויגן ווי אַ קליינע שטאָט.

אין קיעוו בין איך דאָך שוין געווען געפֿאָרן אויף אַן עלקטרישן טראַמ־ווײַ, בעת אין מינסק האָבן מיר געמוזט פֿאָרן אין שטאָט אַריין מיט אַ „קאָנ־קע“ (אַ פֿערד־טראַמוויי).

ס'האָט אויסגעזען זייער קאָמיש, וואָס איין פֿערד שלעפּט אַ גאַנצן וואַ־גאָן מיט מענטשן און פּעק. מען האָט געקאָנט מיינען, אַז דער „קאָנקע“־פֿערד פֿאַרמאָגט אין זיך אַזאַ מין אייזערנעם כּוח, ווי אַ לאָקאָמאָטיוו. ווען די קאָנקע האָט זיך אָבער געדאַרפֿט אויפֿהייבן באַרג־אַרויף צום „הויכן מאַרק“ — האָט מען צו איר צוגעשפּאַנט אַ צווייטן פֿערד, וואָס האָט געוואַרט דרויסן אין מיטן גאַס.

פֿאָרנדיק אַט־אַזוי צום ערשטן מאָל מיט דער מינסקער „קאָנקע“ — האָב איך זיך דערמאָנט דעם איינפֿאַל פֿון קושע דעם באַלעגאָלע, וואָס פֿלעגט אָננעמען אַ פֿולע פֿור מיט „שעדאָקעס“ און „פּאַרשוינען“, אָבער ווי נאָר ס'פֿלעגט קומען צו אַ באַרג־אַרויף, פֿלעגט ער אַלע זיינע פּאַסאַזשירן אַרויס־זעצן פֿון וואָגן, ווייל זיין פֿערדל וועט ניט זיין בכּוח אויפֿצוהייבן אַלעמען באַרג־אַרויף, און ווי נאָר עס פֿלעגט קומען צו אַ באַרג־אַראָפּ, פֿלעגט קושע ווידער אַרויסזעצן אַלעמען פֿון וואָגן, ווייל ס'פֿערדל קאָן זיך נאָך, חלילה, פֿאַנאַנדערטראָגן און איבערקערן דעם וואָגן מיט די רעדער אַרויף.

ווען איינער אַן אַנגעבלאָזענער פּאַסאַזשיר האָט איינמאָל אַ זאָג געטאָן צו קושען, אַז מען צאָלט אים אומזיסט געלט, ווייל מען גייט דאָך מיט אים מער צופוס, ווי מען פאָרט — האָט אים קושע באַלעגאַלע געענטפערט:

— איר מיינט דען, אַז כ׳האָב געקויפט מיין פערדל אויף צו פאָרן מיט אים? כ׳האָב אים געקויפט ער זאָל אונדז ווייזן דעם וועג! אָן די פערד וואָלטן מיר געהאַלטן אין איין בלאָנדזשען!

(איצטער זע איך, אַז אין קושע באַלעגאַלעס איינפאַל איז געלעגן אַ שטיק לעבנס־פילאָזאָפיע, ווייל זינט מען האָט אָפּגעשאַפט די פערד האָבן מענטשן און פעלקער טאַקע אָנגעהויבן צו בלאָנדזשען אַ סך מער, ווי מיט פופציק יאָר צוריק.)

אָבער מיט דער מינסקער „קאָנקע" האָט מען בשום־אופן ניט געקאָנט פאַרבלאָנדזשען. זי איז דאָך געגאַנגען אויף שינעס, ווי זי וואָלט געווען אַ טראַמוויי.

(האָט איר שוין געזען אַמאָל, אַז אַ טראַמוויי זאָל איבערלאָזן הינטער זיך קופּקעס פערדישן מיסט? אָבער אַ „קאָנקע" בלייבט אַ „קאָנקע" און דאָס איז געווען די צווייטע אָנטוישונג מיינע אין מינסק).

די דריטע אַנטוישונג מיינע האָב איך איבערגעלעבט ביי דער מומע איטקען, צו וועמען מיר זיינען פאַרפאָרן.

די מומע איטקע איז געווען די עלטסטע און אויך די רייכסטע שוועסטער פון מיין מאַמען.

דער מאַן אירער — דער פעטער ישעיה גרונטפעסט — איז געווען אַ „סרסר" אָדער אַ מעקלער צווישן די יידישע וואַלד־סוחרים פון מינסק.

ער פלעגט קריגן „פעט" (אַ געוויסן פּראָצענט) פון די אַלע וואַלד־געשעפטן, וואָס פלעגן געמאַכט ווערן אין מינסק און, ווי עס זעט אויס, פלעגט ער גוט פאַרדינען. זייער דירה איז געווען פיין מעבלירט. די על־טערע קינדער זיינען שוין געווען אויסגעגעבענע. די יינגערע צוויי טעכטער האָבן שטודירט אויף אַקושאָרקעס, אָבער די מיזינקע זייערע, רחלע, האָט נאָך אַלץ געליטן אויף געלזוכט און זי איז אויך אין מינסק פאַרבליבן פונקט אַזוי דאַר און געל־גרין, ווי זי איז געווען אַמאָל אין דוקאָר.

האָב איך געזאָגט צו דער מאַמען:

— זעסטו, אַז מען ווערט קראַנק אין די קינדער־יאָרן — פאַרבלייבט מען שוין קראַנק אויף אייביקע יאָרן! אַפילו די גרויסע דאָקטוירים פון מינסק קאָנען גאָרניט נים אויפטאָן.

דאָס האָב איך געזאָגט דער מאַמען אַנטקעגן דעם, ווייל כ׳האָב זיך שטאַרק געשראָקן פאַר דעם דאָקטאָר שאַפּיראָ, צו וועמען זי האָט מיך געוואָלט פירן.

דר. שאַפּיראָ איז געווען אַ גרויסער בריה (בעריע) אויף צו מאַכן אָפּע־ראַציעס, און כ׳האָב מורא געהאַט, אַז ער וועט אויך מיך שניידן.

מיין שרעק פאַר דעם דאָקטאָר שאַפּיראָ איז געוואָרן נאָך גרעסער צו־ליב דעם, ווייל כ׳האָב אונטערגעהערט אַ שמועס צווישן די בײדע שוועס־טער: צווישן מיין מאַמען מיט דער מומע איטקען.

די מומע איטקע, הער איך, טרייסט מיין מאַמען אויף אַזאַ מין אופן:

— דיין „פליאַגע״ קאָן מען כאַטש העלפן מיט אַן אָפּעראַציע, אָבער מיין „פליאַגע״ גייט אויס, ווי אַ ליכט, און קיין שום אָפּעראַציע קאָן איר ניט העלפן.

— מיינסטו דען, אַז אַן אָפּעראַציע וועט אים העלפן? — האָט די מאַ־מע מיינע אַ פרעג געטאָן איר עלטערע שוועסטער, וואָס איז שוין געווען אויס־געבונדן מיט אַלע דאָקטוירים פון מינסק.

— כ׳מיין, ברכה, — האָט די מומע איטקע געפסקנט (געפּאַסקענט), — אַז ווען דער דאָקטאָר שאַפּיראָ נעמט ביי אים אַרונטער ס׳גאַנצע הענטל — וואָלט איינמאָל פאַר אַלע מאָל געוואָרן אַן עק צו די אַלע צרות זיינע!

ווען די מאַמע האָט דערהערט פון איר עלטערער שוועסטער אַזעלכע שאַרפע רייד — האָט זי זיך פאַנאַנדערגעוויינט מיט אַ שטילן אינעוויניקסטן געוויין — כ׳זאָל ניט דערהערן ווי זי וויינט.

גראָד דענסטמאָל בין איך געווען געשטאַנען מיט דער פלייצע צו דער מאַמען מיט דער מומען און כ׳האָב זיך כלומרשט געשפּילט מיט זינגערס ניי־מאַשין, וועלכע איך האָב נאָך געקענט פון דוקאָר.

אָבער ווי נאָר כ׳האָב דערהערט היגטער זיך דער מומע איטקעס עצה, אַז מ׳זאָל מיר אַרונטערשניידן די גאַנצע האַנט — האָב איך פאַר גרויס שרעק און כעס אָנגעהויבן אַזוי האַסטיק צו דרייען זינגערס פוס־מאַשין, ביז די גומענע שנור איז אַרונטערגעשפּרונגען פון דעם אונטערשטן ראָד און ס׳אויבערשטע רעדל האָט זיך נאָך לאַנג־לאַנג געדרייט, ווי פון זיך אַליין.

— —

ערשט אין אָוונט איז מיר ביי דער מומע איטקען אין הויז געוואָרן זייער פריילעך. ס׳איז געקומען דער פעטער ישעיה עסן וועטשערע. באַלד נאָך

אים האָבן זיך געמאָלדן זיינע צוויי נאָך ניט חתונה־געהאַטע טעכטער, וואָס האָבן געוואָלט ווערן אַקושאַרקעס, צי פעלדשעריצעס.

ווען אַלע זיינען שוין געווען געזעסן ביי דעם רייך־געדעקטן טיש — האָבן זיך אויך געמאָלדן אַלע מיינע פיר ברידער, וואָס האָבן זיך דערוואוסט, אַז מיר זיינען שוין אין מינסק.

די גאַר עלטערע צוויי ברידער — מענדל און זאַלקע — זיינען געקומען פון דער ראַקאָווער גאַס, וואו זיי האָבן געהאַט שטעלעס אין דער ביליקער קיך און ביליגן טיי־הויז, וואָס די מינסקער גבירים האָבן אויסגעהאַלטן.

די אַנדערע צוויי עלטערע ברידער — שמואל און ברוך — זיינען געקומען אַזש פון קאַמערויקע, וואו זיי האָבן געהאַט זייער אַ ביליקן חדר צום שלאָפן, כאָטש גאַנצענע טעג פלעגן זיי זיין אין מינסק גופא, וואו זיי האָבן האַלב געלערנט און האַלב געלערנט זיך (אויף פיר קלאַסן).

ווען דער פעטער ישעיה האָט געהאַט דערזען אַלע מיינע פיר ברידער — איז ער גאַר געוואָרן אַן אַנדער מענטש! ער האָט תיכף ומיד אָנגעהויבן מיט זיי צו שמועסן וועגן ציוניזם. ער האָט זיי דערציילט אַלע איינצלהייטן, וואָס עס קומט־פאָר ערגעץ־וואו אין באַזעל אויף דעם ציוניסטישן קאָנגרעס. ער האָט זיי פאָרגעלייענט פון „הצפירה" אַלע רעדעס פון דר. הערצל, פון דר. מאַקס נאָרדוי, פון דר. וואָלפסאָן און פון נאָך און נאָך דאָקטוירים, וואָס זייערע נעמען האָב איך דערהערט אין מינסק צום ערשטן מאָל.

מיינע ברידער האָבן פרום צוגעשאָקלט מיט די קעפ, ווי זיי וואָלטן מסכים געווען מיטן פעטער, נאָר טאָמער האָט איינער פון מיינע ברידער פרובירט אַריינשטעלן אַ וואָרט צי גלאַט אַזוי עפּעס אַ פראַגע — פלעגט אים דער פעטער ישעיה ניט לאָזן ריידן, ווייל ער איז נאָך ניט פאַרטיק געוואָרן מיט אַלע זיינע רייד, וואָס ער האָט זיך אָנגעהערט פאַר דעם גאַנצע־נעם טאָג אין שטאָט צווישן זיינע וואַלד־סוחרים און וואָס ער האָט זיך אָנגעלייענט אין דער „הצפירה".

דעם אמת געזאָגט, האָב איך נאָך דענסטמאָל קיין וואָרט ניט פאַר־שטאַנען פון דעם אַלץ, וואָס דער פעטער ישעיה האָט געהאַט דענסטמאָל אַריינגערעדט צו די צעטומלטע ברידער מיינע. איך האָב נאָר געזען, אַז מיין פעטער ישעיה, דער סרסר, איז פונקט דער היפוך פון מיין פעטער פייטל דעם מלאך.

דער פעטער פייטל איז געווען אַ פרוש, אַ שטוב־זיצער, אַ שוויגער און אַ הייליקער, בעת דער פעטער ישעיה איז געווען זייער אַ באַוועגלעכער,

אַ בעל־דבֿרן, אַ צעטראָגענער און ניט גאָר קיין פֿרומער, כאָטש זיין באָרד איז געווען אַ סך גרעסער און גרויער, ווי דעם פֿעטער פּייטלס.

ס'איז מסתּמא דערפֿאַר, וואָס דער פֿעטער ישעיה איז מיר ניט געווען קיין ריכטיקער פֿעטער. ווען ער האָט ניט חתונה מיט דער מומע איטקען — וואָלט ער דאָך מיר פֿאַרבליבן אַ פֿרעמדער ייִד אויף אייביקע יאָרן.

אָבער ניט געקוקט אויף דעם, וואָס דער פֿעטער ישעיה האָט אין משך פֿון דעם גאַנצן אָוונט געהאַלטן אין איין אַריינריידן צו מיינע ברידער אַזוי פֿיל פֿרעמדע און אומפֿאַרשטענדלעכע פֿאַר מיר ווערטער — זיינען מיר דאָך אַ פּאָר ווערטער זיינע פֿאַרבליבן עד־היום אין זכּרון, און נעמלעך:

„אַ קאָפּיקע — אַ הויפֿן ערד, אַ קאָפּיקע — אַ הויפֿן ערד!"

דאָס האָט ער פֿאַר אונדז דערקלערט דעם שׂכל פֿון דער נייער צדקה־פּושקע, וועלכע ער האָט צוגעקלאַפּט לעבן דער פּושקע פֿון ר' מאיר בעל הנס. די נייע פּושקע איז געווען אַ בלוי מיט אַ ווייסן מגן־דוד. פֿאַר יעדער קאָפּיקע, וואָס מען וואַרפֿט אַריין אין דער דאָזיקער פּושקע — קויפֿט מען אויס אין ארץ־ישׂראל אַ הויפֿן ערד פֿאַר ייִדן.

— איר, פֿאַרשטייט, קינדער, אַ קאָפּיקע אַ הויפֿן ערד, אַ קאָפּיקע אַ הויפֿן ערד! — האָט זיך דער פֿעטער ישעיה שטאַרק געקאָכט.

— דאָס איז אונדזער נאַציאָנאַל פֿאָנד!

האָבן די עלטערע צוויי ברידער, מענדל און זאַלקע, וואָס זיינען שוין געווען פֿאַרדינערס, ניט געקאָנט מער אויסהאַלטן פֿון דעם פֿעטער ישעיה'ס קאָכעניש און זיי האָבן אין דער בלויער פּושקע אַריינגעוואָרפֿן צו קאָ־פּיקעס.

בין איך געווען זייער צופֿרידן, וואָס די עלטערע צוויי ברידער מיינע האָבן זיך שוין איינגעהאַנדלט אין ארץ־ישׂראל צוויי הויפֿנס ערד און אַזוי אַרום בין איך שוין אויך געוואָרן אַ שטיקל שותּף צו אונדזער הייליקן לאַנד.

ווען די ייִדן וועלן, איה"ש אויסקויפֿן ביים טערק גאַנץ ארץ־ישׂראל — וועל איך דענסטמאָל אָוועקפֿאָרן אין אונדזער אייגענעם לאַנד און כ'וועל דאָרטן קאָנען זיצן אין בופֿעט פֿון דעם ערשטן קלאַס, וויפֿיל מיין האַרץ גלוסט.

קיין שום דראָנג מיט זילבערנע קנעפּ וועט מיך ניט קאָנען מער פֿון דאָרטן אַרויסטרייבן!

אַזוי האָב איך געטראַכט שטילערהייט, פֿילנדיק נאָך אויף זיך די שווע־רע לאַפּעס פֿון דעם גוי, וואָס האָט מיך אַרויסגעוואָרפֿן פֿון דעם מינסקער וואָקזאַל.

פֿאַרן שלאָפֿן גיין האָט מיר די מאַמע געגעבן אַ קאָפּיקע און זי האָט צו מיר אַזוי געזאָגט:

— איך ווייס נאָך ניט די ישועות פֿון דעם פֿעטער ישעיהס פּושקע, וואָס ער האָט דאָ אָנגעקלאַפּט, אָבער די פּושקע פֿון ר׳ מאיר בעל הנס טאָר מען ניט פֿאַרשעמען! וואַרף אַריין אין איר די קאָפּיקע און גאָט וועט זיך אויף אונדז מרחם זיין!

האָב איך געפֿאָלגט דער מאַמען און כ׳בין אַוועק שלאָפֿן אַ צופֿרידענער, וואָס אויך ר׳ מאיר בעל הנס וועט שוין זיין אויף אונדזער צד.

תשעה באב איז געווען דער פריילעכסטער קינדער יום־טוב —

תשעה באב איז פאר מיר קיינמאל ניט געווען קיין טרויער־טאג, נאר א יום־טוב, א גאנץ פריילעכער קינדער־יום־טוב.

ס'איז געווען זייער טשיקאווע צו זען ווי אלע יידן פון דוקאר טוען־אויס פון זיך די שטיוול, צי די קאמאשען, און בלייבן זיצן אין זאקן, צו־הערנדיק זיך אין שול צו די קינות, וואס דער שליח־ציבור זאגט־פאר.

ניט אלע יידן פון דוקאר האבן געהאט גאנצע זאקן.

ביי איינעם האט געפעלט די פיאטעס, ביי א צווייטן האבן ארויסגעשטעקט די נאקעטע פינגער פון די פיס — פלעגן מיר, חדר־ייִנגלעך, ציילן אונדזערע שישקעס (שטעכיקע וואלד־בערעלעך) אין די צעפאטלטע בערד פון גראד אזעלכע יידן, וואס האבן געטראגן צעריסענע זאקן.

ארויסנעמען א שישקע פון א קאלטענוואסער בארד פלעגט אנקומען כקריעת ים־סוף. איצטער ערשט זע איך די גרויסע עוולה, וואס מיר פלעגן באגיין לגבי די דאזיקע יידן מיט די צעריסענע זאקן. דאס זענען דאך געווען די גרעסטע ארעמעלייט פון שטעטל, אדער אלמנ'ס, וואס האבן, נעבעך, ניט געהאט קיין ווייבער, וועלכע זאלן כאטש צוליב תשעה באב פארצירעווען זייערע זאקן.

די מאמע אליין פלעגט אויך אנטאן זייער לאנגע זאקן מיט רעדעלעך. איין רעדעלע א רויטע, די צווייטע — א בלויע, צי א ווייסע.

באלד נאכן פארפאסטן זיך פלעגט ווערן ביי אונדז א פולע שטוב מיט ווייבער. די מאמע פלעגט פאר זיי פארזאגן פון איר דיקן טייטש־חומש גאנץ „איכה" און נאך א סך אנדערע קינות. ביי די ווייבער פלעגן צעריסן ווערן די הערצער פון דער מאמעס זייער אומעטיקע מעשיות וועגן חורבן ירושלים. ווען די מאמע פלעגט וויינען — פלעגן די ווייבער אויך וויינען.

אויך ביי אייניקע ווייבער האב איך באמערקט די נאקעטע פינגער פון די פיס, ווען זיי טראגן ניט קיין פאטשיילקעס ביז איבער די אויערן — וואלט איך אין זייערע האר פון קאפ זיכער ארייגעשאסן עטלעכע שיש־קעס...

אנשטאט צו וויינען אויף דעם חורבן ירושלים — האבן די ווייבער גע־מעגט בעסער פארצירעווען זייערע זאקן צוליב תשעה באב.

פלעגט מיך פֿאַרדריסן, וואָס די מאַמע דאַרף אויסוויינען אירע אויגן צוליב די דאַזיקע ווייבער, וואָס קומען צו אונדז שנייצן די נעזער און זיי־ערע פֿאַרשלימפּערטע אונטערקליידלעך (פֿון נאָז־טיכלעך האָט מען נאָך אין דוקאָר דענסטמאָל ניט געוואוסט).

איך, דער איינציקער „מאַנספּאַרשוין" אין הויז, פֿלעג זיך אויך צוהערן אַביסל צו די קינות, אָבער מיין הויפּט־הנאה האָב איך געהאַט פֿון אויס־שניצן זיך אַ שווערדל אויף מאָרגן.

עס איז געווען ביי אונדז אַ מנהג, אַז יעדן תשעה באָב, ווען מען גייט אויף קבר אבות — שטעקן אַריין די יתומים הילצערנע שווערדלעך אין די קברים פֿון זייערע טאַטעס (צוליב וואָס דאַרפֿן טויטע טאַטעס הילצערנע שווערדלעך — וויס איך ניט ביז היינט).

מיין שווערדל איז געווען דער שענסטער אין גאַנץ דוקאָר, ווייל די מאַמע האָט שטענדיק געהאַט אין הויז טרוקענע שייטלעך האָלץ, פֿון וועלכע מען פֿלעגט קאָנען זייער לייכט אָנשפּאַלטן קינעלעך, וועלכע זי האָט נייטיק געהאַט צו טריקענען די „אָסאָסקעס" (קעלבערנע פֿעלעכלעך"). אויסער דעם האָט די מאַמע אויך געהאַט דעם שאַרפֿסטן מעסער פֿון גאַנץ דוקאָר (זאַ־וויאַלאָווס אַ מעסער), וועלכן זי האָט נייטיק געהאַט אויף צו קאָנען שניידן די גאַנץ האַרטע פֿאַדעשוועס.

ווען די מאַמע פֿלעגט זיין פֿאַרטאָן מיטן חורבן ירושלים, פֿלעג איך דענסטמאָל ביים שיין פֿון אונדזער קעראָסין־לאָמפּ שניצן און שאַרפֿן דעם שווערד לכבוד מיין טאַטנס קבר, ע"ה.

תשעה באָב בייטאָג פֿלעגט גאַנץ שטעטל זיך אַוועקלאָזן צום בית־עולם. ניט נאָר אַלמנות און יתומים פֿלעגן גיין, נאָר אויך אַפֿילו אַזעלכע, וועלכע האָבן נאָך ניט אויפֿן דוקאָרער בית־עולם קיין איין־איינציקן מת. מען פֿלעגט גיין פּראָסט־פּשוט צוליב פֿריילעכקייט וועגן!

עס איז, אגב, געווען אַ גאַנץ פֿיינער מהלך! צוערשט פֿלעגט מען דאַרפֿן דורכגיין די גאַנצע טייך־גאַס, ביז צו דעם קליינעם בריקל. נאָכדעם פֿלעגט מען דאַרפֿן גיין מיטן שליאַך ביז צו דעם גאָר גרויסן בריק, אונטער וועלכן עס איז געלאָפֿן אונדזער טייך סוויסלאָטש אָדער „די סוויסלע", ווי מיר פֿלעגן אים רופֿן.

ווען מען פֿלעגט בשלום דורכגיין דעם גרויסן בריק — פֿלעגט מען ווידער גיין מיטן שליאַך, וואָס פֿירט צו דער סטאַנציע רודענסק און דער־גיין אַזוי ביז צו דעם רוסישן מאַהילניק.

אויף דעם גוישן מאָהילניק זיינען געוואַקסן זייער הויכעביימער, וואָס מען רופֿט זיי „טאָפּאָליעס". איבער די שפּיצן פֿון די דאָזיקע ביימער פֿלעגן סיי זומער און סיי ווינטער אַרומפֿליען שוואַרצע וואָראָנעס, וועלכע פֿלעגן האַלטן אין שרייען: קראַ־קראַ־קראַ!

די זעלבע שוואַרצע וואָראָנעס פֿלעגן פֿון צייט צו צייט אויך באַזעצן זיך אויף די שפּיצן פֿון די צוויי דוקאַרער קלויסטערס און ווידעראַמאָל שרייען מיט עפּעס אַ ווילדער רציחה: קראַ־קראַ־קראַ!

פֿלעגן יידישע מענטשן אָפּדרייען די קעפּ אויף דער אַנדערער זייט, ווען זיי פֿלעגן מוזן דורכגיין אום תשעה באב פֿאַרביי דעם רוסישן מאָהיל־ניק מיט די שוואַרצע וואָראָנעס, וואָס שילטן זיך.

ערשט ווייט־ווייט הינטער דעם גוישן מאָהילניק איז געלעגן, טויזנט מאָל להבדיל, דער דוקאַרער בית־עולם.

אויף אונדזער בית־עולם זיינען ניט געוואַקסן קיין ביימער און אַפֿילו ניט קיין בלומען. עס האָט אויסגעזען ווי אַ גרויס פֿעלד, באַוואַקסן מיט הויכן, שטעכיקן גראָז. צווישן די הויכע גראָזן האָבן זיך געפּיטערט די ני־דעריקע און גרויע מצבֿות, וואָס האָבן אויסגעזען ווי שעפּסן.

די שענסטע מצבֿה איז געווען מיין טאַטנס, ווייל מען האָט זי געמאַכט פֿון אַ האַלבן מילשטיין. איז זי געווען העכער פֿון די אַלע אַנדערע און פֿרישער. אַ מילשטיין ווערט ניט אַזוי גיך פֿאַרוואַקסן מיט מאָך, ווי אַנדערע שטיינער פֿון די דוקאַרער מצבֿות.

ווען איך פֿלעג אַריינשטעקן מיין הילצערנעם שווערדל אין טאַטנס קבֿר אַריין, פֿלעג איך זיך שטאַרק וואונדערן, וואָס מיין שווערדל פֿון פֿאַראַיאָרן תשעה באב איז ניט געווען.

לויט מיין חשבון האָבן שוין געדאַרפֿט שטעקן אין מיין טאַטנס קבֿר ביי פֿינף־זעקס שווערדלעך, אָבער איך פֿלעג תשעה באב ניט געפֿינען קיין שפּור פֿון קיין איינעם פֿון זיי.

האָב איך איינמאָל געפֿרעגט ביי דער מאַמען, צי ווייסט זי, אפֿשר, ווער נעמט עס צו די שווערדלעך פֿון מיין טאַטנס קבֿר?

האָט מיר די מאַמע געענטפֿערט, אַז מסתּמא נעמט זיי צו אַ מלאך פֿון הימל.

פֿלעג איך זיין זייער שטאָלץ, וואָס מיינע הילצערנע שווערדלעך דער־גייען ביז צום הימל און מיין טאַטע, ע"ה, שפּילט זיך מיט זיי.

פֿלעג איך אויף מיינע תשעה באב שווערדלעך אויסכּתיבֿן מיט טינט מיין פֿולן נאָמען: „דניאל בן זאבֿ", כּדי דער מלאך, וואָס זאַמלט־איין פֿון

די בית־עולמס אַלע יתומים־שווערדלעך, זאָל ניט פאַרבייטן, חלילה, מיי־נעם מיט אַן אַנדערענס.

אָבער גראָד אין יענעם ערב תשעה באב, ווען איך בין שוין געוואָרן אַ בר־מצווה־בחורל און איך האָב געהאַט בדעה אויסצושניידן אין מיין שווערדל דרייצן קאַרבן, כדי מיין טאַטע אין הימל זאָל וויסן, אַז פון היינט־אָן און ווייטער טראָגט ער שוין ניט „דאַרטן" קיין שום אחריות פאַר מיי־נע חטאים, ווייל איך בין שוין אַליין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר מיינע זינד, ר"ל — גראָד אין יענעם ערב תשעה באב האָט מיך די מאַמע געהאַט גאָר אָוועקגעפירט קיין מינסק צו דאָקטאָר שאַפּיראָ און איך בין געווען אין איין שרעק דורכצולאָזן אין דוקאָר אַזאַ מין בר־מצווה תשעה־באב, וואָס איז גע־ווען אַזוי וויכטיק סיי פאַר מיר און סיי פאַר דעם טאַטן מיינעם, ע"ה.

עפּעס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז די מתים פון דעם דוקאָרער בית־עולם, און צווישן זיי אויך מיין טאַטע, וואַרטן אַ גאַנץ יאָר מיט דעם גרעסטן אומגעדולד אויף תשעה באב, ווען עס קומען צו צו גאַסט אַלע זייערע משפחה־לייט און גיסן־אויס פאַר זיי די ביטערע הערצער.

אַפילו אַ טויטער טאַטע וויל דאָך אויך כאָטש איין מאָל אין יאָר זען די משפחה זיינע.

האָב איך אָנגעהויבן אונטערצוזאָגן דער מאַמען מיינער, אַז מיר זאָלן זיך אומקערן וואָס גיכער צוריק אַהיים.

עס האָט שוין געהאַלטן ביי די ניין טעג און די מומע איטקע, וואוהין מיר זיינען פאַרפאָרן, פלעגט מאַכן נאָר מילכיקע וואַרעמעטן און ועטשערעס, ווייל אין די ניין טעג טאָר מען דאָך ניט עסן קיין פלייש.

דאָך אָבער האָב איך איינמאָל באַמערקט, ווי די מומע איטקע האָקט אין אַ הילצערנעם מולטערל אַ שטיקל רויטן פלייש אויף צו מאַכן קאָטלעטן.

האָב איך דערציילט דער מאַמען, אַז די מומע איטקע האָקט פלייש אין די „ניין טעג". סטייטש? האָט מיר די מאַמע פאַרטרויט אַ סוד, אַז דאָס מאַכט די מומע איטקע קאָטלעטן פון חזירשן פלייש, ניט דאָ געדאַכט, פאַר איר מיזינקע, פאַר רחלען, וועלכע ליידט פון געלזוכט און „גייט־אויס ווי אַ ליכט" שוין צען יאָר נאָכאַנאַנד.

האָב איך זיך דערנסטמאָל נאָך מער אַנטוישט אין דער שטאָט מינסק. אויב די מינסקער דאָקטוירים קאָנען ניט אויסהיילן דער מומע איטקעס מי־זינקע, וואָס ליידט נאָר פון געלזוכט אַליין — איז ווי, פרעגט זיך, וועלן זיי קאָנען אויסהיילן אַזאַ מין „פליאַגע" ווי איך, וואָס ליידט פון אַלע מינים „זוכטן" אין גאָר דער וועלט?

אויסער דעם האָב איך מורא געהאַט, אַז די מומע איטקע, וועלכע האָט שטענדיק ליב צו פאַרגלייכן מיך מיט איר קראַנקער רחלען, וואָס מיר זיינען געווען אין דעם זעלבן עלטער, אַז די מומע איטקע קאָן נאָך אויך מיר אונ־טעררוקן אַ קאָטלעט פון חזירשן פלייש, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס איך בין שוין נאָך בר־מצווה און איך טאָר שוין ניט זינדיקן אַפילו בשוגג...

די מאַמע אָבער האָט זיך ניט געאײַלט אומצוקערן זיך וואָס גיכער קיין דוקאָר, ווייל אין יענעם ערב תשעה באב האָט זי געדאַרפט באַשליסן אין מינסק עטלעכע זייער וויכטיקע ענינים.

עס האָט זיך, נעמלעך, געהאַנדלט וועגן דעם, צי די מאַמע מיינע זאָל זיך באַגעגענען אין מינסק מיטן יידן, וועלכע מען רעדט איר פאַר אַ מאַן, אָדער ניט?

דער שטענדיק־צעטראָגענער פעטער ישעיה גרונטפעסט האָט עס גע־דאַרפט דערקונדיקן זיך ביי די מינסקער וואַלד־סוחרים אַלע איינצלהייטן וועגן יענעם יידן, וואָס איז אויך געווען אַ וואַלד־סוחר, אָבער דער פעטער ישעיה איז גראָד אין יענעם ערב תשעה באב געווען שטאַרק פאַרקאָכט מיט דעם ציוניסטישן קאָנגרעס, וואָס איז פאַרגעקומען ערגעץ־וואו אין באַזעל, און ער פלעגט האַלטן אין איין לייענען די אַלע באַריכטן פון קאָנגרעס, וואָס זיינען געווען געדרוקט אין דער „הצפירה“.

צוליב דעם דאָזיקן קאָנגרעס האָט דער פעטער ישעיה ניט געקאָנט באַוויזן צו טרעפן זיך מיט יענע יידישע וואַלד־סוחרים, וואָס האָבן גוט גע־קענט יענעם יידן, וואָס מען האָט דער מאַמען גערעדט פאַר אַ מאַן.

פאַרשטייט זיך, אַז פון מיר האָט מען אויסבאַהאַלטן דעם דאָזיקן גרויסן סוד, אָבער די עלטערע ברידער מיינע, וואָס פלעגן יעדן אָוונט קומען צו דער מומע איטקען זען זיך מיט אונדז, האָבן שוין, אַפנים, יע געוואוסט פון דעם דאָזיקן גרויסן סוד.

דערפאַר טאַקע זיינען מיינע ברידער געווען שטענדיק זייער אומעטיקע, כאָטש קיינער פון זיי האָט שוין ניט געדאַרפט דערנסטמאָל אָנקומען צו דער מאַמען.

האָט מיך שטאַרק פאַרדראָסן, וואָס די עלטערע ברידער מיינע זיינען זייער אומעטיקע. אויף וויפיל איך געדענק, זיינען זיי שטענדיק געווען בטבע זייער פריילעכע. ווען זיי פלעגן קומען אַהיים אויף פסח אָדער סוכות, פלעגן אַלע דוקאָרער ווייבער זיך בענטשן מיט ברכה׳ס קינדער. אָבער אין מינסק האָב איך זיי כמעט ניט דערקענט. זיי זיינען געוואָרן שווייגערס. שולדיק אין

דעם איז געווען דער פעטער ישעיה, וואָס פלעגט זיי ניט לאָזן קיינמאָל קו־מען צום וואָרט.

חי נאָר אַ ברודער מיינער פלעגט וועלן אַריינשטעלן אַ וואָרט וועגן ארץ־ישראל, צי וועגן דעם דר. הערצל — פלעגט דער פעטער ישעיה גלייך אָנשרייען אויף מיין ברודער:

— שלאָגסט דאָך מיך איבער! לאָז ענדיקן!

אַזוי ווי אָבער דער פעטער ישעיה פלעגט קיינמאָל ניט ענדיקן — בלייבט שוין אויך דער דאָזיקער קאַפּיטל מיינער ווי ניט קיין פאַרענדיק־טער.

אויפן שוועל פון דעם צוואנציקסטן יאָרהונדערט —

ערשט אין מינסק האָב איך זיך אָרומגעזען, אַז איך האָב זייער גוטע און האַרציקע פֿיר ברידער.

די עלטערע צוויי ברידער, מענדל און זאַלקע, זיינען דאָך שוין געווען אויף שטעלעס אין דער ביליקער קיך פֿון מינסק און זיי האָבן געזאָגט דער מאַמען, אַז אויב נאָר זי' וועט מיך איבערלאָזן אין מינסק — וועט מיר קיין זאַך ניט פֿעלן. כ'וועל קענען עסן אין דער ביליקער קיך און אויך היילן זיך ביי די מינסקער דאָקטוירים.

די אַנדערע צוויי ברידער מיינע — שמואל און ברוך — האָבן געזאָגט צו דער מאַמען, אַז אויב נאָר איך פֿאַרבלייב מיט זיי אין מינסק — וועט איינער פֿון זיי (שמואל) גיין מיט מיר יעדן טאָג אין דער טאַטערשער שול לערנען מיט מיר אַ בלאַט גמרא, און דער צווייטער ('רוך) וועט מיט מיר לערנען מיט מיר אַ בלאַט גמרא, און דער צווייטער (ברוך) וועט מיט מיר ניצקומען.

האָב איך אַנגעהויבן צושטיין צו דער מאַמען זי זאָל מיך איבערלאָזן מיט די ברידער אין מינסק, ווייל אין דוקאַר האָב איך שוין מער נישט וואָס צו טאָן.

איך האָב זיך ניט געוואָלט אומקערן קיין דוקאַר שוין צוליב דעם אַליין, ווייל כ'האָב זיך געשעמט פֿאַר מיינע חברים. כ'האָב זיי דאָך געהאַט צוגעזאָגט, אַז ווען כ'וועל זיך אומקערן מיט דער באַן פֿון מינסק קיין דו־קאַר וועל איך זיי דערציילן אַלע פּרטים, ווי סע גייט פֿון זיך אַליין די באַן!!

בין איך אָבער געפֿאָרן קיין מינסק אונטער דער באַנק, און כ'האָב ניט באַוויזן צו דערגיין דעם גאַנצן שכל פֿון דער איזנבאַן. כ'האָב נאָר גע־זען, אַז אונדזער צוג האָט געהאַט צוועלף וואַגאָנעס. פֿון זיי איז איין וואַ־גאָן געווען פֿון ערשטן קלאַס, צוויי וואַגאָנעס פֿון דעם צווייטן קלאַס און די איבעריקע ניין וואַגאָנעס — פֿון דעם דריטן קלאַס, אָדער טאָוואַרנע.

כ'האָב אויך באַמערקט, אַז דער גאַר לעצטער וואַגאָן, דער צוועלפֿטער, איז צוגעקייטלט מיט שווערע קייטן צו דעם עלפֿטן וואַגאָן, און דער עלפֿ־טער וואַגאָן איז צוגעקייטלט צו דעם צענטן און אַזוי ווייטער און ווייטער ביז צו דעם לאָקאָמאָטיוו. איז דאָך קלאָר, אַז ווי נאָר ס'גיט זיך אַ ריר דער גאָר ערשטער וואַגאָן מוזן שוין אַלע אַנדערע וואַגאָנעס נאָך אים נאָכ־לויפֿן.

אבער מיט וועלכן כוח עס גיט זיך א ריר דער לאקאמאטיוו, וועלכער שלעפט הינטער זיך דעם גאנצן צוג, האב איך נאך ניט געוואוסט.

ווען כ'האב א פרעג געטאן איינעם פון מיינע עלטערע ברידער, צי ווייס ער שוין ווי אזוי סע גייט פון זיך אליין א באן, האט ער מיר געענטפערט, אז ער גייט מיטן כוח פון „פארע״ (דאמף) און דערפאר טאקע הייסט אויף רוסיש א לאקאמאטיוו — „פאראוואז״.

האב איך דענסטמאל געזאגט צום ברודער, אז אויב מיטן כוח פון פא־רע קען מען לאזן אין גאנג א גאנצו צוג, איז פארוואס באוועגט זיך ניט דער דוקארער מרחץ, וועלכן מען פילט אן יעדן פרייטיק מיט אזא מין הייסער פארע, אז ס'איז ממש ניט אויסצוהאלטן.

האט מיר דער ברודער געענטפערט, אז ווען דער דוקארער מרחץ וואלט געהאט אונטער זיך רעדער, ווי א באן, וואלט ער אפשר אויך געקענט גיין ווי א באן.

שפעטער אביסל האט אבער דער ברודער צוגעגעבן, אז פארע אליין איז נאך ווינציק. מען דארף נאך האבן צו איר אזא מין ספרוזשינקע, וועלכע דריקט אזוי שטארק אויף די רעדער, אז זיי מוזן אנהויבן צו דרייען זיך.

דאס ווארט „ספרוזשינקע״ איז אין יענע יארן געווען א כישוף־ווארט. מיטן כוח פון א „ספרוזשינקע״ גייט דאך אפילו א זייגער, אן קיין שום פא־רע.

אבער צו יענער צייט, ווען כ'בין געווען אין מינסק (ס'איז געווען אין יאר 1901, אין דעם גאר ערשטן יאר פון אונדזער צוואנציקסטן יארהונדערט), זיינען שוין געווען אויף דער וועלט נאך א סך גרעסערע וואונדער ווי אן אייזנבאן צי א טראמוויי.

מען האט שוין גערעדט דענסטמאל וועגן אזעלכע לופט־באלאנען, וואס קענען זיך אויפהייבן העכער פון די וואלקנס. מען האט אויך גערעדט דענסט־מאל זייער א סך וועגן אן אמעריקאנער מענטשן מיטן נאמען עדיסאן, וואס האט שוין איינגעפירט אומעטום עלעקטריע, פאנאגראפן אדער גראמאפאנען, קינעמאטאגראפן, טעלעפאנען, טעלעגראפן און שדים ווייסן וואס נאך.

האבן די עלטערע ברידער מיינע, באשלאסן צו באווייזן מיר די אלע וואונדער פון דעם אנקומענדיקן צוואנציקסטן יארהונדערט.

אין איינעם א זונטיק איז פארגעקומען אין מינסקער גובערנאטארסקן גארטן אזא מין פאלקס־יום־טוב, וואס האט געהייסן „דוואצאטי וויעק״ (צוואנציקסטער יארהונדערט)...

פֿאַר סך הכּל צען קאָפּיקעס פֿון אַ מענטשן האָט מען דאָרטן געוויזן אַלע גרעסטע וואונדוירים פֿון דער וועלט.

כ׳האָב אַליין געזען ווי אַ גאַנץ גרויסער לופֿט־באַלאָן, אונטער וועלכן ס׳האָט זיך געבאָמבלט אַ קאָרב מיט צוויי לעבעדיקע מענטשן האָט זיך פּלוצ־לינג אָפּגעריסן פֿון דער ערד און זיך אויפֿגעהויבן הויך־הויך ביז צו די שטערן אין הימל. מען האָט דעם לופֿט־באַלאָן אָנגעהויבן צו באַשיסן מיט ראַקעטעס (פֿייער־ווערק), אָבער ווי הויך די ראַקעטעס זיינען ניט גע־פֿלויגן האָבן זיי שוין דעם לופֿט־באַלאָן ניט געקענט דערגרייכן.

אויך די ראַקעטעס, וועלכע רייסן אויף אין הימל מיט אַ גרויסן קנאַק און צעשיטן זיך באַלד אין טויזנטער פֿונקען ווי שטערן, האָבן פֿאַרכאַפּט מיין אָטעם.

באַלד נאָך דעם איז אויף דער אָפֿענער סצענע אַרויס אַ האַלב־נאַקעטע נקבה מיט דראָטן און ספּרוזשינקעס פֿון קאָפּ ביז די פֿיס און זי האָט אָנ־געהויבן צו זינגען אין רוסיש אַזאַ מין לידל:

„יאַ טעלעפֿאָן, יאַ טעלעפֿאָן
איזאָברעטעניע עדיסאָנאַ.
יאַ טעלעפֿאָן סאָ ווסעך סטאָראָן —
איזאָברעטעניע עדיסאָנאַ!“

אין יידיש הייסט עס, אָן ערך, אָט־ווי:

„כ׳בין אַ טעלעפֿאָן, כ׳בין אַ טעלעפֿאָן און מיך אַנטדעקט האָט עדיסאָן. פֿון אַלע זייטן בין איך טעלעפֿאָן און מיך אַנטדעקט האָט עדיסאָן“.

דערביי האָט זיך די נקבה געדרייט אויף אַלע זייטן און באַוויזן דעם עולם אַלע אירע דראָטן און ספּרוזשינקעס פֿון קאָפּ ביז די פֿיס.

נאָך דעם האָט זיך באַוויזן אויף דער אָפֿענער סצענע איינער אַ הויכער מאַנספּאַרשוין אין אַ שוואַרצן סורטוק מיט אַ שוואַרצן צילינדער. ער האָט געזאָגט, אַז ער איז עדיסאָן. לעבן אים האָט מען אויפֿגעשטעלט אַ קעסטל מיט אַ גרויסער מעשענער טרובע. האָט דער כּלומרשטער עדיסאָן אויסגע־זונגען אַ רוסיש ליד און באַלד נאָך דעם האָט מען פֿון דער מעשענער טרובע דערהערט די ווערטער מיט די קלאַנגען פֿון דעם זעלביקן ליד. וואָס די נאַ־קעטע נקבה האָט פֿריער געזונגען.

דאָס איז געווען אַ גראַמאָפֿאָן.

האָבן אַלע מענטשן פֿון גובערנאַטאָרסקן גאָרטן אָנגעהויבן צו שרייען:

— בראַוואָ, עדיסאָן, בראַוואָ, ביס!

נאָך עדיסאָנען האָט מען אונדז באַוויזן אויף אַ לייוונט לעבעדיקע ביל־דער פון מענטשן און חיות. אָבער סיי די מענטשן און סיי די חיות זיינען געווען שטומע. איינער אַ מענטש האָט אונדז דערקלערט, אַז דאָס איז אַ קינעמאַטאָגראַף (אַ מואווי) פון אַמעריקע, און אַלע האָבן זיך געוואונדערט וואָס אויך אין אַמעריקע זיינען פאַראַן קעץ, הינט און פערד, פונקט ווי אין אונדזערע מקומות.

ווען מיר זיינען פאַרטיק געוואָרן מיטן „צוואַנציקסטן יאָרהונדערט", ד. ה. מיט דער פאָרשטעלונג, זיינען אַלע פינף ברידער אַוועק אויף דער זאַבאַריעוועער גאַס עסן „מאַראָזשנע" (אייזקרים). ס'האָט געקאָסט צו פינף קאָפּיקעס אַ פּאָרציע און געצאָלט האָט ווידער אַמאָל דער עלטערער ברודער מענדל, וואָס איז שוין געווען דענסטמאָל דער גרעסטער פאַרדינער.

עסנדיק פּאַוואָליע די „מאַראָזשנע" פון פאַרשיידענע קאָלירן, וואָס יעדער קאָליר האָט געהאַט זיין באַזונדערן טעם, האָב איך פּלוצלינג באַ־מערקט ביי איינעם אַ טישל פעסיע דעם מילנערס מיט אַ פּאָר חברטעס.

איז מיר תּיכּף־ומיד געוואָרן שרעקלעך הייס אין קאָפּ. מיר האָט זיך אָנ־געהויבן צו דוכטן, אַז אָט־אָט וועט זיך דער קאָפּ מיינער אָפּרייסן פון מיינע פּלייצעס ווי דער לופט־באַלאָן און אַוועקפליען אין הימל אַריין...

אויך ס'האַרץ מיינס האָט אָנגעהויבן שרעקלעך צו קלאַפּן, ווי ס'וואָלטן זיך פאַנאַנדערקלונגען אין מיין איינגעווייד אַלע עדיסאָנס טעלעפאָנען פון דער האַלב־נאַקעטער נקבה.

ווי עס זעט אויס האָב איך זיך דענסטמאָל געהאַט שטאַרק דערשראָקן, אַז פעסיע קאָן נאָך חלילה אויספּלוידערן פאַר מיינע ברידער די געשיכטע ווי זי האָט מיך אַ קוש געטאָן אין שטערן, און מיין ערשטע ליבע וואָלט אויפגעריסן ווי אַ ראַקעטע אין טויזנטער פונקען און זיך אויסגעלאָשן ניט דערגרייכנדיק אַפילו די ערד.

מיינע עלטערע ברידער האָבן באַלד באַמערקט, אַז איך בין עפּעס גע־וואָרן פּלוצלינג שטאַרק צעטומלט. האָבן זיי מיך אָנגעהויבן צו באַרויקן, אַז זיי פירן מיך באַלד צוריק צו דער מאַמען, ד. ה. צו דער מומע איטקען, וואו מיר זיינען איינגעשטאַנען.

זיי זיינען געווען זיכער, די ברידער מיינע, אַז דאָס האָט מיך צעטומלט „דער צוואַנציקסטער יאָרהונדערט"...

„פאַר אַ יינגל איז טאַקע צופיל אַזוי פיל נייע איינדרוקן מיטאַמאָל" — האָט איינער אַ ברודער אַ זאָג געטאָן צו אַ צווייטן.

— ענדיק די „מאַראַזשנע" און מיר'ן גיין צו דער מאַמען — האָט צו מיר שטילערהייט אַ זאָג געטאָן מיין ברודער ברוך, וואָס איז נאָך אַליין געווען דענסטמאָל אַ האַלבער יינגל און אַ האַלבער בחור.

מיין „מאַראַזשנע" האָט זיך שוין אָבער געהאַט צעשמאָלצן אין דריי באַזונדערע בלאָטקעלעך: אַ ראָזאָווע, אַ גרינע און אַ געלע. דאָס פּלאַכע ביי־נערן לעפּעלע האָט שוין ניט געהאַט וואָס אָנצונעמען.

פּלוצלינג אָבער האָב איך אויסגעשאָסן צו די ברידער:

— איר דערקענט גאָר ניט פעסיע דעם מילנערס? אָט זיצט זי דאָך ביי אַ טישל, פעסיע!

האָבן זיך די ברידער זייער דערפרייט מיט פעסיען. זיינען מיר אַלע צוגעגאַנגען צו פעסיעס טישל און פעסיע האָט אַ זאָג געטאָן צו די ברי־דער:

— מיט ליב איך אייער גאַסט! איר האָט שוין דאַניען אויך לעבן זיך!

— יע, די מאַמע האָט אים געבראַכט צו אַ דאָקטאָר, אָבער ער וויל שוין פאַרבלייבן מיט אונדז אויף שטענדיק.

בין איך געוואָרן זייער שטאָלץ וואָס פעסיע האָט דערמאָנט מיין נאָ־מען און זי האָט אַפילו אויך מיך פאַרגעשטעלט פאַר אירע צוויי חברטעס.

זיינען מיר שוין זאַלבעאַכט אַוועק פון דער זאַכאַריעווער גאַס צו דער קרעשטשענסקער, וואו ס'האָט געוואוינט די מומע איטקע און וואו די מאַ־מע מיינע האָט שוין אויף מיר אויסגעקוקט די אויגן.

ווען מיר זיינען צוגעקומען צום הויכן מאַרק, וואו ס'איז געשטאַנען די „פּאַזשאַרנע קאַלאַנטשאַ", ד. ה. דער גאַנץ הויכער טורעם אויף וועלכן עס פלעגן טאָג און נאַכט זיך אַרומדרייען פּאַזשאַרניקעס און זוכן שריפות אין מינסק, האָב איך באַמערקט, אַז אויף דעם הויכן שטאַנג, וואָס שטעקט אַרויס פון דעם טורעם־שפּיץ, ברענען פינף לעמפּלעך, דאָס איז געווען אַ סימן, אַז אין דעם פינפטן „אוטשאַסטאַק" קומט פאַר אַ שריפה.

(יע, אויך מינסק האָט געהאַט 5 „אוטשאַסטקעס" פונקט ווי ניו־יאָרק האָט 5 „באָראָס").

איז מיר דענסטמאָל איינגעפאַלן דער יינגלשער געדאַנק, אַז אָט די אַלע פינף טשאַרני־ברידער זיינען געגליכן צו די פינף „אוטשאַסטקעס" פון מינסק, וואָס אין יעדן איינעם פון זיי קומט פאַר יעדן טאָג אַ וועלכע ניט איז שריפה...

מיין גאַר עלטערער ברודער מענדל האָט דענסטמאָל געהאַט געברענט מיטן געדאַנק אַוועקצופאָרן וואָס גיכער קיין אַמעריקע.

דער צווייטער ברודער זאַלקע האָט געברענט דענסטמאָל מיטן געדאַנק צו באַקומען אַ שיינעם פּאַטשעראַק און דעריבער האָט ער אויסגעשריבן אַזש פון אַדעס אַזאַ מין קאַליגראַפיע פון איינעם אַ קאַסאַדאַ, וועלכער פלעגט לערנען אונטער די אויגן צו שרייבן אַ שיינעם פּאַטשעראַק.

דער דריטער ברודער שמואל האָט שוין דענסטמאָל געברענט מיטן געדאַנק פון פּאַראיי־ניקן דעם ציוניזם מיט; סאָציאַליזם, און ער האָט שוין אַפילו איינמאָל גערעדט וועגן דעם עפנטלעך אין דער ביליקער קיך.

דער פערטער ברודער ברוך האָט געברענט מיטן חשק אויסצולערנען זיך וואָס בעסער רוסיש און ווערן אַ שרייבער. ער האָט שוין אַפילו געהאַט באַשריבן אונדזער שטעטל אין דער רוסישער צייטונג „מינסקי ליסטאָק״.

און איך, דער מוזיניק און שלים־מזל, האָב שוין געברענט דענסטמאָל מיט דעם געהיימען פייערל פון אַן ערשטער ליבע, וואָס דער נאָמען אירער איז געווען „פּעסיע״.

ווען די מאַמע האָט מיך געהאַט דערזען אַ צעפּלאַמטן און צעחושטן פון די אַלע איינדרוקן און איבערלעבונגען וואָס איך האָב געהאַט אין משך פון איין אָוונט, האָט זי, ווי געוויינטלעך, אָנגעהויבן צו טאַפּן מיין שטערן, גלייבנדיק אַז איך האָב היץ.

די מומע איטקע האָט באַרואיקט מיין מאַמען, אַז כ׳שרעק זיך מסתמא פאַר דער אָפּעראַציע, וואָס דר. שאַפּיראָ דאַרף מאַרגן מאַכן איבער מיר.

אָבער אויך די מאַמעלע מיינע האָט אין יענעם אָוונט אויסגעזען אין מיינע אויגן ווי אַ שריפה. זי איז עפּעס געווען זייער צעפּלאַמט און רויט. אויך זי האָט אין יענעם אָוונט זיך ניט געקענט געפינען קיין אָרט אין דער מומע איטקעס הויז.

האָב איך געגלייבט, אַז דאָס איז צוליב דעם וואָס די מאַמע האָט נאָך מער מורא פון מיר פאַר דער אָפּעראַציע, וואָס מען וועט מיר מאָרגן מאַכן.

שפּעטער אָבער האָב איך זיך דערוואוסט, אַז די עלטערע ברידער מיינע האָבן מיך בכיוון צוגענומען פון דער מומע איטקעס הויז און מיך אַוועקגעפירט צום „צוואַנציקסטן יאָרהונדערט״. ווייל אין יענעם אָוונט האָט זיך די מאַמע באַגעגנט צום ערשטן מאָל מיטן יידן, וועלכן מען האָט איר גערעדט פאַר אַ מאַן.

קאָנט איר זיך שוין אַליין אָנשטויסן ווי די מאַמעלע מיינע האָט זיך דערפרייט ווען זי האָט געהאַט דערזען לעבן זיך אַלע אירע פינף קינדער און ווי שולדיק זי האָט זיך געפילט לגבי מיך וואָס גראָד ערב מיין ערשטער אָפעראַציע האָבן די קרובים זי איינגערעדט צו באַגעגענען זיך מיט אַזאַ מין יידן, וועלכער איז גרייט צו ווערן אַ שטיף־טאַטע פאַר אַלע אירע זעקס יתומים...

מיין צווייטע אָפּעראַציע —

אויב די ערשטע אָפּעראַציע אויפֿן אַכטן טאָג פֿון מיין לעבן (דער ברית) האָט מיך געמאַכט פֿאַר אַ יידן — האָט מיך די צווייטע אָפּעראַציע אויפֿן פֿערצנטן יאָר פֿון מיין לעבן געמאַכט פֿאַר אַ מענטשן.

אמת, די צווייטע אָפּעראַציע איז ניט פֿאַרגעקומען אַזוי עפֿנטלעך און פֿייערלעך ווי די ערשטע.

די ערשטע ד. ה. מיין ברית, איז פֿאַרגעקומען אין אונדזער סוכה, וואו ס'האָבן זיך געהאַט פֿאַרזאַמלט די שענסטע יידן פֿון גאַנץ דוקאָר, און ס'איז טאַקע געווען „ליהודים", בעת די צווייטע אָפּעראַציע האָט דער איינציקער כירורג פֿון מינסק, דער דאָקטאָר שאַפּיראָ, געהאַט דורכגעפֿירט אין איינעם אַ זייטיקן צימער פֿון זיין גרויסער דירה און ער האָט אַהין ניט אַריינגעלאָזט אַפֿילו מיין מאַמען.

נאָך מערער, דער שטרענגער דאָקטאָר שאַפּיראָ האָט געבעטן מיין מאַמען, אַז זי זאָל בכלל פֿאַרלאָזן זיין הויז אויף עטלעכע שעה נאָכאַנאַנד, ווייל ווען סע דרייען זיך אַרום ביי אים אין הויז פֿאַרוויינטע מאַמעס קאָן ער דענסטמאָל ניט דורכפֿירן רואיק די אָפּעראַציעס אויף זייערע קינדער.

האָט מיך די מאַמע אָנגעהויבן צו קושן און צו האַלדזן מיט פֿאַרוויינטע אויגן, ווי זי וואָלט זיך שוין מיט מיר געזעגנט, חלילה, אויף אייביקע יאָרן.

מיך אָבער האָט לחלוטין ניט געאַרט וואָס די מאַמע לאָזט מיך איבער איינינקן אַליין אין די הענט פֿון דעם „יידישן גזלן".

איך האָב דאָך געוואוסט, אַז דער דאָקטאָר שאַפּיראָ איז אויסן צו טאָן מיר נאָר גוטס. איך האָב זיך אַפֿילו ניט דערשראָקן ווען דער דאָקטאָר וואָס האָט גערעדט צו מיר מאַמע־לשון, האָט מיך אַוועקגעלייגט אויף אַ הויכן און שמאָלן צעראַטענעם טיש, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ באַנק אויף רעדלעך.

באַלד נאָך דעם האָט ער אַרויפֿגעלייגט אויף מיין פּנים עפּעס אַזאַ מין מאַסקע פֿון מאַרליע צי פֿון וואַטע און ער האָט מיך געבעטן צו ציילן: איינס, צוויי, דריי, פֿיר, און אַזוי ווייטער און ווייטער, ווי ער וואָלט מיך ווען פֿאַר־הערן ווי ווייט איך קען ציילן.

האָט מיך פֿאַרדראָסן וואָס דער דאָקטאָר שאַפּיראָ פֿאַרהערט מיך אין „ליטשבע", ווי כ'וואָלט נאָך געווען אַ קינד. האָב איך געוואָלט פֿאַר אים אויסבאַרימען זיך, אַז איך קען שוין אַלע פֿיר „דעיסטוועס", ד. ה. חיבור,

חיסור, כפל און חילוק, אָבער ווי נאָר כ׳בין דערגאַנגען ביז צו דער ציפער דרייצן, וואָס איז געווען דענסטמאָל די ריכטיקע צאָל פון מיינע יאָרן, האָב איך שוין ווייטער ניט געקענט מער ציילן און כ׳בין ניט געוואָרן.

דאָס האָט מיך דער דאָקטאָר שאַפּיראָ איינגעשלעפערט, כדי איך זאָל ניט פילן ווי ער שניידט מיך.

ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, האָב איך שוין געפונען לעבן זיך מיין מאַמען מיט אַלע מיינע פיר ברידער, און איך בין ביי זיי געוואָרן דער העלד פון טאָג.

די מאַמע איז געווען אויפן זיבעטן הימל וואָס דער דאָקטאָר שאַפּיראָ האָט ניט אַרונטערגענומען ביי מיר, חלילה, די גאַנצע האַנט, ווי די מומע איטקע האָט געהאַט גע׳עצה׳ט, און איך בין געווען אויפן זיבעטן הימל, וואָס אַלע ריידן וועגן מיר און אַלע ווילן מיר טאָן עפּעס גוטס.

שטעלט זיך פאָר מיין גרויס גליק, אַז אין יענעם טאָג איז אַפילו פּע־סיע דעם מילנערס געקומען צו דער מומע איטקען מיך געוואויר ווערן, און זי האָט מיך פאַר אַלעמען אין די אויגן ווידער אַמאָל אַ קוש געטאָן אין שטערן, ווי זי וואָלט שוין געווען מיין כלה, צי וואָס.

מיין עלטערער ברודער שמואל, וואָס איז געווען אין איינע יאָרן מיט פּעסיען, איז פּלוצלינג רויט געוואָרן און ערשט איצטער שטויס איך זיך אָן, אַז פּעסיע האָט מסתמא שטילערהייט ליב געהאַט מיין עלטערן ברודער. אָבער שמואלן האָט זי דאָך ניט געהאַט קיין מוט צו קושן — האָט זי גע־קושט מיך, דעם „פליאַגע״, און דאָס איז מיר געווען זייער צום האַרצן.

איז מיר שוין דענסטמאָל איינגעפאַלן דער טריפהנער געדאַנק, אַז ווען איך פאַרבלייב אַ „פליאַגע״ אויף אייביקע יאָרן — וועלן מיך שטענדיק קושן אַלע פאַרליבטע מיידלעך און ווייבלעך, ווייל זיי האָבן שוין, זעט אויס, אַזאַ מין טבע.

איז ווי באַלד כ׳האָב זיך נאָך דער אָפּעראַציע דערפילט ווי אַ גענעראַל, וואָס האָט געוואונען אַ גרויסע שלאַכט — האָב איך אויסגעפועלט ביי דער מאַמען, אַז זי זאָל מיך ניט פירן פון מינסק צוריק קיין דוקאָר אונטער דער באַנק, ווי זי האָט מיך געהאַט געפירט פון דוקאָר קיין מינסק, נאָר זי זאָל קויפן פאַר מיר אַ פערטל בילעט פאַר נייַן קאָפּיקעס, איך זאָל קאָנען פאָרן מיט דער באַן ווי אַלע דערוואַקסענע מענטשן פאָרן.

מיין גאָר עלטערער ברודער מענדל, וואָס איז נאָך ביז היינט זייער גוט צו מיר, כאָטש ער וואוינט שוין עטלעכע און פערציק יאָר אַזש אין פּעטער־

סאַן, ניו דזשורזי, האָט דערהערנדיק מײַן וואונטש תּיכּף אַרויסגענומען אַ זילבערנע „גריוועניע" (צען קאָפּיקעס) און צו מיר אַזוי געזאָגט:

— „אָט האָסטו דאָ אויף אַ בילעט פֿון מינסק קיין דוקאָר".

האָב איך זיך פֿאַנאַנדערגעווײַנט פֿאַר גרויס פֿרייד, וואָס איך וועל שוין קאָנען פֿאָרן מיט דער באַן ווי אַלע דערוואַקסענע מענטשן פֿאָרן, און כ'וועל שוין קאָנען פֿראַנק און פֿריי שפּאַצירן איבער אַלע וואַגאָנען, ניט מורא האָבנדיק פֿאַרן קאָנדוקטאָר.

די מאַמע איז געוואָרן זייער אומעטיק וואָס איך ווײן גאָר אין מיטן דערינען, אָבער די מומע איטקע (מײַן מאַמעס עלטערע שוועסטער) האָט זי באַרויִקט, אַז גראָד איצטער איז זייער גוט וואָס איך וויין, ווײַל דאָס גייט אַרויס פֿון מיר דער כלאָדאָפֿאָרם מיט וועלכן דער דאָקטאָר שאַפּירא האָט מיך געהאַט אײַנגעשלעפֿערט.

די מומע איטקע איז געווען גערעכט. נאָכן אויסוויינען זיך איז מיר טאַקע געוואָרן אַ סך לײַכטער.

האָט די מומע איטקע געשטעלט אויפֿן טיש זייער פֿיינעם כּיבוד, ווי מען וואָלט ווידער אַמאָל געפּראַוועט מײַן בר־מצווה, אָבער פּלוצלינג איז געוואָרן אין הויז אַ נײַע מהומה.

ס'איז אַרײַנגעקומען ווי אַ שטורעם־ווינט דער פֿעטער ישעיה, וואָס האָט תּמיד געהאַט אַ פֿולן מויל מיט נײַעס פֿון גאָר דער וועלט.

היינטיקס מאָל האָט ער אונדז געבראַכט די טרויעריקע בשורה, אַז ס'איז פּלוצלינג געשטאָרבן דער פֿעטער שמואל־יאָשע, און ער האָט איי־בערגעלאָזט פֿאַר מײַן מאַמען אַ ירושה — אַ גאָלדענע צען־רובלדיקע.

דעם אמת געזאָגט, ווייס איך נאָך ניט ביז היינט ווער אַזוינס עס איז געווען דער פֿעטער שמואל־יאָשע. איך ווייס נאָר, אַז מיר האָבן געהאַט אין מינסק עפּעס אַ לעגענדאַרישן פֿעטער, צי אַן עלטער־פֿעטער, אַן אַלטער בחור צי אַ וויסטער אַלמן, וואָס פֿלעגט אײַנינקער אַליין אויסטרינקען אַ פֿולן סאַמאָוואַר מיט טיי און נאָכדעם אַלע ווײַלע דאַנקען און לויבן דעם רבונו של עולם, וואָס ער האָט באַשאַפֿן דעם מענטשן מיט גרויס חכמה, באַזאָרגנדיק אים לכתּחילה מיט „נקבים און חלולים", ווי סע שטייט בפּירוש אין דעם „אשר יצר".

ניט איך און ניט מײַנע עלטערע ברידער האָבן ווען עס איז געהאַט געזען דעם דאָזיקן „פֿעטער שמואל־יאָשען", נאָר ווען ער איז פּלוצלינג געשטאָרבן, האָט מען געפֿונען אין זײַנע בגדים אַ גאָלדן צען רובלדיקע מיט

אַ צוואה, אַז מען זאָל די גאָלדענע מטבע איבערגעבן מיין מאַמען דער אלמנה.

ווען דער פֿעטער ישעיה האָט זייער פֿיערלעך איבערגעגעבן מייַן מאַמען די גאָלדענע ירושה פֿון ר׳ שמואל־יאָשען ע״ה, האָט זיך די מאַמע פּלוצלינג פֿאַנאַנדערגעווײנט פֿאַר גרויס פֿרייד, וואָס דער אומבאַקאַנטער פֿעטער האָט געטראַכט ווענגן איר פֿאַרן טויט און איר אָפּגעשענקט בירושה זייַן גאַנצן פֿאַרמעגן.

אַזוי אַרום האָבן מאַמע און זון געוויינט פֿאַר פֿרייד אין איין און דער זעלביקער צייַט, אָבער דער מאַמעס טרערן זייַנען דענסטמאָל ווערט געווען די גאָלדענע צען־רובלדיקע, וואָס זי האָט באַקומען בירושה פֿון דעם פֿעטער שמואל־יאָשען, און מייַנע טרערן זייַנען ווערט געווען די צען זילבערנע קאָ־פּיקעס, וואָס איך האָב באַקומען פֿון מייַן ברודער אויף אַ בילעט פֿאַר דער באַן.

פֿון דענסטמאָל אָן איז בייַ מיר פֿאַרבליבן דער איינדרוק, אַז אַ טרער פֿון אַ מאַמען איז הונדערט מאָל טייַערער ווי אַ טרער פֿון אַ זון...

ווען די מאַמע האָט מיך נאָך דער אָפּעראַציע געבראַכט מיט דער באַן פֿון מינסק קיין דוקאָר, איז שוין געווען דענסטמאָל חמשה עשר באב.

איך ווייס ניט ווי בייַ אייַך, נאָר בייַ אונדז אין דוקאָר איז געווען אַ מנהג, אַז חמשה עשר באב פֿלעגן געשלאָסן ווערן שידוכים.

אָשר דער מלמד, וואָס פֿלעגט שטענדיק זייַן דער הויפּט־מחותן בייַ יעטוועדן קנין אָדער תּנאים אין שטעטל, האָט מיר איינמאָל דערציילט, אַז דער מנהג צו שליסן שידוכים אין דעם טאָג פֿון חמשה עשר באב שטאַמט נאָך פֿון די גאָר אַלטע צייַטן אין ירושלים, וואו יידישע בחורים און מייד־לעך פֿלעגן דעם פֿופֿצנטן אָב זיך אויספּוצן אין עסיק און האָניק און שליסן צווישן זיך שידוכים. אַ סברא, אַז דעם דאָזיקן חתן־כּלה־יאַריד אין ירושלים האָט געהאַט איינגעפֿירט דער ערשטער מלך בייַ יידן, שאול המלך, וועלכער האָט געשטאַמט פֿון דעם שבט בנימין.

(אויב איר געדענקט, האָט זיך דער שבט בנימין געהאַט פֿאַרזינדיקט דורך דעם וואָס אייניקע חברה־לייט פֿון דעם דאָזיקן שבט האָבן אין זייער שטאָט גבעה פֿאַרגוואַלדיקט און געהרגעט איינע אַ קעפּס־ווייב פֿון אַ פֿרעמדן מאַן און צוליב דער דאָזיקער „פּילגש בגבעה״ האָבן אַלע אַנדערע יידישע שבטים אויסגעהרגעט כּמעט דעם גאַנצן שבט בנימין, איבערלאָזנדיק ניט מער ווי זעקס הונדערט בחורים, וואָס האָבן ניט געטאָרט חתונה האָבן מיט די טעכטער פֿון אַנדערע שבטים. אָבער שאול המלך וואָס האָט אַליין אָפּגע־

שטאַמט פֿון דעם שבט בנימין, האָט אָפּגעשאַפֿט די דאָזיקע גזירה און איינגעפֿירט אין ירושלים דעם אויבן־דערמאָנטן חתן־כּלה־יאַריד, וואָס איז על־פּי טראַדיציע דערגאַנגען אַזש צו אונדז קיין דוקאָר...)

אמת אין דוקאָר האָט קיינמאָל ניט געקאָנט פֿאַרקומען אַזאַ מין חתן־כּלה־קאַרניוואַל, ווי אַמאָל אין ירושלים, ווייל אַלע חתנים און כּלות פֿון גאַנץ דוקאָר האָט מען געקאָנט איבערציילן אויף די פֿינגער פֿון איין האַנט, אָבער אין יענעם חמשה עשר באָב (פֿון 1901) האָט מיין אייגענע מאַמע באַקומען אין מיינע אויגן דעם אויסזען פֿון אַ גאַנצן כּלה־קאַרניוואַל...

זי האָט מיר ענדלעך פֿאַרטרויט איר גרויסן סוד, וועלכן איך האָב שוין געוואוסט פֿון פֿריער, אַז זי האָט זיך אין מינסק באַגעגנט מיט איינעם אַ יידן פֿון דעם שטעטל זעמבין, הינטער באָריסאָוו, און אַלע זאָגן, אויך די ברידער מיינע זאָגן, אַז ווען זי האָט מיט אים חתונה — וועט עס זיין זייער גוט פֿאַר אונדזביידן, ד. ה. פֿאַר מיר מיט דער מאַמען.

זי האָט מיר אויך דערציילט, די מאַמע, אַז דער דאָזיקער ייד איז מיך גרייט אויסצוהאַלטן אַפֿילו אין ווילנע, וואו ס'איז שוין פֿאַראַן אַ דאָקטאָר מיט אַזעלכע מינים עלעקטרישע רענטגען־שטראַלן, אין וועלכע איך נייטיק זיך זייער שטאַרק, לויט די רייד פֿונעם דר. שאַפּירא.

האָט די מאַמע געענטפֿערט צו די אַלע עלטערע ברידער מיינע און צו די אַלע מינסקער קרובים, וואָס האָבן זי צוגערעדט צום שידוך, אַז דער גאַנצער ענין איז אָפּהענגיק נאָר פֿון מיר אַליין. אויב איך וועל מסכּים זיין — וועט זי אויך מסכּים זיין. אויב אָבער דאָס קאָן מיר, חלילה, פֿאַרשאַפֿן אַ וועלכן ניט איז עגמת־נפֿש — איז די מאַמע גרייט צו פֿאַרבלייבן מיט מיר אַזוי לאַנג ביז כ'וועל שוין ווערן, אי"ה, גאָר איינגאַנצן אַ גרויסער און געפֿינען מיין באַשערטע אויף לאַנגע יאָר!

האָב איך דער מאַמעלען מיינער דענסטמאָל געענטפֿערט, אַז אויב נאָר איר וועט זיין גוט — וועט מיר אויך גוט זיין, און אויב נאָר זי וויל, אַז איך זאָל טאַקע וואָס גיכער ווערן אַ גרויסער, אַ דערוואַקסענער — זאָל זי מיך דענסטמאָל גלייך נאָך סוכּות אַוועקשיקן צו די ברידער אין מינסק, וואו כ'וועל קאָנען סיי לערנען און סיי היילן זיך.

(כ'האָב, פֿאַרשטייט זיך, דער מאַמען ניט דערציילט מיין גרויסן סוד, אַז מיך ציט קיין מינסק אויך שוין צוליב פּעסיען...)

האָט די מאַמע באַלד אָנגעשריבן אַ בריוו צו מיינע עלטערע ברידער, ווי אויך צו איר עלטערער שוועסטער, דער מומע איטקען, אַז „דאָניע איז מסכּים", אָבער זי מוז צוערשט פֿאָרן מיט מיר קיין בערעזין צו איר איינ־

ציקער טאָכטער, צו מירלען, וואָס קלייבט זיך גאָר אינגיכן צו האָבן איר ערשט קינד, אין אַ גוטער שעה!

מיין שוועסטער מירל האָט זייער געוואָלט, אַז די מאַמע זאָל קומען מיט מיר קיין בערעזין צו איר ערשטן קימפעט, ווייל זי איז געווען, נעבעך, זייער אָנגעשראָקן, די שוועסטער מיינע, צוליב איינער אַ קימפעטאָרין אין בערעזין, וועלכע האָט די גאַנצע שטאָט געהאַט אויפֿגעהויבן אויף די פֿיס.

אַזוי ווי די שוועסטער מיינע איז געווען, ווי איר ווייסט, אַ געניטע בריוו־שרייבערקע נאָך זייענדיק אין דוקאָר — האָט זי טאַקע באַשריבן די גאַנצע געשיכטע מיט יענער קימפעטאָרין, וועלכע ס'איז כדאַי דאָ איבער־צודערציילן.

אַ מעשה מיט אַ שייטל האָלץ —

ווען אַ מאַמע פֿאָרט צו אַן ערשן קימפּעט פֿון אַ טאָכטער, קומט זי געזוייַנטלעך, מיט אַ פּאָר וואָכן פֿריער און זי פֿאַרבלייבט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער, ביז די קימפּעטאָרין שטעלט זיך שוין, מיט מזל, אויף די אייגענע פֿיס.

האָט אָבער מיין שוועסטער ניט געוואוסט געגוי, ווען זי דאַרף געלעגן ווערן, אין אַ גוטער שעה!...

גראָד איז יענער יאָר געווען אַן עיבור־יאָר און דער אָדר־שני האָט, ווייזט אויס, צעפּלאָנטערט מיין שוועסטערס חשבון. האָט זי ניט געוואוסט, צי איר קימפּעט וועט אויספֿאַלן אין די ימים נוראים טעג, צי אפֿשר גאָר אַ וואָך נאָך סוכות.

כדי אָבער אונטערצויאָגן מיין מאַמען, אַז זי זאָל קומען קיין בעדרעזין וואָס גיכער, האָט מיין שוועסטער באַשריבן אין איינעם אַ בריוו די שרעקלעכע געשיכטע מיט איינער אַ קימפּעטאָרין, וואָס צוליב אַ שייטל האָלץ האָט גאַנץ שטעטל געפּסקנט, אַז איר ניי־געבוירן יינגעלע מוז שטאַרבן נאָך פֿאַר דעם ברית.

אַזוי ווי די מעשה נורא איז אין די אַמאָליקע יאָרן געווען כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אַלע אָרימע יידישע קימפּעטאָרינס אין דער פּראָווינץ — האַלט איך פֿאַר נייטיק זי איבערצודערציילן פּונקט אַזוי ווי מיין שוועסטער האָט זי געהאַט דעמאָלט באַשריבן,

אַמאָליקע יאָרן איז געווען אַ מנהג, אַז ווען אַ פֿרוי פֿלעגט זיך פֿאַרשווענגערן, פֿלעגט זי אונטערלייגן אונטער איר בעט אַ שייטל האָלץ. נאָך דעם פֿלעגט זי יעדן ראש־חודש צוגעבן אַ ניי שייטל האָלץ. ווען עס פֿלעגן זיך אָנקלייבן אונטער דעם בעט ניין שייטלעך האָלץ, האָט שוין די פֿרוי געוואוסט, אַז אין דעם דאָזיקן חודש דאַרף זי, מיט מזל, געלעגן ווערן.

האָט אָבער פּאַסירט איינמאָל אין דער פּאַלאַזשינער גאַס, וואו עס האָבן געוואוינט די אָרעמע לייט פֿון גאַנץ בערעזין, אַז איינע אַ פֿרוי האָט געהאַט אַ קינד, וואָס זי האָט געטראָגן ניט מער ווי אַכט חדשים, ווייל אונטער איר בעט זיינען געווען ניט מער ווי אַכט שייטלעך האָלץ!

זאָגט די גמרא, אַז אַ קינד, וואָס ווערט געבוירן צו אַכט חדשים, קאָן ניט לעבן!

אַ זיבעלע איז גוט! אַ ניינטעלע — איז אַוודאי גוט! אָבער אַן אַכ־טעלע, ניט פֿאַר אונדז געדאַכט, איז שוין לכתחילה פֿאַרמשפּט צום טויט!

האָט גאַנץ בערעזין אָנגעהויבן לויפֿן צו דער פּאַלאַזשענער גאַס קוקן, צי דאָס „אַכטעלע" לעבט נאָך.

יעדע ווײַלע פֿלעגט צו דער קימפּעטאָרין אַרײַנקומען אַ נײַע ייִדענע און זי פֿאַרשיטן מיט זייער פֿײַנלעכע פֿראַגעס:

— ס'לעבט נאָך?

— גיסט אים נאָך זויגן?

— סע שרייט, ווען ס'איז הונגעריק?

— ווען מען דען מאַכן אַ ברית?

די קימפּעטאָרין איז שיר־ניט משוגע געוואָרן פֿון די אַלע פֿראַגעס. אָבער דאָך האָט זי זיך געפֿילט שולדיק לגבי גאַנץ בערעזין, וואָס זי האָט געהאַט אַן „אַכטעלע" און עס לעבט נאָך, אַלעמען אויף צו להכעיס!

ווען עס איז געקומען דער טאָג פֿון ברית האָבן די כּלי־קודש באַשלאָסן, אַז מען מוז דעם ייִנגעלע מל זײַן, ווײַל סוף־כּל־סוף איז עס דאָך ניט קיין הלכה מסיני, אַז אַלע „אַכטעלעך" מוזן שטאַרבן!

בײַ דער קימפּעטאָרין אין הויז האָט זיך געטאָן דעמאָלט חושך! אי מען גייט פֿראַווען אַ ברית, אי מען גרייט זיך שוין צו דער לוויה פֿונעם קינד.

גאַנץ שטעטל וואָלט זיך מחיה געווען, ווען ס'קינד שטאַרבט! מען האָט שוין אַפֿילו אָנגעהויבן צו מורמלען, אַז ס'איז ניט קיין מענטשן־קינד, נאָר עפּעס, חלילה, אַ דיבוק, אַ שרעטעלע, אַ ניט־גוטער!

די קימפּעטאָרין האָט זיך געריסן די האָר פֿון קאָפּ און אין דעם טאָג פֿון דעם שרעקלעכן ברית האָבן זיך אירע גוואַלט־געשרייען געטראָגן איבער דער גאַנצער גאַס!

דעמאָלט האָט שוין איינע אַן אָרימע שכנה פֿון דער קימפּעטאָרין ניט געקאָנט מער אויסהאַלטן דעם צער פֿון דער געווינערין, איז זי אַוועק צום רב און זי האָט זיך פֿאַר אים מתוודה געווען, אַז צוליב איר איז דאָס קינד געבוירן געוואָרן כּלומרשט אַן „אַכטעלע", בעת אין דער אמתן איז עס אַ ניינטעלע, ווי אַלע נאָרמאַלע ייִדישע קינדער.

ווען דער רב האָט אַ פֿרעג געטאָן די איבערגעשראָקענע ייִדענע, פֿון וואַנען זי ווייסט, אַז דאָס קינד איז געבוירן געוואָרן צו דער ריכטיקער צײַט, האָט די ייִדענע דערציילט, אַז אין איינעם אַ טאָג איז זי אַרײַן צו דער שכנה לײַען אַ טעפּל, אָבער גראָד דעמאָלט איז קיינער ניט געווען

אין הויז, האָט זי באַמערקט, אַז אונטער דעם בעט וואַלגערן זיך עטלעכע שייטלעך האָלץ, האָט זי ניט געקאָנט ביישטיין דעם נסיון און זי האָט איין שייטל האָלץ גענומען אונטער איר פאַרטוך און זיך אַרויסגערוקט פון הויז. אַ טרוקענע שייטל האָלץ איז געווען פאַר איר דעמאָלט אַ גאַנצער פאַרמעגן!

איצט אָבער, ווען זי האָט זיך דערוואוסט, אַז צוליב יענעם שייטל האָלץ האָט מען געפּסקנט, אַז דאָס קינד פון איר שכנה איז אַן „אַכטעלע" און ס'מוז, הלילה, שטאַרבן, איז זי גרייט צו נעמען אויף זיך די האַרבסטע שטראָף, וואָס דער רב וועט אויף איר אַרויפלייגן, אַבי נאָר ס'קינד זאָל לעבן געזונטערהייט און דורכמאַכן בשלום זיין ברית, ווי אַלע יידישע קינדער מאַכן אים דורך כדת משה וישראל!

דער בערעזינער רב איז אָבער געווען זייער אַ קלוגער, האָט ער גע־פּסקנט, אַז דערפאַר, וואָס די יידענע אַליין האָט זיך פאַר אים מודה געווען אין דער גנבה, זאָלן אַלע יידן פון דער פאַלאַזשענער גאַס שענקען דער אָרימער פרוי צו איין שייטל האָלץ, זי זאָל האָבן אַ וואַרימען ווינטער און ניט זיין מער געצוואונגען צו גנבענען שייטלעך האָלץ פון אונטער די ווייבערשע בעטן!

אַזוי אַרום האָט זיך די מעשה נוראָ מיטן „אַכטעלע" פאַרענדיקט צום גוטן פאַר בײדע צדדים...

ווען מיין מאַמע האָט געהאַט איבערגעלייענט די גאַנצע געשיכטע, ווי מיין שוועסטער האָט זי געהאַט באַשריבן, האָט צו מיר די מאַמע אַ זאָג געטאָן:

— איך האָב מורא, דאַניע, אַז אויך מירל (מיין שוועסטער) האָט זיך דאַרטן פאַרפלאָנטערט מיט די שייטלעך האָלץ!

האָט די מאַמע באַלד אָנגעשריבן צו מיין שוועסטער דעם פולן אמת, אַז היינטיקן סוכות קאָן זי בשום־אופן ניט אַוועק פון דוקאָר, ווייל דאָס וועט זיין מעגלעך דער לעצטער סוכות, וואָס זי וועט נאָך קאָנען פאַרברענגען מיט אַלע אירע פינף זין אין דוקאָר.

אַ סברה, אַז באַלד נאָך סוכות וועלן מיך די עלטערע ברידער מיטנעמען קיין מינסק און דעמאָלט, ווען זי וועט פאַרבלייבן איינע אַליין, ווי אַ שטיין, וועט זי אפשר טאָן דעם שידוך מיטן יידן פון הינטער באָריסאָוו.

פון באָריסאָוו קיין בערעזין איז דאָך שוין מיט דער האַנט צו דערלאַנגען, ווייל ס'גייען פאַראַכאַדן, אָבער דאָך וועט זי קומען קיין בערעזין תיכף נאָך

סוכּות און זי האָפּט, די מאַמע, אַז ביז דעמאָלט וועט זי נאָך ניט ווערן קיין קימפּעטאָרין, די שוועסטער מיינע.

לויט דער מאַמעס חשבון, האָט זיך מיין שוועסטער „פאַרטראָגן" ניט אין דעם אָדר ראשון, נאָר אין דעם אָדר שני, און ווי באַלד אַזוי, וועט זי געלעגן ווערן, מיט מזל, הלוואי אין חשון.

אמת, אין חשון גייען שוין מער ניט קיין פאַראַכאָדן ווייל די בערעזינאַ (אָדער די „בעריאָזע") פרירט שוין דעמאָלט איין, וועט זי שוין קומען, אי״ה, מיט די בערעזינער באַלעגאָלעס, וואָס פאָרן יעדע וואָך פון בערעזין קיין מינסק און צוריק.

ווען די מאַמע איז פאַרטיק געוואָרן מיט דעם גאַנצן לאַנגן בריוו צו מיין שוועסטער, איז ביי איר ווי אַראָפּגעפאַלן אַ שטיין פון האַרצן.

דעמאָלט ערשט האָט זיך די מאַמע אַ נעם געטאָן פאַר אַלע אירע אָב־מלאכות, וואָס זי פלעגט טאָן געוויינטלעך יעדן יאָר אין דעם חודש אָב.

אין חודש אָב פלעגט דוקאָר פאַרפלייצט ווערן פון צייטיק־געוואָרענע קאַרשן, פון איבערגעוואַקסענע אוגערקעס און פון ברוסניצעס (אַ רויטע און האַרטע וואַלד־יאָגעדע).

פון דעם האַלבן פוד קאַרשן, וואָס פלעגט קאָסטן נאָך ווינציקער פון אַ רובל, פלעגט די מאַמע מאַכן „וואַרעניע", וואָס זאָל קלעקן ביז איבעראַ־יאָר זומער און אויך נאָך אַ פּאָר פלעשער ווישניק.

פון די קאַרשן, וואָס פלעגן גיין אויף וואַרעניע, פלעגט די מאַמע צו־ערשט אַרויסנעמען מיט אַ האָר־שפּילקע די ביינדלעך. ווען עס פלעגט זיך אָנקלייבן אין אַ שיסל אַ באַרג מיט ביינדלעך, פלעגט מיך די מאַמע בעטן אויסצוקלייבן פון זיי יענע ביינדלעך, וואָס אויף זיי איז נאָך פאַרבליבן אַביסל קאַרשן־פליישן. די דאָזיקע „פליישיקע" ביינדלעך פלעגט די מאַמע אַריינשיטן אין אַ גאָר גרויסער ווייסער פלאַש, צוגעבן צו זיי אַ פּאָר פונט ניט קיין אויסגעביינדלטע קאַרשן און נאָכדעם אַריינשיטן אין דער פלאַש ביזן סאַמע העלדזל זייער ווייסן מעל־צוקער. ערשט אין עטלעכע וואָכן אַרום, ווען דער גאַנצער צוקער פלעגט שוין זיין צעגאַנגען, פלעגט אין דער פלאַש ווערן גענוג פרייער פלאַץ אויף אַריינצוגיסן אין איר ביי אַ האַלבער קוואָרט שנאַפּס. אַרום חנוכּה־צייט פלעגט שוין דער ווישניק ווערן אַזוי שטאַרק, אַז איך פלעג שיכּור ווערן פון איין קאָרש.

ווען די מאַמע פלעגט שוין פאַרטיק ווערן מיטן אויסגעפּרעגלען די וואַרעניע און מיטן איינשטעלן דעם ווישניק, פלעגט זי זיך דעמאָלט אַ נעם טאָן פאַר די אוגערקעס.

זי פֿלעגט איינזייערן אין אַ פֿעסל ביי עטלעכע שאָק אוגערקעס.

איידער זי פֿלעגט אַריינוואַרפֿן אַן אוגערקע אין פֿעסל, פֿלעגט זי זי פֿריער גוט אַנשטעכן עטלעכע מאָל מיט אַ פֿרענטל, כּדי אין דער אוגערקע זאָל גיכער קאָנען אַריינקומען דאָס זאַלץ־וואַסער, ווי אויך דער געשמאַקער ריח פֿון דעם „אוקראָפּ" (אַזאַ מין געוויקס), וואָס מען פֿלעגט אַריינלייגן אין פֿעסל.

שוין אין עטלעכע טעג אַרום פֿלעגט אַ „מאַלאָסלנע" אוגערקע קריגן דעם טעם גן־עדן און אין אַ פּאָר וואָכן אַרום פֿלעגט מען שוין קאָנען צו שלוש־סעודות פֿאַרוויסן אוגערקע־ראָסל מיט סמעטענע און עס פֿלעגט אויך האָבן טעם גן־עדן.

ווען די מאַמע פֿלעגט שוין פֿאַרטיק ווערן אויך מיט די אוגערקעס, פֿלעגט זי זיך דערמאָלט אַ נעם טאָן פֿאַר די ברוסניצעס.

ברוסניצעס, איידער מען פֿרעגלט זיי, דאַרף מען זיי גוט איבערקלייבן, ווי אַרבעס, ווייל עס זיינען פֿאַראַן צווישן זיי אַ סך ווערעמדיקע. די דאָזיקע אַרבייט איז שוין געלעגן אויף מיר, בעת די מאַמע פֿלעגט צו דער זעלבער צייט שיילן עפּל און אַרויסנעמען פֿון זיי די יאָדרעס. ברוסניצעס האָבן זייער ליב, ווען מען פֿרעגלט זיי מיט שטיקלעך עפּל.

די מאַמע פֿלעגט אויספֿרעגלען ביי אַ האַלבן פּוד ברוסניצעס און ווינטער־צייט איז ניט געווען קיין געשמאַקערע זאַך ווי אַנצושמירן אַ לוסטע ברויט מיט ברוסניצעס און פֿאַרבייסן מיט אַ שטיקל געפֿרעגלטן עפּל.

אָבער אין יענעם בּאַרימטן חודש אָב, ווען איך האָב געהאַט דורכגעמאַכט אין מינסק מיין ערשטע אָפּעראַציע און ווען די מאַמע מיינע האָט זיך צום ערשטן מאָל געהאַט באַגעגנט מיט איר צוקונפֿטיקן צווייטן מאַן, האָב איך בשום־אופֿן ניט געקאָנט פֿאַרשטיין צו־וואָס די מאַמע גרייט אָן אויפֿן גאַנצן ווינטער די אַלע גוטע זאַכן, ווי באַלד מירביידע שטייען שוין אויפֿן שוועל פֿון גאָר גרויסע ענדערונגען אין אונדזער לעבן.

איך האָב זיך דאָך געהאַט געקליבן אַוועקצופֿאָרן באַלד נאָך סוכּות מיט די ברידער קיין מינסק און די מאַמע האָט זיך דאָך געהאַט געקליבן צום ערשטן קימפּעט פֿון מיין איינציקער שוועסטער אין בערעזין און נאָכן קימפּעט וועט זי שוין, אַ סבֿרה, חתונה האָבן מיט ר׳ ישׂראל אייזיק קליאַצקי פֿון זשעבין, וואָס הינטער באָריסאָוו — איז צו־וואָס, פֿרעגט זיך, פֿרעגלט די מאַמע אַזויפֿיל קאַרשן־סאָק און ברוסניצעס מיט עפּל? צו־וואָס זאַלצט זי איין אַזויפֿיל אוגערקעס און שטעלט איין אַזעלכע צוויי גרויסע פֿלעשער מיט ווישניק?

האָב איך זיך ניט איינגעהאַלטן און אַ פֿרעג געטאָן די מאַמען:

— מאַמעלע, אַ געזונט צו דיר, איך פֿאַרשטיי ניט צו־וואָס דו האָרעװעסט אַזױפֿיל אױף די אַלע זאַכן, װען אין אַ פּאָר חדשים אַרום װעלן מיר דאָך בײדע פֿאַרלאָזן דוקאָר אױף אײביקע יאָרן?

— זונעלע מײנער, זאָג ניט, אַז מיר פֿאַרלאָזן, חלילה, דוקאָר אױף אײביקע יאָרן! דוקאָר בלײבט פֿאַר אונדז דוקאָר, װאו מיר זאָלן ניט זײן! — האָט מיך די מאַמע אַ מוסר־געטאָן.

— און אױב אַפֿילו איך זאָל זיך פֿאַרבינדן מיט קליאַנסקין פֿון זשעבין, װער איך דען, חלילה, אַ „בעזשעטיכע״? װעט איר דען ניט קומען צו מיר יעדן יום־טוב װי אַלעמאָל? װעסטו דען, חלילה, פֿאַרבלײבן אָן אַ הײם, שונאי־ציון געזאָגט געװאָרן? װעט מען זיך דען אױך אין זשעבין ניט בענטשן מיט מײנע קינדער, װי מען בענטש זיך מיט זײ אין דוקאָר? זאָג ניט, דאָניע, אַז מיר פֿאַרלאָזן דוקאָר אױף אײביקע יאָרן! דוקאָר װעט אונדז שטענדיק נאָכפֿאָרן, װאו מיר זאָלן ניט זײן. אַ ייד טאָר אַזױ ניט רײדן, קינד מײנס!

דערבײ האָט מיר די מאַמע פּלוצלינג אַ קוש געטאָן אין מויל און זי האָט אָנגעהױבן צו װײנען...

... װײן איך איצטער אױך, שרײבנדיק די דאָזיקע שורות. — — — —

דאָס איז דאָך דער בעסטער באַװײז, אַז דוקאָר לױפֿט מיר נאָך אַװאו איך זאָל ניט זײן, און די מאַמעלע איז טאַקע געװען גערעכט!

צווי שוועסטער שמועסן —

ווען די מאַמע האָט געהאַט דערזען, אַז אין אַ פּאָר חדשים אַרום וועט איר טאָקע אויסקומען צו פֿאַרלאָזן דוקאַר אויף אייביקע יאָרן, איז איר געוואָרן שרעקלעך אומעטיק.

ווען דער מאַמען פֿלעגט ווערן ביז גאָר אומעטיק, פֿלעגט זי דענסטמאָל אַוועקגיין צו איר עלטערער שוועסטער, צו דער מומע טויבען, אויסצוגיסן פֿאַר איר דאָס ביטערע האַרץ.

די מומע טויבע איז געווען די רייכסטע מומע מיינע אין גאַנץ דוקאַר און זייער אַ וואוילגעלערנטע. זי האָט געקענט אויף אויסווייניק אַלע מעשיות און משלים פֿון "צאינה וראינה", פֿון "שבט מוסר", פֿון "מנורת המאור", פֿון "מעשה אלפֿוס", און זי פֿלעגט שוין אַפֿילו לייענען אויך "דעם יוד".

פֿלעגט די מומע טויבע שטענדיק האָבן אַ פֿולן מויל מיט פסוקים און ווערטלעך צו יעדער גוטער און ניט־גוטער געלעגנהייט.

ווען די מומע טויבע פֿלעגט פֿאַר וואָרמעס אויפֿעסן אייניקע אַליין אַ גאַנצן הערינג, פֿלעגט זי זיך אַ ווערטל טאָן, אַז דאָס האָט זי געשיקט אַ "דעלעגאַט" אין מאָגן פֿרעגן ביי אים, וואָס וויל ער נאָך?

(דאָס וואָרט "דעלעגאַט" האָט שוין די מומע טויבע געכאַפּט פֿון דעם "יוד", וואו עס פֿלעגן זיך דרוקן באַריכטן וועגן די ציוניסטישע קאָנגרעסן אין באַזעל).

ווען די מומע טויבע פֿלעגט צו וואָרמעס אויפֿעסן אייניקע אַליין אַ געבראָטן הינדל, פֿלעגט זי זיך נאָך דעם אַ ווערטל טאָן, אַז אַ הון האָט זי ליב צו עסן זאַלבעגאַנד — זי און די הון...

ווען די מומע טויבע פֿלעגט נאָך איר בייטאָגיקן דרעמל זיך אַוועקזעצן ביים זודיקן סאַמאָוואַר טרינקען אַן אַן אויפֿהער טיי מיט קאַרשן־זאַפֿט, פֿלעגט זי שוין דענסטמאָל אָנהייבן צו פֿילאָזאָפֿירן, אַז אַלץ נעמט זיך פֿון דעם מאָגן. זי האָט געמיינט, דערמיט צו זאָגן, די מומע טויבע, אַז אַלע יידישע צרות נעמען זיך פֿון דעם, וואָס מען מאָג שוין אַלץ!

מען מאָג שוין, הייסט עס, דורכלאָזן אַ מנחה מיט אַ מעריב, מען מאָג שוין, הייסט עס, לייענען די "טריף־פּסלען", וואָס דערציילן, אַז מענטשן קומען גאָר אַרויס, ניט פֿאַר אונדז געדאַכט, פֿון "אַבעזיאַנעס" (מאַלפּעס) און מען מאָג שוין, הייסט עס, אונטערטרייבן די גאולה פֿון דעם פֿאָלק

ישראל דורך דעם, וואָס איינער אַ דאָקטאָר הערצל וועט אונטערקויפֿן דעם טערק!

— איך זאָג דיר, ברכה, אַז מיר לעבן איצטער אין אַ משוגענער וועלט! — האָט די מומע טויבע ווייטער געמונטערט די מאַמען מיינער. — אָט האָב איך היינט געלייענט אין דעם „יוד", אַז עפּעס איינער אַ שוסטער־יונג פֿון ווילנע האָט, ניט דאָ געדאַכט, געשאָסן אין דעם ווילנער גובערנאַטאָר און מען האָט אים פֿאַרמשפּט צום הענגען. עס לייגט זיך גאָר ניט אויפֿן שכל, אַז אַן אָרעמער יידישער שוסטערל זאָל זיך פֿאַרמעסטן אַנטקעגן דעם גובערנאַטאָר אַליין! דו דאַרפֿסט זיין צופֿרידן, ברכה, וואָס דיינע קינדער זיינען איצטער אין מינסק און ניט אין ווילנע, רחמנא ליצלן!

— און וואָס איז שייך דיך אַליין, — האָט די מומע טויבע ווייטער גע־טענהט צו מיין מאַמען, — דאַרפֿסטו זיין גליקלעך, וואָס דו וועסט אויף די עלטערע יאָרן ניט דאַרפֿן זיין אָנגעוויזן, חלילה, אויף די קינדער. דו ווייסט דאָך, אַז קינדער זיינען געגליכן צו פֿייגלען! ווי נאָר זיי באַקומען פֿליגלען, צעפֿליען זיי זיך פֿון זייערע געסטן. ווי זאָגט דער פּסוק: „בנים גדלתי ורוממתי והם פשעו בי". אָבער ז'ער ייד, וואָס שדכנט זיך צו דיר, האָב איך געהערט, איז זייער אַ פֿיינער און גאָטספֿאַרכטיקער ייד. ער איז אַ הייסער ליובאַוויטשער חסיד און ער וועט דיך האַלטן טייער, ווי אַן אידלשטיין. ער וועט אויך זיין אַ גוטער שטיפֿטאַטע צו דיינע קינדער, כאָטש דיינע ייִנגלעך, הער איך, זיינען שוין אויך אַביסל געכאַפּט אין דער מעשה... אַי, וואָס ער איז, הער איך, עלטער פֿון דיר מיט אַ יאָר צען, צי צוועלף, איז ווי זאָגט אַ ווערטל: „וואַסער ווערט קיינמאָל ניט זויער און אַן אַלמן ווערט קיינמאָל ניט אַלט!"

(פֿאַרוואָס דער מומע טויבען איז איינגעפֿאַלן צו זאָגן, אַז אַן אַלמן ווערט קיינמאָל ניט אַלט, פֿאַרשטיי איך נאָך ניט ביז היינט. אפֿשר צוליב דעם, וויל אַן אַלמן האָט ניט ווער עס זאָל אים פֿאַרקירצן די יאָרן).

ווען די מאַמע האָט געהאַט דערהערט פֿון איר עלטערער שוועסטער אַזעלכע קלוגע טרייסט־רייד, האָט זי זיך דערנסטמאָל אָפּגעשעמט, די מאַמע, און זי האָט באַוויזן דער מומע טויבען אַ בריוו, וואָס זי האָט באַקומען פֿון איר „חתן".

שרייבט איר דער חתן־ייד פֿון דעם שטעטל זשעבין לעבן באַריסאָוו, אַז גראָד היינט, ווען ער שרייבט איר די דאָזיקע שורות, איז ראש חודש אלול, ווען מען הייבט־אָן יעדן טאָג צו בלאָזן שופֿר. דאָס שופֿר־בלאָזן דערמאָנט די יידן פֿון גאָר דער וועלט, אַז עס קומען־אָן די ימים־נוראים, די פֿאַרב־

טיקע טעג פון תשובה, תפילה און צדקה. אזוי ווי אבער די מאַמע מיינע האָט אפגעלייגט איר תשובה וועגן אויסבייטן דוקאַר אויף זשעבין ביז נאָך סוכות הבע״ל, פאַרט ער אַוועק אויף די ימים־נוראים קיין ליובאַוויטש, וואו ער וועט, אי״ה, אויסבעטן אַ גוט יאָר אויך שוין פאַר מיין מאַמען, מיט אַלע אירע קינדער, זאָלן געזונט זיין, און ג׳ זאָל געבן, אַז מיר אַלע זאָלן נאָך דערלעבן צו דערהערן אין אַ גוטער שעה דעם שופר של משיח, אָמן!

צום סוף בריוו האָט נאָך ר׳ ישראל איזיק קליאַנסקי (אַזוי האָט געהייסן דער צוקונפטיקער שטיפטאָטע מיינער) צוגעגעבן אַ פיינעם איינפאַל פון דער קבלה, אַז דער חודש „אלול״ שטעלט מיט זיך פאַר דעם ראשי תיבות פון „אני לדודי ודודי לי״, דאָס הייסט, אַז „איך בין צו מיין פריינט און מיין פריינט איז צו מיר״.

די קבלה־ספרים האָבן מיטן וואָרט „דודי״ זיכער געמיינט דעם רבש״ע, ווייל קאָן מען דען אין חודש אלול טראַכטן וועגן אַן אַנדער מין פריינט אַ חוץ דעם אַלמעכטיקן; אָבער די מומע טויבע האָט געהאַט וועגן דעם אַן אַנדער מיינונג. זי האָט געזאָגט דער מאַמען, אַז ווען די קבלה־ספרים וואָלטן טאַקע געמיינט דעם רבונו של עולם, וואָלטן דאָך אונדזערע חכמים געקאָנט זאָגן לכתחילה, אַז „אלול״ מאַכט: „אני לאַדושם ואדושם לי״; אָבער וויבאַלד די חכמים האָבן געפסקנט, אַז דאָס מאַכט: „אני לדודי ודודי לי״, האָבן זיי טאַקע געמיינט דערמיט צו זאָגן, אַז אין דעם חודש אלול דאַרפן מענטשן ווערן פריינטלעכער איינע צו די אַנדערע, און ווער רעדט נאָך — מענער צו זייערע פרויען און פרויען צו זייערע מענער!

האָב איך זיך דערנסטמאָל קוים איינגעהאַלטן ניט אַריינצומישן זיך אין דעם שטילן, האַרציקן שמועס צווישן מיין מאַמען מיט דער מומע טויבען.

מיך האָט זיך שטאַרק געגלוסט צו זאָגן דער מומע טויבען, אַז „אני לדודי ודודי לי״ דערמאָנט מיך שטאַרק אין דעם „לכה דודי״, מיט וועלכן מיר באַגעגענען יעדן פרייטיק די כלה־שבת, און איך בין זייער שטאָלץ, וואָס אַט־דער צוקונפטיקער שטיפטאָטע מיינער איז גרייט צו באַגעגענען אין זשעבין מיין מאַמען, ווי פרומע יידן באַגעגענען יעדן פרייטיק די כלה־שבת.

כ׳האָב זיך אָבער געמאַכט תמעוואַטע און ווייטער געשפילט זיך כלומרשט מיט די שאָך־פיגורן, ווייל כ׳האָב ניט געוואָלט, אַז די מאַמע מיט דער מומע טויבען זאָלן וויסן, אַז איך הער זיך־צו צו אַלע זייערע רייד, וואָס זיי ריידן צווישן זיך.

האָב איך דערהערט ווי די מומע טויבע עצה'ט מיין מאַמען, אַז זי זאָל „דאַרטן" (אין איר נייער היים, הייסט עס) ניט זיין צו־זיס, ווייל מען וועט זי אויפעסן, און ניט זיין צו־ביטער, ווייל מען וועט זי אויסשפּייען...

זי האָט געמיינט דערמיט צו זאָגן, די מומע טויבע, אַז ווען די מאַמע וועט, אין אַ גוטער שעה, חתונה האָבן מיט דעם פֿיינעם יידן פֿון זשעבין, זאָל זי ניט ווערן צו־גוט מיט זיינע קינדער און אייניקלעך, ווייל דעמאָלט וועלן זיי מיין מאַמען גאָר איינגאַנצן פֿאַרשקלאַפֿן. און זי זאָל אויך ניט ווערן מיט זיי צו־שטרענג, ווייל דעמאָלט קאָנען נאָך די שטיפֿקינדער אָנמאַכן, חלילה, אַ בייז לעבן צווישן איר מיטן מאַן.

האָט זיך מיר ווידעראַמאָל שטאַרק פֿאַרגלוסט זיך אַריינצומישן אין דער מומע טויבעס רייד און זאָגן איר, אַז מיין מאַמעלע, אַ געזונט צו איר, קאָן קיינמאָל ניט ווערן צו־זיס, ווי זי קאָן ניט ווערן, חלילה, צו־ביטער! מיין מאַמע איז שוין זייער פֿאַרהאַרטעוועט. שוין דרייצן יאָר ווי מיין מאַמע שפּילט שאַך מיט זיך אַליין, ניט האָבנדיק אויפֿן ברעט קיין מלך, קיין מאַן, הייסט עס, און דאָך האָט זי נאָך ביז היינט ניט געמאַכט קיין איין פֿאַלשן גאַנג! זי האָט אויסגעהאָדעוועט איינינקע אַליין אַלע אירע זעקס קינדער און אַפֿילו מיך, דעם שלים־מזל, האָט זי אויך אַוועקגעשטעלט אויף די פֿיס און געמאַכט פֿאַר אַ מענטשן!

אָט אַזוי האָט זיך מיר געוואָלט דעמאָלט זאָגן דער מומע טויבען, אָבער איך האָב זיך ווידעראַמאָל איינגעהאַלטן, ווייל איך האָב דאָך געוואוסט, אַז ווען די מאַמע וועט דערהערן פֿון מיר אַזעלכע רייד, קאָן זי נאָך פֿאַנאַנדערוויינען זיך פֿאַר גרויס פֿרייד, וואָס איך רייד שוין ווי אַ דערוואַקסענער, ווי אַ גרויסער.

אמת, ס'איז זייער מעגלעך, אַז דער פֿאַרגלייך פֿון מיין מאַמעס אלמנה־לעבן מיט אַ שאַך־שפּיל אָן אַ מלך האָב איך ערשט איצטער צוגעטראַכט, ווייל איך שטעל זיך ניט פֿאַר, אַז איך זאָל שוין דעמאָלט, ייִנגלווייז, זיין פֿעאיק אויף אַזעלכע איינפֿאַלן, אָבער איך ווייס דאָך אויך, אַז די אַלע איינפֿאַלן און משלים, וואָס קומען מיר אויף דער פּען, באַשרייבנדיק איצט מיינע קינדער־יאָרן, זיינען ניט קיין צופֿאַלן אָדער פּוסטע מעשיות.

אָט־אַזוי זע איך איצט מיין שטעטל דוקאָר, וואו איך האָב פֿערצן יאָר נאָכאַנאַנד איינגעזאַפּט אין זיך אַלע פֿיינקייטן און גוטסקייטן פֿון מיין מאַמען און שוועסטער, פֿון מיינע ברידער און שוועסטער־קינדער און פֿון אַלע אַנדערע דוקאָרער יידישע מענטשן, וועלכע זיינען שטענדיק געווען צו מיר זייער גוט און באַרעמהערציק.

איך האָב אויך געירשנט פֿון מײַנע טשיקאַווע פֿעטערס און מומעס אייניקע קאַפּריזן און משוגעתלעך, אָבער איך בין שטאָלץ אויך אויף זיי, ווייל אַ דאַנק די דאָזיקע קאַפּריזן און משוגעתלעך בין איך, אפֿשר, געוואָרן אַ שרייבער בײַ ייִדן און אַזוי אַרום קאָן איך פֿאַרענדיקן יענעם „ספֿר הפּאַלזע״. וועלכן מײַן פֿעטער פֿײַטל, דער מלאך, האָט נעבעך ניט באַוויזן צו פֿאַרענדיקן.

דוקאָר איז עולה־רגל קיין לובאַוויטש —

אלול־צייט פֿלעגט אונדזער שטעטל פֿאַרוואַקסן ווערן מיט קראָפּעווע.

אַלע גוטע גראָזן און קרייטעכצער האָבן אין משך פֿון די זומערדיקע חדשים שוין געהאַט אויפֿגעפֿרעסן די דוקאָרער פֿערד, בהמות, שעפּסן און גענדז — איז פֿאַרבליבן נאָר די קראָפּעווע אַליין, וואָס אַפֿילו די חזירים פֿון דאָרף־גאַס פֿלעגן אויסמײַדן צו באַרירן מיט זייערע שנוקעס.

ווען איך האָב איינמאָל אַ פֿרעג געטאָן די מאַמען צו וואָס, אַן ערד, גיט אַרויס פֿון זיך די ערד אַזעלכע מינים ווילדע קרייטעכצער, וואָס אַפֿילו די חזירים קאָנען זיך צו זיי ניט צורירן — האָט מיר די מאַמע געענטפֿערט, אַז די דאָזיקע ברענענדיקע קראָפּעווע דערמאָנט אונדז אלול־צייט אין די אייזערנע ריטער, מיט וועלכע מ׳שמייסט די רשעים אויף יענער וועלט.

האָב איך אָנגעהויבן איבערצוטראַכטן וועלכע רשעים פֿון דוקאָר וועלן דאָס געשמיסן ווערן אויף יענער וועלט מיט אייזערנע ריטער.

איך בין געגאַנגען מיטן געדאַנק פֿון שטוב צו שטוב און איך בין זיך מודה, אַז איך האָב ניט געפֿונען אין דוקאָר קיין איין־און־איינציקן רשע!

אין מײַנע אויגן זײַנען אַלע יידן פֿון אונדזער שטעטל געווען גענוג גוט און פֿרום און אויך אַפֿילו זייערע ווייבער זײַנען געווען גענוג גאָטספֿאָרכ־טיק, זיי זאָלן קאָנען זוכה זיין צו ווערן די פֿוסבענקעלעך ביי זייערע מענער אין גן־עדן.

אמת, אויף אַ פּאָר ווייבלעך פֿון דוקאָר פֿלעגט מיין שוועסטערקינד — מאַשע די משוגענע — אָנריידן כל דבר אסור, אָבער מאַלע־וואָס אַ משוגענע פּלוידערט!

גאַנץ דוקאָר איז באַשטאַנען פֿון הייסע ליובאַוויטשער חסידים.

ניט נאָר די פּני פֿון שטעטל, נאָר אַפֿילו די בעל־עגלה׳ס און קצבים, די שניידערס און שוסטערס, די דאָרף־גייערס און גלאַט אַזוי אָרימעלייט, זײַנען געווען פֿאַרקאַכטע ליובאַוויטשער חסידים.

מען האָט מיר דערציילט, אַז אין די אַמאָליקע יאָרן, ווען מיין טאַטע האָט נאָך געהאַט געלעבט, פֿלעגן צענדליקער דוקאָרער יידן פּראָסט־פּשוט עולה־רגל זיין אויף די ימים־נוראים קיין ליובאַוויטש.

אמת, פֿון דוקאָר ביז ליובאַוויטש איז „פֿאָלג מיר אַ גאַנגו" ניט אַלע עולה־רגלניקעס פֿלעגן האָבן גענוג כוח צו טראָגן אויף זיך דעם גאַנצענעם

וועג דעם לאָבן ברויט, די הערינג מיט די ציבלעס, די גאָמעלקעס און די פלאַש משקה, וואָס יעדער חסיד פלעגט מוזן מיטנעמען, אַ חוץ, פאַרשטייט זיך, טלית און תפילין, די שבתדיקע קאַפּאָטע מיט די העמדער און גאַט־קעס. — פלעגן די דוקאָרער חסידים תיכּף נאָך ראש־חודש אלול מאַכן צווישן זיך אַ געלט־זאַמלונג אויף איינצוקויפן אַ קהלשן פערד און וואָגן, מיט וועמען עס וועט זיין אַ סך לייכטער עולה־רגל צו זיין קיין ליובאַ־וויטש.

אויפן וואָגן פלעגט מען אָנלייגן אַלע פּעקלעך און קלומיקלעך און דער פערד פלעגט נאָר וויזן דעם וועג, וואָס פירט קיין ליובאַוויטש.

אויפן וועג קיין ליובאַוויטש פלעגן די דוקאָרער חסידים „דורכגע־פאָרן" אַ סך יידישע ישובים און שטעטלעך, וואו מען פלעגט אָפּכאַפּן דעם אָטעם מיט אַ גאַנץ פיינעם „לחיים". אין יעדן יידישן ישוב פלעגן צוקומען נאָך עטלעכע עולה־רגלניקעס, וואָס פלעגן אויך אַרויפוואַרפן זייערע פּעק־לעך אויף דעם דוקאָרער וואָגן און אַזוי אַרום פלעגן ערב ימים־נוראים אָנקומען קיין ליובאַוויטש היפּשע עטלעכע מנינים חסידים פון די אַרומיקע שטעטלעך.

דער גייסטיקער פירער פון די דוקאָרער עולה רגלניקעס איז געווען אשר דער מלמד, וואָס איז געווען דער „חוזר" פון דעם ליובאַוויטשער און דער נאָענטסטער פריינט פון מיין טאַטן, ע"ה.

אָבער דער פּאַקטישער פירער פון דעם קהלשן פערד און וואָגן איז געווען שמואל־שלום דער באַלעגאָלע, אָדער „שמואל־שלום דער הינקענ־דיקער", ווי מיר פלעגן אים רופן צווישן זיך.

אַ סברה, אַז אויף איינער פון אָט אַזעלכע צו־פוס „נסיעות" קיין ליו־באַוויטש — האָט זיך שמואל־שלום געהאַט צעבראָכן אַ פוס, שלעפנדיק פון בלאָטע דעם אונגעזונקענעם פערד און וואָגן, אָבער אַפילו הינקענדיקער־הייט פלעגט שמואל־שלום אויסטאַנצן אין דוקאָר אַלע חסידישע טענץ, וואָס ער האָט געהאַט מיטגעטאַנצט אין ליובאַוויטש.

— חסידים מוזן טאַנצן! — פלעגט טענהן שמואל־שלום. — אין די חסידישע טענץ איז פאַראַן עלית־נשמה. מען רייסט זיך אָפּ פון דער ערד! מען ווערט נענטער צום אויבערשטן.

און אָט דער הינקעדיקער שמואל־שלום פלעגט טאַנצן אויף איין פוס נאָך מיט מער התלהבות, ווי אַנדערע חסידים אויף זייערעביידע פיס...

שבת פלעגט שמואל־שלוםריידן נאָר לשון־קודש, אָבער אַזוי ווי קיין סך לשון־קודש האָט ער, נעבעך, ניט געקענט — פלעגט ער פון ליכט־בענטשן ביז הבדלה עקשנותדיק שוויגן מיט אַ פולן מויל קדושה.

דער זעלבער שמואל שלום האָט איינמאָל אַ זאָג געטאָן אויף מיינע עלטערע ברידער, אַז זיי וועלן נאָך גיין, הלילה, צום שמד.

ער האָט זיי געהאַט דערזען יום־טוב אין שול אין ווייסע פאַפּירענע קראַגנס (צו דריי קאָפּיקעס אַ קראַגן).

— איך זאָג אייך, יידן, אַז אָט־די ווייסע קראַגעלעך פירן צום קלויס־טער, רחמנא ליצלן! — האָט זיך שמואל־שלום געקאָכט אין אונדזער אַל־טער שול.

ער האָט אַפילו פּרובירט, שמואל־שלום, איינצופירן אין דוקאָר אַ נייעם מנהג, ווי צו שפּאַלטן דעם ים ביים אָפּריכטן דעם פּסחדיקן סדר. ער פלעגט, נעמלעך, אוועקשטעלן אין מיטן שטוב אַ פולן מולטער מיט וואַסער און ווען ס׳פלעגט קומען אין דער הגדה צו דער מעשה, ווי אַזוי די יידן אַנטלויפן פון מצרים דורך דעם ים, וואָס צעשפּאַלט זיך אויף צוויי גלייכע וואַסער־ווענט — פלעגט דענסטמאָל שמואל־שלום געבן אַ פאָר אַריין מיט זיין הינקעדיגן פוס אין דעם מולטער־ים און ס׳וואַסער פלעגט תיכף ניט ווערן ביי אים אונטער די פיס...

פאַרשטייט זיך, אַז דער מולטער פלעגט זיך באַלד איבערקערן מיטן דעק אַרויף. דאָס „ים״־וואַסער פלעגט צערונען ווערן איבער דער פּאַדלאָגע און שמואל־שלום פלעגט אַ „גערעטעוועטער״ פון מצרים ווייטער אַוועק שווימען מיט די הגדה־נסים פון יציאת מצרים, לויבנדיק דעם אויבערשטן, וואָס האָט אים בשלום אַרויסגעפירט פון דעם פינצטערן גלות.

דער דאָזיקער מנהג שמואל־שלומס האָט זיך אָבער אין דוקאָר ניט אָנ־גענומען, ווייל דער טאַטע מיינער זאָל אים האָבן איינמאָל געהאַט געזאָגט, אַז אויב מען קאָן שפּאַלטן דעם ים אויף אַ מולטער וואַסער — קאָן מען דאָך שוין דענסטמאָל אויך אָפּריכטן „תשליך״ אויף אַ מולטער וואַסער...

האָט מיר טאַקע דער זעלבער שמואל־שלום געהאַט איינמאָל דערציילט, אַז ווען מיין טאַטע איז שוין געוואָרן, ניט פאָר אונדז געדאַכט, אַ גאָר גרוי־סער חלוש און במילא שוין אויך אַ שטיקל יורד אין דער פּרנסה — האָט ער דאָך צוגעטראָגן זיין גרעסטן צושטייער צום קהלשן פערד און וואָגן מיט וועלכן די דוקאָרער חסידים האָבן אלול־צייט עולה־רגל געווען קיין ליו־באַוויטש.

אַ סברה, אַז דער טאַטע מיינער זאָל האָבן דענסטמאָל געהאַט פֿאַר־קויפֿט אונדזער לעצטע ציג, אָבי ניט אָפּצושטיין, חלילה, פֿון קהל.

אגב, האָב איך דעם היזק פֿון יענער פֿאַרקויפֿטער ציג אויפֿגעמאַכט מיט יאָרן שפּעטער ביי איינער אַ קורסיסטקע אין זשענעווע. זי איז געווען, א סברא, אַן אייניקל פֿון דעם „צמח צדק", ז"ל. שפּאַצירנדיק מיט איר איינמאָל צו־פֿוסנס דעם אייביק־פֿאַרשנייטן „מאָן־בלאַן" (איינער פֿון די העכסטע אַלפּן־בערג אין דער שווייץ) — האָט זי מיך פּלוצלינג אַ פֿרעג געטאָן, פֿאַרוואָס איך בין אַזוי בלאַס און מאָגער?

האָב איך איר געענטפֿערט מיט אַ וויץ, אַז שולדיק אין דעם איז דער גרויסער זיידע אירע, ז"ל. צוליב איר זיידן האָט מיין טאַטע פֿאַרקויפֿט אונד־זער לעצטע ציג און כ'בין פֿאַרבליבן אָן מילך...

אויף מאָרגן אינדערפֿרי האָב איך געפֿונען הינטער מיין טיר אַ פֿלאַש מילך מיט אַ צושריפֿט, אַז כ'וועל פֿון היינט אָן און ווייטער באַקומען יעדן אינדערפֿרי אַ פֿלאַש מילך, וועלכע איך זאָל, למען השם, אויסטרינקען, ווייל אַזוי איז אויף מיר גוזר דאָס „אייניקל" פֿון דעם גרויסן זיידן...

מעגלעך, אַז מיטן כוח פֿון יענע „ליובאַוויטשער" מילך־פֿלעשער אין זשענעווע לעב איך נאָך עד־היום און ס'איז אויך מעגלעך, אַז מיין סענ־טימענט צו יענער קלוגער און האַרציקער קורסיסטקע פֿון דער שניאור־סאָן־גזע האָט מיך אַפֿילו אין אַמעריקע שוין אַ פּאָר מאָל אונטערגעיאָגט „עולה רגל" צו זיין דעם ליובאַוויטשער, ז"ל, אויף איסטערן פּאַרקוויי אין ברוקלין.

ווער קאָן דען אָפּשאַצן די אויסערגעוויינטלעכע טרייבקראַפֿט פֿון יענע אַלע ירושה־אַטאָוויזמען, וועלכע פֿירן אָן מיט אונדזער לעבן און מיט אונדזער שאַפֿן!

דוקאָרער ייִדישער באַפעלקערונג בײַ דער אַלטער שול
דער דריטער, וואָס זיצט פֿון רעכטס צו לינקס איז ר' אשר דער מלמד און
לעבן אים — הרב ניסן טעלושקין, שוועסטערקינד פֿון די טשאַרנים
(איצט אין ברוקלין, נ. י.)

דוקאָרער יידן —

ערשט איצטער, ווען איך האָלט שוין ביים געזעגענען זיך מיט מיין שטעטעלע דוקאָר, האָב איך זיך אַרומגעזען, אַז איך האָלט נאָך גאָר פון פּאַרנט.

ביז איצט האָב איך קוים באַוויזן צו באַשרייבן ביי א מנין יידן פון דו־קאָר, בעת די אַנדערע ניין מנינים שטייען נאָך דרויסן און וואַרטן געוויס, אַז איך זאָל אויך זיי אַריינגעמען אין מיין משפחה־כראָניק.

געוויס, האָט יעדער ייד (און אויך יעדע יידענע) פון מיין שטעטל כשר פאַרדינט, אַז כ'זאָל אים (אָדער זי) פאַראייביקן אין מיינע מעמוארן.

סוף־כל־סוף זיינען די אַלע הונדערט יידישע הייזער פון דוקאָר געווען געקניפּט און געבונדן איינע מיט די אַנדערע, ווי זיי וואָלטן טאַקע געהערט צו איין משפּחה.

ס'זיינען ניט געווען ביי אונדז קיין שום מחיצות צווישן אָרים און רייך, צווישן יחסן און פּראָסטאַק, צווישן למדן און באַלמעלאָכע.

אַלע זיינען געווען ביי אונדז הייסע ליובאַוויטשער חסידים און...

„וואָס מער קבצן —

מער הוליאַקע!"

אַפילו דער איינציקער מתנגד פון אונדזער שטעטל — סאַנע דער מיל־נער, איז געווען, וואָלט איך זאָגן, אַ פאַרשטעלטער למד־וואָווניק.

ער איז געווען ניט נאָר איינער פון די גרעסטע למדנים אין שטעטל, נאָר אויך אַ גרויסער בעל־צדקה. ער האָט יאָרן־לאַנג געדאַוונט בחינם מיוספים אין אונדזער אַלטער שול און די חסידים פלעגן פון אים ממש לעקן די פינגער. ס'איז, פאַרשטייט זיך, אַ הויכע מדרגה, ווען ליובאַווי־טשער חסידים טרויען אָן דעם איינציקן מתנגד פון שטעטל צו ווערן זייער שליח־ציבור אַפילו אין די ימים־נוראים.

ביים עמוד פלעגט זיך סאַנע דער מילנער אויסטענהן מיטן רבש"ע אויף די העכסטע אָקטאַוועס, אָבער אין פּריוואַטן לעבן איז ער געווען אַ ייד אַ שווייגער. מען זאָגט, אַז אַלע למד־וואָווניקעס זיינען בטבע גרויסע שווייגערס.

אָט, למשל, דערמאָן איך זיך, ווי סאַנע דער מילנער פלעגט פון צייט צו צייט אַריינקומען צו אונדז אין הויז, זאָגן אונדז „גוט מאָרגן" און זיך אַוועקזעצן ביים טיש שווייגן.

מיין מאַמע האָט שוין געוואוסט, אַז וויבאַלד סאָנע קומט צו אונדז אַזש פון דער מיל, וואָס איז אַ פּאָר ווייאָרסט פון שטעטל — קומט ער ניט מיט ליידיקן. פלעגט זי אים באַלד שטעלן אַ גלאָז טיי מיט קאַרשן־סאָק און אים אָנהייבן אויסצופרעגן אויף זיין ווייב מיט די קינדער.

סאָנעס ווייב, אגב, איז אויך געווען אַ גרויסע יחסנטע. זי איז דאָך געווען די טאָכטער פון דעם ראָזאָווער רב, ע"ה, אַ גרויסער תלמיד־חכם און אַ בר־דעת — האָט טאַקע סאָנעס ווייב געהאַט דערפאַר זייער געראָטענע און פיינע קינדער, וועלכע געפינען זיך איצטער, גלייב איך, אַלע אין אַמעריקע.

און ווי נאָר סאָנע דער מילנער פלעגט האָבן געהאַט אויסגעטרונקען די גלאָז טיי מיט וואַרעניע פלעגט ער שטיל און באַשיידן אַ זאָג טאָן צו מיין מאַמען:

ס'איז דאָך ערב יאַריד, האָב איך דיר געבראַכט אַ גמילת־חסד, און באַלד נאָך דעם אָוועקלייגן אויפן טיש אַ קנאַקנדיקן פינף־און־צוואַנציקער.

די מאַמע פלעגט ווערן אַזוי שטאַרק גערירט פון אָט־דעם אומגעריכטן גמילת־חסד, אַז ס'פלעגן איר פייכט ווערן די אויגן און זי פלעגט ניט געפינען קיין ווערטער, ווי אָפּצודאַנקען סאָנע דעם מילנער פאַר זיין אויסערגעוויינלעכער גוטסקייט צו איר.

אגב, מעגן מיינע לעזער און לעזער־ינס אויך וויסן, אַז אָט דער זעלבער סאָנע דער מתנגד איז דאָך געווען אַ לייבלעכער פעטער פון יענער פעסיע שיע דעם מילנערס, וואָס האָט מיר, אויב איר געדענקט, אויך גאַנץ אומגעריכט אונטערגעטראָגן אַזאַ מין ראָמאַנטישן „גמילת־חסד", פאַר וועלכן אַן ערב־בר־מצווה ייִנגל פאַרבלייבט שוין אַ בעל חוב אויף אייביקע יאָרן...

דערמאָנענדיק זיך איצטער אין די אַלע מעשים טובים פון סאָנע דעם מילנער מיט זיין גאַנצער משפחה — פאַרדריסט מיך שוין, וואָס מיר, צעלאָזענע חדר־ייִנגלעך פלעגן אים שטענדיק רודפן פאַר זיין מתנגדות.

אָבער נאָך מער פאַרדריסט מיך, וואָס איך פאַרבלייב נאָך אַזאַ גרויסער בעל־חוב צו מיין שטעטלע דוקאָר, וואָס ניין צענטל פון אירע איינוואוינער זיינען נאָך פון מיר ניט באַשריבן געוואָרן.

וועל איך דאָ מזכיר נשמות זיין, לכל־הפחות, נאָך איינעם אַ מנין דוקאָרער ייִדן און ייִדענעס, וועלכע האָבן זיך פאַרקריצט אין מיין זכרון אויף אייביקע יאָרן און וועגן וועלכע עס וועט מיר נאָך, אפשר, אויסקומען צו דערציילן אין מיינע ווייטערדיקע שילדערונגען פון מיין יוגנט.

אַט שטייט פֿאַר מיר, ווי אַ לעבעדיקער, וועלוול דער „איזבאַרשטשיק", וואָס איז צענדליגער יאָרן געווען דער סטאַראָסטע פֿון אונדזער שטעטל. איך געדענק נאָך גאַנץ גוט זײַן גומענעם שטעמפּעלע אין רוסיש „וואולף אידעלטשיק", מיט וועלכן ער פֿלעגט „אונטערשרייבן" אַלע קאַזיאָנע פּאַפּירן, ווי אויך — אַלע מעטריקעס און פּעסער פֿאַר די „מעשטשאַנעס" פֿון דוקאָר.

די אַלע קאַזיאָנע פּאַפּירן, ווי אויך די מעטריקעס און די פּעסער, פֿלעגט אויסשטעלן מיט זײַער פֿײַנע געגריזלטע אותיות דער „שרייבער" הלל בלאָכמאַן, אגב, דער איינציקער ייד אין דוקאָר, וואָס מען פֿלעגט אים אָנרופֿן אויך מיט דער פֿאַמיליע, ווייל עס האָט שטענדיק געשמעקט פֿון אים מיט „קאַזנאַ".

דער זעלבער הלל בלאָכמאַן פֿלעגט שוין אויך שרייבן פֿאַר די דוקאָרער ווייבער די אַדרעסן קיין אַמעריקע אַן אַ גראָשן געלט.

אַט איז דער שטענדיק־צעטראָגענער הלל קייליעס, וואָס פֿלעגט זומער־צייט פֿירן אַזש קיין בערעזין פֿולע וועגענער מיט קאַרשן און ווינטער־צייט פֿלעגט ער קוועטשן אין קעלער ראָזשינקעס אויף פּסחדיקן ווײַן — עס זאָל קלעקן פֿאַר גאַנץ דוקאָר מיט אַלע אַרומיקע ישובים.

האָט ער טאַקע באַקומען דעם אייזערנעם פּאַס מיט אייזערנע רייפֿן.

זײַנעם אַ זון האָט הלל קייליעס געהאַט אַוועקגעשיקט קיין אַמעריקע, אָבער ער האָט זיך באַלד אומגעקערט צוריק, ווייל אין אַמעריקע, פֿלעגט ער זיך ווײַזלען, זײַנען די פֿערד אַזוי הויך, אַז מען מוז צו זיי האָבן אַ לייטער.

אַט איז מענדל דער „ליאַמעשניק", וואָס האָט איינגעפֿירט אין דוקאָר די אינדוסטריע פֿון וואַליקעס. האָבן טאַקע עטלעכע משפּחות גאַנץ פֿײַן געצויגן זייער חיונה פֿון אַט־די וואַליקעס.

אַט איז משה אהרן דער קירזשנער, וואָס פֿלעגט האָבן אַ פֿולע שטוב מיט נײַע היטלען און קוטשמעס, אָבער ער אַליין פֿלעגט שטענדיק טראָגן אַ זער אָפּגעשמאָדרעוועט היטל מיט אַ האַלב־אָפּגעטרענטן ברילי̈ק. פֿון צו־פֿיל בולבע עסן האָט ער באַקומען אַן אויפֿגעבלאָזענעם בויך, ווי ער וואָלט געווען אַ בורזשוי.

אַט איז וועלוול דער רופֿא, וואָס האָט פֿאַרמאָגט דעם גרעסטן סאַד (פֿרוכט־גאָרטן) פֿון גאַנץ דוקאָר. אין זומער־צייט פֿלעגן מיר, חדר־ייִנגלעך, צאָלן אים יעדן פֿרײַטיק אַ קאָפּיקע פֿאַר אַ טרייסל פֿון אַ בוים. אַלע עפּל, וואָס פֿלעגן אַראָפּפֿאַלן פֿון דעם דאָזיקן טרייסל פֿלעגן געהערן צו אונדז,

חדר־ייִנגלעך. כאַטש ער אַליין, וועלוול דער רופא, איז געווען טעמפּלעך אויף דער עברי, דאָך אָבער, ווען ער פֿלעגט קומען שבת פֿון דער שול אַהיים און זאָגן צו דער ווײַב זײַנער „גוט שבת" — פֿלעגן אַלע ביימער פֿון סאָד זיך אַ בייג טאָן און ענטפֿערן: „גוט שבת, גוט יאָר". אַזוי פֿלעגט אונדז דערציילן די ווײַב זײַנע, איטקע.

אָט איז יונה דער כהן, וואָס איז געווען דער גרעסטער גביר אין שטעטל, ווײַל ער האָט געהאַלטן די דוקאָרער „סטאַיקע" (די פּאָטשטאָווע פֿערד אויף צו פֿירן נאַטשאַלסטווע). מען האָט אים געשאַצט אין ק"ן רובל, אויב נאָך ניט מערער. ער אַליין, יונה, פֿלעגט תּמיד אַרימגיין אין לייוונטענע מייטקעס און ער האָט אויך געטראָגן אַ היטל פֿון אַ מוזשיק, אָבער אַזוי ווי ער איז געווען אַ כהן — פֿלעגט ער יעדן שבת און יום־טוב אָנטאָן די שענסטע בגדים, וואָס ער האָט נאָך געהאַט פֿון דער חתונה זײַנער, און ער פֿלעגט כמעט שטענדיק באַקומען די ערשטע עליה. ביים דוכענען פֿלעגט ער מיט זײַן „יברכך אַדושם וישמרך" אַריבערדונערן אַלע אַנדערע כהנים פֿון דוקאָר.

אָט איז ליפּע דער שניידער, אָדער „ליפּע האַמזון", ווי מיר פֿלעגן אים רופֿן צווישן זיך, ווײַל ער האָט געהאַט אַ צוגעקוועטשטן נאָז און זייער שטאַרק האַמזען. ער פֿלעגט זיך תּמיד אַרומדרייען איבערן שטעטל פּוסט־און־פּאַס, ווײַל אין שטוב האָט ער ניט געהאַט וואָס צו טאָן. ווען ליפּע דער שניידער האָט זיך איינמאָל געקלאָגט פֿאַר דעם אַלטן רב, הרב משה טשאַרני, ז"ל, אַז אים פֿעלט אויס אויף דער חיונה — האָט אים דער רב געענטפֿערט:

— ווער אַ שניידער!

— כ'בין דאָך, רבי, אַ שניידער!

— כ'מיין, זאָלסט טאַקע ווערן אַ שניידער אויף צו דער אמתן, ניט נאָר מיטן נאָמען אַליין — וועסט האָבן דענסטמאָל אויף חיונה...

אָבער ליפּען האָט שטאַרק געצויגן צו ווערן אַ קהלשע קליאַמקע — איז ער טאַקע סוף־כּל־סוף געוואָרן אַ שמיקל שמש ביים נייעם רב, ווי אויך דער נאַטשאַלניק פֿון דער דוקאָרער פּאַזשאַרנע קאָמאַנדע.

אָט איז ישראל דער שוחט, אָדער „ישראל טראָפּעצקע", ווי מיר פֿלעגן אים רופֿן, ווײַל ער פֿלעגט זיך שרעקלעך שליידערן ביים דאַווענען. ער איז געווען דער איידים פֿון מאָטע דעם שוחט, וועלכן כ'האָב שוין באַשריבן פֿריער. ניט געקוקט אויף דעם, וואָס ישראל דער שוחט פֿלעגט קוילענען די שטאַרקסטע אָקסן — איז ער געווען אַ שרעקלעכער פּחדן און ווי נאָר ס'פֿלעגט אָנהייבן צו דונערן און צו בליצן — פֿלעגט ער זיך באַהאַלטן אונטער אַ פּערינע ביז איבערן קאָפּ.

דערפֿאַר אָבער פֿלעגט ישראל דער שוחט ווערן אַ גרויסער העלד, ווען ער פֿלעגט מיט אונדז קנעלן די גמרא „קידושין", און אונדז מסביר זיין די אַלע דרכים דורך וועלכע מען קען מקדש זיין אַ פֿרוי. ווען ס'פֿלעגט אָבער קומען צום דריטן „דרך" — פֿלעגט ישראל דער שוחט אַרויסשיקן די ווייב זיינע, גאָלדען, פֿון הויז, ווייל זי פֿלעגט אויף אים תּמיד שרייען הלמאַי ער לערנט מיט קליינע קינדער „אַזעלכע זאַכן"...

פֿאַרשטייט זיך, אַז מיר, יינגלעך, פֿלעגן זיך בכּיוון מאַכן תּמעוואַטע, כאָטש מיר האָבן שוין גאַנץ גוט געוואוסט וועגן די אַלע זיבן זאַכן.

און אָט איז פֿרומע די בערעזינער, וואָס זינט איך געדענק, איז זי שוין געווען אַן אלמנה. אָבער איידער זי איז געוואָרן אַן אלמנה פֿלעגט זי האָבן נאָר יינגלעך, אָבער אַלע אירע יינגלעך פֿלעגן באַלד נאָך זייערע בריתן שטאַרבן. האָט מען דעם גאָר לעצטן יינגל אירן, משה־דודן, וואָס איז שוין געבאָרן געוואָרן נאָך איר מאַנס טויט, ניט מל געווען און ער איז טאַקע גע־בליבן לעבן. ווען דער דאָזיקער ניט־געמלטער משה־דוד האָט אָנגעהויבן צו גיין אין חדר און לויפֿן מיט אַלע אַנדערע חדר־יינגלעך באָדן זיך אין אונדזער טייך — האָבן מיר דערזען, אַז ער איז דאָך ניט קיין געמלטער און מיר פֿלעגן אים פֿאַרהעצן מיט די צונעמענישן: „משה דוד דער גוי, משה דוד דער יורקע!" — האָט די מאַמע זיינע שוין ניט געקאָנט מער צוזען דעם צער פֿון איר איינציקן יתומל און זי האָט זיך מיט אים אַריבערגעפּעקלט קיין בערעזין, וואו מען האָט ניט געוואוסט וועגן דעם.

און אויב נאָר דער דאָזיקער משה דוד געפֿינט זיך איצטער אויך אין אַמעריקע — וואָלט איך אים זייער געדאַנקט, ווען ער שרייבט מיר אַן אַ קאַרטל, צי ער האָט זיך טאַקע געלאָזט מל זיין צו בר־מצווה, ווי ס'איז געווען אָפּגערעדט אין דוקאָר, אָדער ער איז פֿאַרבליבן, ניט פֿאַר אונדז גע־דאַכט, ביז היינט נאָך אַ ניט־געמלטער?

— —

אָט די אַלע אויבן־דערמאָנטע יידן, ווי אויך די יעניקע, וועגן וועל־כע כ'האָב שוין דערציילט אין די פֿריערדיקע קאַפּיטלען, גייען מיר נאָך פֿוסטריט אויף אַלע מיינע וואַנדער־וועגן און זיי העלפֿן מיר אַרויס ביי אַלע מיינע שטרויכלונגען און געפֿאַרן.

אָבער אויך די אַלע אַנדערע, ניט־דערמאָנטע, יידן פֿון דוקאָר, די שוסטערס און שניידערס, די קצבים און די דאָרף־גייערס, די מוליאַרעס

און די סטאַליאַרעס, די קרעמערקעס און די אלמנות, די כּלי־קודש און מלמדים גייען מיר נאָך פּוסטריט אויף אַלע מיינע וואַנדער־וועגן און כ׳לעב נאָך מיט זייער ביטחון און איך אָטעם נאָך מיט זייער גלויבן.

מיט דעם קאָלעקטיוון כּוח פון גאַנץ דוקאַר האָט דאָך די מאַמע אויס־געהאָדעוועט אַלע אירע זעקס קינדער, און מיט דער קאָלעקטיווער ברכה פון גאַנץ דוקאַר האָט דאָך די מאַמע ווי עס איז אויסגעבאַוועט אויך מיך, דעם מיזיניק אירן, וואָס איז געוואָרן שפּעטער דער באַזינגער (און אויך דער באַווײַנער) פון זיין אַלטער חרוב־געוואָרענער היים.

בעט איך איצטער ביי אַלע מיינע דוקאַרער לאַנדסלייט פון יענער וועלט — זיי זאָלן זיין פּאַר מיר גוטע בעטערס און אויספּועלן ביים רבש״ע, אַז איך זאָל נאָך באַוויזן צו פאַרענדיקן בשלום מיין „ספר הפּאַלוצע״, **וועלכן** מיין פעטער פייטל, דער מלאך, האָט נעבעך ניט באַוויזן צו פאַרענדיקן.

אַ פסחדיקער סוכות —

האָט איר שוין אַמאָל געגעסן סוכותדיקע מאָלצייטן פון פסחדיקע כלים? האָט איר שוין אַמאָל פאַרייניקט אין איין גרויסן יום־טוב דעם „זמן חרותנו" פון פסח מיט דעם „זמן שמחתנו" פון סוכות?

עס איז ווירקלעך, געווען אַ וואונדערלעכער איינפאַל פון דער מאַמען אַרונטערצונעמען פון בוידעם ערב סוכות דעם קאַסטן מיט די פסחדיקע כלים און זיי חמצדיק מאַכן לכבוד אונדזער לעצטן סוכות אין דוקאַר.

די מאַמע האָט דאָך שוין געוואוסט, אַז באַלד נאָך סוכות וועט פאַרקו־מען אונדזער גרויסע יציאת־דוקאַר, וואָס איז געווען פאַר איר אויך פול מיט נסים, ווי דער יציאת־מצרים פון אַמאָל.

די וועט דאָך ניט שלעפּן אירע פסחדיקע כלים מיטן גאַנצן קלאַפּער־־ געצייג אַזש קיין זשעבין, הינטער באַריסאָוו, וואו עס וואַרט שוין אויף איר אַ זער חשובער אַלמן מיט אַ גוט־איינגעפונדעוועטער באַלעבאַטישקייט.

אגב, וועט דאָך די צווייטע חתונה אירע אויך פאַרקומען אין דוקאַר גופא, און די פסחדיקע כלים וועלן אויך גאַנץ גוט צוניץ קומען פאַר דעם באַשיידענעם חתונה־מאָלצייט, וואָס זי וועט אָפּריכטן צום לעצטן מאָל אין איר אַלטער היים.

ווען איך האָב געהאַט דערזען פאַר זיך די אויסגעפּאַקטע פסחדיקע כוסות מיט די פסחדיקע ווייַן־פלעשער, מיט די פסחדיקע טעלער און שיס־לען, האָט זיך מיר אָנגעהויבן צו דוכטן, אַז אָט־אָט וועט מען אונדז ברענגען „פון פאַדיאַד" די פאָר פוד מצות און מיר וועלן אָפּריכטן די סדרים אין סוכה.

באַזונדערס שטאַרק האָב איך זיך דערפרייט, ווען מען האָט אויסגע־פּאַקט פון דעם פסחדיקן קאַסטן די זיבן לײמענע טשאַרלעטשקעס, וואָס זיינען געווען צונויפגעגאָסן איינע מיט די אַנדערע, ווי זיי וואָלטן געווען פון איין שטיק, אָט פונקט ווי אונדזער זיבן־קעפּיקע משפחה. אין די דאָזיקע טשאַרלעטשקעס פלעגט די מאַמע מאַכן צו די סדרים זיבן גוט־פאַרברוינטע בולבע־קוגעלעך, פאַר יעדן איינעם פון אונדז אַ באַזונדער קוגעלע. האָב איך שטילערהייט, ווען קיינער האָט ניט געזען, געקושט די לײמענע טשאַרלעט־שקעס, ווי לייבלעכע ברידער און שוועסטער, וועלכע איך זע נאָר איין מאָל אין יאָר, פסח צו די סדרים, און עס איז געוואָרן ביי מיר אין קאָפּ אַ גרויסער פּלאָנטער. איך האָב אַליין ניט געוואוסט אין וועלכער וועלט איך געפין זיך: אין אַ פסחדיקער, צי אין אַ סוכותדיקער?

מײנע עלטערע ברידער האָבן תּיכּף נאָך יום־כּיפּור אָנגעהויבן אויפֿצו־שטעלן די סוכּה.

ווען זײ װאָלטן געהאַט גענוג בױ־מאַטעריאַל, די ברידער מײנע, װאָלטן זײ אױפֿגעשטעלט אַזאַ מין גרויסע סוכּה, אין װעלכער עס זאָלן קאָנען אַרײַנקומען אַלע ייִדן פֿון דוקאָר.

מיר האָבן דאָך געוואוסט, אַז אין אַט־דעם לעצטן סוכּות אונדזערן, וואָס מיר פֿאַרברענגען אין אונדזער אַלטער היים, וועט דאָך דאָס גאַנצע שטעטל קומען זעגענען זיך מיט אונדז.

די גאָר עלטערע צוויי ברידער מײנע, מענדל און זאַלקע, וועלן שוין זיכער ניט קומען מער אין דוקאָר, ווײַל די בײדע האָבן זיך אָנגעטראָכט אַוועקצופֿאָרן אַזש קיין אַמעריקע.

צוערשט וועט פֿאָרן קיין אַמעריקע דער עלטסטער ברודער, מענדל, ווײַל ער האָט שוין דורכגעמאַכט, מיט מזל, דעם פּריזיוו. ער האָט געהאַט די ערשטע „לעהאָטע״ און ער האָט ניט געדאַרפֿט דינען.

ערגער איז געווען מיטן צווייטן ברודער, מיט זאַלקען, וועלכער האָט געדאַרפֿט גײן צום פּריזיוו ערשט אין פֿיר יאָר אַרום, און ווען ער פֿאָרט אַוועק קיין אַמעריקע פֿאַרן פּריזיוו, וואָלט דאָך די מאַמע געדאַרפֿט צאָלן פֿאַר אים דרײ הונדערט רובל שטראָף — אַזוי איז געווען דענסטמאָל דאָס געזעץ אין רוסלאַנד פֿאַר אַלע אַנטלאָפֿענע ייִדישע פּריזיווניקעס.

אָבער װיבאַלד די מאַמע אונדזערע גײט בקרוב בײטן איר פֿאַמיליע טשאַרני אויף דער פֿאַמיליע קליאַנסקי, וועט דאָך שוין דענסטמאָל קאַזנאַ ניט וויסן בײַ װעמען צו מאָנען די דרײַ הונדערט רובל, און אַזוי אַרום קאָן שוין אויך דער צווייטער ברודער גאַנץ רואיק אַוועקפֿאָרן קיין אַמעריקע.

די אַנדערע צוויי עלטערע ברידער מײנע, שמואל און ברוך, זײַנען נאָך געווען דענסטמאָל צו יונג צו טראַכטן וועגן אַמעריקע.

זײ זײַנען שוין אָבער געווען פֿאַרטאָן מיט ארץ־ישׂראל, ווײַל דער דאָקטאָר הערצל פֿון ווין האָט שוין געהאַט צו יענער צײַט אױפֿגערודערט אַלע ייִדן פֿון דער וועלט וועגן אויסקויפֿן בײַם טערק גאַנץ ארץ־ישׂראל.

האָב איך געהערט, ווי די דאָזיקע צוויי מיטלסטע ברידער מײנע, שמואל און ברוך, דערציילן, אַז אויך אין מינסק האָט זיך געפֿונען אײנער אַ דאָקטאָר ראַזענבוים, וואָס גרייט־צו אין מינסק אַזאַ מין צוזאַמענפֿאָר פֿון אַלע ציוניסטן אין גאַנץ רוסלאַנד און מען וועט דאָרט אויך רעדן וועגן אויסקויפֿן ארץ־ישׂראל בײַם טערק.

ביז איך געווען גליקלעך, וואָס אויך איך פֿאַר אָוועק באַלד נאָך סוכות קיין מינסק און איך וועל קאָנען הערן, וואָס מען וועט רעדן אויף דעם מינסקער צוזאַמענפֿאָר וועגן ארץ־ישראל.

אגב, האָב איך זיך דערמאָנט, אַז אויף דער ראַקעווער גאַס אין מינסק, פּונקט אַנטקעגן דער ביליקער קיך, וואו עס האָבן געאַרבעט מיינע גאָר עלטסטע צוויי ברידער, האָט איינער אַ טערק מיט אַ הויכער, רויטער פֿעסקע און שוואַרצן טראַלד, פֿאַרקויפֿט זײַער געשמאַקע „טשאַסטקעס" אָדער „פּיראָזשנעס" צו דריי קאָפּיקעס אַ שטיק. און אויך זייער געשמאַקע בייגל מיט גרויסע לעכער צו איין קאָפּיקע אַ שטיק. האָב איך שטילערהייט געטראַכט, אַז ביז וואַנען וואָס־ווען האָבן די מינסקער ציוניסטן געדאַרפֿט אָפּקויפֿן ביים טערק זיין גאַנצע בעקעריי און זאָלן יידישע קינדער עסן אין דער ביליקער קיך די געשמאַקע טערקישע בייגל וויפֿל זייער האַרץ גלוסט!

אָבער צו־לאַנג טראַכטן וועגן אַזעלכע הויכע ענינים האָב איך דענסטמאָל ניט געהאַט קיין צייט.

איך האָב געמוזט יעדע ווילע פֿאָלגן אַ גאַנג דער מאַמען, ווייל יעדע ווילע פֿלעגט דער מאַמען עפּעס־וואָס אויספֿעלן אין דער קיך.

אָט פֿעלט איר אויס אַ פֿונט ראָזשינקעס, אָט דאַרף זי האָבן אַ פֿערטל פֿונט צימערינג און אָט מוז זי האָבן נאָך אַ גלאָז האָניק צו די טייגלעך.

די האָט געהאַלטן אין איין קאָכן, באַקן און פּרעגלען, ווי ערב עפּעס אַ גאָר גרויסער חתונה.

ווען איך האָב איינמאָל אַ זאָג געטאָן, אַז אויף וויפֿיל איך געדענק, האָט זי צו דער שוועסטערס חתונה אַזויפֿיל ניט געבאַקט און ניט געפּרעגלט, ווי היינטיקן ערב סוכות, האָט זי מיר אָן ענטפֿער געטאָן, אַז „אויסגעבן" איר מיזיניק איז פֿאַר איר נאָך אַ גרעסערע שמחה, ווי „אויסגעבן" די בת־יחידה אירע.

דאָס האָט מיך די מאַמע, הייסט עס, „אויסגעגעבן" פֿאַר דער ווייטער פֿרעמדער וועלט, וואו איך דאַרף שוין אויך ווערן אַ גרויסער, אַ דערוואַקסענער, ווי די עלטערע ברידער מיינע, זאָלן געזונט זיין.

אין יענעם ערב־סוכות האָט מיך די מאַמע צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן אויך אויסגעקליידט פֿון קאָפּ ביז די פֿיס. אַ נייעם קאָסטיום, אַ נייעם ווינטערדיקן מאַנטל מיט אַ באַראַשקעווען קראַגן, אַ פּאָר פֿיינע וואַליקלעך באַשלאָגן מיט לעדער, אַז איך זאָל אין מינסק ניט פֿרירן. אויך העמדער מיט גאַטקעס פֿון זייער ווייסן קרעס און וואַלענע זאָקן מיט וואַלענע הענטשקעס.

האָב איך זיך דערפילט אַביסל שולדיק פאַר מיינע עלטערע ברידער, וואָס איך וועל שוין מער ניט דאַרפן טראָגן זייערע בגדים פון וועלכע זיי פלעגן, אַן ע״ה, אַזוי גיך אַרויסוואַקסן.

עס האָט מיך אָבער אָנגעהויבן צו עגבערן דער געדאַנק, וואָס וועט זיין מיט מיר אַליין, ווען איך וועל אַרויסוואַקסן פון די אַלע נייע בגדים מיינע נאָך איידער זיי וועלן צעריסן ווערן — ווער וועט מיר דענסטמאָל מאַכן נייע?

די עלטערע צוויי ברידער מיינע וועלן דאָך שוין דענסטמאָל זיין אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע און די אַנדערע צוויי ברידער מיינע נייטיקן זיך נאָך אַליין אין הילף. זיי עסן נאָך „טעג״ אין מינסק, כאָטש זיי פאַרנעמען זיך שוין אויך מיט עפּעס אַנדערע זאַכן...

האָב איך זיך ניט איינגעהאַלטן און אַ פרעג געטאָן ביי מיין מאַמען:

— וואָס וועט זיין, מאַמעלע, ווען איך וועל אין אַ יאָר אַרום אַרויסוואַקסן פון אַלע מיינע בגדים?

דענסטמאָל האָט שוין די מאַמעלע מיינע ניט געקאָנט מער איינהאַלטן זיך און באַגיסנדיק זיך מיט טרערן האָט זי אָנגעהויבן צו מיר צו טענהן:

— וואָס מיינסטו, קינד מיינס, דו ווערסט דען, חלילה, אַ יתום, וועסט דען ניט קומען צו מיר אויף יעדן יום־טוב קיין זשעבין, וואָס וועט פאַר דיר ווערן אַ נייע היים, איך טו דאָך דאָס אַלץ צוליב דיין טובה וועגן. וועסט דאָך זיין אין מינסק אינאיינעם מיט אַלע דיינע ברידער, וועסט זיך קאָנען דאָרטן היילן ביי די בעסטע דאָקטוירים און וועסט אויך קאָנען לערנען אין די בעסטע ישיבות. דיין צוקונפטיקער פעטער קליאַנסקי האָט מיר בפירוש געזאָגט, אַז ער וועט ניט זשאַלעווען פאַר דיר קיין געלט, אַבי נאָר דו זאָלסט ווערן וואָס גיכער געזונט. ער האָט שוין אַפילו אַוועקגעשריבן וועגן דיר אַ בריוו צו דיינעם אַ קרוב אין ווילנע, וואו עס געפינען זיך, זאָגט מען, די גרעסטע דאָקטוירים פון דער וועלט. און אויב מינסק וועט פאַר דיר ניט טויגן, וועלן מיר דיך אַוועקפירן קיין ווילנע, קליאַנסקיס קרוב האָט דאָרטן אַן אייגענע אכסניה און וועסט זיך דאָרט פילן, ווי ביי זיך אין דער היים.

אַט אַזוי האָט צו מיר די מאַמע אַריינגעטענהט אין דער האַלב־פינצטערער קיך, מישנדיק טרערן מיט צימערינג, טרערן מיט ראַזשינקעס און טרערן מיט האָניק.

איך וואָלט דענסטמאָל גערן אויסגעקושט די פאַרוויינטע אויגן אירע, אָבער איך האָב מורא געהאַט, אַז זי קאָן נאָך פון דעם אָנהייבן נאָך מער צו וויינען.

איך האָב ניט געוואָלט, אַז די עלטערע ברידער מײַנע זאָלן זען דער מאַמען אַ פֿאַרוויינטע. עס איז דאָך שוין נאָך יום־כּיפּור. די מאַמע האָט זיך שוין געזעגנט אָנגעוויינט פֿאַר דעם יום־כּיפּורדיקן מעת־לעת. אָבער די ברידער מײַנע זײַנען זעלטן חוץ געזעסן אין שטוב. איך זיי האָבן געפֿילט, אַז זיי וועלן שוין, מסתּמא, קיינמאָל מער ניט זען אונדזער שטעטעלע דוקאַר און דעריבער האָט זיי געצויגן צו די פֿעלדער און וועלדער, וואו זיי האָבן זיך קינדוויז געשפּילט און זיך נאַריש געמאַכט, ווי אַלע אַנדערע ייִנגלעך פֿון דוקאַר.

איך פֿלעג מיט זיי ניט מיטגיין, ווײַל איך פֿלעג זיך פּראָסט־פּשוט שע־מען פֿאַר זיי, ווי אַ ישובניק שעמט זיך פֿאַר די גרויסשטאָטישע.

איך האָב געוואוסט, אַז מײַן ברודער ברוך איז עלטער פֿאַר מיר ניט מער ווי מיט קאַרגע צוויי יאָר, אָבער ברוך איז דאָך שוין אַ פֿאָלנער מענטש, בעת איך בין נאָך אַ קינד פֿון אונטער דער מאַמעס פֿאַרטוך. ניט איך האָב געהאַט וואָס צו רעדן מיט די עלטערע ברידער מײַנע און ניט די ברידער האָבן געהאַט וועגן וואָס מיט מיר צו ריידן.

מער ניט בײַ די יום־טובֿדיקע מאָלצײַטן פֿלעגן מיר זיצן אַלע בײַ איין טיש און דענסטמאָל ערשט האָב איך געשפּירט, אַז איך האָב אַ גאָר נאָענטע שײַכות צו די עלטערע ברידער מײַנע.

זיי פֿלעגן זיך וויצלען, זיי פֿלעגן זינגען און זיי פֿלעגן קוקן מיט גרויס ליבשאַפֿט אויף דער מאַמען, וואָס פֿלעגט אַן אויסגעפּוצטע אין די יום־טובֿדיקע בגדים און אַ צעשטראַלטע פֿון איר גרויסן קינדער־נחת אויס־זען בפּועל־ממש ווי די שבת־כּלה לכּבֿוד וועלכער מען קאָן אַפֿילו אין אַ מיטן חול המועד אויפֿזינגען: „לכה דודי לקראת כלה פני שבת נקבלה".

די פּסחדיקע כּלים האָבן נאָך צוגעגעבן מער חן און פֿײַערלעכקייט צו די סוכּותדיקע מאָלצײַטן אונדזערע.

ווען די מאַמע האָט דערלאַנגט צו דער ערשטער סוכּותדיקער וועטשע־רע די גוט־באַקאַנטע זיבן ליימענע טשאַרלעטשקעס, וואָס זײַנען געווען ווי אויסגעקנאָטן פֿון איין שטיק און פֿון יעדער טשאַרלעטשקע האָט ווי אַ פֿייגעלע פֿון איר נעסט אַרויסגעקוקט דער גוט־פֿאַרברוינטער פּסחדיקער בולבע־קוגעלע אויף געגנזענעם שמאַלץ מיט אַ גריוועגע אין דער מיט און זי האָט יעדן איינעם פֿון אונדז דערלאַנגט צו דער גאָלדענער יויך זײַן באַזונ־דערן קוגעלע — האָט זיך מיר שטאַרק פֿאַרגלוסט צו פֿרעגן די פֿיר קשיות, ווי עס וואָלט ווירקלעך געווען פּסח צום סדר און איך האָב שטילערהייט אַ פֿרעג געטאָן דער מאַמען:

„מה נשתנה הלילה הזה מכל הלילות?"
האָט די מאַמע באַלד איבערגעחזרט מײַן קשיא פֿאַר די עלטערע ברי־דער מײַנע און עס איז געוואָרן אין דער סוכה פֿרײלעך.

אָבער צו דער צווייטער יום־טובדיקער וועטשערע אין דער סוכה האָט שוין די מאַמע מער ניט דערלאַנגט די זיבן בולבע־קוגעלעך פֿון דער חמץ־געוואָרענער זיבנפֿאַכער לײמענער טשאַרליע.

ווען איך האָב אָנגעהויבן מאָנען בײַ דער מאַמען די געשמאַקע קוגע־לעך, האָט זי זיך פֿאַר מיר מודה געווען, אַז וואַשנדיק די זיבן טשאַרלעטש־קעס האָבן זײ זיך פּלוצלינג אַרויסגעגליטשט פֿון אירע הענט און זײ זײַנען צעשערבלט געוואָרן...

אויך דער מאַמען האָט, זעט אויס, שטאַרק פֿאַרדראָסן דער דאָזיקער היזק, ווײַל זי האָט דערזען אין דעם אַ רמז אויף אונדזער זיבן־קעפּיקער משפּחה, וועלכע גליטש זיך אַרויס פֿון אונטער אירע הענט און ווערט אויך צעשערבלט אין אײנצלנע שטיקער.

האָט מיך אָבער די מאַמע געטרייסט מיטן פּסוק: „הפּח נשבר ואנחנו נמלטנו". דאָס הייסט, אַז די כּלי איז צעבראָכן געוואָרן און מיר האָבן זיך אָפּגעטראָגן...

האָבן טאַקע באַלד נאָך סוכּות אַלע פֿינף טשאַרני־ברידער זיך „אָפּ־געטראָגן" פֿון דוקאָר.

גאַנץ שטעטל איז נאָכגעגאַנגען נאָך אונדזער וואָגן, ווי נאָך אַ לוויה, רחמנא ליצלן.

די מאַמע האָט מיט פּאַרווינטע אויגן געהאַלטן אין איין טענהן צו די עלטערע ברידער מײַנע, אַז אויב נאָר איך וועל נאָך איר בענקען אין מינסק, זאָלן זײ מיך גלײַך צוריקשיקן קיין דוקאָר און זי וועט מיט מיר פֿאָרן צו דעם ערשטן קימפּעט פֿון מײַן שוועסטער קיין בערעזין.

מײַנע ברידער האָבן דער מאַמען גאָרניט געענטפֿערט, ווײַל אויך אין זײערע העלדזער האָט זיך געשטיקט אַ געוויין, וועלכן זײ האָבן בשום־אופֿן ניט געוואָלט אַרויסלאָזן אין דרויסן אַרויס.

מער ניט, אויפֿן וועג צו דער סטאַנציע רודענסק האָבן מיר זיך אָפּגע־שטעלט אויפֿן בית־עולם און מײַנע עלטערע ברידער האָבן זיך געזעגנט מיטן טאַטנס קבר אויף אײביקע יאָרן.

גוט, וואָס די מאַמע איז דערבײַ ניט געווען. זי וואָלט ווידער געוויינט.

דערמיט, אײגנטלעך, האָבן זיך געהאַט פֿאַרענדיקט מײַנע קינדער־יאָרן אין דער אַלטער היים.

אָבער קינדער־יאָרן ווערן ניט קיינמאָל פאַרענדיקט. זיי לויפֿן דיר נאָך פּוסטריט כּל־זמן דו לעבסט. זיי פֿאָדערן אַ המשך, זיי פֿאָדערן אַ תּיקון!

האָט די מאַמע מיינע געהאַט געגלויבט, אַז ערשט אין מינסק ביי די גרויסע דאָקטוירים און אונטער דער אויפֿזיכט פֿון מיינע עלטערע פּיר ברידער וועל איך באַקומען דעם ריכטיקן תּיקון מיינעם...

הלוואַי, רבש״ע!

מיט די ברידער אין מינסק —

איידער איך האָב זיך אַריבערגעפּעקלט פון דוקאָר קיין מינסק — האָב איך געהאַט געגלויבט, אַז ווי נאָר כ'וועל אָנהויבן אין מינסק עסן טעג, לערנען אין דער ישיבה און היילן זיך ביים בעסטן דאָקטאָר פון שטאָט — וועל איך שוין אויך ווערן אַ גרויסער, אַ דערוואַקסענער, ווי די עלטערע ברידער מיינע זיינען עס געוואָרן.

אָט, למשל, איז מיין ברודער ברוך (דער שפּעטערדיקער וולאַדעק) געווען עלטער פון מיר ניט מער, ווי מיט קאַרגע צוויי יאָר, אָבער צו זעכצן יאָר איז ער שוין געווען, קאָן מען זאָגן, אַ פאַלנער מענטש!

פאַר די עטלעכע יאָר, וואָס ער האָט געגעסן טעג אין מינסק — האָט ער שוין דורכגעמאַכט אין די ישיבות דעם גאַנצן ש"ס (אַלע גמרא'ס) און ער האָט זיך שוין אויך געהאַט צוגעגרייט בגנבה אָפּצוגעבן עקזאַמענס אויף די ערשטע פיר קלאַסן גימנאַזיע.

ווען מען האַלט אויס בשלום די עקזאַמענס אויף פיר קלאַסן גימנאַזיע — קאָן מען שוין נאָכדעם ווערן אַ „באַראָדני אוטשיטעל" (אַ פאָלקס־לערער), אָדער אַפילו אַן „אַפּטעקאַרסקי אוטשעניק" (אַ געהילף אין אַן אַפּטייק).

ווייס איך ניט ביז היינט, וואָס האָט מיין ברודער ברוך געוואָלט ווערן: אַ פאָלקס־לערער, צי אַ פּראָוויזאָר?

דער אַנדערער ברודער מיינער, שמואל (דער שפּעטער געוואָרענער ש. ניגער), וואָס איז עלטער געווען פון ברוכ'ן אויף צוויי יאָר, איז שוין צו זעכצן יאָר געווען באַרימט אין אַלע ישיבות פון מינסק, ווי דער „דוקאָרער עילוי", און איינער פון די גרעסטע גבירים פון שטאָט האָט אים זייער שטאַרק געוואָלט האָבן פאַר זיינעם אַן איידעם. אָבער אויך שמואל האָט שוין בגנבה זיך געלערנט רוסיש און אַנדערע וועלטלעכע קענטענישן, ווייל ס'איז שוין געווען דענסטמאָל אין מינסק אַ צייט אַזאַ, ווען די השכלה האָט זיך דורכגעריסן אויך אַפילו דורך די געמויערטע ווענט פון די ישיבות.

וואָס איז נוגע די אַנדערע צוויי ברידער מיינע, מענדל און זאַלקע, האָבן זיי שוין פון לאַנג געהאַט שטעלעס אין דער ביליקער קיך, וואָס אויף דער ראַקאָווער גאַס. אָט־די דאָזיקע ביליקע קיך איז טאַקע געוואָרן די הויפּט־קוואַרטיר פון די אַלע פינף טשאַרני־ברידער, וואָס יעדער איינער פון זיי האָט געהאַט אַן אַנדער מין אויסזען, אָבער אַלע אינאיינעם זיינען זיי געווען, ווי פון איין טייג אויסגעקנאַטן.

איך געדענק ניט, אַז מיינע עלטערע ברידער זאָלן זיך אַמאָל צע־ווערטלען אָדער, חלילה, צעקריגן זיך, ווי ס'פּאַסירט אָפט צווישן ברידער מיט פאַרשיידענע מיינונגען און כאַראַקטערס.

אדרבא, אַלע מיינע פיר עלטערע ברידער פלעגן שטענדיק אַרויסהעלפן איינער דעם אַנדערן מיט וואָס נאָר זיי האָבן געקאָנט און ווען זיי האָבן אויך מיך, דעם ייִנגסטן — באַקומען אין זייער רשות, האָט זיך באַלד יעדער איינער פון זיי אַרויסגערופן מיך אַרויסצוהעלפן מיט וואָס נאָר ער קאָן.

זיי האָבן געוואָלט שאַפן אַרום מיר אַזאַ מין וואַרימע אַטמאָספערע — איך זאָל וואָס ווינציקער בענקען נאָך דער מאַמען.

האָבן די עלטסטע צוויי ברידער, וואָס זיינען שוין געווען פאַרדינערס, איבערגענומען אויף זיך די מאַטעריעלע זאָרגן וועגן מיר. כ'וועל, הייסט עס, לעבן מיט זיי אינאיינעם אין דער ביליקער קיך, וואו כ'וועל האָבן מיין אייגן בעט און די זעלבע מאָלציַיטן, וואָס די ברידער מיינע עסן פון דעם אַלגעמיינעם קעסל.

די אַנדערע צוויי ברידער מיינע, וואָס האָבן נאָך געלעבט, ווי ישיבה־בחורים, אין אַ קליין פינצטער צימעדל מיט איין אייזערנער בעט פאַר זיי ביידן, האָבן איבערגענומען אויף זיך די זאָרגן וועגן מיין וויַיטערדיקער גייס־טיקער אַנטוויקלונג.

דעם אמת געזאָגט, איז מיין גייסטיקער באַגאַזש, וועלכן איך האָב מיט־געבראַכט פון דוקאָר קיין מינסק, געווען זייער אַ קליינער.

איך האָב געקענט חומש מיט רש״י, איך האָב געקענט האַלב תנ״ך, דער עיקר — די פינף מגילות, וואָס דערציילן וואונדערלעכע געשיכטעס מיט פיינע משלים און איינפאַלן, ווי אויך, פאַרשטייט זיך תהילים, איוב, משלי און דניאל, אָבער צו די נביאים ישעיה, ירמיה, יחזקאל און די אַנדערע, האָב איך ניט געהאַט קיין גרויסע געפילן, ווייל איך האָב ניט ליב, ווען מען מוסרט און מען שטראָפט דעם יידישן פאָלק, וואָס ווערט שוין אַזוי אויך גע־נוג געשטראָפט פון דעם רבונו של עולם אַליין.

וואָס איז נוגע תלמוד — האָב איך אַריינגעכאַפּט אין דוקאָר ניט מער, ווי די דריי מסכתא'ס „ביצה״, „בבא מציעא״ און „קידושין״.

אויף דער גמרא „קידושין״ בין איך שוין באַלד פון אָנהויב־אָן ברוגז געוואָרן, ווייל ס'איז מיר ניט געפעלן געוואָרן, וואָס אונדזערע תנאים און אמוראים האָבן די פרוי אָוועקגעשטעלט אויף איין ברעט מיט אַ קנעכט און מיט אַ בהמה...

שוין אין דעם ערשטן פרק פון „קידושין" לערנט מען אונדז, ווי מען קויפט אַ פרוי, ווי מען קויפט אַ קנעכט און ווי מען קויפט אַ בהמה (אַ „גסה" אָדער אַ „דקה").

איינשפּאַנען אין איין פרק אַ פרוי מיט אַ בהמה האָב איך געהאַלטן פאַר אַ גרויסן חילול השם.

אַ פרוי איז דאָך ניט נאָר אַ ווייב צו אַ מאַן, נאָר אויך אַ מאַמע! איז דען פאַראַן אַ הייליקערע און טייערערע זאַך, ווי אַ מאַמע? האָב איך זיך געפילט פערזענלעך באַליידיקט, וואָס מען פאַרגלייכט מיין טייערע, האַרציקע מאַמען מיט אַ בהמה, רחמנא ליצלן! צוליב דעם האָב איך געוואָרפן אַן אומחן אויף דער גאַנצער גמרא „קידושין", ווי אויך אַפילו אויף מיין רבין, ישראל דעם שוחט, וואָס פלעגט אָן קיין שום פחד קוילענען „גסות" און „דקות" (בהמות און קעלבער). כאָטש פאַר דער ווייב זיינער, פאַר גאָלדען, האָט ער מורא געהאַט נאָך מער, ווי פאַר אַ דונער מיט אַ בליץ.

ווען כ'האָב דערציילט מיינע ברידער, ווי ווייניק כ'האָב געהאַט געלערנט אין דוקאָר — האָט זיך מיין ברודער שמואל אונטערגענומען צו גיין מיט מיר יעדן טאָג אין דער טאַטערשער שול לערנען מיט מיר אגדתא.

(ווי עס זעט אויס, האָט שוין מיין ברודער שמואל געהאַלטן דענסטמאָל פיל מער פון דער אגדה ווי פון דער הלכה).

האָב איך זיך שטאַרק דערפרייט מיט מיין ברודערס אָנבאָט, ווייל די אגדתא האָב איך זייער ליב געהאַט, דער „עין יעקב", וואָס מען פלעגט לערנען ביי אונדז אין שול, בין מנחה למעריב, א'ז דאָך פול מיט אגדות, וואָס קליין און גרויס פלעגן אַזוי געשמאַק אויסהערן. אויך דער מאַמעס „צאינה וראינה" איז פול מיט אגדות, וואָס צעגייען זיך איבער אַלע גלידער, און ווען שמואל וועט מיט מיר לערנען יעדן טאָג אגדתא — וועט זיך מיר דוכטן, אַז איך האָב לעבן זיך ווידער די מאַמען מיינע (אגב, איז טאַקע שמואל זייער ענלעך אויף דער מאַמען!).

דערמאָן איך זיך איצטער, אַז איינער אַ תנא אָדער אַן אמורא זאָל האָבן אַמאָל געהאַט געזאָגט, אַז ווען אימיצער לערנט מיטן עולם הלכה, איז ער געגליכן צו אַ מאַן, וואָס פאַרקויפט זייער טייערע איידלשטיינער, אויף וועלכע עס זיינען פאַראַן זייער ווינציק מבינים, אָבער ווען אימיצער לערנט מיטן עולם אגדה, איז ער געגליכן צו אַ הענדלער פון ביליקע, אָבער זייער ניצלעכע פאָלקס־אַרטיקלען.

און אַ צווייטער תּנא אָדער אמורא זאָל האָבן אַמאָל געהאַט געזאָגט, אַז אין שווערע צייטן האָבן יידן ליב צו הערן מעשיות, ווערטלעך און משלים, וואָס זיינען אַ טרייסט פאַרן פאָלק.

און ווען, פרעגט זיך, האָבן יידן ניט געהאַט קיין שווערע צייטן?

ווען מיין ברודער ברוך האָט געהאַט דערהערט, אַז שמואל גייט מיך אַריינפירן אין דער וועלט פון דער אגדה — האָט ער זיך אָנגעבאָטן מיך אַרייינצופירן אויך אין דער וועלט פון די אַזויגערופנע וועלטלעכע קענט־נישן, ווי למשל, אַריפמעטיקע, גראַמאַטיקע, געאָגראַפיע און אַנדערע וויכ־טיקע ענינים, וועלכע קאָנען מיר אַמאָל צוניצקומען.

אַזוי האָבן מיינע ברידער פון אָנהויב אָן פאַרזיכערט מיין מאַטעריעלן און גייסטיקן וואוילזיין אין מינסק.

כדי אָבער מיין לעבן אין מינסק זאָל ווערן נאָך פריילעכער און גע־זיכערטער — האָבן שמואל און ברוך באַשלאָסן מיר איבערצוגעבן זייערע „טעג", וואָס זיי האָבן נאָך געהאַט געגעסן אין די באַלעבאַטישע הייזער פון שטאָט.

— ווען מען עסט „טעג" — זעט מען מער מענטשן, מער וועלט! — האָט צו מיר אַ זאָג געטאָן ברוך.

דאָס זיינען טאַקע געווען אַזעלכע גוטע „טעג", וואו מען פלעגט געבן ניט נאָר געשמאַקע מאַלצייטן, נאָר אויך אַפילו — אַ מזומנע „גריוונ־יע" אָדער אַ „גילדן" (צען אָדער פופצן קאָפּיקעס) אויף נאַשערייקעס אָדער אויף קויפן זיך אַ ספר, צי אַ ביכל.

אַזוי ווי מיינן ברידערס „טעג" זיינען געווען צעוואָרפן איבער פאַר־שיידענע עקן פון מינסק — האָב איך אַזוי אַרום געקאָנט נענטער באַקענען זיך מיט דער שטאָט און מיט די אַלע מענטשן, וואָס שפּיזן מיך אומזיסט.

איך קאָן נאָך אָבער ביז היינט ניט פאַרשטיין, ווי אַזוי האָבן שמואל און ברוך געקאָנט מיר אַפשענקען זייערע „טעג", ווען זיי אַליין האָבן דענסט־מאָל גאַנץ פיין אונטערגעהונגערט.

ווען כ'בין איינמאָל געקומען צו זיי צו־גאַסט, אין זייער שמאָלן, האַלב־פינצטערן צימערל — האָב איך אויפן טיש געפונען אַן עק פון אַ הערינג און אַ פּאָר פאַרדאַרטע סקאָרינקעס. אויך אַ פּאָר טרוקענע פייגן האָבן זיך געוואַלגערט אויפן טיש. פון די טרוקענע פייגן פלעגן די ברידער זיך מאַכן טיי...

ווען מען לייגט אַריין די פייגן אין אַ בלעכענעם טשייניק מיט הייסן וואַסער — ווערט פון זיי דאָס וואַסער עטוואָס געלבלעך, ווי טיי, צו וועלכן

מען דאַרף שוין ניט קיין צוקער, ווייל ס׳וואַסער ווערט שוין אויך זיסלעך.

דערזעענדיק, ווי אָרעם עס לעבן מיינע צוויי געלערנטע ברידער — האָט מיך פאַרקוועטש ביים האַרצן ביז צום וויינען.

לגבי זייער דחקות — האָב איך דאָך געלעבט ווי אַ פּרינץ! איך האָב גע־שלאָפן איינער אַליין אויף אַ בעט מיט צוויי גרויסע קישנס, וואָס די מאַמע האָט מיר מיטגעגעבן, בעת די עלטערע ברידער האָבן באַקומען פון דער מאַמען נאָר צו איין קישן.

איך האָב, ווירקלעך, געהאַט זייער גוטע „טעג" אין די שענסטע הייזער פון מינסק און דערצו נאָך — עטלעכע קאָפּיקעס אין קעשענע אויך.

ווען כ׳האָב דערציילט מענדלען און זאַלקען, ווי שלעכט עס לעבן שמואל און ברוך — האָבן זיי מיר געענטפערט, אַז זיי זיינען אין דעם אַליין שול־דיק. זיי ווילן לעבן מיט הוילע רוחניות... זיי האָבן זיך אַריינגעטאָן אין דער באַוועגונג און ס׳ליגט זיי נישט דער קאָפּ צום עסן.

איז מיר שוין דענסטמאָל קלאָר געוואָרן, אַז שמואל מיט ברוכן זיינען פאַרטאָן אין אַזאַ מין באַוועגונג, וואָס דאַרף אויסלייזן דאָס פאָלק ישראל פון גלות. איז מיין דרך־ארץ פאַר זיי געוואָרן נאָך אַ סך גרעסער, ווי גע־ווען.

אין עטלעכע טעג אַרום האָב איך באַקומען די גוטע מעגלעכקייט צו איבערצייגן זיך פערזענלעך. אַז מיין ברודער שמואל איז שוין אויסגעבונדן מיט די שענסטע לייט פון מינסק, וועלכע זיינען גאַנץ וייט פון די מינס־קער ישיבה־קרייזן.

ער האָט מיך, נעמלעך, אַוועקגעפירט צו דעם באַרימטן אויגן־דאָק־טאָר קאַמינסקי, האַלטן מיט אים אַן עצה, וועלכער דאָקטאָר אין מינסק וועט מיך אַמבעסטן קאָנען היילן?

האָב איך זיך געחידושט, וואָס דער דאָקטאָר קאַמינסקי נעמט אונדז אויף אין זיין רייכן קאַבינעט אַזוי גאַסטפריינטלעך און האַרציק, ווי מיר וואָלטן געווען זיינע נאָענטע קרובים.

דער דאָקטאָר האָט תיכף באַשטעלט דריי גלעזער טיי, אָבער אמתן, ניט קיין פּייגן־טיי, און דערצו נאָך — זייער פיינעם כיבוד. נאָך דעם האָט דער דאָקטאָר קאַמינסקי געשמועסט מיט שמואלן וועגן פּאָליטיק, וואָס איך האָב ניט פאַרשטאַנען.

— ווען מען איז פּאַרטיק געוואָרן מיטן טיי און מיט דער פּאָליטיק — האָט דענסטמאָל דר. קאַמינסקי מיך באַטראַכט פון קאָפּ ביז די פּיס, כאָטש ער איז געווען ניט מער, ווי אַן אויגן דאָקטאָר. און ער האָט צו מיין ברודער שמואלן אַזוי געזאָגט:

— אייער ברודערל נויטיקט זיך אין אַ גוטן הויט־דאָקטאָר. דער בעס־טער הויט־ספּעציאַליסט איז דער דר. מאַלקעוויטש. ער איז אַ פּאָליאַק, אָבער אַ לייטישער מענטש. ער האָט שטודירט אין אויסלאַנד, ער קען שפּראַכן, און כ׳גלייב, אַז ער וועט היילן אייער ברודערל גאַנץ אומזיסט. כ׳וועל אייך, יעדנפאַלס, מיטגעבן אַ בריוו צו אים.

האָט דר. קאַמינסקי באַלד אָנגעשריבן ווען מיר אַ גאַנץ לאַנגן בריוו צו דר. מאַלקעוויטש און פון אָט־דעם דאָזיקן בריוו קאַמינסקיס, האָט זיך אָנגעהויבן, קאָן מען זאָגן, מיין מעדיציניש ע „קאַריערע״.

כ׳בין געוואָרן דער וואונדער־פּאַציענט פון צענדליקער דאָקטוירים אין צענדליקער שטעט און לענדער. די דאָקטוירים האָבן פון מיר אַ סך געלערנט, אָבער איך פון זיי נאָך פיל מער!

אידעאַליזם און פילאַנטראָפּיע —

אָסור, אויב איך וויס פּאַרוואָס מען האָט די מינסקער יידן געקרוינט מיט אַ חזירישער צונעמעניש?

לויט מיינע ערשטע איינדרוקן פון מינסק — זיינען דאָרטן אַלע יידן געווען גאַנץ פיינע און איידעלע מענטשן.

אַפילו אין דער ביליקער קיך, אויף דער יוריעיווער (אָדער ראַקאָווער) גאַס, וואו די גרעסטע אָרימע לייט פון מינסק פלעגן עסן זייערע מאָלצייטן — האָב איך ניט באַגעגנט קיין גראָבע יונגן אָדער סקאַנדאַליסטן.

אמת, אויך אַפילו צווישן די שטענדיקע עסערס פון דער ביליקער קיך זענען געווען צוויי קלאַסן אָרימע לייט: דריי־קאָפּיקנע און פינפקאָפּיקנע.

פאַר דריי קאָפּיקעס פלעגט מען באַקומען אַ פונט ראָזעווען ברויט מיט אַ געדיכטן קרופּניק, און פאַר פינף קאָפּיקעס פלעגט מען נאָך אויך האָבן אַ שטיקל פלייש אין דעם קרופּניק.

פאַרשטייט זיך, אַז די דרייקאָפּיקענע עסערס פלעגן שטילערהייט מקנא זיין די פינפקאָפּיקענע, אָבער די דאָזיקע קנאה פלעגט ניט אַרויסרופן קיין שום שנאה, ווי ס׳טרעפט אַמאָל ביי פּרויען און קינדער.

גאַנץ אָפט פלעגן צוויי אָרימעלייט קויפן בשותפות צוויי מאָלצייטן, איינעם אַ פינפקאָפּיקענעם מיט פלייש, און אַ צווייטן פאַר דריי קאָפּיקעס אָן פלייש, און צעטיילן זיך מיטן שטיקל פלייש. אַזוי־אַרום פלעגן שוין דיביידע אָרימעלייט האָבן פלייש־מאָלצייטן פאַר סך־הכל צו פיר קאָפּיקעס פון אַ נפש.

אין דער ביליקער קיך פלעגן אויך עסן די קעשענע־גנבים און אַלע אַנדערע טיפּן פון דער מינסקער אונטערוועלט, אָבער עס פלעגט זייער זעלטן פּאַסירן, אַז עמיצער פון זיי זאָל אַריינלייגן אין קעשענע אַ גאָפּל, צי אַ לעפל, וואָס מען קאָן פאַרקויפן פאַר אַ קאָפּיקע, צי פאַר צוויי.

די ביליקע קיך איז דאָך געווען זייער שטענדיקער „רעסטאָראַן״, וואו מען דאַרף זיך האַלטן ערלעך און אַנשטענדיק.

צו די שבתדיקע מאָלצייטן פלעגן קומען די גבירים פון מינסק, וואָס פלעגן אויסהאַלטן די ביליקע קיך. בראש פון דעם קאָמיטעט פלעגט שטיין דער גרויסער גביר גאָלדבערג, וואָס האָט די קיך געגרינדעט. מען פלעגט קומען גלייך נאָכן שבתדיקן דאַווענען אין דער גרויסער שול, אַ קוק־טאָן,

ווי די מינסקער אָרימעלייט עסן זייערע שבתדיקע מאָלצייטן. גאָלדבערג אַליין פֿלעגט טראָגן אַ הויכן שוואַרצן צילינדער, און די פֿרוי גאָלדבערג פֿלעגט זיין אויסגעפּוצט אין עסיק און האָניק מיט אַ סך איידל־שטיינער אין די אוירינגלעך און אין די פֿינגערלעך אויף ביידע הענט.

די גבירטע פֿון שטאָט פֿלעגט פֿאַר אַלעמען אין די אויגן פֿאַרזוכן אַוועלכן־ניט־איז געריכט פֿון דעם שבתדיקן מאָלצייט, און זי פֿלעגט באַלד אַ שאָקל־טאָן מיטן קאָפּ צו איר צילינדער־מאַן, אַז ס'איז גוט, אַז עס איז זייער גוט.

אויף דער פֿרוי גאָלדבערג קוקנדיק פֿלעגן שוין אויך די אַנדערע גבאיטעס פֿאַרזוכן די שבתדיקע געריכטן און אויך שאָקלען מיט די קעפּ צו זייערע מענער, אַז ס'איז גוט, ס'איז ווירקלעך גוט!

ביים שאָקלען מיט זייערע גבירישע קעפּ פֿלעגן זיך ביי די ווייבער נאָכמער פֿאַנאַנדערוויגן די אוירינגלעך מיט די איידלשטיינער, און אויפֿבליצן מיט אַלע קאָלירן פֿון אַ רעגנבויגן.

פֿלעגן די גבירים מיט די גבירטעס אַוועקגיין פֿון דער ביליקער קיך זייער צופֿרידענע, וואָס אין מינסק זיינען נאָך פֿאַראַן, דאַנקען גאָט, גענוג קבצנים, וועלכע באַוואָרענען זיי מיט גענוג עולם־הבא, און די קבצנים פֿלעגן זיין צופֿרידן, וואָס די גרעסטע גבירים פֿון שטאָט זאָרגן זיך פֿאַר זייער שטיקעלע עולם הזה.

ס'האָט זיך ניט געפֿילט קיין שום אַנטאַגאַניזם, אָדער שנאה, צווישן די באַצילינדירטע „עולם־הבאניקעס" מיט די שמאַטעדיקע „עולם־הזהני־קעס".

ס'איז, מסתמא, אַזוי באַשערט פֿון גאָט, אַז די גאָלדבערגס, די סאָ־טינס, די קאַבאַקאָווס און פֿאָלאַקס זאָלן זיין גבירים, און די עסערס פֿון דער ביליקער קיך זאָלן זיין קבצנים.

אין דער שכנות מיט דער ביליקער קיך איז נאָך אויך געווען אַ ביליקע טייהויז (אַ „טשיינע").

דער פֿאַרוואַלטער מיט דער ביליקער קיך איז געווען דער עלטסטער ברודער מיינער, מענדל, און דער פֿאַרוואַלטער מיט דעם ביליקן טיי־הויז איז געווען דער צווייטער ברודער נאָך מענדלען, זאַלקע.

זאַלקע האָט גענדאַרפֿט אַרבייטן מער פֿאַר מענדלען, ווייל די טיי־הויז פֿלעגט זיין אָפֿן אַ גאַנצן טאָג, פֿון אַכט אין דער פֿרי ביז אַכט אין אָוונט, בעת די ביליקע קיך פֿלעגט זיין אָפֿן נאָר מיטאָג־צייט, צווישן צוועלף און צווי, און וועטשערע־צייט צווישן זעקס און אַכט.

האָב איך זייער ליב געהאַט צו זיצן אין דעם טיי־הויז און צוקוקן זיך צו די אַלע מענטשן, וואָס קומען טרינקען טיי פֿאַר סך־הכּל איין קאָפּיקע אַ פּאַרציע.

די פּאַרציע טיי פֿלעגט באַשטיין פֿון איינעם אַ גאַר־גרויסן ווייסן פּאַרצעלייענעם טשייניק, וואָס פֿלעגט אַריינגעמען ביי פֿינף־זעקס גלעזער זודיקן וואַסער, און אויבן פֿלעגט מען אַרויפֿשטעלן אַ קליינעם פּאַרצע־לייענעם טשייניקל, אין וועלכן מיין ברודער זאַלקע פֿלעגט אַריינשיטן אַ לעפֿעלע טיי מיט אַ קליין ביסעלע סאָדע — עס זאָל בעסער ציען.

אויסער די ביידע טשייניקעס פֿלעגט נאָך דער טיי־טרינקער באַקומען אַ גלאָז מיט אַ ספּאָדקע און דריי שטיקלעך צוקער.

ביי אַזאַ מין רחבֿותדיקן טיי־טרינקען פֿלעגט מען שוין קאָנען אָפּזיצן שעהן־לאַנג און שמועסן צווישן זיך.

איז די ביליקע „טשיינע״ שטענדיק געווען פֿול מיט מענטשן.

טאָמער פֿלעגט עמיצער אויסטרינקען דעם גאַנצן טשייניק וואַסער — פֿלעגט אים מיין ברודער געבן נייעם וואַסער גאָר אינגאַנצן אומזיסט.

האָב איך זייער ליב געהאַט צו זיצן מיט מיין ברודער זאַלקען ביים „בופֿעט״, און שמועסן מיט אים וועגן פֿאַרשיידענע זאַכן.

ווען כ'האָב איינמאָל אַ פֿרעג־געטאָן זאַלקען, פֿאַרוואָס קומען ניט אַהער טרינקען טיי די אַנדערע צוויי ברידער מיינע, שמואל מיט ברוכן? איך ווייס דאָך, אַז אַנשטאָט אמתן טיי ליגן זיי גאָר אַריין אין זייער בלעכערנעם טשייניק אַ פּאָר טרוקענע פֿייגן, און זיי פֿאַרשפּאָרן דורך דעם סיי דאָס לע־פֿעלע טיי, און סיי די פּאָר שטיקלעך צוקער, בעת אין דער ביליקער „טשיי־נע״ קאָנען זיי פֿאַר סך־הכּל איין קאָפּיקע טרינקען אמתן טיי מיט אמתן צו־קער? האָט מיר דער ברודער זאַלקע דערקלערט, אַז שמואל מיט ברוכן זיינען שוין גרויסע אידעאַליסטן, און זיי ווילן ניט געניסן פֿון קיין שום פֿי־לאַנטראָפּיע...

ווען כ'האָב אַ פֿרעג־געטאָן מיין ברודער זאַלקען, וואָס איז דער אונ־טערשייד צווישן אידעאַליזם און פֿילאַנטראָפּיע? — האָט ער מיר דערקלערט, אַז די אידעאַליסטן ווילן עס זאָלן ניט זיין קיין אָרים און קיין רייך — אַלע זאָלן זיין גלייך, בעת די פֿילאַנטראָפּן ווילן, אַז די אָרימעלייט זאָלן טאָקע פֿאַרבלייבן קבצנים אויף אייביקע יאָרן, און דערפֿאַר זאָלן זיי, די גבֿירים, געבן צדקה.

לויט מיין דעמאָלטדיקן יינגלישן שכל איז אָבער אויסגעקומען, אַז עס איז גאָר ניט אַזוי שווער צו זיין אַן אידעאַליסט, וויבאַלד מען פֿאַרמאָגט

גאַרניט. פֿאַרקערט, ס'איז אַ סך „אידעאַליסטישער" צו זיין אַ גביר און געבן צדקה צו די נויטבאַדערפֿטיקע.

דעם אמת געזאָגט, ווייס איך נאָך ניט ביז היינט דעם גרויסן אונטער־שייד צווישן אידעאַליזם און פֿילאַנטראָפּיע?

מיר דוכט זיך, אַז ווען אַן אידעאַליסט איז זיך מקריב פֿאַר זיין פֿאָלק, צי פֿאַר זיין קלאַס — איז ער דאָך דער גרעסטער פֿילאַנטראָפּ! ער שענקט אַוועק דעם מאַקסימום וואָס ער פֿאַרמאָגט, ער שענקט אַוועק זיין גאַנצענעם לייב־און־לעבן.

אָבער אויך דער פֿילאַנטראָפּ, וואָס שענקט אַוועק פֿאַרמעגנס פֿאַר די נויטן פֿון זיין פֿאָלק, איז שוין במילא אויך אַ גרויסער אידעאַליסט! (זע באַראָן הירש, באַראָן ראָשילד, באַראָן גינזבורג, דזשייקאָב שיף, ראָזענוואַלד, וואַרבורג און נאָך און נאָך!).

מעגלעך, אַז איך בין נאָך ביז היינט פֿאַרבליבן ביי מיין אַמאָליקן קינדערשן שכל, אָבער אַזוי ווי כ'האָב אין מיין וויטערדיקן לעבן געהאַט באַגעגנט אַ סך געוועזענע אידעאַליסטן, וואָס זיינען געוואָרן גאַנץ גרויסע „אַלרײַטניקעס", און כ'האָב אויך באַגעגנט אַ סך געוועזענע בורזשוען, וואָס זיינען געוואָרן גאַנץ לייטישע פּראָלעטאַריער — דערלויב איך זיך צו צווייפֿלען אין דעם גרויסן אונטערשייד צווישן אידעאַליזם און פֿילאַנטראָפּיע.

אָט, למשל, איז מיין ערשטער דאָקטאָר אין מינסק געווען אי אַן אידעאַליסט און אי אַ פֿילאַנטראָפּ, כאָטש ער איז גאָר געווען אַ פּאָליאַק, זיין נאָמען איז געווען מאַלקעוויטש. ווי נאָר ער האָט געהאַט איבערגעלייענט דעם בריוו, וואָס דער אויגן־דאָקטאָר קאַמינסקי האָט צו אים אָנגעשריבן וועגן מיר — האָט דאָקטאָר מאַלקעוויטש צו מיר אַזוי געזאָגט (האַלב־רוסיש, האַלב־פּויליש):

— קינד מיינס, טראָגסט אויף זיך זייער אַ שווערע קרענק, אָבער דאַנק גאָט, וואָס דו האָסט דיין קרענק פֿון דרויסן און ניט אינעווייניק. כ'וועל זי פּרובירן היילן.

אָבער איידער דאָקטאָר מאַלקעוויטש האָט זיך אַ נעם־געטאָן פֿאַר מיין קרענק — האָט ער מיך אָנגעהויבן אויסצופֿרעגן ווער איך בין, וואָס איך בין, און ווי אַזוי איך קום צום אויגן־דאָקטאָר קאַמינסקי, וויבאַלד מיינע אויגן זיינען געזונט!

האָב איך אים דערציילט דעם גאַנצן אמת, אַז איך האָב אין מינסק פֿיר ברידער, וואָס צוויי פֿון זיי אַרבעטן אין דער ביליקער קיך, און קלייבן זיך קיין אַמעריקע, און די אַנדערע צוויי — זיינען גרויסע אידעאַליסטן, וואָס

ווילן אויסקויפן ביים טערק גאַנץ ארץ־ישראל. דעריבער זיינען זיי באַפרייַדעט מיטן אויגן־דאָקטאָר קאַמינסקי, וואָס איז אויך אַ גרויסער אידעאַליסט.

און וואָס ביסטו? — האָט מיך דאָקטאָר מאַלקעוויטש אַ פרעג־געטאָן.

— איך בין גאָרניט! — האָב איך געזאָגט דעם אמת, כ׳עס נאָך טעג און איך לערן גמרא.

— „צאַ טאַקעגאָ קושאַט דני״ — האָט מיך דר. מאַלקעוויטש פלוצלינג אַ פרעג־געטאָן האַלב־פויליש און האַלב־רוסיש.

ער האָט הייסט עס, געוואָלט וויסן, ווי אַזוי מען עסט „טעג״.

האָב איך אים האַלב־יידיש און האַלב־רוסיש געמוזט דערקלערן, ווי אַזוי אָרימע ישיבה־בחורים, וואָס קומען פון די אַרומיקע שטעטלעך קיין מינסק לערנען תלמוד — באַקומען דערפאַר אומזיסטע טעג, יעדן טאָג אין אַן אַנדער הויז.

— און קיין נעכט עסטו ניט? ווינטער־צייט זיינען דאָך די נעכט גרעסער פון די טעג! — האָט צו מיר דער דאָקטאָר אַ זאָג־געטאָן.

ביינאַכט עס איך מיט מיינע ברידער אין דער בילינקער קיך.

— „טאַ ניע דאַבזשע, יונגע־יונגעז״ האָט שוין דאָקטאָר מאַלקעוויטש אָנגעהויבן ריידן צו מיר האַלב־פויליש און האַלב־דייטש.

— מוזט עסן וואָס מער און וואָס בעסער, ווייל דיין הויפט־קוראַציע באַשטייט פון גוטע עסנס. ווען דו וועסט זיין געזונט שטאַרק — וועסטו קאָנען בעסער פאַרטראָגן די וויטיקן פון דער קוראַציע...

— „האָסטו פאַרשטאַנדען?״

— יע, הער דאָקטאָר, כ׳פאַרשטיי, אַז וואָס מער איך וועל זיין געזונט — אַלץ בעסער וועל איך קאָנען קרענקען! — האָב איך איבערגעגעבן דעם דאָקטאָר זיין געדאַנק אין מיין אייגענעם נוסח.

איז דעם דר. מאַלקעוויטשן, זעט אויס, שטאַרק געפעלן געוואָרן, וואָס איך האָב גוט פאַרשטאַנען זיין ערשטע לעקציע, וואָס ער האָט מיר געגעבן אין דריי שפראַכן (פויליש, רוסיש און דייטש) — האָט ער מיך אַ קניפּ געטאָן אין בעקל, און מיר אָנגעזאָגט צו קומען מאָרגן נעמען ביי אים די ערשטע קוראַציע.

ביים זעגענען זיך האָב איך אָוועקגעלייגט אויף זיין טיש אַ זילבערנע פערטעלע (25 קאָפּיקעס), ווייל וויבאַלד כ׳וועל דאַרפן קומען צו אים יעדן טאָג, אַ חוץ זונטיק — וועט ער דאָך האָבן פון מיר אַנדערהאַלבן רובל אַ וואָך!

ווען דר. מאַלקעוויטש האָט געהאַט דערזען אויף זיין טיש מיין זילבערנע פּערטעלע — האָט ער זיך אַזוי שטאַרק פאַנאַנדערגעלאַכט, אַז די צוויי שוואַרצע וואָנסעס זיינע האָבן זיך אויסגעצויגן אין דער לענג, ווי צוויי ווייזערס אויף אַ זייגער, ווען ס'איז דריי פּערטל דריי.

— ביסט דאָך אין דומער יונגעז! — האָט ער צו מיר אַריינגעלאַכט אין פּנים אַריין. — נעם צוריק דיין פּערטעלע, און דאָ האָסטו נאָך איינע פון מיר — זאָל דוכטן, אַז דו עסט אַ טאָג אויך ביי מיר! "פערשטאַנדען"?

אָבער איידער כ'האָב נאָך געהאַט באַוויזן צו ענטפערן דעם דאָקטאָר, אַז איך פאַרשטיי לחלוטין גאָרניט, וואָס ער האָט בדעה צו טאָן מיט מיר ווייטער — האָט ער שוין אַריינגעשטופּט אין מיין קעשענע דיביידע זילבערנע פּערטעלעך, און מיך כמעט ווי אַרויסגעשטופּט פון זיין קאַבינעט, אָנזאָגנדיק מיר נאָכאַמאָל, אַז איך זאָל מאָרגן קומען צו דער ריכטיקער צייט.

דאָס איז געווען מיין ערשטע דערפאַרונג מיט מיין ערשטן ניט־יידישן דאָקטאָר אין מינסק.

איז ער געווען אַן אידעאַליסט, דער דאָקטאָר מאַלקעוויטש? איז ער געווען אַ פילאַנטראָפּ, צי אפשר גלאַט אַזוי אַ טשודאַק?

יעדער קרייז האָט זיין קוואַדראַט —

ווי עס זעט אויס, איז גאָר ניט אַזוי לייכט צו ווערן אַגרויסער, אַ דער־וואַקסענער, ווען מען האָט שטענדיק איבער זיך די השגחה פֿון עלטערע ברידער.

אין דוקאָר, לעבן דער מאַמען, האָב איך זיך געפֿילט אַ סך מער זעלבסט־שטענדיקער און שטאָלצער, ווי לעבן די עלטערע ברידער אין מינסק.

אין דוקאָר פֿלעג איך אַרויסהעלפֿן דער מאַמען ניט נאָר אין איר באַ־לעבאַטישקייט, נאָר אויך שוין אַפֿילו — אין איר געשעפֿט.

ווען די מאַמע פֿלעגט יעדן חודש אַוועקפֿאָרן אויף אַ גאַנצן זונטיק צום יאַריד קיין דוזשיץ — פֿלעג איך ווערן דער איינציקער באַלעבאָס אי־בער אונדזער רימען־געשעפֿט. כ׳פֿלעג שוין קאָנען פֿאַרקויפֿן צו די דאָר־קאָרער שוסטערס אַ פּאָר פּאָדנאָסקעס, אַ פּאָר פרישוועס און אַלע אַנדערע שוסטערישע זאַכן, וויסנדיק גאַנץ גענוי די פּרייזן פֿון יעדער זאַך באַזונ־דער.

ווען די מאַמע פֿלעגט שפּעט בייַנאַכט זיך אומקערן אַן איבערגעפֿרוי־רענע און אַן אויסגעהונגערטע פֿון דעם דוזשיצער יאַריד — פֿלעגט זי קודם כל אַרונטערנעמען פֿון זיך די שווערע לעדערנע בייטל מיט זייער אַ סך זיל־בערנע און קופּערנע מטבעות. און אַ זאָג טאָן צו מיר:

—נאַ,דאַניעלע, צייל און פֿאַרשרייב וויפֿיל ס׳איז דאָ!

פֿלעג איך קודם־כל אויססאָרטירן אַלע מטבעות לויט זייער ווערט: אַ רובל צו אַ רובל, אַ פֿערטעלע צו אַ פֿערטעלע, אַ גילדן צו אַ גילדן און אַזוי ווייטער און ווייטער ביז צו די קופּערנע גראָשנס.

נאָך דעם פֿלעג איך אויסרעכענען דעם ווערט פֿון יעטוועדן זילבערנעם אָדער קופּערנעם געלט־„קלויסטערל״ באַזונדער און פֿאַרשרייבן אויף אַ צעטל.

ווען מען האָט שוין אויף איין צעטל דעם ווערט פֿון אַלע געלט־קלויסטערלעך — איז שוין דענסטמאָל ניט שווער אונטערצופֿירן דעם סך־הכל פֿון דעם גאַנצן פדיון. מען דאַרף נאָר צוגעבן צו די מטבעות אויך נאָך דעם ווערט פֿון די אַסיגנאַציעס, וואָס די מאַמע פֿלעגט באַהאַלטן אין אַ באַ־זונדער אָפּטיילונג פֿון איר לעדערנעם בייטל.

— מאַמעלע, האָסט היינטיקן מאָל געלייזט דריי און דרייסיק רובל מיט זעקס און זיבעציק קאָפּיקעס! פּלעג איך אַריינשרייען אין קיך אַריין, וואו די מאַמע פּלעגט זיך אויפּקאָכן אויף אַ דרייפוס אַ גלאָז טיי.

— ס׳וועט ניט קלעקן אויף אומצוקערן מאָרגן די גמילת־חסדים! — פּלעגט מיר די מאַמע ענטפערן פון דער קיך.

— וויבאַלד דער פדיון איז קלענער פון די גמילת־חסדים — איז צו־ליב וואָס שלעפּסטו זיך אַזש קיין דווינסק און מוטשעסט זיך אָפּ אַ גאַנצענעם מעת־לעת? — פּלעג איך אַ פרעג טאָן דער מאַמען, ווי איך וואָלט שוין גע־ווען אַ שותף צו איר געשעפט, וואָס באַצאָלט זיך ניט.

— קינד מיינס, ווען כ׳פאָר ניט אויף די יאַרידן — איז פון וואָס וואָלטן מיר געלעבט? — פּלעגט זיין דער מאַמעס ענטפער.

האָב איך שוין דענסטמאָל פאַרשטאַנען, אַז אויב אַפילו דער פדיון איז קלענער פון די גמילת חסדים — קאָן מען נאָך אויך האָבן אויף חיונה.

אַזוי אַרום בין איך צו צוועלף־דרייצן יאָר שוין געוואָרן דער ריכטיקער סוחר...

ווי אַנדערש אָבער איך האָב זיך דערפילט אין מינסק אונטער דער השגחה פון מיינע עלטערע פיר ברידער.

אַנשטאָט צו ווערן אין שטאָט אַ גרויסער, אַ דערוואַקסענער — בין איך צווישן מיינע ברידער געוואָרן נאָך קלענער און אומבאַהאָלפענער, ווי איך בין געווען אין דוקאָר.

ס׳איז באמת זייער שווער צו ווערן אַ גרויסער, ווען פיר פּאָר ברידער־אויגן האַלטן שטענדיק אין איין קוקן אויף דיר, ווי אויף אַ קינד, וואָס נייטיקט זיך שטענדיק אין ליבשאַפט און מיטגעפיל.

אין דער אמתן האָב איך גאָר שטילערהייט רחמנות געהאַט אויף די על־טערע ברידער מיינע. צוויי פון זיי (מענדל און זאַלקע) האָבן גאַנץ שווער אין דער ביליקער קיך, כדי צו קאָנען אָפּשפּאָרן די ערשטע הונדערטער און אַוועקפאָרן מיט איר אַזש קיין אַמעריקע. די אַנדערע צוויי ברידער (שמואל און ברוך) האָבן גאָר פאָר דעם טערקישן סולטאַן ביי ועמען דר. הערצל וויל אָפּקויפן גאַנץ ארץ־ישראל. קלייבט מען קאָפּיקעס פאַר די פושקעס פון נאַציאָנאַל־פאָנד: „אַ קאָפּיקע — אַ הויפן ערד, אַ קאָפּיקע אַ הויפן ערד”.

אָבער פאַר זיך אַליין פעלן אויס די פּאָר קאָפּיקעס צו קאָנען קויפן ביים מינסקער טערק אַ פּאָר געשמאַקע בייגל צום אָנבייסן.

די דאָזיקע צוויי ברידער מיינע זיינען שוין געווען, לאָזט זיך אויס, ניט נאָר ציוניסטן, נאָר אַפילו אויך פועלי־ציוניסטן. דער אונטערשייד פון

סתם ציוניסטן און פועלי־ציוניסטן איז דענסטמאָל געווען אַ גאַנץ גרויסער. די סתם־ציוניסטן האָט ניט געאַרט, אַז אין ארץ־ישראל זאָל הערשן אַזאַ מין קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג, ווי אין אַלע אַנדערע לענדער פֿון גאַר דער וועלט, און וואָס איז נוגע די אָרימעלייט — וועט מען דאָך איינפֿירן אין ארץ־ישראל „לקט, שכחה און פאה", ווי אין די ביבלישע צייטן און די קבצנים וועלן שוין האָבן וואָס צו עסן, אָבער די מינסקער פּועלי־ציוניקעס האָבן זיך אַנגעטראַכט, אַז מען דאַרף לכתחילה איינפֿירן אין ארץ־ישראל די סאָציאַליסטישע אָרדענונג — עס זאָל ניט זיין קיין גרויסער אונטער־שייד צווישן אָרים און רייך און דעריבער האָבן שוין איניקע פֿון זיי גע־וואָלט באַצייטנס איינפֿירן דעם אַזוי־גערופֿענעם „פּאָליטישן קאַמף", נאָך זיי־ענדיק אַפֿילו אין צאַרישן רוסלאַנד.

— ציוניזם אָן „פּאָליטישן קאַמף" איז ווי אַ ווייסע בולקע אָן זאַלץ! — האָט מיין ברודער ברוך איינמאָל אַ זאָג געטאָן אויף אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון די מינסקער פּועלי־ציוניקעס אין דער ביליקער קיך.

דאָס האָט מען זיך דענסטמאָל געהאַט געגרייט צו דעם ציוניסטישן צו־זאַמענפֿאָר אין מינסק. די דאַמאָלסטדיקע פֿירער פֿון די מינסקער פּועלי־ציוי־ניקעס, אבּע רובענטשיק, בערגער, לאַפּידעס און חייקע קאהן (שעליובסקי) האָבן, זעט אויס, געוואָלט באַצייטנס צוגרייטן זייער אייגענע פּראָגראַם פֿאַר דעם דאָזיקן צוזאַמענפֿאָר.

אויף דער זעלבער פֿאַרזאַמלונג איז אויך אַרויסגעטראָטן מיט אַ לאַנגער רעדע מיין ברודער שמואל, אָבער ער האָט גערעדט אַזוי טיף, אַז איך האָב נאָך ניט געקענט באַנעמען דעם שכל פֿאַרוואָס דער ציוניזם מוז אומבאַ־דינגט גיין האַנט אין האַנט מיטן סאָציאַליזם.

דעם אמת געזאָגט, פֿאַרשטיי איך נאָך נישט ביז היינט, צו־וואָס דאַרפֿן ציוניסטן פֿירן אַ פּאָליטישן קאַמף אין יענע גלות־לענדער פֿון וועלכע מען וויל אַנטלויפֿן?

ס׳איז אַלצאיינס, ווי די מאַמע מיינע וואָלט אַרויסגעלייגט אַ נייעם דאַך אויף אונדזער געדונגענער הויז אין דוקאָר איידער זי איז אַריבערגעפֿאָרן צו איר צווייטן מאַן קיין זשעבין.

ווי עס זעט אויס, בין איך אין דער פּאָליטיק פֿאַרבליבן אַ „חרש, שוטה וקטן" ביז צום היינטיקן טאָג, אָדער, אפֿשר, מאַך איך זיך בכיוון תּמעוואַ־טע, כּדי ניט אַריינצולאָזן זיך אין די הויבע פּאָליטיקעס.

איך ווייס נאָר, אַז צוליב אָט־דעם „פּאָליטישן קאַמף" פֿון די פּועלי־ציוניקעס האָט מען אָנגעהויבן אין מינסק צו אַרעסטירן אויך אַפֿילו די ציוי־

ניסטן און איינער פון די דאָזיקע קרבנות איז אויך געווען מיין ברודער ברוך, וועלכן מען האָט אַריינגעהאַקט אין דער מינסקער טורמע, ווען ער איז נאָך ניט אַלט געווען קיין אַכצן יאָר אַפילו.

אָבער דאָס איז שוין געווען מיט אַ יאָר שפּעטער, ווען דער מינסקער זשאַנדאַרם זובאַטאָוו האָט זיך געהאַט אַרומגעזען, אַז מיט זיינע זיסע ריי־דעלעך צו די יידישע אַרבייטער און מיט זיינע פאַלשע הבטחות אַפילו צו די פּועלי ציוניקעס וועט ער בשום־אופן ניט פּועלן, אַז מען זאָל אויפגעבן דעם „פּאָליטישן קאַמף".

וועגן דער אַזויגערופענער „זובאַטאָווטשינע" האָט זיך דענסטמאָל אין מינסק זייער שטאַרק געטומלט, אָבער אַזוי ווי איך האָב נאָך ניט גע־קענט פאַרשטיין צוליב וואָס זאָלן ציוניסטן, וועלכע קלייבן זיך קיין ארץ־ישראל, פירן אַ קאַמף קעגן דעם צאַריזם אין רוסלאַנד, אַזוי האָב איך אויך ניט געקאָנט פאַרשטיין, ווי אַזוי יידישע האַרעפּאַשניקעס קענען זיך פאַר־לאָזן אויפן יושר פון די צאַרישע זשאַנדאַרמען...

דערפאַר טאַקע פלעג איך האָבן אַ סך מער הנאה, ווען איך פלעג זען ווי מיין ברודער ברוך גרייט זיך שטילערהייט אויף אָפּצוגעבן עקזאַמענס אויף פיר, צי אויף זעקס קלאַסן גימנאַזיע.

ווען איך בין אָנגעקומען קיין מינסק איז נאָך ברוך ניט אַלט געווען קיין 17 יאָר און דאָך האָט ער שוין אַזוי פיל געקענט פון די אַלע וועלטלעכע וויסנשאַפטן.

ער האָט שוין געקענט אויף אויסווייניק אַלע קרילאָווס „באַסניעס" (פאַבלען), ער האָט שוין געקענט גאַנץ געאָגראַפיע און היסטאָריע און ער האָט אויך געקענט מאַכן אַזעלכע שווערע „זאַדאַטשעס" (אויפגאַבעס) פון אַלגעברע, וואו אַנשטאָט ציפערן באַנוצט מען זיך גאָר מיט די לאַטיינישע בוכשטאַבן „איקס, איגרעק און זעט".

אַזוי, למשל, פלעגט ביי ברוכן אויסקומען, אַז ווען מען כּפלט אַן „איקס" אויף אַן „איגרעק" באַקומט זיך גאָר אַ „זעט".

— דאָס איז נאָך אינטערעסאַנטער ווי קבלה! — פלעגט מיר מיין ברודער ברוך אַ זאָג טאָן מיט גרויס צופרידנקייט, וואָס ער פאַרנעמט זיך מיט אַזעלכע טיפע זאַכן.

אָבער נאָך מער האָט מיין ברודער ברוך ליב געהאַט אויסצוצירקלען מיט זיין פיינעם צירקל פאַרשיידענע מינים מאַטעמאַטישע, צי אַסטראָנאָ־מישע פיגורן.

אָט, למשל, מאַכט ער צוערשט אַ גאַנץ גרויסן קרייז. אין דעם דאָזיקן קרייז מאַכט ער נאָך דעם אַ פּירעק (אָדער קוואַדראַט). אין דעם פּירעק מאַכט ער ווידער אַ קרייז, וואָס איז שוין אַ סך קלענער פון דעם פריער־דיקן און אין דעם נייעם קרייז מאַכט ער שוין ווידער אַ קוואַדראַט.

אָט אַזוי פלעגט ער אויף איין בויגן פּאַפּיר אויסצירקלען ביי פינף־זעקס קרייזן, איינער קלענער פון דעם אַנדערן און אין יעדן קרייז באַזונדער פּונקט אַזויפיל פּירעקן, וואָס פלעגן אויך זיין איינער קלענער פון דעם צווייטן.

אין מיינע אויגן פלעגט עס אויסזעען ניט מער, ווי אַ פיינע צאַצקע צום שפּילן זיך, אָבער מיין ברודער ברוך פלעגט מיר זאָגן, אַז ווען ער ווייסט דעם „דיאַמעטער", ד. ה. די גרויס פון דעם גאָר ערשטן קרייז — קען ער שוין במילא וויסן די „דיאַמעטערס" פון די אַלע אַנדערע קרייזן, ווי אויך שוין אַפילו די ברייט פון יעטוועדן ווינקל און יעטוועדן פּירעק באַזונדער.

פון ברוכס דערקלערונגען פלעגט מיר אַזש אָנהייבן שווינדלען דער קאָפּ, אָבער אין סאַמע מיט פון זיינער אַ דערקלערונג פלעגט מיך ברוך פּלוצ־לינג אַ פרעג טאָן:

— טוט דיר שטאַרק וויי?

— וואָס? — פלעג איך אים אַ פרעג טאָן אַ צעטומלטער.

— כ׳מיין, די זאַלב, וואָס דר. מאַלקעוויטש שמירט דיר אויף דער האַנט.

— יע, ס׳טוט שטאַרק וויי! — פלעג איך זיך מודה זיין פאַר ברוכן.

— אפשר זאָל מען אויפהערן צו שמירן? — פלעגט ברוך מיך אַ פרעג טאָן מיט גרויס מיטגעפיל.

— כ׳וויס נישט, דער דאָקטאָר זאָגט, אַז די זאַלב וועט אפשר אויס־ברענען פון מיר די קרענק...

אין אַ ווילע אַרום, ווען ברוך פלעגט שוין האָבן געהאַט אויסגעחשבונט די גרייס פון אַלע זיינע קרייזן און קוואַדראַטן, פלעגט ער מיך פּלוצלינג ווי־דער אַמאָל אַ פרעג טאָן:

— ס׳ברענט שטאַרק?

— ווי פייער אויפן נאַקעטן לייב!

— פאַרוואָס שווייגסטו!

— און אַז כ׳וועל שרייען — וועט מיר דען ווערן גרינגער?

— דאָקטאָר מאַלקעוויטש האָט געזאָגט, אַז ווען ס׳וועט שטאַרק ברענען זאָל מען ביי דיר דעם זאַלב אַרונטערנעמען — האָט מיר ברוך אַ זאָג גע־טאָן, שפּילענדיק זיך מיטן צירקל.

אַנשטאָט צו ענטפֿערן ברוכן, אַז כ׳וועל קיינעם־קיינעם פֿון מיינע ברי־דער ניט דערלויבן אַרונטערצונעמען דעם זאַלב פֿון מיין קראַנקער האַנט, ווייל כ׳וויל ניט בשום־אופֿן, אַז די ברידער מיינע זאָלן דערזען דעם נאָ־קעטן אומגליק מײנעם — האָב איך זיך גאָר פּלוצלינג פֿאַנאַנדערגעוויינט, ווי אַ קליין קינד און כ׳האָב זיך תיכּף באַהאַלטן צווישן די צוויי גרויסע אלמנה־קישנס פֿון מיין מאַמען, זאָל געזונט זיין!

מיין ברודער ברוך איז שוין געווען דערנסטמאָל געגוג קלוג מיך אי־בערצולאָזן אויף אַ ווײלע איינעם אַליין צווישן דער מאַמעס קישנס (אַז עס איז ניטאָ קיין מאַמע — זיינען אירע קישנס אויך גוט).

ער אַליין, ברוך, איז באַלד אַרונטערגעלאָפֿן פֿון דער אויבערשטער שאַלקע אין דער ביליקער קיך, כּדי מסתּמא איבערצוגעבן אונטן מיינע עלטערע ברידער, ווי שווער איך לייד פֿון דער נייער קוראַציע מיינער.

אין אַ ווײלע אַרום האָב איך דערהערט אין צימער די זייער שטילע און פֿאַרזיכטיקע טריט פֿון מיין צווייטן ברודער, פֿון שמואלן.

ער האָט געקוקט אויף מיר מיט די זעלבע גרויסע „צאינה־וראינה־אויגן", ווי די מאַמע אונדזערע באַלד נאָך ליכט־בענטשן.
האָב איך פֿון זיין קוקן אויף מיר פֿאַרשטאַנען, אַז מיר וועלן שוין היינט ניט גיין אין דער טאַטערשער שול לערנען אגדתא. נאָר מיר וועלן אַלע אינ־איינעם עסן מיטאָג אין דער ביליקער קיך.

האָב איך תיכּף פֿאַרשטיקט אין זיך אַלע מיינע ווייטיקן און איך האָב מיט אַ כּלומרשט־מונטערער שטים אַ זאָג געטאָן צו שמואלן:

— טו נאָר אַ קוק, וואָס ברוך האָט דאָ אויסגעצירקלט! ער זאָגט, ברוך, אַז יעדער קרייז האָט זיין קוואַדראַט און יעדער קוואַדראַט האָט זיין קרייז! ס׳איז, זאָגט ער, אַ שטיק קבלה! און ער זאָגט אויך, ברוך, אַז ווען מען כּפֿלט אַן „איקס" אויף אַן „איגרעק" — באַקומט זיך גאָר אַ „זעט".

אָט אַזוי האָב איך זיך בכּיוון פֿאַנאַנדערגעפּלוידערט, כּדי די ברידער מיינע זאָלן ניט באַמערקן, אַז דאָקטאָר מאַלקעוויטשעס קופּער־זאַלב ברענט מיך ביז משוגעת.

מיין ברודער שמואל האָט, ווי תּמיד טיף געשוויגן. ווי עס זעט אויס, האָט ער מסכּים געווען מיט ברוכן, אַז ווען מען כּפֿלט אַן „איקס" אויף אַן „איגרעק" באַקומט זיך אַ „זעט"...

איצטער ערשט זע איך, אַז די ביידע ברידער מיינע זיינען טאַקע געווען גערעכט!

ווען איך כּפּל, למשל, ניגערן אויף וולאַדעקן — באַקומט זיך גאָר אַ דניאל טשאַרני!

אַזוי יעדנפֿאַלס, דוכט זיך מיר...

דער שטאָט־משוגענער —

מיין שוואַכקייט צו משוגעים שטאַמט נאָך ביי מיר פון די קינדער־יאָרן.

דאָס האָב איך צו פאַרדאַנקען מיין שוועסטערקינד, מאַשע דער משוגע־נער, וועלכע איז געווען צו מיר שטענדיק זייער גוט.

זי איז צו מיר געווען זייער גוט דערפאַר, ווייל איך פלעג שטענדיק אַרויסהעלפן דעם טאַטן אירן, מיין פעטער פייטל „דעם מלאך", ווי שטעטל פלעגט אים רופן.

אמת, מאַשע די משוגענע פלעגט אָפטמאָל איר אייגענעם טאַטן זיד־לען מיט די ווערטער „וואַריאַט", משוגענער, טריפהנער ביין און וואָס ניט? אָבער דאָך פלעגט זי פאַר איר טאַטן מורא האָבן, ווייל ער פלעגט שטענדיק ריידן מיט גאָט, ווי עס פאַסט זיך פאַר אַ מלאך.

און אַזוי ווי כ׳פלעג דעם פעטער פייטל גאַנץ אָפט פאָלגן אַ גאַנג — בין איך שוין געוואָרן ביי מאַשען אַ מין שני למלאך!

האָט זי מיך איינמאָל אַ צוואָרימטע און צעכראַשטשעטע געהאַט צוגע־קוועטשט צו אַ וואַנט, ווען קיינער איז אין שטוב ניט געווען און זי האָט זיך אָנגעהויבן ביי מיר צו בעטן, אַז איך זאָל מיט איר אומבאַדינגט חתונה האָבן, ווען כ׳וועל ווערן אַ גרויסער, אַ דערוואַקסענער.

„וואָס אַרט דיך, דאַניעלע, אַז דו וועסט מיט מיר חתונה האָבן? אַלע זאָגן, אַז דו וועסט סיי ווי לאַנג ניט לעבן — איז וואָס אַרט דיך, אַז דו וועסט מיט מיר חתונה האָבן?"

„אויב כ׳וועל לאַנג ניט לעבן, איז ווי אַזוי וועל איך ווערן אַ גרויסער?" האָב איך פרובירט אַרויסצודרייען זיך פון אונטער מאַשעס צעחושטן גוף.

„עס וואָס מער ראַזשינקעס מיט מאַנדלען — וועסטו ווערן אַ גרויסער פונקט ווי איך, נאַ זע!..."

... האָב איך טאַקע דערזען פון מאַשעס אַנטבלויזטע בריסט, אַז איך האָב צו טאָן, ר"ל, מיט אַ משוגע־געוואָרענער לילית — האָב איך פאַר גרויס שרעק געמוזט צוזאָגן מאַשען אויף דער הייסער מינוט, אַז כ׳וועל מיט איר אומבאַדינגט חתונה האָבן, ווי נאָר כ׳וועל, אי"ה, ווערן אַ גרוי־סער, אַ דערוואַקסענער (כ׳בין דענסטמאָל געווען נאָך פאַר בר־מצווה).

פון יענעם טאָג אָן פלעגט מאַשע שטענדיק אָנשיטן מיר אין די קע־שענעס פולע הויפנס מיט ראַזשינקעס און מאַנדלען, כדי איך זאָל גיכער

וואקסן, אָבער ווען כ׳בין געוואָרן בר־מצוה — פֿלעג איך, אַריינקומענדיק צו דער מומע חיהן אין קראָם, אונטערגעבויגן אַ ביסל די קני, כדי מאַשע זאָל ניט באַמערקן, אַז כ׳בין שוין געוואָרן אַ גרויסער, אַ דערוואַקסענער...

דאָך אָבער האָב איך מאַשען איינמאָל אַ פֿרעג געטאָן:

„און וואָס וועסטו טאָן, אַז איך וועל שטאַרבן נאָך דער חתונה?"

„שוין בעסער בלייבן אַ יונגע אלמנה איידער אַן אַלטע מוידז!" האָט מיר מאַשע תּיכּף געענטפֿערט.

האָב איך דערזען, אַז מאַשע איז גאָר ניט אַזאַ משוגענע, ווי מען רעדט וועגן איר, און ס׳האָט מיך שטאַרק פֿאַרדראָסן, וואָס קיינער וויל ניט מיט איר חתונה האָבן.

פֿלעג איך אין מינסק בענקען שטילערהייט סיי נאָך מיין פֿעטער פֿייטל, דעם מלאך, און סיי נאָך מאַשען, ס׳איז געווען אומעטיק אָן זיי.

האָט מיר אָבער גאָט צוגעשיקט אַ משוגענעם אויך אין מינסק.

אמת, ניט קיין פּרויענצימער, נאָר אַ מאַנספּאַרשוין. ס׳איז געווען דער שטאָט־משוגענער פֿון מינסק, וועלכן מען פֿלעגט רופֿן מאָרגנשטערן.

דער דאָזיקער מאָרגנשטערן פֿלעגט גאַנץ אָפֿט אַריינקומען אין דער ביליקער קיך, וואו ער פֿלעגט, ווי אַלע אַנדערע אָרימעלייט אָפּעסן זיין מי־טאָג און נאָכדעם פֿלעגט ער שוין בלייבן זיצן שעהן־לאַנג אין דער בי־ליקער טיי־הויז, וואו ער פֿלעגט זייער גערן דערציילן זיינע נייע מעשיות און איינפֿאַלן.

איך גלייב, אַז מאָרגענשטערן איז געווען פֿיל מער אַ שיכּור, איידער אַ משוגענער. ער פֿלעגט זיך אָבער בכּיוון מאַכן מער משוגע ווי ער איז, כּדי צו קענען גרינגער אַרויסבאַקומען פֿון זיינע צוהערער די עטלעכע קאָפּיקעס אויף אַ נייעם שנאַפּס.

„ווייסט איר, יידן, ווי אַזוי איך בין געוואָרן אַ שיכּור?" פֿלעגט מאָר־גענשטערן פּלוצלינג אַ פֿרעג טאָן די פּאָר מנינים טיי־טרינקערס.

ס׳איז זייער פּשוט! כ׳בין איינמאָל אַריינגעקומען אין דער מאָנאָפּאָלקע קויפֿן זיך אַ קוואַרטירל בראַנפֿן אויף קידוש — דערזע איך, אַז די קוואַר־טירלעך קריגן זיך צווישן זיך, ווייל יעדע איינע פֿון זיי וויל אַריינפֿאַלן אין מאָרגנשטערנס מויל, האָב איך געטאָן, ווי יעקב אבינו האָט געטאָן מיט די שטיינער, וועלכע האָבן זיך געקריגט צווישן זיך, אויף וועמען פֿון זיי ער זאָל אָוועקלייגן זיין קאָפּ, האָב איך פֿון אַלע קוואַרטירלעך געמאַכט אַ גאַנצע קוואָרט און זי אויסגעטרונקען.

„ווען כ׳האָב אויסגעטרונקען די גאַנצע קוואַרט בין איך, פֿאַרשייט זיך, געפֿאַלן פֿון די פֿיס און כ׳בין אַריינגעפֿאַלן אין דער רינע (רינשטאָק). ליגנ־דיק אָט־אַזוי אין דער רינע חלומט זיך מיר אַ זיסער חלום, אַז באַלד־באַלד קום איך אָן קיין ארץ־ישראל, ווייל אין סידור שטייט דאָך בפּירוש גע־שריבן: „ובאו לציון ברינה...״ און איך זאָג אייך, יידן, אַז ס׳איז ריכטיק ווי גאָלד! די רינע פֿאַלט דאָך אַריין אין אונדזער טייך סוויסלאָטש, די סוויס־לאָטש פֿאַלט דאָך אַריין אין דעם טייך בערעזינע, די בערעזינע פֿאַלט דאָך אַריין אין דעם טייך דניעפּער און דער דניעפּער פֿאַלט דאָך אַריין אין דעם שוואַרצן ים, וועלכער פֿירט שוין גלייך קיין ארץ־ישראל.

„ניט אַזוי יידן?!״ פֿלעגט מאָרגנשטערן אַ באַגייסטערטער פֿון זיין איי־גענעם איינפֿאַל אַ פֿרעג טאָן זיינע צוהערער.

„ביסט גערעכט, מאָרגנשטערן, ס׳איי פֿאַר דיר טאַקע דער גלייכסטער וועג צו קומען קיין ארץ־ישראל״, פֿלעגן אים די טיי־טרינקערס צוגעבן מוט.

„אויב אַזוי, יידן, גיט מיר עפּעס צושטייער אויף אַ קוואַרט בראָנפֿן, ווייל עס גייט מיר שוין אויס דאָס חיות צו זיין וואָס גיכער אין ארץ־ישראל!״ פֿלעגט מאָרגנשטערן אויסשטרעקן זיינע בידע הענט צו די אָרימע טיי־טרינ־קערס און כמעט יעדער איינער פֿון זיי פֿלעגט אים געבן צושטייער, ווער אַ גראָשן און ווער אַפֿילו — אַ גאַנצע קאָפּיקע!

אויך איך פֿלעג גאַנץ גערן שענקען מאָרגנשטערנען אַ קאָפּיקע, ווייל כ׳פֿלעג שטאַרק הנאה האָבן פֿון זיינע מעשיות און איינפֿאַלן.

מיין ברודער זאַלקע, וואָס איז געווען דער פֿאַרוואַלטער פֿון דער בי־ליקער טיי־הויז — פֿלעגט מיר דענסטמאָל זאָגן:

„איצטער זעסטו דעם אונטערשייד פֿון אַ גויאישן שיכור און אַ יידישן! אַ גוי, ווען ער שיכורט זיך אָן — ווערט ער אַ גזלן, ברעכט ער שויבן, וואַרפֿט ער זיך שלאָגן, בעת אַ יידישער שיכור חלומט גאָר וועגן ארץ־ישראל און וועגן יענער וועלט!״

„און איך טראַכט גאָר איצטער וועגן דעם אונטערשייד צווישן אַ משו־גענעם מאַנסביל און אַ משוגענער פֿרויענצימער״, פֿלעג איך איבערשלאָגן מיין ברודער.

„ווען אַ פֿרוי ווערט משוגע — האַלט זי אין איין זוכן חטאים אין שטעטל און רעדט נאָר וועגן התונה האָבן, אָט ווי אונדזער מאַשע, בעת אַ ייד, ווען ער ווערט צעדרייט — טייטשט ער גאָר אויס פּסוקים פֿון סידור און דערציילט שיינע מעשיות״.

אמת, אויך מאַרגנשטערן פֿלעגט אָפֿטמאָל דערציילן ניבול־פּה־געשיכ־טעס, איבערהויפּט, ווען ער פֿלעגט זיך אָנהויבן באַרימען מיט זיין דער־פֿאָלג ביי דער פֿרוי כאַיעצקין, וואָס פֿלעגט האַנדלען מיט וויסאָצקיס טיי, און געבן אים יעדן פֿרייטיק צען קאָפּיקעס מיטאָמאָל".

„אויב איר מיינט, יידן, אַז איך קום אַריין צו דער פֿרוי כאַיעצקין צו־ליב די צען קאָפּיקעס — האָט איר אַ גרויסן טעות. זי איז דאָך די גרעסטע קראַסאַוויצע פֿון שטאָט און ס'איז פּשוט א חיות אויף איר אַ קוק צו טאָן!

„האָב איך איר טאַקע איינמאָל געזאָגט, אַז זי זאָל מיר בעסער געבן יעדן טאָג צו איין קאָפּיקע, איידער איין מאָל אין דער וואָך אַ גאַנצע „גריוו־ניע".

„האָט מיך די פֿרוי כאַיעצקין געפֿרעגט: סטייטש, מאַרגנשטערן, ווען איך גיב דיר יעדן טאָג אַ קאָפּיקע — פֿאַרלירסטו דאָך 4 קאָפּיקעס אַ וואָך — האָב איך איר געענטפֿערט, אַז איך בין גרייט צו פֿאַרלירן יעדע וואָך פֿיר קאָפּיקעס, אַבי נאָר כ'זאָל קענען יעדן טאָג זאָגן איר „גוט מאָרגן!"

בין איך, דעם אמת געזאָגט, אַליין אויך געוואָרן שטאַרק נייגעריק אָנ־צוקוקן די פֿרוי כאַיעצקין אין וועמען מאַרגנשטערן איז אַזוי שטאַרק פֿאַר־ליבט. און ווען איך האָב איינמאָל באַקומען די גוטע געלעגנהייט אַריינצו־קומען אין כאַיעצקינס געשעפֿט מיט אַ באַשטעלונג אויף טיי פֿאַר דער בי־ליקער „טשיינע" — האָב איך דערזען, אַז מאַרגנשטערן איז גאַנץ ווייט פֿון צו זיין משוגע!

זי איז ווירקלעך געווען אַ גרויסע קראַסאַוויצע, די פֿרוי כאַיעצקין, און ס'האָט געשמעקט פֿון איר, ווי פֿון אַ פֿריש־געעפֿנטער טיי־פּושקע.

פֿאַרשטיי איך נאָך ניט ביז היינט, פֿאַרוואָס האָט מינסק באַשטימט מאַרגנשטערנען פֿאַר איר שטאָט־משוגענעם?

„צי דען זיינען ניט געווען אין מינסק קיין אמתע משוגעים?" — האָב איך איינמאָל געשטעלט די דאָזיקע פֿראַגע פֿאַר מיין פֿעטער יעשיע גרונט־פֿעסט, וואָס האָט געקענט גאַנץ מינסק אויף אויסוויניק, ווייל ער איז געווען דער שטאָט־סרסר אָדער מעקלער פֿון אַלע מינסקער געשעפֿטן — האָט מיר דער שטענדיק־צעטראָגענער פֿעטער יעשיע אָן ענטפֿער געטאָן, אַז די אמתע משוגעים זיצן אין די טורמעס.

„פֿאַרוואָס עפּעס אין די טורמעס?" האָב איך אַ פֿרעג געטאָן דעם פֿע־טער.

„ווייל זיי ווילן אַרונטערוואַרפֿן דעם קיסר!"

„אַרונטערוואַרפֿן דעם קיסר איז דאָך ניט קיין משוגעת!“ האָט זיך שוין אַריינגעמישט די מומע איטקע, וואָס פֿלעגט לייענען יעדן טאָג דעם „פֿריינד“ און וויסן אַלע פּאָליטיקעס פֿון דער גאַנצער וועלט.

„דו ווייסט ניט, וואָס דו רעדסט!“ פֿלעגט שוין דער פֿעטער יעשיע אָנ־בייזערן זיך אויף דער מומע איטקען.

האָסט געדאַרפֿט זען, ווי זיי זעען אויס, די חברהלייט, וואָס ווילן אַרונ־טערוואַרפֿן דעם קיסר! ווען דו זעסט זיי — וואָלסטו דענסטמאָל אַזוי ניט גערעדט!“

דערביי האָט דער פֿעטער דערציילט, אַז ער איז געווען היינט אויף דעם ווילנער וואָקזאַל (אין מינסק זיינען געווען צוויי וואָקזאַלן: אַ ווילנער און אַ בריסקער) — האָט ער געזען, ווי מען האָט געבראַכט פֿון ווילנע אַ גאַנצן וואַגאָן מיט אַרעסטאַנטן, וועלכע מען טרייבט מיטן עטאַפּ אַזש קיין סיביר. יעדער איינער איז געשמידט אין קייטן, ווי ער וואָלט געווען, ר״ל, אַ מערדער. לאָזט זיך אויס, אַז דאָס זיינען דורכויס ייִדישע בחורימלעך. פֿאַר־הונגערטע און צעמזיקטע. דאָס זיינען געוויס די חברימלעך פֿון דעם הירש לעקערט, וואָס האָט געשאָסן אויפֿן ווילנער גובערנאַטאָר. ס'איז ממש אַ צער צו קוקן אויף זיי. אָבער גיי העלף זיי, אַז דאָס זיינען משוגעים! שוס־טער־יונגען און שניידער־געזעלן ווילן אַרונטערוואַרפֿן דעם קיסר. איז עס ניט קיין משוגעת? — האָט דער פֿעטער יעשיע מיך אָנגעקוקט דורך זיינע פֿאַרשוויצטע אויגן־גלעזער, ווי ער וואָלט געוואָרט אויף מיין צושטימונג.

איך האָב זיך אָבער ניט געוואָלט אַריינמישן אין דעם וויכוח צווישן דעם פֿעטער מיט דער מומען, ווייל איך בין נאָך געווען צו־יונג פֿאַר אַזעל־כע זאַכן, אָבער די מומע איטקע האָט אים טאָקע באַלד אַריינגעזאָגט.

„און אַריינבראָקן אַ גאַנצן הונדערטער אין עפּעס אַן אַקציע פֿון אַ ציוניסטישער באַנק — איז ניט קיין משוגעת?“

פֿון דער דאָזיקער אַריינזאָגעכץ איז דער פֿעטער יעשיע געוואָרן אַן אויפֿגעקאָכטער און אָנשטאָט צו ענטפֿערן עפּעס דער מומען מעשה מענטש — האָט ער נאָר אָנגעשריען אויף איר, אַז זי איז אַ בהמה און ס'איז נישטאָ מיט וועמען צו ריידן!

האָט מיך שטאַרק פֿאַרדראָסן, וואָס דער פֿעטער האָט אַזוי מיאוס באַ־ליידיקט מיין מומען. די מומע איטקע — מיין מאַמעס עלטערע שוועסטער — איז דאָך די קליגסטע און די שענסטע פֿון אַלע מיינע מומעס. האָב איך אַ טראַכט געטאָן, אַז דער פֿעטער יעשיע, זאָל מיר מוחל זיין, איז נאָך מער צעדרייט פֿון מאַרגנשטערנען.

מאָרגנשטערן האָט, לכל־הפחות, דרך־ארץ און ליבע צו אַ שיינער פרוי. בעת מיין פעטער האָט ניט קיין שום דרך־ארץ פאַר מיין מומען, וואָס איז אין מיינע אויגן אַ סך שענער און קליגער פאַר דער פרוי כאַיעצקין אַפילו.

האָב איך זיך אַזוי לאַנג געקלעמט, ביז איך האָב זיך פלוצלינג פאַנאַנדערגעווינט (אין יענע צייטן איז מיר ניט שווער געווען צו וויינען, ווייל דאָקטאָר מאַלקעוויטשעס זאַלב האָט געפרעסן מיין לייב ביז משוגעת).

האָט די מומע איטקע באַלד פאַרשטאַנען פאַרוואָס איך וויין. זי האָט געפילט, אַז איך בין אויף איר צד. האָט זי מיך אַרומגענומען, ווי אַן אייגן קינד און מיך אַ קוש געטאָן אין שטערן. האָב איך געמיינט, אַז די מאַמע מיינע קושט מיך און כ׳האָב זיך פון דעם נאָך מער פאַנאַנדערגעווינט...

שפעטער, ביים געזעגענען זיך, האָט מיר די מומע איטקע אַ זאָג געטאָן:

„מיינסט, אַז מאָרגנשטערן איז ניט גערעכט? ער טענהט שטענדיק, אַז אייגענטלעך איז די גאַנצע וועלט משוגע, נאָר אַזוי ווי מען קען דאָך ניט נאָכלויפן נאָך אַ וועלט מיט מענטשן — לויפט מען נאָך נאָך אים...“

איך לערן מיט מיין פוילישן דאָקטאָר אַ בלאַט גמרא —

אַמאָליקע יאָרן פֿלעגט מען אין רוסלאַנד זייער אַ סך שפּאַצירן.

דענסטמאָל, אין 1903, איז נאָך אין מינסק ניט געווען קיין קינעמאַטאָגראַף און קיין יידישער טעאַטער — איז ווי נאָר מען פֿלעגט אַפּעסן וועטשערע — פֿלעגט מען זיך אַוועקלאָזן שפּאַצירן.

די פּאָפּולערסטע שפּאַציר־גאַסן אין מינסק זיינען געווען די גובערנאַטאָרסקע און עטלעכע קוואַרטאַלן פֿון דער זאַכאַריעווער, וואָס פֿלעגן זיין זייער גוט באַלויכטן.

אָבער ניט נאָר די יידישע יוגנט אַליין האָט ליב געהאַט צו שפּאַצירן. אויך די קריסטלעכע יוגנט, ווי למשל גימנאַזיסטן און גימנאַזיסטקעס, אָדער יונגע אָפּיצערן און טשינאָווניקעס האָבן ליב געהאַט צו שפּאַצירן אויף דער גובערנאַטאָרסקער גאַס.

האָט זיך ווי פֿון זיך אַליין באַקומען, אַז אויף איין טראָטואַר, אויף דעם רעכטן, אָנהייבנדיק פֿון דעם הויכן מאַרק ביז צו דער זאַכאַריעווער פֿלעגן שפּאַצירן דורכויס יידן און אויף דעם צווייטן טראָטואַר, דעם לינקן — דורכויס קריסטן.

אויף דעם קריסטלעכן טראָטאָאַר איז שטענדיק געווען אַ סך שטילער און רואיקער, ווי אויף דעם יידישן.

דאָס איז געווים צוליב דעם, ווייל די קריסטן פֿלעגן שפּאַצירן פֿאַרלעכוויז, בחור מיט מיידל און מיידל מיט בחור — פֿלעגן זיי קענען פֿאַרברענגען צווישן זיך שטילערהייט, פֿון אויער צו אויער, בעת די יידישע בחורים און מיידלעך פֿלעגן בפֿרהסיה קיינמאָל ניט גיין געאָרעמט — מען זאָל זיי, חלילה, ניט חושד זיין, אַז זיי זיינען שוין חתן־כּלה. פֿלעגן פֿינף־זעקס חברטעס מיטאַמאָל זיך צונויפֿקיטלען אין איין שורה און אַוועקמאַרשירן פֿאָרויס, פֿאַרנעמענדיק די גאַנצע ברייט פֿון דעם טראָטואַר און גלייך הינטער זיי פֿלעגן זיך אַוועקלאָזן אין גאַנג ביי פֿינף־זעקס בחורים, וואָס פֿלעגן פֿון הינטן אַרום פֿירן גאַנץ הויכע שמועסן מיט די פֿאָרויסמאַרשירנדיקע מיידלעך.

הינטער די בחורים פֿלעגט שוין מאַרשירן אַ נייע שרענגע מיידלעך, און הינטער די מיידלעך — ווידער אַ כאַפּטע בחורים.

אָט־אַזוי פֿלעגט אין די אָוונט־שעה פֿול ווערן מיט מענטשן דער גאַנ־צער יידישער טראָטואַר פֿון דער גובערנאַטאָרסקער גאַס.

ווען אַ זייטיקער מענטש פֿלעגט אין די אָוונט־שעהן דורכגיין די גו־בערנאַטאָרסקע — פֿלעגט ער שוין מוזן גיין אויף די ברוק־שטיינער אינמיטן גאַס, ווייל אויף די טראָטואַרן האָט פֿאַר אים אויסגעפֿעלט פּלאַץ.

אויך מיר פֿלעגט כּמעט יעדן אָוונט אויסקומען דורכצומאַכן די גובער־נאַטאָרסקע מיטן ברוק אינמיטן גאַס, ווייל ווען איך גיי מיטן טראָטואַר — וואָלט איך גאַר אינגאַנצן צעריבן געוואָרן פֿון דער צעכוואַליעטער מענטשן־מאַסע.

דאָס פֿלעג איך יעדן אָוונט גיין צו מיין דאָקטאָר מאַלקעוויטש נאָך דער קוראַציע.

(פֿאַרוואָס דר. מאַלקעוויטש פֿלעגט מיך אויפֿנעמען דווקא ביינאַכט — וועל איך דערציילן שפּעטער).

גייענדיק אָט־אַזוי אויף די ברוק־שטיינער אין מיטן גאַס צווישן די צוויי צעכוואַליעטע מענטשן־שטראָמען — פֿלעג איך זען באַשיינפּערלעך, ווי אַנדערש עס זיינען די יידן פֿון די קריסטן.

אויף דעם יידישן טראָטואַר פֿון דער גובערנאַטאָרסקער איז פֿריילעך און לוסטיק. מען שרייט, מען לאַכט, מען וויצלט זיך, בעת אויף דעם קריסט־לעכן טראָטואַר פֿון דער זעלבער גובערנאַטאָרסקער איז זייער שטיל, ווי זיי, די קריסטן, וואָלטן מאַרשירט נאָך עפּעס אַ לוויה.

אָט אַזוי פֿלעגן מאַרשירן יעדן אָוונט אויף איין און דער זעלבער שמאָלער גאַס הין און צוריק, הין און צוריק צוויי פֿאַרשיידענע מינים פֿעל־קער, וואָס זיינען געווען ניט נאָר פֿרעמד איינע צו די אַנדערע, נאָר אויך אַפילו פֿיינטלעך.

אַז די מינסקער קריסטן פֿון דער העכערער געזעלשאַפֿט, ווי למשל, די אָפֿיצערן און די טשינאָווניקעס מיט זייערע „באַרישניעס" האָבן ניט ליב געהאַט די יידן — האָב איך זיך דערוואוסט וועגן דעם ביי מיין פּוילישן דאָקטאָר מאַלקעוויטש, וואו איך בין געוואָרן כּמעט אַ בן־בית.

דער דאָקטאָר מאַלקעוויטש אַליין איז געווען דווקא זייער אַ ליבער און ליבעראַלער מענטש, אָבער די פּאַצ'יענטן זיינע זיינען געווען דורכויס קריסטן, דאָס רוב מיט עפּאָלעטן און קאָקאָרדעס.

איך אַליין פֿלעג קיינמאָל ניט זיצן אין דעם וואַרט־צימער צוזאַמען מיט די פּאַציענטן, ווייל כ'האָב ניט געקענט הערן די מיאוסע רייד, וואָס זיי ריידן צווישן זיך וועגן יידן.

פלעג איך זיצן אין דעם האלב־טונקעלען קארידאר און לייענען א יידישן אדער א העברעיאישן מעשה־ביכל.

ווען דר. מאלקעוויטשעס דינסט האט געהאט דערזען, אז איך זיץ סיי־ווי אין קארידאר — האט זי מיך געבעטן, כ׳זאל איר פארשפארן אן ארבעט און עפענען די פאראדנע טיר, ווען עס קלינגט. דערביי האט מיר די דינסט אנגעזאגט, אז ווען ס׳קומט אריין א מאנספערשוין — זאל איך אים ארייַנ־פירן אין דעם מענערישןווארט־צימער און ווען ס׳קומט אדיין א פרויען־צימער — זאל איך זי ארייַנפירן אין דעם ווייבערשן ווארט־צימער.

צוערשט האב איך זיך געהאט געחידושט, וואס דער דאקטאר מאלקע־וויטש האלט די מענער באזונדער און די ווייבער באזונדער. ביי אלע אנדערע דאקטוירים אין מינסק, ווי למשל, ביים דר. שאפירא, דעם כירורג, צי ביים אויגן־דאקטאר קאמינסקי, אדער אפילו ביי דעם דאקטאר לונץ, וואס פלעגט די רייכע פאציענטן אריינלאזן דורך דעם „פאראדנעם כאד״ (הויפט־ארייַנ־גאנג) און די ארימע פאציענטן — דורך דעם „טשארני כאד״ (הינטער־טיר) — פלעגן די פאציענטן מיט די פאציענטקעס שטענדיק זיצן צוזאמען, אבער מיין דאקטאר מאלקעוויטש פלעגט פאנאנדערטיילן זיינע פאציענטן ניט לויט זייער פארמעגן, נאר לויט זייער געשלעכט.

ערשט שפעטער האב איך זיך דערוואוסט, אז מיין דאקטאר איז גאר א געשלעכטס־דאקטאר.

מען פלעגט קומען צו אים היילן זיך פון די אזויגערופענע „מיאוסע קרענק״, מיט וועלכע מען שעמט זיך נאך ביז צום היינטיקן טאג.

צוליב דעם טאקע פלעגט דאקטאר מאלקעוויטש האלטן די פאציענטן באזונדער און די פאציענטקעס באזונדער — זיי זאלן זיך ניט שעמען איינע פאר די אנדערע.

ווען כ׳האב איינמאל א פרעג־געטאן מיין דאקטאר, פארוואס איך זע ניט ביי אים קיינמאל קיין יידישע פאציענטן? — האט ער מיר געענט־פערט, אז יידן ליידן ניט אויף דער דאזיקער קרענק...!

בין איך הייסט עס, געווען ביי אים דער איינציקער יידישער פאציענט און אויך — דער יינגסטער.

האב איך זיך אנגעהויבן צו שרעקן, אז כ׳קאן זיך נאך, חלילה, אנ־שטעקן מיט א מיאוסער קרענק, ווייל אייניקע פון זיי האבן געהאט גע־מיינט, אז איך בין דאקטאר מאלקעוויטשעס א פארטער, וויבאלד איך זיץ שטענדיק אין קארידאר און עפן זיי די טיר — פלעגן זיי ביים אוועקגיין מיר שטופן אין דער האנט אריין א מטבע, אבער כ׳פלעג זיך „האדזשען״

(עקלען) צו האַלטן זייערע מטבעות, וועלכע כ׳פלעג תיכּף אוועקלייגן אויף דעם קאָרידאָר־טישל פאַר דער דינסט.

האָב איך איינמאָל דערציילט דעם דאָקטאָר מאַלקעוויטש דעם אמת, אַז איניקע פון זיינע פאַציענטן און פּאַציענטקעס לאָזן מיר איבער טרינק־געלט, ווייל איך עפן זיי שטענדיק די טיר, אָבער איך שרעק זיך פאַר זיי־ערע מטבעות, דורך וועלכע איך קאָן זיך נאָך, חלילה, אָנשטעקן מיט זייער קרענק.

האָט דעמאָלט דר. מאַלקעוויטש באַשלאָסן מיך אויפצונעמען ערשט אין אָונט, ווען ער ווערט שוין פאַרטיק מיט אַלע זיינע פּאַציענטן, און ער האָט פאַר מיר דעמאָלט מער צייט.

דר. מאַלקעוויטש האָט טאַקע געמוזט האָבן פאַר מיר אַ סך מער צייט, ווי פאַר די אַנדערע חולאים זיינע, ווייל ער פלעגט מיך ניט נאָר קורירן, נאָר ער פלעגט נאָך אויך שמועסן מיט מיר וועגן פאַרשיידענע זייטיקע זאַכן.

אַזוי, למשל, פלעגט מיין פוילישער דאָקטאָר וועלן וויסן, וואָס אַזוינס איך האָב זיך אויסגעלערנט פון דעם תלמוד?

ווען איך האָב אים דערציילט, אַז צו צוועלף יאָר האָב איך שוין גע־לערנט די גמרא „קדושין" — איז דער דאָקטאָר מאַלקעוויטש געוואָרן דער־פון אַזוי שטאַרק באַגייסטערט, אַז איך האָב אים געמוזט דערציילן אַלע איינ־צלהייטן, ווי אַזוי יידישע מענטשן האָבן צווישן זיך חתונה.

פאַרשטייט זיך, אַז כ׳האָב צום דאָקטאָר געמוזט ריידן מער יידיש, ווי רוסיש, ווייל ווי קאָן מען דען דערקלערן אין רוסיש דעם אונטערשייד צווישן אַ „קטנה" און אַ „נערה", אָדער צווישן אַ „בוגרות" און אַ „בתולה".

נאָך גוט, וואָס דר. מאַלקעוויטש האָט געקענט זייער גוט דייטש און אַזוי אַרום פלעגט ער שוין פאַרשטיין די אַלע אופנים, דורך וועלכע אַ יידישער מענטש קאָן מקדש זיין אַ פרוי, אַפילו ווען זי איז נאָך אַ „קטנה" אָדער אַ „נערה".

ס׳איז מיר אָבער אָנגעקומען זייער שווער צו דערקלערן דעם דאָקטאָר דעם אונטערשייד צווישן אַ „קטנה" און אַ „נערה". לויט דער גמרא קען אַ מיידל זיין אַ „קטנה" נאָר ביז צוועלף יאָר מיט איין טאָג און ווי נאָר זי דערגרייכט די דאָזיקע עלטער — ווערט זי שוין אַ „נערה" ביז צוועלף יאָר מיט זעקס חדשים. נאָך דעם ווערט זי שוין, מסתמא, אַ בגרות, צי אַ בתולה, אָבער כל־זמן דאָס מיידל איז נאָך אַ „קטנה", צי אַ „נערה" קען דער טאַטע אירער זי חתונה מאַכן אָן איר צושטימונג און ער קען זי אויך אָפּגטן אָן איר צושטימונג. דעריבער טאַקע קען פּאַסירן, לויט דער גמרא,

אַז אַ טאַטע זאָל פֿאַרקנסן פֿאַר אימיצן זיין האַלב־דערוואַקסן מיידעלע און זי באַלד אויך אָפּגטן, אויב נאָר דער טאַטע האָט חרטה אויפֿן שידוך. דעמאָלט ווערט שוין אַזאַ „קטנה" אָדער „נערה" אַן אמתע גרושה און אַ כּהן טאָר שוין מיט איר ניט חתונה האָבן, כאָטש זי איז פֿאַרבליבן אַ בתולה.

פונקט אַזוי קען אַ חתונה־געהאַטע (אונטער די אויגן) „קטנה" אָדער „נערה" ווערן אויך אַן אלמנה, אויב נאָר איר באַשערטער איז, נעבעך, געשטאָרבן (אונטער די אויגן) און אַזוי אָרים קען אַ בתולה ווערן, נעבעך, אַן אלמנה!

„פּרוילען־וויטווע, פּרויליין־וויטווע, דאָס איז אָבער וואונדערבאַר, מיין ליבער יונגעו!" האָט דאָקטאָר מאַלקעוויטש שיער ניט אָנגעהויבן צו קושן מיך פֿאַר גרויס פרייד.

ווען איך האָב אים אַ פֿרעג געטאָן, הלמאַי ער פֿרייט זיך אַזוי, וואָס אַ קליין מיידעלע ווערט שוין, נעבעך, אַן אַלמנה — האָט ער מיר דערציילט, אַז גראָד איצטער שרייבט ער פֿאַר אַ מעדיצינישן זשורנאַל אַן אַרטיקל וועגן דער פֿיינקייט פֿון דעם פֿאַמיליען־לעבן ביי יידן און מיינע מעשיות פֿון תּלמוד וועלן אים זייער שטאַרק צוניץ קומען!

ער האָט מיר אויך געזאָגט, דער דאָקטאָר מאַלקעוויטש, אַז פֿאַר דעם זעלבן זשורנאַל שרייבט ער אויך אַן אַרטיקל וועגן מיר. דאָס הייסט, ניט אַזוי וועגן מיר גופֿא, נאָר וועגן דער קרענק מיינער.

לויט זיינע רייד דאַרף איך גאָר זיין גליקלעך, וואָס איך טראָג זיך אָרום מיט אַזאַ מין קרענק... אמת, די קרענק גופֿא איז זייער אַ פּאַסקודנע, ווייל עס איז נאָך ביז היינט ניטאָ צו איר קיין שום ריכטיקער הייל־מיטל, אָבער איך דאַרף זיין גליקלעך, זאָגט מיר דער דאָקטאָר, וואָס איך האָב די קרענק אויף דער האַנט און ניט, חלילה, אויפֿן פּנים, ווי ניין און ניינציק פֿון הונדערט אַזעלכע קראַנקע האָבן דאָס, ניט פֿאַר מיר געדאַכט...

דעריבער טאַקע בין איך אַ גליקלעכער אויסנאַם און ער וויל וועגן מיר שרייבן אין מעדיצינישן זשורנאַל, וואָס דערשיינט אַזש אין בערלין.

ער אַליין, דאָקטאָר מאַלקעוויטש, צווייפֿלט צי ס׳וועט אים געלינגען מיט די ברענענדיקע זאַלבן אַליין מיך אויסצוהיילן, אָבער ער האָט אין ווילנע אַן עלטערן פֿריינט, וואָס איז אַ באַרימטער הויט־דאָקטאָר און יענער פֿאַרמאָגט שוין אַזעלכע עלעקטרישע פֿונקען. מיט וועלכע מען קען מיין קרענק אויסברענען. ער וועט מיר געבן צו אים אַ בריוו און דער ווילנער דאָקטאָר וועט מיך אויך היילן אַן אַ גראָשן געלט...

כ׳האָב ווידער געדאַרפֿט דורכגיין די גובערנאַטאָרסקע גאַס, אָבער כ׳האָב די גאַס ניט דערקענט. דער גאַנצער „יידישער" טראָטואַר, וואָס איז געווען תמיד פֿול מיט מענטשן, איז געווען לחלוטין ליידיק, בעת דער „גוישער" איז, ווי שטענדיק, געווען איבערגעפֿילט מיט שפּאַצירנדיקע פּאָרלעך און ס׳האָט זיך מיר אָנגעהויבן צו דוכטן, אַז איינציקע אָפּיצערן און טשינאָווניקעס, וואָס גייען אַזוי פֿעסט געאָרעמט מיט זייערע „באַרישניעס" האָב איך שוין באַגעגנט ביי מיין דאָקטאָר מאַלקעוויטש...

ווען איך בין אָנגעקומען אַ פֿאַרסאָפּעטער צו מיינע ברידער אין דער ביליקער קיך — האָבן זיי זיך דערפֿרייט מיט מיר, ווי כ׳וואָלט צו זיי אָנגעקומען פֿון יענער וועלט.

זיינען זיי מיך תיכּף באַפֿאַלן מיט פֿראַגעס, ווי אַזוי איך האָב זיך דערקליבן אַהיים?

ווי שטענדיק, מיט דער גובערנאַטאָרסקער! — האָב איך געענטפֿערט.

— האָסטו דאָרטן קיין זאַך ניט געזען? — האָבן מיך די ברידער ווייטער אויסגעפֿאָרשט.

כ׳האָב געזען, אַז דער יידישער טראָטואַר איז גלאַט, ווי אַ לאָקשן־ברעט, אָבער אויף דעם גוישן טראָטואַר איז פֿול מיט מענטשן.

— גיי ניט מער דורך דער גובערנאַטאָרסקער! — האָט מיר דער עלטערער ברודער אָנגעזאָגט. — דאָרטן איז די "בירזשע" פֿון "בונד" און מען מאַכט דאָרטן אָפּט „אָבלאַוועס". אויך היינט האָט מען דאָרטן אַרעסטירט אַ סך מענטשן...

— אַזוי־אַזוי! — איז מיר פּלוצלינג אַלץ קלאָר געוואָרן, — הייסט עס, אַז אויף איין טראָטואַר פֿון דער גובערנאַטאָרסקער שפּאַצירט דער סיפֿיליס מיט עפּאָלעטן און קאָקאַרדעס און אויף דעם צווייטן טראָטואַר שפּאַצירט די רעוואָלוציע פֿון די „מינסקער בלאָטעס" (וועלכע איזי כאַריק האָט נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע אַזוי פֿיין באַזונגען).

ווען כ׳האָב דערציילט מיינע ברידער, אַז כ׳וועל זיי מוזן באַלד פֿאַרלאָזן, ווייל דאָקטאָר מאַלקעוויטש שיקט מיר גאָר קיין ווילנע — זיינען ביי זיי פֿון דער דאָזיקער בשורה פּלוצלינג פֿייכט געוואָרן די אויגן.

ביי מיר — אויך!

א בריוועלע דער מאַמען —

אויב איך בין ווירקלעך געוואָרן אַ יידישער שרייבער — האָב איך עס צו פאַרדאַנקען מיין מאַמען.

שוין צו פערצן יאָר האָב איך איר געמוזט אָנהייבן שרייבן גאַנץ לאַנגע בריוו פון מינסק.

כ׳פלעג איר שרייבן נאָר דריי מאָל אין דער וואָך, ווייל אין זעמבין (לעבן באָריסאָוו), וואו די מאַמע האָט זיך באַזעצט נאָך דער התונה מיטן „פעטער קליאַנסקי" (אַזוי פלעגן מיר רופן אונדזער שטיפטאַטן), פלעגט די פאָטשט אָנקומען נאָר דריי מאָל אין דער וואָך.

ער אַליין, דער פעטער קליאַנסקי פלעגט גיין אָפנעמען די בריוו. טאָמער פלעגט ער קומען פון דער פאָטשט מיט ליידיקן — פלעגט די מאַמע ווערן אויסער זיך און ניט וויסן וואָס איבערצוקלערן וועגן אירע קינדער.

כדי צו באַוואָרענען זיך, אַז איך זאָל יעדן צווייטן טאָג שרייבן אַ בריוועלע דער מאַמען — פלעגט דער פעטער קליאַנסקי מיר צושיקן זיבן־קאָפּיקענע מאַרקעס — כ׳זאָל ניט האָבן דעם אויסרייד, אַז מיר האָט, חלילה, אויסגעפעלט קליינגעלט אויף אַ מאַרקע.

זי אַליין, די מאַמע, פלעגט אונדז שרייבן איין מאָל אַ וואָך, יעדן שבת צונאַכטס.

יעדן בריוו אירן פלעגט זי, געווינטלעך, אָנהייבן מיט דעם פאָלגנדיקן טיטל: „צו מיינע געטרייע און וואוילגעלערנטע קינדער מענדל, זאַלקע, שמואל, ברוך און דניאל, לעבט וואָהל און גליקלעך אַלע אינאיינעם און יעדער באַזונדער, אָמן!"

(אין די בריוו גופא פלעגט מיך שוין די מאַמע ניט רופן דניאל, נאָר דאַניע.)

דער אינהאַלט פון דער מאַמעס בריוו איז אויך געווען כמעט שטענדיק דער זעלבער און נעמלעך: „דאַניע!"

ווי עס זעט אויס, האָט די מאַמע שטאַרק געבענקט נאָך מיר אין איר נייער היים. זי האָט געוואָלט וויסן אַלע איינצלהייטן פון מיין לעבן אין מינסק. פאַר די עלטערע פיר זין איז זי שוין געווען מער אָדער ווייניקער רואיק, אָבער מיך האָט זי נאָך אַלץ געהאַלטן פאַר אַ „פּליאַגע", וועלכער נויטיקט זיך תמיד אין וואַרעמקייט און ליבשאַפט.

פלעגט זי אין יעדן בריוו אָנזאָגן מיינע עלטערע ברידער, אַז זיי זאָלן מיך ניט אַפּלאָזן פון אויג. מינסק איז אַ גרויסע שטאָט און מען קאָן מיך נאָך חלילה, איבערפאָרן אויך!

מיך אָבער פּלעגט די מאַמע בעטן, אַז איך זאָל איר שרייבן דעם פולן אמת ניט נאָר וועגן זיך אַליין, נאָר אויך וועגן די ברידער, ווייל זיי אַליין, די ברידער מיינע, שרייבן איר זייער זעלטן און זייער קורץ.

האָב איך דען געקאָנט שרייבן מיין מאַמען דעם פולן אמת וועגן מיינע ברידער?

וואָלט זי דען פאַרשטאַנען, ווען איך שרייב איר, אַז ברוך האָלט אין איין בּפלען איקסן אויף איגרעקס און עס באַקומען זיך ביי אים שטענדיק נאָר „זעטס" אָדער אַז ער האָט זייער ליב צו מאַכן פון קרייזן קוואַדראַטן און פון די קוואַדראַטן ווידער אַמאָל קרייזן.

און וואָלט דען די מאַמע פאַרשטאַנען, ווען איך דערציייל איר אין אַ בריוו ווי אַזוי אונדזער קליינער שמואל (ער איז געווען נידעריקער פון ברוכן, כאָטש ער איז עלטער פון אים אויף גוטע צוויי יאָר) האָט זיך איינמאָל געגעבן אַ שטעל אַוועק אויף אַ בענקל אין דער בּיליקער קיך און אַ פּאָר שעה נאָכאַנאַנד גערעדט פאַר אַ גרויסער פאַרזאַמלונג וועגן איינעם אַ דאָקטאָר לעאָן פּינסקער, וועלכער האָט מיט זיינעם אַ ביכל „אויטאָעמאַנציפּאַציע" (נאָך אַ סך פריער פון דעם דאָקטאָר הערצל) צוגעגרייט דעם באָדן פאַר דעם געפּלאַנטן „יידנשטאַט" אין ארץ־ישראל, אָבער דער דאָזיקער „יידנשטאַט" — האָט געזאָגט מיין ברודער שמואל — מוז שוין לכתחילה זיין געבויט אויף סאָציאַליסטישע יסודות, לויטן „קאַפּיטאַל" פון קאַרל מאַרקס.

דעם אמת געזאָגט, האָב איך נאָך דענסטמאָל אַליין ניט געהאַט פאַרשטאַנען דעם טייטש פון אַזעלכע שווערע ווערטער, ווי: „אויטאָעמאַנציפּאַציע", „יידנשטאַט" און „קאַפּיטאַל".

(אַז יידן דאַרפן אומעטום האָלטן „שטאַט" לייגט זיך נאָך אויפן שכל, אָבער ווי אַזוי מען קען מיט „קאַפּיטאַל" מאַכן סאָציאַליזם. האָב איך בשום־אופן ניט געקאָנט באַנעמען.)

דעריבער טאַקע האָב איך ניט געקאָנט שרייבן דער מאַמען דעם פולן אמת וועגן מיינע עלטערע ברידער אין מינסק, ווייל זי וואָלט פון דעם דאָזיקן אמת געוואָרן נאָך מער צעטומלט ווי איך...

פלעג איך יעדן צווייטן טאָג פון דער וואָך באַשרייבן פאַר דער מאַמען פראָסט און פשוט מיינע איינדרוקן פון דער שטאָט מינסק און מיינע שמועסן מיט דעם טשיקאַוון פוילישן דאָקטאָר מאַלקעוויטש, וועלכער פלעגט מיך היילן אַן אַ גראָשן געלט, ווייל איך לערן מיט אים אַ בלאַט גמרא...

אויך וועגן דער שטאָט מינסק האָב איך דער מאָמען געשריבן דעם אמת, אַז אין פֿאַרגלייך מיט קיעוו, וואו איך בין מיט איר געוועזן מיט עט־לעכע יאָר צוריק, איז נאָך מינסק אַ קליינע שטאָט. אַנשטאָט אַן עלעקטרישן טראַמוויי, מיט וועלכן מיר זיינען שוין געפֿאָרן איבער די זייער שיינע גאַסן פֿון קיעוו — שלעפּט זיך איבער די שלעכט־ברוקירטע גאַסן פֿון מינסק אַזאַ מין „קאָנקע", וואָס זעט אויס כּלומרשט ווי אַ טראַמוויי, אָבער אַן פֿערד גייט זי ניט. אַזאַ מין „קאָנקע", האָב איך באַרואיקט דער מאַמען, קאָן מיך אין מינסק קיינמאָל ניט איבערפֿאָרן.

דערפֿאַר אָבער, האָב איך געשריבן דער מאַמען, פֿאַרמאָגט מינסק אַ סך מער יידישקייט ווי קיעוו.

אַזוי, למשל, איז געוועזן אין מינסק אַזאַ מין „גדול", וואָס איז ניט קלע־נער, זאָגט מען, פֿון דעם ווילנער גאון, ז"ל.

ווען דער „גדול" איז געשטאָרבן, האָט זיין אײדעם פֿאַרנומען זיין פּלאַץ, אָבער דער אײדעם, זאָגט מען, איז שוין ניט אַזאַ גדול ווי דער „גדול".

ס'איז נאָך אָבער פֿאַראַן אין מינסק אַזאַ מין הייליקער ייד מיטן נאָ־מען ר' יעקב מאיר, וועלכער איז ניט פֿויל יעדן פֿרייטיק פֿאַרנאַכט צו לויפֿן איבער די גאַסן פֿון שטאָט און אָנזאָגן די קרעמער, אַז מען דאַרף באַלד שליסן די קראָמען צוליב דעם הייליקן שבת.

ווען די מינסקער קרעמער און קרעמערקעס דערהערן, אַז ר' יעקב מאיר שרייט אַריין צו זיי אין קראָם דעם איינציקן וואָרט „ברידער" — ווייסן זיי שוין, אַז מען מוז באַלד שליסן די געשעפֿטן. ער אַליין, ר' יעקב מאיר, טראָגט אַ היטל מיט אַ ברייטן דאַשעק טיף איבער די אויגן, כּדי ער זאָל ניט קאָנען זען די נשים, וועלכע זיצן אין די קראָמען, אָבער אויך אַפֿילו צו די נשים פֿלעגט ער אַריינשרייען „ברידער" און ניט שוועסטער.

דער דאָזיקער ייד איז מיר זייער געפֿעלן געוואָרן. די צעשפּרייטע פּאָ־לעס פֿון זיין לאַנגן סורטוק, וועלכע זעען אויס ווי פֿליגלען, און צוליב די מייטקעס, וועלכע ער האַלט שטענדיק פֿאַרשטעקט אין די לאַנגע זאָקן — זעט ער אויס ווי אַ פֿויגל, און מיר דוכט זיך אָפֿט, אַז לויפֿנדיק אָט־אַזוי איבער די מינסקער גאַסן — קאָן ער זיך פּלוצלונג געבן אַ הויב־אויף אין דער הויך, ווי אליהו הנביא און אַוועקפֿליען אויף שבת אין הימל אַריין.

בין איך אַ פּאָר פֿרייטיקס אים נאָכגעלאָפֿן איבער די מינסקער גאַסן און געטראַכט, ווי אַנדערש ס'איז ר' יעקב מאיר פֿון מיין הייליקן פֿעטער

פֿייטל, וועלכער גיט זיך ניט קיין ריר פֿון אָרט, כאָטש מען רופֿט אים אין דוקאַר „מלאך".

איך האָב אויך געשריבן דער מאַמען, אַז אין מינסק זיינען פֿאַראַן אַוודאי ביי פֿערציק צי פֿופֿציק שולן אין בתּי־מדרשים, ווייל יעדער צעך האָט זיך זיין אייגענע שול! די שניידערס באַזונדער, די שוסטערס באַזונדער, די סטאָליערס באַזונדער און אַפֿילו די מינסקער וואַסערטרעגערס האָבן אויך זייער אייגענע שול. זי הייסט די „שבע־מים־שול". לעבן דער דאַזיקער שול איז טאַקע פֿאַראַן אַזאַ מין פּליומפּ, פֿון וועלכן די וואַסערטרעגערס פּאָמפּען זייער וואַסער.

איך האָב אויך געשריבן דער מאַמען, אַז אין דער ביליקער קיך אויף דער יוריעווער גאַס, וואו מיינע עלטסטע צוויי ברידער, מענדל און זאַלקע, האָבן שטעלעס — קומען פֿאַר גאַנץ אָפֿט פֿאַרזאַמלונגען פֿון די שענסטע מענטשן אין שטאָט און מען אַמפּערט זיך דאָרטן ביז שפּעט אין דער נאַכט וועגן ארץ־ישׂראל.

כ'האָב דער מאַמען, פֿאַרשטייט זיך, ניט געשריבן, אַז ברוך מיט שמואלן אַמפּערן זיך שוין אויך וועגן ארץ־ישׂראל, ווייל זי וואָלט דערפֿון געוואָרן זייער אומרואיק, אָבער כ'האָב איר געשריבן, אַז מענדל און זאַלקע קלייבן זיך פֿונדעסטוועגן קיין אַמעריקע, כאָטש מען האַלט שוין אָט־אָט ביים אָפּקויפֿן ארץ־ישׂראל, אויב נאָר דער טערקישער סולטאַן וועט ניט בעטן קיין צו־הויכן מקח.

אָט־אַזוי פֿלעג איך דער מאַמען יעדן צווייטן טאָג פֿון דער וואָך אָנשרייבן עפּעס אַ נייע מעשׂה פֿון מינסק, אַבי נאָר זי זאָל זיין רואיק פֿאַר אירע קינדער.

נעם איך און באַשרייב זיי איינמאָל דיביידע טראָטואַרן פֿון דעם גובערנאַטאָרסקע גאַס, וואו יעדן אָוונט שפּאַצירן אויף איין טראָטואַר די אַזוי־גערופֿענע „גוליאַיושטשיע" (די לײדיקגײיערס) און אויף דעם צווייטן טראָטואַר — די אַזוי־גערופֿענע „סטראַדאַיושטשיע" (האָרעפּאַשניקעס) און אַז איך, פֿאַרשטייט זיך, בין אויף דער זייט פֿון די „סטראַדאַיושטשיע".

האָט זיך שוין די מאַמע אָנגעשטויסן, אַז איך לייד, מסתּמא, זייער שטאַרק פֿון דעם דאָקטאָר מאַלקעוויטשעס קוראַציע, און ס'איז איר איינגעפֿאַלן דער געדאַנק, אַז ווען איך צאָל אים געלט, ווי אַלע צאָלן אים — וואָלט ער מיך, אפֿשר, געהיילט אָן גרויסע ווייטיקן.

האָב איך געענטפֿערט דער מאַמען, אַז דאָקטאָר מאַלקעוויטש איז צו מיר זייער גוט, כאָטש ער איז אַ פּאָליאַק. ער וויל בפּירוש, אַז איך זאָל גע־

זונט ווערן. צוליב דעם טאָקע האָט ער באַשלאָסן מיך צו שיקן קיין ווילנע, וואו איינער אַ גאָר גרויסער הויט־דאָקטאָר וועט מיך היילן מיט עלעקטריע — אויך אַן אַ גראָשן געלט.

אמת, מיינע ברידער — האָב איך געשריבן דער מאַמען — זיינען דער־פון זייער ניט צופרידן, ווייל זיי ווילן מיך בעסער האָבן לעבן זיך, אָבער וויבאַלד איך קאָן אין ווילנע גענעזן ווערן, איז אַפילו איינער פון די ברי־דער גרייט מיך אוועקצופירן אַזש קיין ווילנע.

דענסטמאָל האָט מיר די מאַמע גלייך געענטפערט, אַז זי אַליין וועט מיך אַוועקפירן קיין ווילנע, ווייל אונדזער פעטער קליאַנסקי האָט דאָרטן קרובים. וואָס האַלטן אַן אייגענע אכסניה און אַז אין אַ פּאָר וואָכן אַרום קומט זי, אם ירצה השם, קיין מינסק אינאיינעם מיטן פעטער קליאַנסקי און מיר וועלן דענסטמאָל אַלע אינאיינעם אויסאַרבעטן דעם גאַנצן פּלאַן פון מיין רייזע קיין ווילנע.

בין איך געוואָרן זייער נייגעריק צו באַקענען זיך נענטער מיט אונדזער פעטער קליאַנסקי, וואָס איז אַזוי גוט צו זיינע שטיפקינדער!

האָב איך שוין אָנגעהויבן צו ציילן די טעג ווען די מאַמע מיטן פעטער וועלן אָנקומען אין אַ גוטער שעה קיין מינסק. אָבער ביז וואַנען וואָס־ווען האָב איך נאָך אַלץ געמוזט שרייבן יעדן צווייטן טאָג „אַ בריוועלע דער מאַמען״.

אַ דאַנק אָט־די דאָזיקע מאַמע־בריוו. וועלכע כ׳האָב געשריבן לאַנגע־לאַנגע יאָרן, בין איך טאָקע געוואָרן, זעט אויס. אַ יידישער שרייבער.

כ'וויל בעסער פאַרבלייבן אַ יינגל —

ווען איך האָב זיך באַקענט אַ ביסל נעענטער מיטן לעבן פון מיינע על־טערע ברידער אין מינסק האָב איך זיך אַרומגעזען, אַז מיר לוינט גאָרניט צו ווערן אַ גרויסער, אַ דערוואַקסענער.

אַט זיינען שוין מיינע ברידער געוואָרן, ווי מען זאָגט: „פאַלנע מענטשן" — איז וואָס האָבן זיי דערפון?

צוויי פון זיי זיינען, קאָנטיק, ניט צופרידן מיט זייערע שטעלעס אין דער ביליקער קיך און דעריבער קלויבן זיי זיך אַוועק קיין אַמעריקע!

די אַנדערע צוויי ברידער זיינען בכלל ניט צופרידן מיטן סדר־העולם און זיי ווילן, זעט אויס, איבערבויען די גאַנצע וועלט!

פאַר אַזעלכע זאַכן פלעגט מען אין צאַרישן רוסלאַנד אַריינזעצן אין די טורמעס אָדער פאַרשיקן אין סיביר אַריין.

לוינט זיך דען צוליב דעם ווערן אַ גרויסער, אַ דערוואַקסענער?

ניט איך קאָן ווערן אַ בעל־מלאכה צי אַפילו אַ „פריקאַזטשיק" (אַנ־געשטעלטער), ווייל דערצו מוז מען דאָך האָבן צוויי געזונטע הענט, וועלכע איך האָב ניט.

און ניט איך קאָן ווערן אַ בוכהאַלטער, צי אַ לערער, ווייל דערצו מוז מען דאָך אַ סך לערנען, און צוליב מיינע שטענדיקע קוראַציעס האָב איך פשוט קיין צייט ניט געהאַט צו לערנען זיך ווי ס'באַדאַרף צו זיין.

איז וואָס, פרעגט זיך, וועל איך אויספירן, ווען כ'וועל שוין ווערן אַ גרויסער, אַ דערוואַקסענער?

כיבע טאָקע חתונה האָבן מיט אַזאַ איינער ווי מאַשע די משוגענע, רחמנא לצלן! ווייל וועלכעס קלאָרע מיידל וועט דאָס וועלן חתונה האָבן מיט אַזאַ מין שלים־מזל, ווי איך בין?!

איך האָב זיך אויף דעם פופצנטן יאָר פון מיין לעבן אַרומגעזען, אַז ס'לוינט מיר ניט, ווירקלעך, צו ווערן אַ גרויסער, אַ דערוואַקסענער.

כל־זמן איך לעב אין איין שטאָט מיט מיינע עלטערע פיר ברידער — מוז איך שוין במילא זיין שטענדיק דער ייִנגסטער פון זיי, דער מיזיניק און דער „פליאָגע", און ווער נאָר עס האָט געהאַט גאָר אין האַרצן — האָט מיך געפעטשטשעט און געבאַלעוועט.

אַט, למשל, האָבן דער מומע איטקעס דריי טעכטער מיך שטענדיק גע־גלעט און געקושט, ווי איך וואָלט נאָך נאָר קיין יינגל ניט געווען.

ערשט שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט, אַז מיינע שוועסטער־קינדער פלעגן מיך קושן דערפאַר, ווייל זיי פלעגן שטענדיק זיין פאַרליבט אין די העלדן פון די ראָמאַנען, וועלכע זיי האָבן געליינט.

אַט רופן זיי מיך אָניעגין, אַט רופן זיי מיך נעכליודאָוו און אַט גאָר — דאָניע־זשואַן!

„רוף מיך ווי דו ווילסט, אַבי קוש מיך!" פלעג איך זיך טראַכטן שטי־לערהייט און זיך לאָזן וואוילגיין.

שפּעטער אַ ביסל האָבן אויך שוין אַפילו די חברטעס פון מיינע עלטע־רע ברידער, וועלכע פלעגן אָפט קומען אין דער בילינקער קיך אויסהערן די דיסקוסיעס וועגן „פּאַליטישן קאַמף" אין ארץ־ישראל, מיך אָפט גלעטן און קושן נאָר דערפאַר, ווייל זיי האָבן געהאַט, זעט אויס, אַ שטאַרקע שוואַכ־קייט צו מיינע עלטערע ברידער.

אַזוי־אַרום בין איך געוואָרן אין מינסק דער בליץ־אַפּלייטער (ריכטיקער געזאָגט, דער קוש־אַפּלייטער) פון אַ סך פאַרבאַרגענע ליבעס און ליידנ־שאַפטן.

פלעג איך זיך בכיוון מאַכן נאָך מער קינדעריש־תמעוואַטע, ווי איך בין געווען אויף דער אמתן. אַבי נאָר די חברטעס זאָלן מיך עפּטערס גלעטן און קושן.

צוליב דעם טאַקע האָט זיך מיר שטאַרק ניט געגלוסט צו פאַרלאָזן מינסק און שיידן זיך מיט מיינע עלטערע ברידער, וואָס צווישן זיי בין איך שטענדיק געווען דער יינגסטער און דער אומבאַהאָלפנסטער.

אָבער וואָס האָב איך געקענט טאָן, ווען מיין דאָקטאָר מאַלקעוויטש האָט זיך פּלוצלינג אַרומגעזען, אַז מיט זיינע זאַלבן אַליין וועט ער מיך קיינמאָל ניט אויסהיילן, און כ'מוז דעריבער פאָרן קיין ווילנע צום דאָקטאָר סווי־דערסקי (אויך אַ פּאָליאַק), וועלכער פאַרמאָגט שוין די אַלע נייטיקע עלעק־טרישע לאָמפּן, מיט וועלכע מען קאָן מיך אפשר יאָ אויסהיילן.

האָב איך אָנגעהויבן ביסלעכוויז צו געזעגענען זיך מיט מינסק.

אמת, קיין סך זאַכן איז אין מינסק ניט געווען צו זען.

אָבער גראָד אין יענעם ווינטער איז אָנגעקומען קיין מינסק אַזאַ מין מוזיי פון וואַקסענע פיגורן, וואָס מען האָט גערופן „פּאַנאָפּטיקום".

אין דעם דאָזיקן פּאַנאָפּטיקום האָט מען פאַר פינף קאָפּיקעס געקאָנט זען אַלע וויכטיקע קיסרים און מלכים פון גאָר דער וועלט. זיי זיינען גע־

שטאַנען אונטערן גלאָז, ווי לעבעדיקע, אין זייער גאַנצן וואוקס און מיט אַלע זייערע קייזערלעכע בגדים. אָט איז נאַפּאָלעאָן און אָט איז איוואַן גראָזני.

פֿאַר אַ מענטשן, וואָס קאָן גוט די וועלט־געשיכטע, זיינען די דאָזיקע פֿיגורן געווען זייער אינטערעסאַנט. מען דערמאָנט זיך די אַלע מלחמות און רציחות, וואָס זיי האָבן דורכגעפֿירט אין זייערע צייטן.

מיך אָבער האָט באַזונדערס שטאַרק פֿאַראינטערעסירט די עגיפּטישע קעניגין קלעאָפּאַטראַ, וואָס האָט חתונה געהאַט מיט איר אייגענעם ברודער.

די דאָזיקע קלעאָפּאַטראַ איז געלעגן האַלב־צוגעדעקט אין אַ גלעזערנעם אָרון, ווי זי וואָלט געשלאָפֿן.

אויף דעם אָרון איז געווען אָנגעקלעפּט אַ צעטעלע, אַז ווען מען וואַרפֿט אַריין אַ קאָפּיקע אין איינעם אַ שפּעלטל פֿון אָרון — כאַפּט זיך אויף קלעאָ־פּאַטראַ פֿון איר געטלעכן שלאָף און הייבט אָן צו עטעמען. האָב איך ריי־זיקירט מיט אַ קאָפּיקע און... וואונדער איבער וואונדער! די מלכה פֿון מצרים האָט פּלוצלינג אָנגעהויבן צו עטעמען מיט איר הויכן בוזעם אַרויף און אַראָפּ, אַרויף און אַראָפּ, ווי זי וואָלט גאָר געווען די פּרוי כאַיעצקין — די גרעסטע קראַסאַוויצע פֿון גאַנץ מינסק!

אָבער פֿאַר איין קאָפּיקע עטעמט די מלכה ניט מער ווי איין מינוט. און אויב מען וויל, זי זאָל ווייטער עטעמען — מוז מען איר געבן נאָך אַ קאָפּיקע.

פֿאַרשטייט זיך, אַז אין פּאַנאָפּטיקום האָבן ניט געפֿעלט קיין בעלנים צו געבן קלעאָפּאַטראַן קאָפּיקעס, אַבי נאָר זי זאָל עטעמען הויך און מאַ־יעסטעטיש, ווי די פּרוי כאַיעצקין, אָבער אָט האָט הינטער איר עפּעס איינער אַ לך פּלוצלינג אַ זאָג געטאָן מיט ביטול:

— אויך מיר אַ קונץ! מיין ווייב טוט אויך אַזוי, ווען זי קריגט פֿון מיר די פּאָר גראָשן!

האָט זיך דער אַרומיקער עולם שטאַרק פֿונאַנדערגעלאַכט פֿון דעם דאָזיקן איינפֿאַל, אָבער דאָך האָט מען ניט אויפֿגעהערט צו שטופּן די קאָ־פּיקעס אין דעם גלעזערנעם אָרון פֿון דער וועקסענער שיינהייט.

ווען איך האָב שפּעטער דערציילט מיינע ברידער די מעשה מיט דער קלעאָפּאַטראַ אין פּאַנאָפּטיקום — האָט איינער פֿון זיי אַ זאָג געטאָן:

— אַ מלכה וואָס בעטלט קאָפּיקעס, איז שוין ניט מער קיין מלכה!

אָבער וואָס זיינען ווערט געווען אַלע מיינע קלעאָפּאַטראַ־בענקשאַפֿטן אין פֿאַרגלייך מיט מיין טיפֿער נאָגנדיקער בענקשאַפֿט נאָך דער מאַמען מיי־נער!

און וואָס זיינען ווערט געווען די אַלע קושערייען פֿון די (ניט אין מיר) פֿאַרליבטע מיידלעך אין פֿאַרגלייך מיט אַן איין־איינציקן קוש פֿון מיין מאַמען!

האָב איך זיך קוים דערוואַרט ביז די מאַמע מיטן „פּעטער קליאַנסקי" זיינען ערב־פּורים אָנגעקומען קיין מינסק, כדי מיך אָוועקצופֿירן קיין ווילנע.

דער פּעטער קליאַנסקע האָט באַגלייט דער מאַמען ביז מינסק, כדי מיר איינצורעדן, אַז כ׳זאָל מיט זיי פֿאָרן ביז נאָך פּסח צו זיי אַהיים, קיין זשעבין, און פֿון דאָרטן וועט מען מיך שוין, אי״ה, אָוועקפֿירן קיין ווילנע.

איך האָב זיך פֿון דעם דאָזיקן פּלאַן אָפּגעזאָגט, ווייל כ׳האָב שוין געוואוסט פֿון דער מאַמעס בריוו, אַז זשעבין איז זייער אַן אָפּגעשטאַנען שטעטל. דאָרטן געפֿינען זיך ביי פֿערציק ישיבה־בחורים, וועלכע ווערן אויסגעהאַלטן פֿון ליובאַוויטש. דער פּעטער אַליין איז זייער אַ הייסער ליובאַווי־טשער חסיד און כ׳וועל מוזן צוליב אים גיין יעדן טאָג דריי מאָל אין שול אַריין. מיט אַ מיידל טאָר מען דאָרט קיין וואָרט ניט אויסרעדן, ווייל מען באַרעדט גלייך. און שלאָפֿן מיט דער מאַמען אין איין חדר, ווי אַמאָל אין דוקאָר — וועל איך דאָך אוודאי ניט קאָנען!

האָב איך געמוזט צוזאָגן דעם פּעטער, אַז כ׳וועל קומען צו זיי, אי״ה, אויף שבועות, אויב נאָר דער ווילנער דאָקטאָר וועט מיך אָפּלאָזן.

ביז וואַנען וואָס־ווען, האָבן מיר פֿאַרבראַכט אין מינסק זייער אַ פֿריי־לעכן פּורים.

דאָס האָט די מומע איטקע (דער מאַמעס עלטסטע שוועסטער) איינגעלאַדן אונדז אַלעמען צו דער פּורימדיקער סעודה.

דאָס איז געווען די לעצטע סעודה. ווען אַלע פֿינף טשאַרני־ברידער זיינען געזעסן ביי איין טיש מיט דער מאַמען און מיטן פּעטער קליאַנסקי.

דער פּעטער האָט זיך צוערשט געפֿילט אַ ביסל פֿרעמדלעך, ווייל דער פּעטער שיע גרונטפֿעסט (דער מומע איטקעס מאַן) איז שוין געווען אַ שטיקל פֿילאָזאָף און אַ ציוניסט דערצו, כאָטש דעם פּעטער שיעס באָרד איז געווען ניט ווינציקער לאַנג און ברייט און ניט ווינציקער גרוי, ווי דעם פּעטער קליאַנסקיס.

אָבער נאָך די פּאָר גלעזלעך גוטע משקה האָט זיך אויך דער פּעטער קליאַנסקי פֿאַנאַנדערגעשאָקלט און ערשט דענסטמאָל האָט ער אונדז אָנגעהויבן צו דערציילן, ווי גליקלעך ער איז, וואָס גאָט האָט אים צוגעשיקט מיין מאַמען פֿאַר אַ ווייב!

די מאַמע מײנע האָט בעת מעשה געלויכטן, ווי אַלע זיבן זונען, און כ׳בין ניט געווען דענסטמאָל אַפּילו אויף אַ האָר אײפערזיכטיק, וואָס דער פעטער קליאַנסקי האָט בײ מיר צוגענומען די מאַמע.

אדרבא, כ׳בין געווען גליקלעך, וואָס די מאַמע האָט אַ שטילע, רואיקע עלטער, אַן גמילת־חסדים, אָן קאָפּ־דרייענישן און אָן דער שטענדיקער זאָרג פאַר אירע בלודנע יתומים, נעבעך!

איך האָב זיך נאָר געשראָקן, אַז דער מומע איטקעס טעכטער זאָלן אינמיטן פון דער פורימדיקער סעודה ניט אָנהייבן מיך פּלוצלינג צו קושן און צו שרייען:

— אַניעגין! נעחליודאָוו! דאָניע־זשואַן! און שדים ווייסן וועלכע אַנדערע נעמען פון זײערע ראָמאַנען, וואָס זיי לייענען!

שיין וואָלט איך אויסגעזען דענסטמאָל אין די אויגן פון מײן שטיף־טאַטן, וואָס האָט געגלייבט, אַז איך וועל נאָך ווערן אַ קלויזניק פון דער ליובאַוויטשער ישיבה אין זשעבין...

אַ פּלוגתּא וועגן ווילנע —

אין מינסק זיינען געווען צוויי וואָקזאַלן: אַ ווילנער און אַ בריסקער.

דער ווילנער וואָקזאַל איז געווען זייער אַ גרויסער, אַ געמויערטער מיט אַ סך עלעקטרישע לאָמפּן. אין דעם זאַל פון ערשטן קלאַס פלעגן ליגן טיש־טוכער אויף די טישן, אַפילו אין אַ מיטן מיטוואָך. דער ווילנער וואָקזאַל איז כמעט שטענדיק געווען פול מיט יידישע מענטשן, וואָס פלעגן רעדן מאַמע־לשון. ס׳איז דערפאַר, ווייל דער ווילנער וואָקזאַל האָט געהערט צו דער ליבאַ־ווע־ראָמנער אייזנבאַן־ליניע און די דאָזיקע ליניע פלעגט זיך ציען דורך אַזעלכע גוט־באַקאַנטע שטעט פון דעם יידישן תּחום־המושב, ווי באָברויסק, האָמליע, מינסק, ווילנע און נאָך פיל אַנדערע.

דער בריסקער וואָקזאַל, האָט אין פאַרגלייך מיט דעם ווילנער, אויסגע־זען, ווי אַ שטאַל. אַ גרויסע הילצערנע געביידע, וואָס איז באַלויכטן מיט אַלט־מאָדישע גאַז־לאָמפּן. צווישן די פּאַסאַזשירן זיינען געווען מער גויים, ווי יידן, ווייל דער דאָזיקער אַלט־מאָדישער וואָקזאַל האָט געהערט צו דער מאָסקווער־בריסקער אייזנבאַן־ליניע, וועלכע האָט זייער ווינציק באַדינט דעם יידישן תּחום־המושב.

נאָר די יידן פון באָריסאָוו, צי פון אָרשע פלעגן מוזן פאָרן מיט דער דאָזיקער ליניע, אָבער באַלד הינטער אָרשע, אַרום סמאָלענסק, פלעגט זיך שוין ענדיקן די „טשערטאַ אָסיעדלאָסטי״, ד. ה. דער תּחום המושב און מען פלעגט שוין אויף די וואָקזאַלן פון די ווייטערדיקע שטעט און דערפער, וועל־כע ליגן אויפן וועג צו מאָסקווע ניט זען מער קיין איין־איינציקן יידן.

פאַרשטייט זיך, אַז אויף דעם ווילנער וואָקזאַל איז געווען שטענדיק אַ פיל־גרעסערע באַוועגונג, ווי אויף דעם בריסקער, דערפאַר טאָקע פלעגט די מינסקער „קאָנקע״ גיין נאָר צום ווילנער וואָקזאַל, אָבער ניט צו דעם בריסקער.

פלעג איך שטילערהייט באַדויערן מיין מאַמען, וואָס זינט זי האָט חתונה געהאַט מיטן פעטער קליאַנסקי פון זעמבין (לעבן באָריסאָוו), איז זי אַרי־בער, קאָן מען זאָגן, פון אַ גרויסשטאָטישער ליניע אויף אַ דאָרפישער. זי האָט אויסגעביטן די יידישלעכע ליבאָווע־ראָמנער אייזנבאַן אויף דער פאַר־גויאישטער מאָסקווע־בריסקער.

האָט אונדז טאַקע דער פּעטער קליאַנסקי דערציילט ביי דער פּורים־דיקער סעודה אין מינסק, אַז די קאָנדוקטאָרן פון דער מאָסקווע־ברעסקער אייזנבאַן זיינען צו די יידישע פּאַסאַזשירן געווען אַ סך ערגער, ווי די קאָנדוקטאָרן פון דער ליבאַווע־ראָמנער אייזנבאַן.

אַזוי, למשל, האָט אַנומלטן איינער אַ באַריסאָווער ייד, וואָס איז געפאָרן קיין מינסק, זיך אַוועקגעשטעלט אין וואַגאָן דאַווענען שחרית. ער האָט אָנגעטאָן טלית און תּפילין און זיך אָנגעהויבן צו שאָקלען מיטן פּנים צום וואַגאָן־פענצטער.

דערהערט ער פלוצלינג, ווי דער קאָנדוקטאָר שרייט צו אים פון הינטן:

— העי, זשיד, דאָ איז ניט קיין סינאַגאָגע, האָסט דאָ ניט וואָס צו „מאָליען" זיך.

איז אָבער דער ייד ניט קיין שוטה — דרייט ער זיך אויס מיטן פּנים צום קאָנדוקטאָר און ער גיט אים פון אונטערן טלית אַ פרעג:

— צי דען ווייסטו ניט, אַז דער קיסר האָט אונדז דערלויבט דאָ צו דאַווענען?

— ווען האָט דיר דער קיסר דערלויבט דאָ צו דאַווענען? — איז שוין דער קאָנדוקטאָר שטיין געבליבן אַ צעטומלטער.

— אָט זאָל נאָר דער צוג אָפּשטעלן זיך אויף אַ סטאַנציע, וועל איך מיט דיר אַרויס אויף דער פּלאַטפאָרמע און דיר באַווייזן דעם „פּריקאַז", אַז יידן מעגן דאַווענען אין די וואַגאָנען — האָט דער ייד געענטפערט מיט גרויס זיכערקייט.

האָט שוין דער קאָנדוקטאָר געלאָזט דעם יידן ווייטער דאַווענען, אָבער ווי נאָר דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ סטאַנציע — איז ער געקומען צולויפן צום יידן, ער זאָל אים באַווייזן די דערלויבעניש פון קיסר, אַז יידן מעגן דאַווענען אין די וואַגאָנען.

איז דער ייד אַרונטער מיטן קאָנדוקטאָר אויף דער פּלאַטפאָרמע, אים צוגעפירט צום מיטן וואַגאָן, וואו עס זיינען געווען אָפּגעדרוקט די פיר רוסישע בוכשטאַבן „עם. בע, זשע, דע" און ער האָט צו אים אַזוי געזאָגט:

— ווייסטו, וואָס די דאָזיקע פיר אותיות באַטייטן? זיי באַטייטן: „מאָליטסיאַ באָגו זשידאַם דאָזוואָלענאָ", ד. ה. אַז יידן מעגן דאָ דאַווענען!

(דער אמתער באַטייט פון די דאָזיקע פיר רוסישע אותיות, וועלכע זיינען פאַראַן אויף יעדן וואַגאָן איז, פאַרשטייט זיך, „מאָסקאָווסקאָ ברעסטקאָיאַ זשעליעזניאַ דאָראָגאַ", ד. ה. די מאָסקווע־ברעסקער אייזנבאַן־ליניע).

ווען דער קאָנדוקטאָר האָט דערהערט פֿון דעם יידן דעם טשיקאַוון אויסטייטש פֿון די רוסישע פֿיר אותיות — איז ער אַריינגעפֿאַלן אין אַזאַ מין היסטערישן געלעכטער, אַז דער נאַטשאַלניק פֿון דער סטאַנציע, וועלכער האָט שוין געהאַט בדעה צו הייסן געבן דעם דריטן „זוואָנאָק" (קלינג) — איז צוגעגאַנגען צום קאָנדוקטאָר מיטן יידן, זען וואָס עס טוט זיך מיט זיי? — האָט דער קאָנדוקטאָר גלייך דערציילט דעם נאַטשאַלניק וועגן דעם פֿיינעם איינפֿאַל פֿון דעם יידן, אַז די בוכשטאַבן „עם, בע, זשע, דע" באַטייטן גאָר: „מאַליטסיאַ באַגו זשידאַם דאַזוואָלענאַ" — האָט אויך דער נאַטשאַלניק אָנגעהויבן היסטעריש צו לאַכן און דער צוג האָט זיך צוליב דעם פֿאַרשפּעטיקט אויף עטלעכע מינוט.

— פֿון דעמאָלט־אָן מעגן שוין יידן דאַוונען אין אַלע וואַגאָנען פֿון דער מאָסקווע־בריסקער אייזנבאַן־ליניע, ווייל יענער קאָנדוקטאָר האָט שוין איבערגעגעבן דעם פֿיינעם איינפֿאַל פֿון דעם באַריסאָווער יידן צו אַלע אַנדערע קאָנדוקטאָרן פֿון דער גאַנצער ליניע און, אַ סברא, אַז דער „מאַליטסיאַ באַגו זשידאַם דאַזוואָלענאַ" איז שוין דערגאַנגען אַזש צו די הויכע פֿענצטער פֿון פּעטערסבורג! — האָט מיין פֿעטער קליאַנסקי פֿאַרענדיקט מיט גדולה זיין מעשה, וואָס זעט־אויס צו זיין אַ גאַנץ פֿיינער אַנעקדאָט.

דאָס איז געווען, אגב, די איינציקע פֿריילעכע מעשה, וואָס דער פֿעטער קליאַנסקי האָט דערציילט אין דער געזעלשאַפֿט פֿון אַלע זיינע פֿינף שטיף־זין, וועלכע ער האָט דערזען צום ערשטן מאָל אין מינסק.

ווי עס זעט אויס, האָט ער געוואָלט דורך זיין מעשה אויפֿהייבן די חשיבות פֿון די באַריסאָווער יידן, וועלכע לאָזן זיך ניט שפּייען אין קאַשע.

האָט מיר שוין אויפֿגעהערט צו פֿאַרדריסן, וואָס די מאַמע מיינע האָט זיך פֿאַרקליבן אין אַזאַ מין שטעטל, וואָס מען קאָן צו איר קומען נאָר דורך דער מאָסקווע־בריסקער אייזנבאַן־ליניע.

אָבער טיף אין האַרצן בין איך געווען זייער צופֿרידן, וואָס מיין וועג קיין ווילנע פֿירט דורך דעם גרויסשטאָטישן ווילנער וואָקזאַל, וואו אַפֿילו אין אַ מיטן מיטוואָך ליגן אין דעם ערשטן קלאַס טישטוכער אויף אַלע טישן.

ווען מיין מומע איטקע האָט אַ פֿרעג געטאָן דעם פֿעטער קליאַנסקין, פֿאַרוואָס ער לאָזט מיין מאַמען אַליין מיך אָנעקפֿירן קיין ווילנע און ער פֿאָרט ניט מיט, וויבאַלד ער האָט דאָרטן נאָענטע קרובים? — האָט איר דער פֿעטער קליאַנסקי געענטפֿערט, אַז ער האָט ניט ליב ווילנע.

— ווילנע איז אַ שטאָט פֿון טרוקענע מתנגדים און פֿון, ניט דאָ געדאַכט, משכּילים — וויל ער ניט אָנקוקן אַזאַ מין שטאָט! — האָט שוין דער פּעטער קליאַנסקי אַ זאָג געטאָן מיט כּעס.

האָט זיך אָבער איינער פֿון מיינע ברידער (כ׳געדענק שוין ניט ווער?) פּלוצלינג איינגעשטעלט פֿאַר ווילנע און ער האָט אַ זאָג געטאָן צום פּעטער קליאַנסקי:

— ס׳טייטש, פּעטער, ווילנע איז דאָך געוואָרן אַ „ירושלים ד׳ליטע״! וואָס איז ווערט דער ווילנער ש״ס, וואָס די אלמנה והאַחים ראָם האָלטן אין איין איבערדרוקן? און דער ווילנער גאון און ר׳ ישראל סאַלאַנטער, און סטראַשון, און קלמן שולמאַן, און אייזיק מאיר דיק און נאָך און נאָך, וואָס איך געדענק שוין ניט איצטער זייערע נעמען...

האָט דער פּעטער קליאַנסקי גאַנץ רואיק אויסגעהערט די טענה פֿון זיינעם אַ שטיף־זון און ער האָט צו אים אַזוי געזאָגט:

— ווען דו דערציילסט מיר, אַז ווילנע האַלט אויס כּאָטש איין ליובאַוויטשער ישיבה — וואָלט איך מיט דיר, אפשר, מסכּים געווען, אַז ווילנע איז טאַקע אַ „ירושלים ד׳ליטע״, ווי דו זאָגסט, אָבער כ׳האָב נאָך ביז היינט ניט געהערט, אַז ליובאַוויטשער חסידים זאָלן פֿאָרן קיין ווילנע לערנען תּורה.

— אָט שיקט איר דאָך קיין ווילנע אייער יינגערן שטיף־זון! איז ער דען ניט קיין ליובאַוויטשער חסידל, אַ געזונט צו אים! — האָט מלכּה דער מומע איטקעס פּלוצלינג אויסגעשאָסן צו מיין פּעטער קליאַנסקין.

(דאָס איז די זעלבע מלכּה גרונטפּעסט, וואָס האָט געלייענט אַ סך רוסישע ראָמאַנען, וויל זי האָט שטודירט אויף אַן אַקושאַרקע און זי פֿלעגט מיך אָפּט קושן, אָנרופֿנדיק מיך מיט די נעמען פֿון יענע ראָמאַנען־העלדן, אין וועמען זי פֿלעגט זיין פֿאַרליבט).

האָב איך זיך שטאַרק דערשראָקן, אַז מלכּה קאָן נאָך, חלילה, פֿאַר אַלעמען אין די אויגן מיך ווידעראַמאָל אָנהייבן צו קושן און צו האַלדזן, שרייענדיק צו מיר: „אָניעגין, נעבליודאָוו, דאָן־זשואַנטשיק!״ און, שדים וויסן, ווער נאָך? — האָב איך זיך תּיכּף פֿאַרשטעקט הינטערן שטול פֿון מיין מאַמען, ווי איך וואָלט ביי איר געזוכט שוץ קעגן מיין שוועסטער־קינד, וועמען איך האָב דווקא זייער האָלט געהאַט.

האָט די מאַמעלע מיינע באַלד פֿאַרשטאַנען, אַז זי דאַרף נעמען אונטער איר שוץ ניט נאָר מיך אַליין, נאָר אויך — איר מאַן, דעם פּעטער קליאַנסקין, וועלכער האָט זיך שטאַרק פֿאַרלאָרן פֿון דער מיידלס רייד צו אים — האָט די מאַמע צו מלכּהן אַזוי געזאָגט:

— מיר שיקן אים דען קיין ווילנע לערנען! הלוואי וואָלט איך אים בעסער ניט געדאַרפֿט פֿירן אַהינצו! ס׳פֿאַלן מיר איין אַלע בלוטן, ווען כ׳דער־מאָן זיך, אַז כ׳וועל אים דאַרפֿן איבערלאָזן איינינקן אַליין אין אַזאַ גרויסער שטאָט, אין אַזאַ פֿרעמדער שטאָט!

— קינדער מיינע, וואָס זאָגט איר? אפֿשר זאָלן מיר אים ניט רירן פֿון אָרט? אפֿשר זאָל ער מיט אייך בלייבן אין מינסק? מען זאָגט, אַז זיין קרענק קאָן זיך אַמאָל אויסשטיין פֿון זיך אַליין אויך! מאַלע־וואָס די דאָק־טוירים טראַכטן זיך אָן! ווינציק דאָקטוירים האָבן אים אָפּגעזאָגט דאָס לעבן, און פֿונדעסטוועגן האָט ער שוין ניט איינעם פֿון זיי איבערגעלעבט! קינ־דער מיינע, וואָס שווייגט איר, זאָגט עפּעס! — האָט זיך די מאַמע אַ ווענד געטאָן צו מיינע פֿריטשמעליעטע פֿיר ברידער, וועלכע זיינען געזעסן מיט אַרונטערגעלאָזטע קעפּ, ווי זיי וואָלטן, חלילה, געווען אין עפּעס שולדיק.

מיינע ברידער האָבן, פֿאַרשטייט זיך, ניט געקאָנט געבן דער מאַמען קיין שום טרייסט און קיין שום עצה. זיי אַליין האָבן זיך דאָך אויך גענוג געקלעמט, וואָס איך מוז זיי פֿאַרלאָזן.

פּלוצלינג אָבער האָט זיך אָפּגערופֿן מיין ברודער ברוך, וואָס איז על־טער פֿון מיר מיט קאַרגע צוויי יאָר און ער האָט צו דער מאַמען אַזוי גע־זאָגט:

— מיין ניט, מאַמע, אַז דאַניע איז נאָך אַ קינד! ער פֿאַרשטייט אַ סך זאַכן בעסער פֿון אונדז אַלעמען, ווייל ער האָט זיך שוין גענוג אָנגעליטן. אדרבא, וואָס ווייטער ער וועט זיין פֿון אונדז אַלעמען — אַלץ גיכער וועט ער ווערן מער זעלבסטשטענדיק. אויב נאָר ער קאָן זיך אין ווילנע גיכער אויסהיילן, ווי אין מינסק — מוז ער טאַקע פֿאָרן קיין ווילנע. נישקשה, מינסק פֿון ווילנע איז ניט אַזוי ווייט און טאָמער, חלילה, פֿילט ער זיך דאָרטן שלעכט — וועלן מיר אים נעמען צוריק אַהיים! — ניט אַזוי, דאַניע, הא, וואָס זאָגסטו? — האָט זיך שוין ברוך אַ ווענד געטאָן דירעקט צו מיר.

— איך זאָג שוין לאַנג, אַז אָן אייך וועל איך גיכער ווערן אַ גרויסער, אַ דערוואַקסענער! — האָב איך געגעבן אַ שאָס־אויס פֿון הינטער דער מאַמעס שטול.

איז פּלוצלונג אַלעמען געוואָרן גרינגער אויפֿן האַרצן.

זיי האָבן דערזען, אַז איך בין שוין, ווירקלעך, גאָרניט אַזאַ נעבעכל, ווי זיי שטעלן זיך פֿאָר און ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז איידער איך פֿאָר אַוועק פֿון ווילנע — וועלן אַלע פֿינף טשאַרני־ברידער פֿאָטאָגראַפֿירן זיך

אויף איין בילד, כדי די מאַמע אונדזערע זאָל קאָנען שטענדיק האָבן פאַר אירע אויגן אַלע פינף קינדער אירע.

אויך די מאַמע האָט זיך געלאָזט דעמאָלט פאָטאָגראַפירן צום ערשטן מאָל אין איר לעבן אויף אַ באַזונדערן בילד, כדי יעדער זון אירער זאָל זי אויך שטענדיק האָבן פאַר די אויגן. אָבער קיינעם פון אונדז איז דעמאָלט גאָרניט איינגעפאַלן צו פאָטאָגראַפירן זיך אויף איין בילד מיט דער מאַמען און דאָס פאַרדריסט מיך נאָך ביז צום היינטיקן טאָג.

ווי גליקלעך איך וואָלט זיך איצטער געפילט, ווען איך זיץ אויף איין בילד מיט דער מאַמען!

ערשט איצטער זע איך, אַז אונדזערע טאַטעס און מאַמעס זענען געווען אַ סך גרעסערע פּעדאַגאָגן ווי די מאָדערנע לערערס און לערעקעס, וועלכע קאָנען נאָך ביז היינט ניט געפינען דעם ריכטיקן שליסל צום קינדס נשמה.

אָט, למשל, האָט די מאַמע מיינע דערשפּירט, אַז איך פיל זיך שטאַרק דערשלאָגן, וואָס איך מוז פאַרלאָזן מינסק מיט אַלע מיינע פיר ברידער, וועלכע האָבן מיר געשאַפן די אילוזיע פון אַ היים.

האָט די מאַמע מיינע, באַלד נאָכדעם ווי מיר זיינען אַריין אין צוג, וועלכער האָט אונדז געפירט פון מינסק קיין ווילנע, מיר איבערגעגעבן די צוויי באַן־בילעטן, וואָס דער פעטער קליאַנסקי האָט געקויפט פאַר אונדז, און זי האָט צו מיר אַזוי געזאָגט:

— נאַ, דאַניעלע, האַלט די בילעטן ביי זיך. ווען ס׳וועט קומען דער קאָנדוקטאָר, וועסטו אים באַווייזן, אַז איך דו פאָרסט שוין מיט דער באַן אויף אַ גאַנצן בילעט!

ווי עס זעט אויס, האָט זיך די מאַמע דערמאַנט ווי זי האָט מיך געהאַט געפירט דעם ערשטן מאָל קיין מינסק „אונטער דער באַנק”, ווייל זי האָט געוואָלט איינשפּאָרן די ניין קאָפּיקעס, וואָס אַ פערטל בילעט האָט געדאַרפט קאָסטן.

איצטער אָבער איז די מאַמע מיינע געווען שטאָלץ, וואָס זי קאָן שוין פירן איר מיזיניק פון מינסק אַזש קיין ווילנע אויף אַ גאַנצן בילעט. דאָס איז אַ סימן, אַז איך בין שוין געוואָרן מיט מזל אַ גרויסער, אַ דערוואַקסענער. און דורך דעם, וואָס זי האָט מיר איבערגעגעבן דיביידע בילעטן אויף צו ווייזן דעם קאָנדוקטאָר — האָט זי אויך מיך געמאַכט פילן זיך שטאָלץ און דערהויבן, ווי כ׳וואָלט שויןווירקלעך געוואָרן אַ גרויסער, אַ דערוואַקסענער...

באַלד נאָך דעם האָט די מאַמע אַרויסגענומען פון איר טשעמאָדאַנטשיק דעם בריוו, וואָס דער פעטער קליאַנסקי (ד. ה. מיין שטיף־טאַטע) האָט אָנגעשריבן וועגן מיר צו זיינע קרובים אין ווילנע, וועלכע דאַרפן ווערן מיינע אַפּטרופּסים אָדער אַפּעקונס, און זי האָט מיך געבעטן דעם בריוו איבערצו־לייענען.

דער בריוו איז געווען אַדרעסירט צו איינעם אַ יידן מיטן נאָמען ר׳ נחום פּליסקין, וואָס האָט אַן אַריינפאָר־הויז („זאַיעזשי דאָם”) אויף דער שאָפּען־גאַס נומער איינס.

פֿון דעם פּעטערס בריוו, וואָס איז געווען אין אַ גאָר הויכן לשון־קודש, באַפּפּערט און באַזאַלצן מיט יידישע ווערטלעך, האָב איך זיך דערוואוסט, אַז אַט־דער נחום פּליסקין איז זייער אַ וואוילגעלערנטער, אַ יודע־ספר, אַ רך־לבֿ און אַ גאָר גרויסער מכניס אורח (והא ראיה — ער האָט דאָך אַן אייגענע אכסניה!) און אַז איך, דעם פּעטער קליאַנסקיס יינגסטער שטיף־זון, — אַז איך שטאַם אָפּ פֿון גאָר אַ געהויבענעם יחוס און נעמלעך: אַזש פֿון דעם של"ה הקדוש, ווייל די מאַמע מיינע איז אַ געבוירענע הורוויץ, און אַז אויך פֿון דעם טאַטנס צד בין איך איינגעטונקט אין רבנישן יחוס. אָבער ניט געקוקט אויף די אַלע גרויסע זכות־אבות — בין איך, נעבעך, געשטראָפֿט געוואָרן מיט אַזאַ מין מחלה, וואָס נאָר די גרויסע דאָקטוירים פֿון ווילנע קאָנען מיך אויסהיילן. על־כּן, בעט מיין פּעטער דעם קרובֿ זיינעם אין ווילנע — ער זאָל מיך באַשענקען מיט זיין השגחה, ער זאָל מיך אויסהאַלטן בכּבֿוד גדול אין זיין אכסניה און זען, אַז ווען כ'וועל זיין פֿריי פֿון מיין דאָקטאָריע — זאָל איך זיך עוסק זיין מיט תּורה, אָבער ניט, חלילה, אין די מתנגדישע קלויזן און ישיבֿות, ווייל איך — זיין יינגסטער שטיף־זון — בין אַ זון פֿון אַ גאָר הייסן ליובאַוויטשער חסיד, וואָס איז, לא עלינו, זייער יונג פֿאַרשניטן געוואָרן פֿון דעם עולם התּוהו און אַזוי ווייטער און ווייטער.

ווען איך בין פֿאַרטיק געוואָרן מיט דעם פּעטער קליאַנסקיס בריוו, זיינען ביי דער מאַמען אַזש פֿייכט געוואָרן די אויגן.

— זע נאָר, דאַניעלע, ווי ער שרייבט וועגן דיר, דער פּעטער!

— ער האָט דיך זייער האָלט!

— ער האָט מיר אָנגעזאָגט — האָט די מאַמע באַלד צוגעגעבן, אַז איך זאָל אָפּרעדן מיט די פּליסקינס, מען זאָל דיר געבן גוטע קעסט און אַ ווייך בעט, און ער וועט זיי יעדן חודש באַצאָלן וואָס זיי קומט.

— ער האָט מיר אַ חוץ דעם געגעבן אַ גאָלדענעם אימפּעריאַל (15 רובל) — דו זאָלסט שטענדיק האָבן אַ מזומנעם גראָשן אויף צו פֿאַרריכטן אַ בגד צי אַ שוך און אויף פּאַפּיר מיט מאַרקעס — זאָלסט אונדז שרייבן יעדן צווייטן טאָג אַ בריוו!

— יאָ, מיין זון, דעם עיקר האָב איך שיעור ניט פֿאַרגעסן! — האָט זיך די מאַמע ווידעראַמאָל אַ נעם געטאָן פֿאַר איר לעדענעם טשעמאָדאַנטשיק.

— כ'וויל דיר נאָך ווייזן די כּתובה מיינע, וואָס ער האָט מיר געגעבן. אָט איז זי! לייען, מיין קינד, ווייל דו מוזט פֿון דעם וויסן! לייען!

האָב איך פֿונעם פּעטער קליאַנסקיס כּתובה זיך דערוואוסט, אַז אויב ער שטאַרבט פֿריער פֿון דער מאַמען — דאַרפֿן דענסטמאָל זיינע יורשים אויס־

צאָלן דער מאַמען 200 רובל אין מזומן, און אויב, חלילה, פאַרקערט — דאַרף דענסטמאָל דער פעטער קליאַנסקי אויסצאָלן די 200 רובל צו מיר — דעם ייִנגסטן פון די יתומים...

— פאַרוואָס עפּעס נאָר צו מיר אַליין? — האָט זיך ביי מיר אַרויס־געריסן אַן אומגעלומפּערטע פראַגע.

— ווייל דו ביסט ביי אונדז דער יונגסטער און דער שוואַכסטער — האָט די מאַמע אָנגעהויבן ווי צו פאַרענטפערן זיך פאַר מיר.

— אָט טאַקע דערפאַר, ווייל איך בין דער ייִנגסטער און דער שוואַכ־סטער, קאָן איך דאָך שטאַרבן אַ סך פריער פון מיינע עלטערע ברידער — האָט מען דעריבער געדאַרפט אַריינשטעלן אין דער כתובה אויך נאָך, לכל הפחות, שמואלן מיט ברוכן! ווייסט דאָך, מאַמעלע, וואָס די דאָקטוירים זאָגן וועגן מיר! און אויף שמואלן מיט ברוכן איז נאָך אַ גרעסערער רחמנות, ווי אויף מיר, ווייל וועגן מיר זאָרגן זיך אַלע און וועגן זיי זאָרגט זיך ניט קיינער! — האָב איך פלוצלינג אָנגעהויבן צו דינגען זיך מיט דער מאַמען וועגן עפּעס אַ ירושה־ענין, וועלכער קאָן פאַרקומען ערשט נאָך די הונדערט מיט צוואַנציק יאָר...

די מאַמע האָט גאַנץ גוט פאַרשטאַנען מיין גערעכטע טענה, אָבער זי האָט בשום־אופן ניט געוואָלט אַרויפלאָזן אויפן געדאַנק די מעגלעכקייט, אַז איך קאָן, חלילה, שטאַרבן פריער פון דעם פעטער קליאַנסקי, צי פון איר אַליין, און כדי מיר צו פאַרטומלען דעם קאָפּ מיט אַנדערע זאַכן — האָט די מאַמע, ווי אַ געניטע לערערקע, מיר אָנגעהויבן צו דערציילן וועגן מיין ערשטער פלימעניצע אין בערעזין, וועלכע האָט מיך שוין געמאַכט פאַר אַ פעטער.

די דאָזיקע ערשטע פלימעניצע מיינע האָט, ווירקלעך, אַרויסגערופן ביי מיר אַ נייעם טומל אין קאָפּ.

ס'איז געווען דאָס ערשטע קינד פון מיין איינציקער שוועסטער, פון מירלען, וועלכע האָט חתונה געהאַט מיט דעם פעטער מוניע (דעם טאַטנס אַ ברודער) פון בערעזין.

איז ווען איך קום, למשל, קיין בערעזין — וועלן דענסטמאָל אַרום־גיין אין איין הויז צוויי פעטערס, וואָס איינער פון זיי הייסט מוניע טשאַרני און דער צווייטער — דאַניע טשאַרני.

אמת, מיין פעטער מוניע איז מיר שוין אויך אַ שוואָגער, ווייל ער איז דאָך מיין שוועסטערס מאַן, און מיין שוועסטער איז מיר שוין אויך אַ מומע, ווייל זי איז דאָך מיין פעטערס ווייב. איז שוין מיין פלימעניצע מיר במילא

אויך נאָך אַ שוועסטער־קינד — האָט מיך אָט־די דאָזיקע געכּפּלטע קרובה־שאַפט דערמאָנט אין מיין ברודער בריכס אַלגעברע, וואו מען כּפּלט אַן איקס אויף אַן איגרעק, כּדי צו באַקומען אַ „זעט".

האָב איך זיך פון דעם מאָדנעם פאַרגלייך פלוצלינג פאַנאַנדערגעלאַכט. איז די מאַמע געוואָרן נייגעריק צו וויסן, וואָס עפּעס פלוצלינג האָב איך זיך פאַנאַנדערגעלאַכט? — האָב איך איר געענטפערט, אַז איך פריי זיך, וואָס איך בין שוין געוואָרן מיט מזל אַ פעטער!

די מאַמע האָט פאַרשטאַנען, אַז ניט דאָס אַליין איז געווען די אמתע סיבה פון מיין געלעכטער, אָבער כּדי ווייטער אָנצוהאַלטן ביי מיר די אילוזיע פון דערוואַקסנקייט — האָט די מאַמע אַ זאָג געטאָן:

— וועסט נאָך, אי״ה, ווערן אַ טאַטע אויך!

— איך אַ טאַטע? ווי איז דאָס מעגלעך, מאַמעלע, אַ געזונט צו דיר?

— גאַנץ פּשוט, קינד מיינס! ביסט שוין, אָן ע״ה, אַ בחורל פון פופצן יאָר. אין עטלעכע יאָר אַרום וועסטו ווערן אַכצן! פאַר דעם פּריזיוו האָסטו דאָך ניט וואָס מורא צו האָבן! וועסטו צו אַכצן יאָר שוין קאָנען, מיט מזל, חתונה האָבן און ווערן אַ בעל־הבית פאַר זיך!

וואָס רעדסטו, מאַמעלע! וועלכעס מיידל וועט דאָס מיט מיר וועלן חתונה האָבן? כ׳בין דאָך אַ בעל־מום...

— רעד ניט קיין נאַרישקייטן, דאַניע! — האָט די מאַמע אויף מיר אָנגעשריען. — אַ מאַנסביל איז קיינמאָל ניט קיין בעל־מום. מיינסט, איך האָב ניט געזען ווי דיין מומע איטקעס מיידלעך האָבן זיך געקלעפּט צו דיר, ווי פליגן אויף האָניק? אַלע האָבן דיך זייער האָלט! און כ׳וועל דיר, דערציילן אַ סוד, אַז דער פעטער קליאַנסקי האָט שוין אין זשעבין צוויי אייניקלעך, מיידלעך, וואָס די עלטערע פון זיי איז כּמעט אין דיינע יאָרן און ער האָט שוין אַפילו גערעדט מיט מיר, אַז ווען דו וועסט, אי״ה, פאַרטיק ווערן מיט דיין קוראַציע אין ווילנע, וועט ער דיר רעדן אַ שידוך מיט זיין אייניקל.

אויסהערנדיק פון דער מאַמען וועגן דער דאָזיקער נייער געכּפּלטער קרובהשאַפט צווישן מיר מיט מיין שטיף־טאַטנס אַן אייניקל — האָב איך זיך ווידער פלוצלונג פאַנאַנדערגעלאַכט, און די מאַמע האָט ווידעראַמאָל אָנגעהויבן צוצושטיין צו מיר — כ׳זאָל איר זאָגן, פאַרוואָס איך לאַך אַזוי מאָדנע? —

— שוין צום צווייטן מאָל, ווי דו לאַכסט מיט עפּעס אַ באַהאַלטענעם מיין! דערצייל מיר, קינד, וואָס דו לאַכסט אַזוי אין מיטן דערינען?

האָב איך איר דערציילט דעם אמת, אַז איך לאָך פֿון ברוכס „זאַדאַ־טשעס“ (אויפֿגאַבעס), וואָס ער מאַכט פֿון אַזאַ מין טשיקאַוון ביכל, וואו אַנשטאָט ציפֿערן געברויכט מען גאָר לייטיינישע אותיות.

— שטעל זיך פֿאָר — האָב איך אָנגעהויבן מסביר צו זיין דער מאַמען דעם ענין אין מאַמע־לשון: ווען מען זאָגט, למשל, אַז פֿינף מאָל אַכט איז פֿערציק — לייגט זיך דאָס אויפֿן שכל, אָבער ווען מען זאָל זאָגן: כּפֿל אַ „ה“ (וואָס באַטרעפֿט 5) אויף אַ „ח“ (וואָס באַטרעפֿט 8) און דו באַקומסט אַ שלאָס־מעם (וואָס באַטרעפֿט 40) איז זייער קאָמיש, כאָטש דער חשבון שטימט טאַקע.

— איז צו וואָס מאַכט ברוך אַזעלכע מאָדנע חשבונות? — האָט די מאַמע געוואָלט וויסן.

— ער וויל אָפּגעבן עקזאַמענס אויף זעקס קלאַסן גימנאַזיע, צי אפֿשר נאָך מער, און דענסטמאָל קאָן ער ווערן אַ פּראָוויזאָר, צי אַ „דאָמאַשני אוּ־טשיטעל“ (הויז־לערער) — האָב איך געענטפֿערט מיט שטאָלץ וועגן מיין ברודער ברוך, וואָס פֿאַרמעסט זיך אַזוי גרויס.

— און וואָס טוט שמואל? — האָט מיך שוין די מאַמע ווייטער אויסגע־פֿרעגט.

— אויך שמואל לערנט שטילערהייט אַלע וועלטלעכע קענטענישן, אָבער וואָס ער וויל ווערן — ווייס איך נאָך ניט...

— אַבי כ'האָב געמיינט, אַז שמואל מיט ברוכן וועלן ווערן גרויסע רבנים און ס'וועט מיט זיי קלינגען אַ וועלט! — האָט די מאַמע אַ זאָג געטאָן מיט גרויס אַנטוישונג.

— זאָרג זיך ניט, מאַמעלע, עס וועט מיט זיי סיי־ווי קלינגען אַ וועלט. אָט וועסטו זען! עס קומט איצטער אויף אַ גאַנץ נייע צייט. מען רעדט וועגן אויסלייזן ארץ־ישראל. ניט אַלע יידן קאָנען דאָך וואַרטן ביז משיח וועט קומען! און מען רעדט אויך, מאַמעלע, וועגן באַפֿרייען די גאַנצע וועלט פֿון שקלאַפֿעריי — עס זאָלן ניט זיין מער קיין גבירים און קיין קבצנים. זיינען שמואל מיט ברוכן שוין שטאַרק פֿאַרקאָכט אין די אַלע זאַכן. הונ־דערטער מענטשן קומען אין דער ביליקער קיך הערן זייערע דרשות און גאַנץ מינסק קען זיי שוין!

— איך וועל דיר זאָגן דעם אמת, — האָט מיך די מאַמע איבערגע־שלאָגן, — אַז כ'פֿאַרשטיי נים קיין זאַך, וואָס דו דערציילסט מיר. ווי קומען שמואל מיט ברוכן צו אַזעלכע זאַכן? און וואָס זאָגן אויף דעם מענדל מיט זאַלקען? (די גאָר עלטסטע ברידער מיינע.)

— אַט צוליב דעם טאַקע האָבן דאָך מענדל מיט זאַלקען באַשלאָסן אָוועקצופאָרן באַצייטנס קיין אַמעריקע, ווייל אויב שמואל מיט ברוכן זאָלן טאַקע אויספירן, וואָס זיי ווילן — אַז אַלע יידן זאָלן קאָנען פאָרן קיין ארץ־ישראל און ס׳זאָל ווערן אויס גביר און אויס קבצן — וועט מען דאָך שוין דענסטמאָל במילא מוזן שליסן די ביליקע קיך און מענדל מיט זאַלקען וועלן דאָך פאַרלירן זייערע שטעלעס...

האָט מיר אָבער די מאַמע ווידעראַמאָל איבערגעשלאָגן, אַז כ׳רעד ניט צו דער זאַך... לויט מיינע רייד באַקומט זיך, אַז צוליב די איינרעדענישן פון שמואלן מיט ברוכן דאַרפן גאָר מענדל מיט זאַלקען אָוועקפאָרן אַזש קיין אַמעריקע!

האָב איך זיך טאַקע אַליין געכאַפּט, אַז כ׳האָב זיך אַ ביסל פאַרפלאָנ־טערט אין די רייד, אָבער ס׳איז ניט געווען מיין שולד. דאָס האָב איך זיך גע־וואָלט פאַרשטעלן פאַר אַ גרויסן און דערקלערן דער מאַמען די אַלע גרויסע זאַכן, וועגן וועלכע מען רעדט אַזויפיל אין דער ביליקער קיך.

אַ נס, וואָס דער קאָנדוקטאָר האָט אונדז געמאָלדן, אַז באַלד איז שוין ווילנע!

שמועסנדיק אַזוי מיט דער מאַמען — האָב איך גאָרניט באַמערקט, ווי דער צוג האָט דורכגעמאַכט דעם גאַנץ־לאַנגן וועג צווישן מינסק און ווילנע.

האָבן מיר אָנגעהויבן אויף גיך איינצופּאַקן אונדזערע פעקלעך און עס האָט מיך שוין פאַרדראָסן, וואָס איך האָב דער מאַמען דערציילט צופיל זאַכן וועגן די עלטערע ברידער מיינע אין מינסק.

זי איז געוואָרן פון דעם זייער אומעטיק און איך — נאָך מער!

אַ פולער קעלער מיט זומער־שפּרענקעלעך —

מײַנע ערשטע אײַנדרוקן פֿון ווילנע זײַנען געווען ניט קײן געהויבענע. שוין אויפֿן וואָקזאַל האָב איך דערזען, אַז דער ייִדישער דלות איז אין ווילנע נאָך גרעסער ווי אין מינסק.

די טרעגערס האָבן זיך גענומען רײַסן פֿאַר אונדזערע פּעקלעך. יעדער אײנער פֿון זיי האָט געוואָלט פֿאַרדינען די פּאָר קאָפּיקעס.

ווער ווייסט ווי לאַנג זיי וואָלטן זיך געווען געריסן און געשאָלטן זיך מיט ביטערע קללות, ווען ס׳מישט זיך ניט אַרײַן אײנע אַ מיידל מיט זייער רויטע האָר און זי גיט אונדז אַ פֿרעג, צי מיר זײַנען ניט פֿון די קליאַנס־קיס?

— יע, פֿון די קליאַנסקיס! — האָט די מאַמע תּיכּף געענטפֿערט.

— און איך בין פֿון די פּליסקינס! — האָט זיך דאָס רויטע מיידל פֿאַר אונדז פֿאָרגעשטעלט.

— מיר האָבן באַקומען פֿון מינסק אַ טעלעגראַמע, אַז איר קומט אָן מיט דעם דאָזיקן צוג.

(דאָס האָט דער פֿעטער קליאַנסקי, לאָזט זיך אויס, געקלאַפּט אַ טע־לעגראַמע צו דער אכסניה, אַז מען זאָל אונדז אָפּוואַרטן אויף דער באַן. דאָס איז זייער פֿײַן פֿון אַ שטיפֿטאַטן, ניט אַזוי?)

האָבן אונדז די טרעגערס שוין אָפּגעלאָזט, ווײַל זיי האָבן דאָך גע־וואוסט, אַז פּליסקינס אכסניה איז זייער נאָענט פֿון וואָקזאַל און ס׳איז ניטאָ צוליב וואָס צו רײַסן זיך!

דעמאָלט האָט די רויט־האָריקע מיידל שוין אַליין אויסגעקליבן איי־נעם אַ טרעגער, וועלכער באַדינט שטענדיק זייער אכסניה און מיר האָבן זיך אַוועקגעלאָזט צופֿוס צו דער שאָפֿען־גאַס נומער אײנס, וועלכע איז טאַקע ניט מער ווי צוויי מינוט גאַנג פֿון וואָקזאַל.

ס׳איז שוין געווען אַכט אין אָוונט. די קורצע וואָקזאַל־גאַס, וועלכע האָט געפֿירט דירעקט צו דער שאָפּענאַווסקע, איז געווען גוט באַלויכטן. האָב איך באַלד באַמערקט, אַז אויף בײדע זײַטן גאַס שטייען אויף די טראָטואַרן אַ סך אָנגעפּאַרבטע מיידלעך, צי ווייבלעך, וועלכע האַלטן אין איין ווינקען צו די מענער, וואָס גייען פֿון וואָקזאַל אין שטאָט אַרײַן.

האָב איך זיך געמאַכט תמעוואַטע און אַ פֿרעג געטאָן די באַגלייטערין אונדזערע, ווער עס זײַנען אָט־די אָנגעפּאַרבטע פֿרויענצימערס. איז די רויט־האָריקע מיידל פֿון אונדזער אכסניה געוואָרן פֿון מײַן פֿראַגע נאָך רויטער ווי געווען, אַלע אירע זומער־שפּרינקלעך האָבן אָנגעהויבן אַרומצולויפֿן איבער אירע ווײַסן באַקן, ווי איבערגעשראָקענע רויטע מוראַשקעס.

אָנשטאָט צו פֿאַרענטפֿערן מײַן פֿראַגע, האָט דאָס רויט־געוואָרענע מיידל מיר אַ זאָג געטאָן מיט גדולה:

— אָט איז שוין אונדזער הויז!

האָב איך אַ קוק געטאָן אויף דעם הויז און כ׳האָב זיך זייער דערפֿרייט, וואָס מיר פֿאָרן אַרײַן אין אַזאַ גרויסער אכסניה!

ס׳איז געווען אַ ריזיקער פֿינף־שטאָקיקער מויער אויף אַ ווינקל פֿון צוויי גאַסן, אָבער דער אַרײַנגאַנג צו אונדזער אכסניה איז געווען פֿון דער שאָפּען־גאַס.

(כ׳האָב שוין דענסטמאָל געוואוסט, אַז שאָפּען איז אַ קאָמפּאָזיטאָר, וואָס האָט באַשאַפֿן אַזאַ טרויער־מאַרש, וועלכן מען שפּילט ביי אַלע גרויסע לוויות, נאָר אויב ער פֿאַרמאָגט אין ווילנע אַן אייגענע גאַס — איז פֿאַרוואָס איז ער אַזוי טרויעריק, דער שאָפּען?)

דער טרעגער, וואָס איז געגאַנגען פֿאָרויס מיט אונדזערע פּעקלעך, האָט פּלוצלינג זיך געגעבן אַ שטעל־אָפּ ביי איינעם אַ קעלער און ער האָט אָנגעהויבן אַרונטערלאָזן זיך ניין איילן טיף אין דער ערד אַרײַן.

דאָס רויטע אכסניה־מיידל האָט צו אונדז אַ זאָג געטאָן:

— זייט פֿאָרזיכטיק, די טרעפּ זײַנען היינט אַ ביסעלע גליטשיק...

האָב איך געכאַפּט אַ קוק אויפֿן הילצערנעם שילדל, וואָס איז געהאָנגען ביים אַרײַנגאַנג, ריכטיקער געזאָגט: ביים אַרונטערגאַנג אין קעלער אַרײַן, און כ׳האָב איבערגעלייענט די רוסישע אויפֿשריפֿט: „זאַיעזשי דאָם פּליסקינאַ”.

האָב איך אַ נעם געטאָן דער מאַמען אונטערן האַנט און אָנגעהויבן פּאַוואָליע אַרונטערצולאָזן זיך מיט איר אין קעלער אַרײַן, כ׳האָב אָנגעציילט צוועלף טרעפּ באַשאָטענע מיט אַש און שטיקלעך קוילן.

(ס׳איז געווען באַלד נאָך פּורים, ווען דער ווינטער האָט נאָך אין ווילנע ניט אינגאַנצן אָפּגעלאָזט.)

הינטער דער באַגלאָזטער טיר, וועלכע האָט שוין געפֿירט דירעקט אין אכסניה אַרײַן, זײַנען געווען נאָך דריי טרעפּ, אויף וועלכע קיינער פֿון די נייע געסט פֿלעגט זיך ניט ריכטן, און דעריבער פֿלעגט מען אין דער דאָ־

זיקער אכסניה, קיינמאָל ניט אַריינקומען מעשה מענטש, נאָר אַריינפאַלן, ווי אַ שיכור.

אַ נס, וואָס אויף אונדז האָט ביי די דאָזיקע דריי געפּערלעכע טרעפּ שוין אָפּגעוואָרט די גאַנצע פליסקין־משפּחה — איז די מאַמע מיינע אַריינגע־פאַלן דירעקט אין די אָרעמס פון דער באַלעבאָסטע, וואָס איז אויך געווען דורכויס אַ רויטע, און איך, פאַרשטייט זיך, בין אַריינגעפאַלן אין די אָרעמס פון איינער אַ מיידל, אָבער אַ שוואַרצע (זינט איך לעב האָב איך צו ברו־נעטקעס אַ סך מער מזל ווי צו די בלאָנדינקעס.)

ווי נאָר מיר זיינען געקומען צו זיך פון אונדזער אומגעריכטער קעלער־ירידה — האָט אונדז די באַלעבאָסטע אויסגעזעצט ביים גרויסן טיש, וועלכער האָט פאַרנומען אַ גוטע העלפט פון דעם אכסניה־צימער.

אויבן־אָן איז געזעסן דער באַלעבאָס אַליין און ביי די זייטן האָבן זיך אויסגעזעצט אַלע פינף קינדער פון דער פליסקין־משפּחה: צוויי שוואַרצע מיידלעך, צוויי רויטע מיט זייער אַ סך זומער־שפּרינקלעך, כאָטש ס׳איז נאָך געווען ווינטער־צייט, און איינער אַ יינגל פון אַ יאָר צען — דער מי־זיניקל.

האָט די מאַמע מיינע איבערגעגעבן פליסקינען דעם בריוו, וואָס דער פעטער קליאַנסקי (מיין מאַמעס מאַן) האָט צו אים געשריבן וועגן מיר.

דער אכסניה־באַלעבאָס איז אָבער געווען, זעט אויס, זייער אַ קורצ־זיכטיקער — האָט ער געלייענט דעם פעטער קליאַנסקיס בריוו מער מיט דער נאָז ווי מיט די אויגן. האָב איך זיך צוגעקוקט ווי דער ייד אָקערט אויף יעטוועדע העברייאישע שורה פונעם בריוו ממש מיט דער נאָז. נאָר אַזוי ווי דער בריוו איז געשריבן געוואָרן מיט האַלבקיילעכדיקע שורות, ווי עס איז געווען דענסטמאָל דער מנהג ביי די פרומע יידן, האָט אויך פליסקינס נאָז געמוזט מאַכן אויפן בייגעלע פּאַפּיר האַלבע קרייזן, כדי ניט אַראָפּצו־גיין פון דעם גלייכן וועג.

ווען פליסקין איז, ענדלעך, פאַרטיק געוואָרן מיטן פעטער קליאַנסקיס בריוו, האָט ער אָנגעשטעלט אויף אונדז זיינע מיד־געוואָרענע נאָז און אויגן און ער האָט אַ זאָג געטאָן מיט גרויס התפּעלות:

— אָי־וואָ, איר שטאַמט דאָך פון אַ גאָר גרויסן יחוס, אַזש פון דעם של״ה הקדוש, איין קליין־קייט!

— די ערשטע ווייב זיינע (ד. ה. דעם פעטער קליאַנסקיס) איז אויך גע־ווען אַ וואוילגעלערנטע, אָבער ניט פון אַזאַ גרויסן יחוס, ווי איר! — האָט שוין פליסקין אַ זאָג געטאָן דירעקט צו דער מאַמען.

(די מאַמע מײַנע האָט אַרונטערגעלאָזט די אויגן, ווי זי וואָלט זיך דערפֿילט שולדיק, הלמאַי די פֿאַרגענגעריין אירע, ע"ה, האָט ניט געשטאַמט פֿון גרויסן יחוס.)

— זי איז טאַקע געווען, איך צו לאַנגע יאָר, מײַנע אַ שוועסטערקינד, אויך פֿון פּליסע, אָבער ס'איז איר, נעבעך, ניט באַשערט געווען צו דערלעבן נחת פֿון קינדער און אייניקלעך! זאָל זי זײַן פֿאַר אונדז אַ גוטע בעטעריןְ! — האָט פּליסקין שווער אָפּגעזיפֿצט, אָבער די ווײַב זײַנע, וועלכע האָט שוין באַוויזן אויפֿצוקאָכן אַ טשײַניק מיט טיי, האָט אָנגעשריען אויפֿן באַלעבאָס, הלמאַי ער האָט זיך פּלוצלינג דערמאָנט אין דער ערשטען ווײַב פֿון מײַן שטיף־טאַטן, וועלכע איז שוין לאַנג אויף יענער וועלט.

— נחום, הער אויף צו ריידן נאַרישקייטן. דערווײַל זײַנען מיר נאָך, דאַנקען גאָט, אויף דער וועלט און מען דאַרף עסן וועטשערע. קינדער, גרייט צום טיש! — האָט פֿרוי פּליסקין אַ קאָמאַנדעווע געטאָן צו אַלע אירע פֿיר טעכטער.

דריי פֿון זיי האָבן זיך תּיכּף געגעבן אַ הייב־אויף פֿון טיש צו העלפֿן דער מאַמען, אָבער די פֿערטע טאָכטער, וואָס איז געווען נאָך אַ סך רויטער פֿון דער וואָס איז געקומען אונדז אָפּנעמען פֿון דער באַן און זי האָט אויסגעזען צו זײַן אין מײַנע יאָרן האָט זיך ניט גערירט פֿון אָרט.

זי איז געזעסן פּונקט אַנטקעגן מיר און געהאַלטן אין איין קוקן אויף מיר מיט אַלע אירע צעפּינקלטע זומער־שפּרינקלעך. אַפֿילו די שוואַרצע אַפּלען פֿון אירע אויגן האָבן אויך אויסגעזען אין מײַנע אויגן ווי צוויי אָנגעצונדענע רויטע לעמפּעלעך און איך בין געווען מער ווי זיכער, אַז די דאָזיקע מיידל קאָן אויך זען אין די פֿינצטער, ווי אַ קאַץ.

שפּעטער אַביסל האָב איך זיך דערוואוסט, אַז די דאָזיקע מיידל האָט זיך געשעמט אויפֿצוהייבן פֿון שטול, ווײַל ווען זי פֿאַרלאָזט דעם טיש, וואָלט איך דאָך גלייך דערזען אַז זי איז, נעבעך, זייער אַ הינקעדיקע.

די מאַמע און איך זײַנען אַוועק אין קיך וואַשן זיך צום עסן און וואַרטנדיק אויף מײַן האַנטוך, האָט מיך אָנגעהויבן צו עגבערן די נאַרישע פֿראַגע, וואָס פֿאַר אַ שייכות וואָלט איך געהאַט צו די אַלע פּליסקינס, ווען די ערשטע ווײַב פֿון מײַן שטיף־טאַטן וואָלט נאָך געלעבט?

„ווען זי שטאַרבט ניט, די ערשטע ווײַב זײַנע", האָב איך אַ טראַכט געטאָן, „וואָלט איך דאָך קיינמאָל ניט געוואָרן קיין קרוב מיט די פּליסקינס און כ'וואָלט ניט פֿאַרפֿאָרן אין אַזאַ מין אכסניה, וואָס געפֿינט זיך אין אַ קעלער ניין איילן טיף אין דער ערד.

אמת, אין דעם דאַזיקן קעלער זעט אויס צו זיין גאַנץ פֿריילעך. די פֿיר מיידלעך האַלטן אין איין קוקן אויף מיר מיט אַ סך ליבשאַפֿט, ווי כ'וואָלט שוין ווירקלעך געוואָרן זייערער אַ נאָענטער קרוב.

די עלטסטע פֿון זיי, אין וועמעס אָרעמס כ'בין געווען אַריינגעפֿאַלן על־פּי ריינעם צופֿאַל, האָט אויסגעזען צו זיין אַזוי מיד און שלעפֿעריק, כאָטש נעם און גיב איר אַ קאָפּיקע — זי זאָל אָנהייבן צו אָטעמען, ווי די קלעאָ־פּאַטרע פֿון מינסקער פּאַנאָפּטיקום.

זעט איר, די צווייטע, די רויטע, וואָס האָט אונדז אָפּגענומען פֿון דער באַן, איז שוין יע געווען פֿול מיט לעבן. האָט זי טאַקע איינס און צוויי גע־גרייט צום טיש און אָנגעשאָטן אַ פֿולן טעלער מיט בייגל, וואָס אַזעלכע מאָד־נע בייגל באַקט מען נאָר אין ווילנע אַליין.

האָט איר שוין געזען אַמאָל בייגל אָן לעכער? אדרבה, וואָס גרעסער די לאָך, אַלץ טייערער דער בייגל. אַזוי, למשל, פֿלעגט דער מינסקער טערק נעמען פֿאַר איין בייגל אַ גאַנצע קאָפּיקע, ווייל אַ טערקישער בייגל האָט זייער אַ גרויסן לאָך, בעת די געוויינלעכע בייגל פֿון די יידישע בעקערס אין מינסק פֿלעגן גיין צוויי פֿאַר אַ קאָפּיקע, ווייל זייערע לעכער זיינען שוין גע־ווען אַ סך קלענער.

אָבער ווילנער בייגל האָבן גאָר אינגאַנצן ניט קיין לעכער. אַפֿילו קיין דינעם פֿאָדעם קאָן מען דורך זיי ניט דורכציען!

אויך די מאַמע מיינע איז צעטומלט געוואָרן פֿון דעם מאָדנעם מין בייגל, וואָס זיינען גאָר קיין בייגל ניט, און זי האָט אַ פֿרעג געטאָן די באַלע־באָסטע, ווי מען רופֿט דעם דאָזיקן מין געבעקס?

— צי דען זעט איר ניט, פֿרוי קליאַנסקי, אַז דאָס זיינען בייגל, פֿרי־שינקע בייגל, אָקאָרשט פֿון דער בעקעריי! — האָט די רויטע באַלעבאָסטע אָן ענטפֿער געטאָן מיט אַ פֿולן מויל זומערשפּרינקלעך.

האָט מיר דער דאָזיקער ענטפֿער אַ שניט געטאָן איבערן האַרצן, צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן האָב איך דערהערט ווי מען רופֿט מיין מאַמען „פֿרוי קליאַנסקי".

איז מיר די מאַמע מיינע געוואָרן פּלוצלינג אַזוי־פֿרעמד און ווייט, ווי זי וואָלט מיר גאָר געווען, חלילה, אַ שטיפֿמאַמע.

האָט אָבער די מאַמעלע מיינע באַלד דערשפּירט מיין גרויסע פֿאַר־לאָרנקייט. זי האָט צעשניטן איינעם אַ לאַכלאָזן בייגל אויף צוויי העלפֿט, באַשמירט מיט פּוטער און מיר דערלאַנגט:

— נאַ, דאַניעלע, עס געזונטערהייט!

אין די דאַזיקע עטלעכע ווערטער האָט די מאַמעלע אַריינגעלייגט אַזוי־פיל ליבשטפט און גוטסקייט צו מיר, אַז קיין שום „פּרוי קליאַנסקי" וואָלט עס בשום־אופן ניט געקאָנט אַזוי טאָן!

האָב איך גאַנץ געשמאַק זיך איינגעביסן אין דעם בייגל מיט פּוטער און ערשט דענסטמאָל איז מיר קלאָר געוואָרן פאַרוואָס מען רופט די וויל־נער „נאַשערס".

גאָר גרויסע נאַשערס האָבן זיך געקאָנט דערטראַכטן צו דעם גרויסן איינפאַל, אַז מען קאָן אַפילו די לאָך פון אַ בייגל פאַרלייגן מיט טייג, כדי עס זאָל קיין זאַך ניט גיין אין ניוועץ.

אויך די באַלעבאַטים פון אונדזער אכסניה, די פּליסקינס, האָבן אין זייער קעלער־דירה ניט געלאָזט גיין אין ניוועץ קיין איין־איינציקן ווינקעלע.

וואָר־נאָר ס'האָט זיך געלאָזט, האָבן זיי געגעבן אַ שטעל אַוועק אַ בעט, אַ קושעטקע, אַ טאַפּטשאַן און געמאַכט דערפון אַ „שלאָף־צימער".

ס'איז געווען גענוג צו פאַרשטעלן די בעט אָדער די קושעטקע מיט אַ פּאָר שפּאַנישע ווענטלעך און דער גאַסט האָט שוין געהאַט אַ „צימער" פאַר זיך אַליין.

פון אַזאַ מין „זאַיעזשי דאָם" האָט עס די זיבן־קעפּיקע פּליסקין־משפחה געדאַרפט ציען איר חיונה.

ווען כ'האָב אַ פרעג געטאָן די רויט־האָריקע, וואָס האָט אונדז געבראַכט פון דער באַן, וואו עס געפינט זיך דער געאָרגיעווסקי פּראָספּעקט, וואוהין כ'וועל דאַרפן מאָרגן גיין מיט דער מאַמען צו מיין דאָקטאָר סווידערסקי, האָט מיר די מיידל געזאָגט דעם אמת, אַז זי איז נאָך קיינמאָל ניט געווען אויף דעם געאָרגיעווסקי פּראָספּעקט, ווייל דאָרטן וואוינען כמעט דורכויס קריסטן, אָבער זי ווייסט ווי מען קאָן אַהין קומען! מען מוז נעמען ביים וואָקזאַל די „קאָנקע", דורכפאָרן גאַנץ זאַוואַלנע גאַס ביז סאַמע פאָרטאָווע און דאָרטן ערגעץ איז שוין דער געאָרגיעווסקי פּראָספּעקט.

האָט די מאַמע באַשלאָסן, אַז וויבאַלד מיר וועלן מאָרגן פרי האָבן אַזאַ לאַנגע רייזע, דאַרף מען גיין וואָס פריער שלאָפן!

— וואו וועט איר אונדז איינלייגן שלאָפן? — האָט די מאַמע זייער דעלי־קאַט אַ פרעג געטאָן די פרוי פּליסקין.

— וואָס רעדט איר, פרוי קליאַנסקי, עס שטייט פאַר אייך גרייט אַ באַזונדער צימער און איר וועט שלאָפן ווי די גראַפן!

דאָס איז געווען, לאָזט זיך אויס, דער שלאָפצימער פון די באַלעבאַטים גופא.

צווי שמאַלע בעטן האָרט איינע לעבן דער צווייטער, אַ הילצערנע טאַבורעטקע און אַ טשוואָק אויף אויפצוהענגען די קליידער.

אַזוי אַרום האָב איך געשלאָפן כמעט אין איין בעט מיט דער „פרוי קליאַנסקי", וועלכע האָט אַ גאַנצע נאַכט זייער שווער געזיפצט.

אויך איך האָב אַ גאַנצע נאַכט שווער געזיפצט. עס זיינען מיך באַפאַלן אַלע זומערשפּרינקלעך פון דער רויטער באַלעבאָסטע מיט אירע צווויי רויטע טעכטער און כ'האָב געמיינט, אַז כ'וועל פון זיי משוגע ווערן.

האָט איר ווען געהערט, אַז זומערשפּרינקלעך זאָלן זיך בייסן?

— ווילנער זשוליקעס

לכתחילה האָט די מאַמע געהאַט בדעה צו פֿאַרבלייבן מיט מיר אין ווילנע אַ גאַנצע וואָך ביז כ׳וועל זיך אַביסל איינלעבן אין מיין נייער היים, אָבער ווען מיר ביידע האָבן דערזען, ווי עס זעט אויס די קעלער־אכסניה פֿון מיין פֿעטער קליאַנסקיס קרובים — איז אונדז ביידן געוואָרן זייער טרוי־עריק אויפֿן האַרצן.

די מאַמע האָט שוין אַפֿילו געהאַט בדעה צו ווערן ברוגז אויף איר מאַן, הלמאַי ער האָט אונדז אַריינגעשיקט אין אַזאַ מין לאָך, אָבער פֿון וואַנען האָט דער פֿעטער קליאַנסקי געקאָנט וויסן, ווי עס זעט אויס דער „זאַיעזשי דאָם״ פֿון זיין ערשטער פֿרויס, ע״ה, קרובים, ווי באַלד ער איז קיינמאָל ניט געווען אין ווילנע?

האָב איך דעם פֿעטער קליאַנסקי גענומען אונטער מיין שוץ און כ׳האָב אָנגעהויבן צוצוריידן דער מאַמען, אַז זי זאָל וואָס גיכער אומקערן זיך אַהיים.

— מילא, איך בין דאָך געקומען קיין ווילנע היילן זיך — מוז איך שוין דאָ פֿאַרבלייבן, אָבער צוליב וואָס זאָלסטו, מאַמע, מוטשען זיך מיט מיר אַ גאַנצע וואָך אומזיסט און אומנישטו? — אַזוי האָב איך איינגעטענהט צו דער מאַמען מיט שכל און מיט לאָגיק, אָבער אַ מאַמעס האַרץ ווייסט דאָך ניט פֿון קיין לאָגיק!

— ניין, כ׳וועל ניט אָוועקפֿאָרן פֿון ווילנע אַזוי לאַנג ביז כ׳וועל ניט זען, אַז דו האָסט דאָ אַ שטיקל היים! — האָט זיך די מאַמע איינגעעקשנט.

האָבן מיר פֿראָסט־פּשוט באַשלאָסן צו פֿרעגן די פּליסקינס, ווי זיי האָבן בדעה מיך איינצואָרדענען?

ווי עס זעט אויס, האָבן שוין די פּליסקינס געוואָרט אויף דער דאָזיקער פֿראַגע, ווייל די רויטע באַלעבאָסטע האָט אונדז גלייך אויסגעלייגט אויפֿן טיש דעם גאַנצן פּלאַן וועגן מיר און נעכלעך:

— היינט נאָך קויפֿן מיר פֿאַר אייער זון אַ נייע קושעטקע, אַ צעראַטענע. מיר׳ן זי אָוועקשטעלן וואָס ווייטער פֿון פֿענצטער ס׳זאָל אים, חלילה, ניט אַריינבלאָזן.

— פֿאַרוואָס עפּעס אַ צעראַטענע — האָט די מאַמע באַלד איבערגע־שלאָגן — כ׳האָב מורא ער זאָל זיך פֿון איר, חלילה, ניט אַרונטערגליטשן...

צו אַ צעראַטעגער קלעפּט זיך ניט אַזוי די אומפּלייט, — האָט די באַ־לעבאָסטע געזאָגט דעם אמת.

— עסן וועט ער מיט אונדז אַלעמען, ווי אַן אייגן קינד און טאָמער וועט זיך אים פאַרוועלן אין מיטן טאָג אַ בייגל מיט אַ גלאָז טיי, צי עפּעס אַנדערש — וועט ער עס ביי אונדז שטענדיק באַקומען! ער דאַרף זיך נאָר ניט שעמען, דאַרף ער זיך ניט! — האָט די רויטהאָריקע באַלעבאָסטע אַ קוק געטאָן אויף מיר מיט אירע רויטע ניט־אויסגעשלאָפענע אויגן און איך האָב תיכּף מסכּים געווען, אַז כ׳וועל זיך ניט שעמען...

— און וואָס וועט עס קאָסטן? — איז די מאַמע געוואָרן נייגעריק צו וויסן.

— כ׳וועל אייך זאָגן דעם אמת, פרוי קליאַנסקי, אַז אויב אַפילו מיר זאָלן רעכענען פאַר אייער זון דריי רובל אַ וואָך — וועלן מיר אין אים אַפילו קיין „פּיאַים" ניט פאַרדינען (אין ווילנע פלעגט מען דריי גראָשן רופן אַ „פּיאַים").

— מיר עסן, דאַנקען גאָט, יעדן טאָג אַ שטיקעלע פלייש און יעדן שבת — אויך נאָך פיש ווי אין אַלע באַלעבאַטישע הייזער! — האָט די באַ־לעבאָסטע אָנגעהויבן צו באַרימען זיך מיטן גוטן קעסט וואָס איך וועל ביי זיי האָבן.

— אָבער דער מאַן מיינער האָט מיר געזאָגט, אַז אויב נאָר דער זון אייער וועט לערנען מיט אונדזער מיידל שרייבן און חשבונען, וועלן מיר דענסטמאָל רעכענען ניט מער ווי צוויי רובל אַ חודש.

— מיט וועלכער מיידל? — בין איך פּלוצלונג אַרויסגעשפּרונגען מיט אַ פראַגע?

האָט מיר די באַלעבאָסטע גלייך דערקלערט, אַז זי האָט אין זינען די טאָכטער, וואָס האָט, נעבעך, אַ קראַנקן פוס, ניט פאַר מיר געדאַכט און צו־ליב דעם, וואָס זי איז שוין לכתחילה געבוירן געוואָרן מיט אַ קראַנקן פוס, האָט זי ניט געקאָנט באַזוכן ווי עס דאַרף צו זיין די שולע און זי איז גע־בליבן הינטערשטעליק אין שרייבן רוסיש און אין חשבונען.

— זי איז ביי מיר, אַן עין הרע, אַ גרויסע בר־דעת און אַ בריה (בע־ריע) אויך, אָבער אַז מען דאַרף אויסשטעלן אַ חשבון פאַר אַ גאַסט קומט איר אַן שווערלעך און דעריבער וואָלט זייער גוט געווען, ווען אייער זון גיט איר יעדן טאָג אַ „שטונדע" און ער וועט דערפאַר האָבן ביליקער מיט צוויי רובל אַ חודש.

— ווי מיינט איר, פרוי קליאַנסקי, איז עס ניט קיין גלייכע זאַך? זיי זיינען גראַד אין די זעלבע יאָרן, זיינען זיי! — האָט די באַלעבאָסטע אַ וואונק געטאָן צו דער מאַמען מיט עפעס אַ באַהאַלטענער כוונה.

כ'ווייס ניט צי די מאַמע מיינע האָט באַלד אויפגעכאַפּט די באַהאַלטענע כוונה פון דער פרוי פּליסקין, אָבער איך האָב שוין יע פאַרשטאַנען, וואָס די באַלעבאָסטע איז אויסן געווען מיט דער „שטונדע", וועלכע איך זאָל געבן איר הינקעדיקער טאָכטער.

כ'האָב דאָך געזען נעכטן אין אָוונט ווי דאָס מיידל איז, נעבעך, געזעסן ווי אַ צוגעשמידטע צום טיש און זי האָט מיך ממש געפרעסן מיט די אויגן!

אמת, אַזעלכע הייסע און גרויסע אויגן האָב איך נאָך ניט געזען ביי קיין שום מיידל אין מיינע יאָרן, אָבער מען זאָגט, אַז אַ מיידל, וואָס האָט אַ מום הייבט אָן צו טראַכטן וועגן יינגלעך אַ סך פריער ווי אַ געזונטע מיידל.

נאָך מער, אַפילו אַ יינגל, וואָס ליידט אויך אַ מום הייבט אויך אָן צו טראַכטן וועגן מיידלעך אַ סך פריער ווי אַ געזונטער יינגל.

ס'איז אפשר דערפאַר, וואָס אַזאַ מין קראַנקער יינגל ווערט מער צע־באַלעוועט און צעפּעשטשעט פון זיין מאַמען, פון זיינע עלטערע שוועסטער און פון זיינע קרובות און דאָס מאַכט אים מער ווייבלעך און סענטימענטאַל.

ווי עס זאָל ניט זיין, האָב איך זיך גלייך אָנגעשטויסן, אַז די באַלעבאָסטע פון דער אכסניה וויל מיך שוין האָבן פאַר אַן איידעם, אָבער כ'האָב זיך שטאַרק דערשראָקן, אַז איך קען נאָך פון מיין רויטהאָריקער תלמידה זיך אָנשטעקן מיט זומערשפּרינקלעך.

האָב איך באַלד געענטפערט דער באַלעבאָסטע, אַז מיר מוזן צוערשט זיין ביים דאָקטאָר און דערוויסן זיך וואָס ער וועט מיט מיר טאָן?

— אפשר וועט ער מיך גאָר שיקן צוריק קיין מינסק!

בין איך אָוועק מיט דער מאַמען צופוס אַזש ביז צום געאָרגיעווסקי פּראָספּעקט וואו ס'האָט געוואוינט דער דר. סווידערסקי.

מיר זיינען געגאַנגען בכיוון צופוס כדי די מאַמע זאָל זען אַביסל ווילנע און האָבן וואָס צו דערציילן אין דער היים וועגן דער אַזוי־גערופענער „ירושלים ד'ליטא".

דער וועג איז געווען זייער אַ פשוטער. מיר האָבן געדאַרפט פון דער שאָפן־גאַס פאַרקערעווען אויף רעכטס צו דער גרויס־סטעפאַן גאַס און גיין מיט איר ביז צו דער זאַוואַלנער, וועלכע פירט שוין כמעט ביז צו דעם געאָרגיעווסקי פּראָספּעקט.

דער טאָג איז געווען דווקא אַ גאַנץ שיינער, כאָטש ביינאַכט האָט גע־רעגנט. ס'איז געווען דער ערשטער נאָך פורימדיקער רעגן, וועלכער קומט אויף אָרונטערצושווענקען דעם ווינטער.

ווען מיר זיינען אַרויס פון דער קעלער־אכסניה, איז אונדז ליכטיק גע־וואָרן אין די אויגן. מיר האָבן דערזען אַ גרויסן שטיק הימל און מענטשן, זייער אַ סך מענטשן האָבן זיך געאײלט צום וואָקזאַל מסתמא.

פריער, ווען כ'בין געזעסן ביים פרישטיק, האָב איך פון די קעלער־פענצטער, וועלכע זיינען געווען גאַנץ הויך אונטער דעם סופיט געזען ניט מער ווי פיס, האָמעטנע מענער־פיס, ווי קלעצער, דינע דאַמען־פיסלעך, ווי האָר־שפילקעס און קינדער־פיסלעך אין הויכע קאַלאָשן־שטיוועלעך ווי בלו־מען אין וואַזאַנעס.

פון די פיס אַליין איז שווער געווען צו טרעפן ווער עס זיינען די מענטשן צו וועמען די פיס געהערן.

דרויסן אָבער האָב איך דערזען, אַז כמעט אַלע פיס וואָס טאַנצן פאַר־ביי אונדזער קעלער־אכסניה געהערן צו יידישע מענטשן און כ'האָב זיך זייער דערפרייט, וואָס ווילנע פאַרמאָגט אַן ע"ה, אַזויפיל יידישע מענטשן.

אָבער דאָך האָבן אונדז די ווילנער גאַסן אויפגענומען ניט גאָר גאַסט־פריינטלעך, ניט גאָר יידישלעך.

ווי נאָר מיר זיינען אַרויף אויף דער „באָלשאַיאַ סטעפאַנאָווסקיאַ" זיינען מיר באַשפריצט געוואָרן מיט אַזאַ מין בלאָטע־פאָנטאַן, וואָס ליגט פאַר־שטעקט אונטער יעטוועדער ברעט פון דעם טראָטואַר.

די ווילנער תושבים ווייסן שוין ווי צו גיין אויף זייערע טראָטואַרן אָדער „לאַווקעס", ווי זיי רופן דאָס, אָבער אַזעלכע ישובניקעס ווי מיר האָבן קיין אָנונג ניט געהאַט, אַז נאָך אַ רעגן ליגט אונטער יעטוועדן ברעטל אַ גרויסער בלאָטע־פאָנטאַן, וואָס באַשפריצט דיך פון קאָפּ ביז די פיס.

אַזוי ווי די מאַמע האָט זיך געהאַט אויסגעפוצט צוליב מיין דאָקטאָר אין די שבתדיקע בגדים און איך האָב אויך גוט אויסגעפוצט מיינע שיך און די קאַלאָשן, זיינען מיר אַריין אין אַ הויף אָפּצוטרייסלען זיך אַביסל פון דער בלאָטע. האָבן אונדז דאָרטן באַלד אַרומגערינגלט עטלעכע ייִנגלעך, וואָס יע־דער איינער פון זיי האָט פּרובירט העלפן אונדז אַרויסצוקריכן פון דער בלאָטע. איינער פון זיי האָט אונדז געבראַכט אַ בעזים, אַ צווייטער — אַ קרוג מיט וואַסער, אָבער די מאַמע האָט דערזען, אַז ס'וועט ניט העלפן און מיר האָבן געמוזט אומקערן זיך אין דער אכסניה, כדי די מאַמע זאָל קענען איבערבייטן איר קלייד.

ווען די פּליסקין־משפּחה האָט אונדז געהאַט דערזען אַזוי גיך צוריק פון דעם דאָקטאָר, האָט מען אונדז אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן מיט פראַגעס, וואָס אַזוינס ס'האָט מיט אונדז פּאַסירט?

ווען זיי האָבן זיך דערוואוסט, וואָס מיט אונדז האָט פּאַסירט, האָט די פרוי פּליסקין אָנגעהויבן צו זידלען זיך אַליין, הלמאַי זי האָט אונדז פאַרגעסן צו וואָרענען מיר זאָלן זיין פאָרזיכטיק מיט די לאָוועס וואו די ברעטער זיינען ניט צוגעקלאַפּט.

אין אַ ווײַלע אַרום איז די מאַמע מיינע אַרויס פון דעם פינצטערן צימערל וואו זי האָט איבערגעביטן איר קליידל, אָבער די מאַמע אַליין האָט אויסגעזען ווי עפּעס אַן איבערגעביטענע. כ'האָב זי קוים דערקענט! אַ בלאַסע, אַן איבערגעשראָקענע און מיט פאַרוויינטע אויגן.

— מאַמעלע, וואָס איז מיט דיר? — בין איך צוגעלאָפן צו דער מאַמען.

— מען האָט דאָך ביי מיר אויסגעשניטן די קעשענע וואו כ'האָב געהאַט פאַר דיר דעם גאָלדענעם אימפּעריאַל (פופצן רובל) — האָט די מאַמע אויסגעזיפצט פון זיך איר נייעם אומגליק.

נאָר איין מאָל אין מיין לעבן האָב איך געהאַט געזען מיין מאַמען אין אַזאַ מין פאַרצווייפלטן צושטאַנד. דאָס איז געווען מיט עטלעכע יאָר צוריק אין דוקאָר, ווען מען האָט אַרויסגעגנבעט דעם גאַנצן לעדער פון אונדזער שפּייכלער.

האָב איך תיכף אָנגעהויבן צו טרייסטן זי:

— געדענקסט, מאַמעלע, ווי מען האָט אונדז געהאַט באַגנבעט אין דוקאָר פון קאָפּ ביז די פיס און דאָך האָסטו אונדז, דאַנקען גאָט, אויסגעהאָדעוועט צו גאָט און צו לייט. איז וואָס נעמסטו זיך אַזוי צום האַרצן דעם גאָלדענעם אימפּעריאַל?!

אויך די פּליסקינס האָבן אָנגעהויבן צו טרייסטן דער מאַמען, אַז נישקשה, די וועלט וועט ניט אונטערגיין און אַז מיין פעטער קליאַנסקי האָט ביי זיי אַ גאַנץ גוטן קרעדיט!

די פרוי פּליסקין האָט ווידער אַמאָל גענומען זידלען זיך אַליין, הלמאַי זי האָט אונדז באַצייטנס ניט געוואָרנט קעגן די ווילנער זשוליקעס! שפּילט זיך מיט די ווילנער זשוליקעס! אַ סברה, אַז די זעלבע יינגלעך, וואָס האָבן אונדז כלומרשט געהאָלפן אַרומוואַשן זיך פון דער בלאָטע, האָבן טאַקע אויסגעשניטן ביי דער מאַמען די קעשענע!

בין איך זיך מודה פאַר מיינע לעזער, אַז איך וואָלט אפשר דעם גאַנצן עפּיזאָד מיט די „ווילנער זשוליקעס„ ניט אַריינגענומען אין מיין משפּחה־

כראַניק, ווען דער דאָזיקער עפּיזאָד באַקומט ניט שפּעטער זיין געהעריקן תיקון...

אין עטלעכע און דרייסיק יאָר אַרום האָב איך, קאָן מען זאָגן, באַקומען צוריק מיין גאָלדענעם אימפּעריאַל.

דאָס איז געווען אין 1936טן יאָר, ווען איך בין געווען געקומען קיין ווילנע מיט דער גוטער כּוונה צו ווערן ווידער אַ ווילנער תּושב. האָט דע־מאָלט דער פּעדאַגאָגישער ראַט פון דער ספּעציעלער געזעלשאַפט צו דער־ציען דעפּעקטיווע און קרימינעלע גאַסן־קינדער, באַשלאָסן צו פּראָקלאַמירן מיך פאַר דעם ערן־פּרעזידענט פון אַלע „ווילנער זשוליקעס"...

איך האָב גערן אָנגענומען דעם דאָזיקן אַמט, ווייל בראש פון דער דאָ־זיקער געזעלשאַפט זיינען געשטאַנען אַזעלכע גוט באַקאַנטע פּעדאַגאָגינס ווי ראָזע סימכאָוויטש, וויטאַ לעווינאַ און טילטשע טיקטין, וועלכע האָבן מיך ממש באַגייסטערט מיט זייער מסירת־נפש פאַר דעם פאַרוואָרלאָזטן יידישן קינד און כ׳האָב ווידער אַמאָל דערזען פאַר זיך די „ווילנער זשו־ליקעס", אָבער שוין אין אַן אַנדער גלגול!

זיי האָבן זיך געלערנט אין אונדזער שול צו ווערן לייטישע מענטשן, און ווען די טאַטעס פון די דאָזיקע גאַסן־קינדער, פּראָפעסיאָנעלע גנבים און איינבּרעכערס, וועלכע האָבן פאַרבראַכט פיל מער יאָרן אין די טורמעס איידער אויף דער פריי, ווען אַט־די דאָזיקע טורמע־טאַטעס פלעגן קומען אין אונדזער ספּעציעלער שול אויף אַ קינדער יום־טוב צו האָבן אַ ביסל „נחת פון קינדער" — פלעג איך דעמאָלט דערקענען אין זיי יענע קעשענע־גנבים, וועלכע האָבן מיט עטלעכע און דרייסיק יאָר צוריק געהאַט באַגאַנבעט מיין מאַמען.

אַזוי האָב איך באַקומען מיין היזק צוריק.

דעריבער זאָג איך, אַז אין דער אייביקייט גייט קיין זאַך ניט פאַר־לאָרן. יעטוועדע איבערלעבונג אין די קינדער־יאָרן באַקומט פריער־שפּע־טער איר געהעריקן תיקון!

אויך די מאַמע מיינע איז באַלד געטרייסט געוואָרן.

זי האָט דערזען ווי האַרציק עס האָט מיך אויפגענומען דער דאָקטאָר סווידערסקי, פונעם געאָרגיעווסקי פּראָספּעקט.

ווי נאָר ער האָט איבערגעלייענט דעם בריוו פון דעם דאָקטאָר מאַלקע־וויטש פון מינסק, האָט מיך דער דאָקטאָר סווידערסקי אַרומגענומען ווי אַ טאַטע נעמט אַרום זיינעם אַ קראַנקן קינד און ער האָט אָנגעהויבן צו טרייסטן

מיין מאַמען, אַז ער וועט מיך שוין מיט זיינע עלעקטרישע לאָמפּן מאַכן פֿאַר אַ מענטשן.

ווען דאָקטאָר סווידערסקי וואָלט ניט געווען קיין פּאָליאַק, וואָלט איך געזאָגט, אַז ער איז אַ לייבלעכער ברודער פֿון מיין פֿעטער קליאַנסקי.

אויך ער, דאָקטאָר סווידערסקע, האָט געהאַט אַ לאַנגע גרויע באָרד מיט זייער גוטע אויגן. אויך ער, דאָקטאָר סווידערסקי, איז געווען פּונקט אַזוי הויך און ברייט־פּלייציק ווי דער פֿעטער קליאַנסקי, מער ניט איין זאַך האָט אים געפֿעלט: ער האָט גערעדט רוסיש אַנשטאָט יידיש.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט זיך די מאַמע אומגעקערט צו איר נייער שטילער היים, וואָס דער פֿעטער קליאַנסקי האָט איר געגעבן און איך בין פֿאַרבליבן איינינקער אַליין אין ווילנע צווישן אַ ים מיט וואַנצן און זומער־שפּרינקלעך.

די נייע צעראַטענע קושעטקע, וואָס די פּליסקינס האָבן איינגעקויפֿט ספּעציעל פֿאַר מיר האָט ניט געהאָלפֿן...

דערפֿאַר אָבער האָט די דאָזיקע צעראַטענע קושעטקע פֿאַרשטאַרקט אין מיר די גרויסע בענקשאַפֿט נאָך מיין שטעטעלע דוקאָר און מיטן כּוח פֿון אָט־דער בענקשאַפֿט האָב איך אָנגעשריבן דעם דאָזיקן בוך...

אַנדערע ווערק פון דניאל טשאַרני :

„לייכטע פערזן״, ריגע, 1926

„משפחה כראַניק״, ווילנע, 1927

„בארג אַרויף״ (מעמוארן), ווארשע, 1935

„דניאל טשארני בוך״ (יובילײ־אויסגאבע), פּאַריז, 1939

„אַ יאר צענדליק אַזאַ״ (מעמוארן)
פרעמירט געווארן פון לואיס לאמעד פאנד,
ניו־יארק, 1943

„אויפן שוועל פון יענער וועלט״,
פרעמירט געווארן פין צבי קעסעל פאנד אין
מעקסיקע, ניו־יארק, 1947

„לידער אלבאם״, אילוסטרירט פון בען, פּאַריז, 1950

Daniel Charney

My Little Town Doukor (Memoirs)

Three Hundred and Twenty Pages

April, 1951

Copyright U.S.A. 1951

PRINTED IN CANADA

Published and Printed by

Pomer Publishing & Printing Co.

GERSHON POMERANTZ
Proprietor

206 Spadina Avenue,
Toronto 2-B, Ont.

36